STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00229

# ARAYNFIR IN HSIDES, UN DER VEGN FUN HABAD

## Hillel Zeitlin

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*in honor of*
*Bessie Topolsky by her family*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אַרייַנפיר אין חסידות
# און דער וועג פון חב״ד

# געזאַמלטע ווערק

פון

# הלל צייטלין

●

בוך צוויי

# אַריינפיר אין חסידות
# און דער וועג פון חב״ד

# אַריינפיר אין
# חסידות
## און דער וועג פון
# חב״ד

פון

הלל צייטלין

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות
ביים שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

# INTRODUCTION TO KHASSIDISM AND THE WAY OF KHABAD

by
HILLEL ZEITLIN

Copyright, 1957, by
AARON ZEITLIN
New York, N. Y.

שער־בלאַט געצייכנט פון מ. ע. ווינער

Published by
FARLAG MATONES
22 East 17th Street
New York 3, N. Y.

Printed in the U.S.A. by
Futuro Press, N. Y.

200

# אינהאַלט:

זייט


אַריינפיר־וואָרט — אהרן צייטלין — — — — — — — — — — — — — — 7

## אַריינפיר אין חסידות

יש און אַין אין חסידישן וועלט־באַנעם — — — — — — — — — — — — 11
צמצום אין קבלה און צמצום אין חסידות — — — — — — — — — — — 13
וועלט־ווילן און שבירת הכלים — — — — — — — — — — — — — — — 15
דער ענין פון „מלוא כל הארץ כבודו" — — — — — — — — — — — — 17
גאָט, וועלט און דער פראַצעס פון מעלה זיין — — — — — — — — — 19
עצבות און איר תיקון — — — — — — — — — — — — — — — — — 23
דריי ליבשאַפטן און דער וועג צו דביקות — — — — — — — — — — 25
חסידות און משיח־דערוואַרטונג — — — — — — — — — — — — — 28

## דאָס לעבן און די צייטן פון הרב מליאַדי

אַ קליינע הקדמה — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 35
די יונגע יאָרן — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 36
דער וועג קיין מעזריטש — — — — — — — — — — — — — — — — — 45
דער „קדושת לוי", דעם רבס נאָענטסטער חבר — — — — — — — — — 55
דער מעזריטשער מגיד, דעם רבס וועגווייזער — — — — — — — — — 60
די הייליקע חבריא — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 68
די צוויי הייליקע ברידער, דעם רבס חברים — — — — — — — — — — 72
אָנהייב פון די רדיפות — — — — — — — — — — — — — — — — — 77
דער חרם און דער קעגן־חרם — — — — — — — — — — — — — — — 80
רבי מענדל וויטעבסקער און דער רב — — — — — — — — — — — — 85
דער צווייטער חרם — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 90
דער „תניא" — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 96
מלחמה מיטן „קהל" און דער ערשטער אַרעסט — — — — — — — — — 104
אין דער הויפט־שטאָט פון די צאַרן — — — — — — — — — — — — 109
לייב יאַנאָווער און דעם רבס באַפרייאונג — — — — — — — — — 120
ר' אביגדורס מסירה — — — — — — — — — — — — — — — — — — 133
דער הייליקער ייד און דער רוסישער „סאַמאָדור" — — — — — — 143
די ניינצן טענות — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 153
די צווייטע באַפרייאונג און די תקופה פון ליאָדי — — — — — — 160
קנאה, מחלוקת און פאַרשטאַרקטע השפעה — — — — — — — — — — 168
די מלחמה פון 1812 און דעם רבס פטירה — אהרן צייטלין — 176

## דער וועג פון חב"ד

### שמועסן איבער דעם חב"דישן וועלט־באַנעם

ערשטער שמועס — דער שורש פון יידישע נשמות — — — — — 185
צווייטער שמועס — קליפת נוגה אין די צוויי נפשות — — — — 192

זייט


דריטער שמועס — וואָס איז יצר־הרע? — — — — — — — — — 197
פערטער שמועס — סיטרא אחרא און סיטרא קדושה — — — — 205
פינפטער שמועס — וואָס איז די נפש אלקית? — — — — — — — 218
זעקסטער שמועס — דער סוד פון דירה בתחתונים — — — — 226


## אין שאָטן פון גרויסעביימער

די הייליקע ברידער (ערשטע קאַפּיטלען פון אַן אַרבעט)


קאַפּיטל א.
אַמאָליקע ישובניקעס — — — — — — — — — — — — — — 237
קאַפּיטל ב.
ר׳ אליעזר ליפּא און מירעלע די צדיקית — — — — — — — 242
קאַפּיטל ג.
די ערשטע טריט — — — — — — — — — — — — — — 246
קאַפּיטל ד.
אַ מעשה מיט אַ מלך, אַן אויוון־הייצער און אַ בן מלך — — — 250
קאַפּיטל ה.
די ערשטע גלות־יאָרן — — — — — — — — — — — — — 254
חסידישע ווערטער און געדאַנקען־בילדער — — — — — — — — 260
די גאָלדענע זאַנג — — — — — — — — — — — — — — — 268
יחיד און רבים (עפּעס וועגן קאָצק) — — — — — — — — — 273
פּערל פון חסידישן אוצר — — — — — — — — — — — — 278
פון דעם רבס „תורה אור" — — — — — — — — — — — — 284

# אַריינפיר־וואָרט

חסידות און השכלה, — צוויי היפּוכדיקע באַוועגונגען, וואָס היסטאָריש זיינען זיי אויפגעקומען אין איין צייט, — האָבן באַקעמפט איינס דאָס אַנדערע. השכלה האָט געוואָלט צעשטערן דאָס, וואָס חסידות האָט געבויט. ווען אליעזר צבי הכהן צווייפל האָט אַרויסגעגעבן זיין „שלום על ישראל", וואו ער האָט אָנגעוויזן אויף די אייביק־יידישע ווערטן וואָס זיינען דאָ אין חסידות, האָבן אים די משכילים באַטראַכט ווי אַ פאַררעטער. ערשט ווען די השכלה האָט באַנקראָטירט סיי ווי אַ געדאַנקען־גאַנג, סיי ווי אַ פאַרמעסט צו פאַרענטפערן די יידן־פראַגע דורך דעם טאָפּל־רעצעפּט פון „היה אדם בצאתך ויהודי באהלך", — ערשט דאַן האָט זיך, צוזאַמען מיט דער געענדערטער באַציאונג צום יידישן פאָלקס־לעבן, געענדערט אויך די באַציאונג צו חסידות. יצחק־לייבוש פּרץ, מיכה־יוסף בערדיטשעווסקי, יהודה שטיינבערג האָבן אַריינגעבראַכט אין דער ליטעראַטור דעם חסידישן מאָטיוו. ס'איז אָבער געווען מער חסידישער מאָטיוו, איידער חסידות גופא.

מיין פאָטער ז"ל איז געווען דער, וואָס האָט אין פאַרשיידענע ווערק, צווישן זיי „החסידות" (פרקים פון „החסידות" זיינען אַריין אין ערשטן אָפּטייל פון איצטיקן באַנד), געגעבן נישט די בעלעטריסטיק, אַזוי צו זאָגן, פון חסידות, נייערט די עצם אינהאַלטן פון חסידות. אַחוץ זיין חסידישער דערציאונג און טיף־חסידישן טעמפּעראַמענט, האָט אים דאָ אַרויסגעהאָלפן זיין גרינטלעכע קענטשאַפט פון דעם אַלגעמיין־פילאָזאָפישן געדאַנק, — אַ קענטשאַפט, וואָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט קלאָר־צו־מאַכן מעטאַפיזישע אינהאַלטן און ווערטן דורך פאַרגלייך און אַנטקעגנשטעל.

דער איצטיקער באַנד, דער צווייטער פון מיין פאָטערס געזאַמלטע כתבים אויף יידיש, באַשטייט פון אַרבעטן, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין פאַרשיידענע צייטן. דער באַנד איז אָבער צונויפגעשטעלט געוואָרן לויט אַן איינהייטלעכן פּלאַן, אַזוי, אַז ער זאָל שאַפן אַ באַשטימטע גאַנצקייט. צוערשט קומט אַן אַלגעמיינער אַריינפיר אין די העכערע אינהאַלטן פון חסידות. דערנאָך ווערט באַזונדער באַלויכטן דער וועג פון חב"ד, וואָרום חב"ד איז אין חסידות אַ מין מלוכה אין אַ מלוכה, אַ וועלט אין אַ וועלט (דעם באַזונדערן

דרך פון דעם בראָסלאַווער איז געווידמעט געווען דער גאַנצער ערשטער באַנד). דער וועג פון חב״ד ווערט באַלויכטן אויף צוויי אופנים: דורך אַ מאָנאָגראַפיע וועגן דעם גרינדער פון חב״ד, דעם רב מליאַדי, און דורך אַן אַריינפיר אין דער חב״דישער מיסטיק און מעטאַפיזיק — אין דער פאָרעם פון שמועסן. די דאָזיקע שמועסן, וואו די יסודות פון חב״ד ווערן באַלויכטן אויף אַן אייגנאַרטיקן דיאַלעקטישן שטייגער, זיינען געהאַט דערשינען אין וואַרשע אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. צום סוף קומען עסייען איבער דערשיינונגען אין חסידות און אַ זאַמלונג ווערטער און געדאַנקען פון גרויסע רביים, צווישן זיי עטלעכע קורצע חב״דישע תורות.

אַזוי־אַרום איז דאָס גאַנצע בוך אַן אַריינפיר אין דעם תוך פון חסידות. דער צוגאַנג איז נישט לויט עפּעס אַ דרויסנדיקער, היסטאָריש־סאָציאָלאָגי־שער מאָס, נאָר פון אינעווייניק אַרויס.

צו דער עסיי וועגן דעם קאָצקער דרך („יחיד און רבים״), וואָס גייט אַריין אין איצטיקן באַנד, דאַרף ווערן באַמערקט, אַז אַ לענגערע סעריע וועגן קאָצק, געבויט אויף אויטענטישע קאָצקער מסורות, האָט מיין פאָטער ז״ל געהאַט פאַרעפנטלעכט אין וואַרשעווער „מאָמענט״. די דאָזיקע אַרבעט, צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטן וועגן חסידות־ענינים, וועט אַריין אין איינעם פון די קומענדיקע בענד.

פאַרן איבערגעבן צום דרוק דעם איצטיקן באַנד וויל איך נאָך אויס־בעסערן אַן אומפּינקטלעכקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דער אָפּ־האַנדלונג וועגן מיין פאָטער, געדרוקט אין אָנהויב פון ערשטן באַנד: וועגן מיין פאָטער האָט פאַרעפנטלעכט אין ווילנער „דאָס יידישע פאָלק״ זיין „בענקשאַפט נאָך שיינהייט״, איז דער רעדאַקטאָר פון דער דאָזיקער אויס־גאַבע געווען דר. י. לוריע, נישט י. גרינבוים.

אגב, אין איצטיקן באַנד, זייט 181, לעצטע שורה, אַנשטאָט: וועגן דעם פון חב״ד, דאַרף זיין: וועגן דעם וועג פון חב״ד. אויף דער זעלבער זייט פריער, שורה 11 פון אונטן, אַנשטאָט: איבער די עמאָציעס און מידות, וכו׳, דאַרף זיין: איבער די עמאָציעס — די מידות פון חכמה, בינה און דעת.

* * *

דער פאַרלאַג „מתנות״ פאַרדינט זיכער אַלעמענס דאַנק און אָנערקענונג פאַר נעמען אויף זיך אַזאַ וויכטיקע און אחריותדיקע אַרבעט ווי דאָס אַרויס־געבן מיין פאָטערס געזאַמלטע ווערק.

א. צ.

# אַרײַנפיר אין חסידות

# אַריינפיר אין חסידות

## I

## יש און אַין אין חסידישן וועלט-באַנעם

עס ווערט געזאָגט אין דער הקדמה צו ליקוטי אמרים פון מעזריטשער מגיד:

„אומעטום איז פאַראַן דאָס חיות פון דעם באַשעפער, וואָרום אין איט־לעכער זאַך איז דאָ אַ טעם אָדער אַ ריח אָדער אַ געשטאַלט, אָדער אהבה, צי אַן אַנדער מין אייגנשאַפט, און ווען מיר טוען־אויס יענע אייגנשאַפט פון דער גשמיות און מיר באַטראַכטן זי, זעען מיר דאַך באַשיינפּערלעך, אַז מיר נעמען עס אויף שוין נישט מיט די חושים, נאָר מיט דער השגה און מיט דער נשמה אַליין. הייסט עס דאַך, אַז דאָס איז אַ גייסטיקער ענין, און אַז דאָס חיות פון דעם באַשעפער לעבט אין יענעם גשמיותדיקן קעגנשטאַנד אַזוי ווי אַ נשמה אין אַ גוף".

די כוונה דערפון איז: אַ מענטש זעט, למשל, אַ שיינע פרי און האָט פאַרגעניגן דערפון. די פרי איז אַ גשמיותדיקע, אַ חושימדיקע זאַך. קוים אָבער טראַכט ער וועגן איר, דערמאָנט זיך אין איר, שטעלט זיך פאַר אין געדאַנק — איז עס שוין אַ פּראָצעס אַ גייסטיקער. די ממשותדיקייט איז אַוועק און ס'בלייבט דער ציור, די פאָרשטעלונג. אויך דאָס — די רויע פאָרשטע־לונג — קאָנען מיר נאָך באַטראַכטן ווי אַן אַקט פון די חושים. אָבער דער מענטש גייט ווייטער. ער אַנאַליזירט זיין פאָרשטעלונג — און ער זעט אין דער מחשבה די פּרטים, וואָס שטעלן די פרי צונויף: דער מין, וואָס די פרי געהערט צו אים, איר אויסזען, איר קוואַליטעט, איר טעם, איר ריח. ווען ער טוט דאָס — האָט דאָס שוין מיט די חושים גאָרנישט צו טאָן. דאָס איז שוין אַ נשמה־זאַך. די נשמה דעקט אויף דעם געטלעכן ניצוץ, דאָס באַהאַל־טענע חיות, דאָס רוחניותדיקע פון דער פרי — צי פון יעדער אַנדערער זאַך. מיט אַנדערע ווערטער: זי באַנעמט דעם אַין פון זאַכן. דער אַין איז דאָס עצמדיק גייסטיקע פון דער זאַך, וואָס ווערט דערקענט, און צוגלייך איז עס דאָס עצמדיקע פון דער נשמה, וואָס דערקענט.

דער אַין הויבט זיך אָן ביי יעדן מענטש דאָרט, וואו עס ענדיקט זיך זיין שכלדיקע השגה, וואָס איז פאַרבונדן מיט די חושים, און ס׳הויבט זיך אָן זיין העכערע השגה, די נשמהדיקע.

דער אַין איז דאָס אינערלעכסטע פון דער יצירה. עס איז דער וואונדער־אויפגלאַנץ, דער סאַמע רוחניותדיקער מאָמענט, וואָס דו קאָנסט פאַר אים קיין נאָמען נישט האָבן, און דערפאַר רופסטו אים אַין.

דו קענסט יענעם מאָמענט נישט אַרומצוימען, נישט אַריינברענגען אין די גרענעצן פון צייט און אָרט. ער פאַרבינדט תמיד קאָנטראַסטן. די קאָנ־טראַסטן זיינען אין דעם „יש״, אין דעם אַין ווערן זיי אויסגעגליכט און באַהאַפטן.

„די חכמה — ווערט געזאָגט אין דעם אויבנדערמאָנטן ספר, — בינדט־צונויף און פאַרמיטלט דעם שלום צווישן קעגנזאַצן. אָן איר וואָלטן פייער און וואַסער נישט געקאָנט עקזיסטירן אויף דער וועלט צוזאַמען. זיי זיינען פאַראַן דערפאַר, ווייל די חכמה איז צווישן זיי, און זיי זעען דעם אַין וואָס אין איר״...

און ווייטער: „יעדע זאַך אויף דער וועלט, ווען מ׳פירט זי צו צו איר שורש, קאָן פאַרקומען אין איר אָן אומבייט, אַ פאַראַנדערשונג... דאָס קערנדל ווייץ וואַקסט נישט ביז עס פאַלן נישט קיין רעגנס און פאַרענדערן נישט זיין געשטאַלט אַזוי, אַז עס ווערט אין דער בחינה פון אַין, וואָס דאָס איז די בחינה פון חכמה, ווי עס שטייט: כולם בחכמה עשית״...

און אין „שערי היחוד והאמונה״ פון ר׳ אהרן פון סטאַראָסעלע, דעם תלמיד פון הרב מליאַדי (זע: כללות היחוד), לייענען מיר: „יעדע זאַך, וואָס ווערט פאַרענדערט פון איין מהות צו אַן אַנדער מהות, ווערט דער צונויפטרעף פון אָט די מהותן אָנגערופן פלא (וואונדער), און אויפן לשון פון די מקובלים איז עס כתר, עס הייסט: דער כוח, וואָס בינדט־צונויף צוויי קעגנזאַצן און פאַראייניקט זיי אין אַ וואונדערלעכער אחדות״.

מ׳דאַרף דאָ ברענגען די ווערטער פונעם ראב״ד אין זיין פירוש צום ספר יצירה, וואָרום די חסידים פאַררופן זיך אָפט אויף זיינע ווערטער אין דעם ענין פון „יש ואַין״. ער זאָגט:

„דער חומר־היולי (דער אור־שטאָף, דער אַין — ה. צ.) איז נישט פאַ־טענץ (כוח) און נישט ממשות (פועל), נאָר עפּעס, וואָס איז צווישן זיי ביידן, און ער איז דער אָנהייב און באַגין פון אַלע עקזיסטירנדיקע, און אַלדאָס פאַראַנענע, פון כתר־עליון און נידעריקער, איז פאַראַן נאָר מחמת דעם אמת

פון זיין פאַראַן־זיין, און ער איז נישט אין דער בחינה פון עקזיסטענץ אָדער אונטערגאַנג מחמת ער איז דער אור־באַגין פון מציאות".

קומט אויס, אַז אין תוך איז ער — דער אַין — גאָר דער אמתער יש, די אמתע עיקרדיקע רעאַליטעט. דאָס, ווידער, וואָס מיר מענטשן רופן אַן יש, די נגלהדיקע רעאַליטעט, וואָס ווערט געזען מיט די קערפּערלעכע אויגן און איז דערקענבאַר פאַרן מענטשלעכן שכל, איז אַ רעאַליטעט אַן אָפּגעדאַכטע, אַ וועלט־טעות, וואָס מ'דאַרף אים איינזען, מבטל־מאַכן און זיך באַפרייען פון אים.

אין דער מאָס, וואָס דער מענטש דערקענט דעם אַין אין אַלדאָס עקזיס־טירנדיקע, דעם געטלעכן תוך, אין דער מאָס ווערט ער נענטער צום אמת. ער הויבט־אויף די מאַסקע און זעט דעם מלך אין זיין הערלעכקייט, דאָס ליכט פון דעם אין־סוף.

„השם יתברך, — ווערט געזאָגט אין „פרי הארץ" — האָט באַשאַפן אַ יש פון אַין, און דער עיקר דערפון איז געווען, אַז דער צדיק זאָל מאַכן אַן אַין פון דעם יש".

„אַלץ וואָס דער מענטש זעט מיט זיינע אויגן, — זאָגט דער בעל־התניא, — הימל און ערד, אַלץ איז נישט מער ווי לבושים פון דעם הייליקן מלך"...

## II

## צמצום אין קבלה און צמצום אין חסידות

די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פון אַין. ווי אַזוי־זשע איז דער אַין געוואָרן אַ יש? די דאָזיקע פראַגע פאַלט־אָפּ ווי נאָר מיר באַגרייפן, אַז דער אַין איז דער סאַמע עצם פון דער רעאַליטעט, ווען מיר זעען אים ווי דעם כתר־עליון, ווי דאָס וואונדער, דעם „פלא" אין אַלדאָס באַשאַפענע.

מ'קאָן אָבער נאָך אַלץ פרעגן: אויב דער יש, דער נגלה, דאָס אויסער־לעך מאַניפעסטירטע, איז אַן אָפּדאַכטעניש, מחמת אין תוך איז עס נישט עפּעס אַנדערש ווי דער געטלעכער אַין — טאָ ווי אַזוי איז דער יש פונ־דעסטוועגן געוואָרן אַ באַזונדערע זאַך? ווי איז שייך אַז מיר זאָלן זיך אים פאָרשטעלן ווי אַן אמתע רעאַליטעט?

— אַנדערש געזאָגט: אויב די וועלט איז נישט מער ווי אַן אחיזת־עינים —

טאָ ווי אַזוי, אויף וואָס פאַר אַן אופן איז די אחיזת־עינים געוואָרן? דורך וואָס פאַר אַ וועג איז זי געקומען?

אויף דער־דאָזיקער פראַגע ענטפערט די קבלה: דורך צמצום. אָבער וואָס איז צמצום?

לויט דער שיטה פון דעם אר״י איז דער ענין פון צמצום אַזאַ: ווען ס׳איז אויפגעקומען אין דעם ווילן פון דעם מאציל (עמאַנאַטאָר) צו באַשאַפן די וועלטן, איז נישט געווען קיין פרייער פלאַץ, וואו די וועלטן זאָלן זיך קאָנען געפינען, ווארום דאָס ליכט פון דעם מאציל איז פאַרשפּרייט געווען גאָר אָן אַ סוף. האָט ער דעריבער מצמצם געווען (איינגעשרענקט) דאָס ליכט זיינס, האָט צוגענומען די ליכטיקייטן פון דעם מיטל־פּונקט און האָט זיי אַוועקגערוקט אָן אַ זייט, און אַזוי אַרום איז געוואָרן אַ פרייער פלאַץ (מקום פּנוי) פאַר די וועלטן.

אָבער אויך דאָ קאָן מען פרעגן: גאָט איז דאָך אַלץ, נישטאָ קיין אָרט וואָס זאָל זיין ליידיק פון אים (לית אתר פּנוי מניה), הייסט וואָס הייסט עס, אַז יענע אורות, יענע ליכטיקייטן, זיינען אַוועקגערוקט געוואָרן אָן אַ זייט? ווי אַזוי, נאָך אַלעמען, האָט יענער מקום פּנוי, יענער פרייער פלאַץ, געקאָנט געשאַפן ווערן?

נאָך עפּעס: לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז עס איז געמאַכט געוואָרן, גע־שאַפן געוואָרן אַ פלאַץ, כדי עס זאָלן זיך דאָרט, אין יענעם מקום־פּנוי, געפינען די וועלטן. ווי אַזוי אָבער האָט יענער פלאַץ געקאָנט עקזיסטירן? ליידן מיט דער קראַפט פון גאָט (ווארום ס׳איז דאָך, ווי געזאָגט, „לית אתר פּנוי מניה״). אויב אַזוי — איז דאָך ווידער אַלץ ווי פריער. קומען מיר דאָך צוריק צו דער קשיא: ווי אַזוי און פון וואַנען נעמט זיך די פאָרשטעלונג וועגן דער אמתער רעאַליטעט פון דעם מאַניפעסטירטן יש? ווי אַזוי איז מעגלעך געוואָרן, מיר זאָלן באַטראַכטן די וועלט ווי עפּעס אַנדערש פון גאָט? ווי אַזוי איז דער טעות געוואָרן אַ טעות? פונוואַנען די פאַרבלענ־דעניש?

דעם ענטפער האָט געגעבן חסידות.

דעם ענין פון צמצום האָט חסידות*) דערקלערט אויף אַזאַ מין שטייגער. דער צמצום איז נאָר לגבי אונדז, לגבי די באַשאַפענע. דער באַשאַפער, דער מאציל העליון, האָט באַשאַפן זאַכן פאַרשידענע און אָפּגעזונדערטע, כדי דער

*) חב״ד האָט פאַר דעם ענין אַ באַזונדערן אויסטייטש, אָבער דאָ ריידן מיר פון אַלגעמיין־חסידישע פּרינציפּן.

מענטש זאָל זיי קענען תופס זיין, מקבל זיין. ער האָט אַלץ צוגעפּאַסט צו די מעגלעכקייטן פון דעם אויפנעמער. עס איז דאָסזעלבע, אַ שטייגער, ווי ווען אַ פאָטער איז מסביר עפּעס אַ טיפן ענין פאַר דעם קליינעם זון זיינעם. פאַרקלענערט ער, באַגרענעצט און איז מצמצם זיין אייגענעם פאַרשטאַנד און פּאַסט אים צו צו דעם קליינעמס השגה. דער פאַרשטאַנד איז דער זעלבער, זיין גרויסקייט דיזעלבע, נישט מער: ער נידערט פון זיין הויכער מדרגה צו אַ באַגרענעצטער.

די אחיזת־עינים פון דער וועלט קומט, הייסט עס, צו־שטאַנד אויף אַזאַ אופן: דאָס קינד, ווען עס איז שופּע אויף אים די גרויסע מחשבה פון זיין פאָטער, נעמט זי אויף, די מחשבה, אויף זיין אייגענעם שטייגער, — אויף אַ שטייגער אַ קליינעם, אַ בצמצומדיקן.

אַנדערש געזאָגט: ווען די באַשאַפענע זעען די וועלט, זיינען זיי תופס נאָר די דרויסיקייט, די לבושים, די חיצוניות פון זאַכן, און זיי מיינען, אַז דאָס איז אַלץ.

מיר ווייסן נאָך אָבער פאַרט נישט: ווי אַזוי איז דער אחד, די געטלעכע איין־און־איינציקייט, געוואָרן אַ פילקייט? ווי אַזוי זיינען פון דער איינ־ציקייט אויפגעקומען אַזויפיל פאַרשיידנקייטן און באַזונדערקייטן? גוט, דער צמצום איז יענער אַקט, וואָס דורך אים ווערט מעגלעך, אַז דער יש, די מאַניפעסטירטע, נגלהדיקע וועלט, זאָל אויסזען ווי אַ זעלבשטענדיקע זאַך, אַן אָפּגעטיילטע פון גאָט. אָבער דאָס גיט נאָך אַלץ נישט דעם שליסל צו פאַרשטיין די פילפאַכיקייט — און די באַזונדערקייט, די פערזענלעכקייט פון יעדער זאַך. וואָרום נישט נאָר אַ וועלט זעען מיר, נאָר אויך פּרטים אָן אַ שיעור און אָן אַ סוף, און יעדער פּרט, פון דעם גרעסטן ביז דעם קלענסטן, זעט־אויס ווי אַ וועלט פאַר זיך, ווי אַ וועזן, וואָס עקזיסטירט מיטן אייגענעם כוח. ווי אַזוי זשע האָט געקאָנט קומען דערצו? ווי אַזוי האָט זיך דער איינציקער „אַלץ" צעשפּליטערט און צעברעקלט אויף די קלענ־סטע חלקים? אויך אויף דעם האָט חסידות אַן ענטפער.

## III

## וועלט־ווילן און שבירת הכלים

חסידות, די טאָכטער פון דער קבלה, באַנוצט זיך, ביים ענטפערן אויף דער פראַגע, מיט דעם באַגריף: שבירת הכלים (כלים־צעברעכונג), נאָר אויך דער דאָזיקער באַגריף קריגט אין חסידות אַ באַזונדערן אויסטייטש.

מקובלים האָבן דעם ענין דערקלערט אַזוי: די כלים — די פאַרמען — האָבן נישט געקאָנט אויסהאַלטן די גוואַלדיקע שפע פון דעם געטלעכן אינ־האַלט, פון דעם אייביקן ליכט, וואָס האָט אין זיי אַריינגעשטראָמט בעת דעם אַקט פון באַשאַפונג. האָבן די כלים געפּלאַצט, צעבראָכן געוואָרן, און דערפון — די צעשפּליטערונג.

חסידות דערקלערט דעם ענין פּנימיותדיקער. די דערקלערונג גופא איז גענומען פונעם זוהר, אָבער חסידות טייטשט עס איבער אויף אַן אייגענעם אופן.

מיר וועלן אָנהייבן דערפון, וואָס מיר וועלן פּרואוון אַנאַליזירן דעם ענין פון ווילן.

וואָס איז דער באַהאַלטנסטער, צוגלייך נאַטירלעכסטער און עצמיות־דיקסטער ווילן פון אַלדאָס פאַראַנענע? דער ווילן צו עקזיסטירן. וואָס איז דער מהות פון אָט דעם ווילן? לויט שפּינאָזאַן איז דער דאָזיקער ווילן אַ מין אינערטע קראַפט: דערפאַר, וואָס אַ זאַך איז פאַראַן, דערפאַר, וואָס זי איז פול מיט דעם געפיל פון איר עקזיסטענץ, האָט זי מורא פאַר דעם אויפהערן.

איז געקומען שאָפּענהויער און האָט אויפגעוויזן, אַז דער ווילן צום לעבן, וואָס ער איז דער אינערלעכער אַבסאָלוטער תוך פון דער גאַנצער רעאַליטעט, פאַרקערפּערט זיך אין יעדן פרט אויף אַן אינדיווידועלן שטייגער. דער זעלבער וועלט־ווילן, וואָס שאַפט די אילוזיע פון עקזיסטענץ בכלל, שאַפט אויך די אילוזיע פון פּריוואַט־עקזיסטענץ, פון באַזונדער־זיין. דאָ איז שוין דער ווילן נישט קיין קראַפט פון אינערציע, ווי ביי שפּינאָזאַן, נאָר אַ קראַפט אַן אַקטיווע.

לויט ניטשען איז דער סאַמע אינערלעכער מהות פון דעם אינדיווי־דואום, פון דעם באַזונדערדיקן פרט, טאַקע ווידעראַמאָל דער ווילן, אָבער נישט דער ווילן צום קיום, נאָר דער ווילן צו מאַכט. אויב מ׳זאָל עס נישט פאַרשטיין וואולגאַר, איז דער טייטש דערפון: דער ווילן צו רעאַליזירן דעם איך, אַרויסצוברענגען אַלע אינערלעכע מעגלעכקייטן, אַרויסווייזן אַלע באַהאַלטענע כוחות און זיי שטאַרקער מאַכן ווי די כוחות פון אַנדערע.

אָט דער בוים ביי מיין פענצטער, — זאָגט אָסקאַר ווײַלד, — וואָס וויל ער? ער וויל אַנטפּלעקן דעם איך זיינעם...

דער ווילן צו „מאַכט״, ד״ה דער ווילן צו איך־אַנטפּלעקונג, צו כוחות־

אַנטפּלעקונג, איז דער סוד פון דעם פּרט, פון דער פּערזענלעכקייט, פון דער יחידישאַפט.

אָבער גראָד דאָס, וואָס אַ ניטשע און אַנדערע מאָדערנע האָבן געזען אין דעם שיינקייט און מאַכט, — דער איך, די אינדיווידואַליטעט, די „רעאַלי־זירונג״ פון דער פּערזענלעכקייט, — איז אין חסידות דער חטא פון דער וועלט, די געפאַלנקייט אירע, די ירידה, די שבירת־הכלים. „מלכות״, דער ווילן צו „מאַכט״ אין דעם זין פון „אַנטפּלעקונג, געהערט נאָר צום אמתן מלך, צום באַשאַפער, אָבער אַזוי ווי אויך דאָס באַשאַפענע האָט באַגערט צו הערשן, צו אַנטפּלעקן מאַכט פון מלכות, איז עס צעשפּליטערט געוואָרן אויף אומ־צאָליקע קליינע חלקים, וואָס יעדער איינער פון זיי זאָגט: „אנא אמלוך״ — איך וועל הערשן... און טאַקע דאָס איז די נפילה.

„דער עיקר פון דער שבירה (דער צעברעכונג, דער צעשפּליטערונג) נעמט זיך דערפון, וואָס יעדער איינער זאָגט: איך וועל הערשן. די מידה (קאַטע־גאָריע) פון מלכות איז שייך נאָר ביי עפּעס, וואָס איז לחלוטין זעלבשטענדיק און דאַרף צו קיין שום אַנדער זאַך נישט אָנקומען, און דאָס איז מעגלעך נאָר לגבי גאָט אַליין. אַלע דאַרפן זויגן פון דעם שורש, פון דער געטלעכ־קייט, און אין אָנהויב, ווען די מידות האָבן זיך גענומען ציען פון דעם שורש אלקות, איז געווען אין זיי די מידה פון „אני אמלוך״, — איך וועל הערשן, — אַזוי ווי עס איז אין דעם שורש גופא, וואָרום דאָרט, אין דעם שורש, איז דאָך די דאָזיקע מידה טאַקע שייך... שפּעטער אָבער, ווען די מידות זיינען שוין פון דעם שורש אַרויסגעצויגן געוואָרן, איז שוין די דאָזיקע מידה נישט געווען שייך צו זיי — זיינען זיי אָפּגעריסן געוואָרן פונעם וואָרצל און זייער חיות האָט אויפגעהערט״.

## IV

## דער ענין פון „מלוא כל הארץ כבודו״

מיר האָבן געזען, אַז חסידות באַנעמט דעם ענין צמצום אויף איר אייגע־נעם שטייגער: די געטלעכקייט האָט נישט באַזייטיקט איר ליכטיקייט אויף אַן אמת, זי האָט נאָר צוגעפּאַסט איר ליכט צו דער השגה און צו די אויפנאַם־כלים פון דעם באַשאַפענעם. מיר האָבן דאָ נישט צו טאָן מיט אַ פריזוויליקער באַגרענעצונג פון דער געטלעכקייט, נאָר מיט אַ באַזונדערן סאָרט אַנטפּלע־קונג פון דער געטלעכקייט: אַן אַנטפּלעקונג, צוגעפּאַסט צו די אויפנאַם־פעאיקייטן פון דעם בן־אָדם.

אָבער אין דער צייט וואָס די חסידים טייטשן דעם ענין צמצום נישט אַזוי דירעקט, ווי דאָס טוען מקובלים, טייטשן זיי דעם „מלוא כל הארץ כבודו״ דווקא דירעקט אין פשוטו־כמשמעו.

דער ווילנער גאון און זיינע פאַרגייער טייטשן „כבודו״ אין דעם זין, אַז דאָס מיינט מען גאָטס השגחה איבער דער וועלט (כבודו — היינו השגחה). חסידות אָבער טייטשט דעם „כבודו״ בוכשטעבלעך, דאָס הייסט: גאָט איז אומעטום, זיין הערלעכקייט פילט אָן אַלץ. אַלץ, וואָס דו זעסט, וואָס דו הערסט, וואָס דו פילסט, וואָס דו באַנעמסט, — אַלץ איז אלקות, אַלץ איז געטלעכקייט.

פאַרוואָס איז עס אַזוי?

עס איז דאָ בהאָ תליאָ — איינס מיטן צווייטן פאַרבונדן, איינס פון אַנדערן אָפּהענגיק. טאַקע דערפאַר, וויל חסידות טייטשט שוין גאָרנישט פשטותדיק דעם ענין צמצום, טייטשט זי פשטותדיק דעם ענין „כבודו״. אַזוי ווי די באַזייטיקונג פונעם ליכט איז נאָר לגבי אונדזער השגה, אָבער נישט אָן אַקט אָן אָביעקטיווער, נישט עפּעס, וואָס איז פאַרגעקומען אין דער אמתן, קומט דאָך אויס, אַז די געטלעכקייט געפינט זיך פונקט אַזוי אין די סאַמע אונטערשטע ווי אין די סאַמע העכסטע מדרגות. זאָגט דעריבער אַ גרויסער רבי:*)

„ווען דו קוקסט אויף דער וועלט, קוקסטו אויף דעם באַשעפער... און ווען דו רעדסט מיטן מענטש — רעדסטו מיט דער נשמה זיינער״...

און דער בעל־שם־טוב האָט געזאָגט:

„אל־עולם״ — דאָס הייסט, אַז די בחינה פון אל (גאָט) איז די בחינה פון עולם (וועלט), און פאַרקערט...

דאָס הייסט נישט, פאַרשטייט זיך, אַז די וועלט איז גאָט, ווי עס קומט אויס לויטן פּאַנטעאיזם פון אַ שפּינאָזאַ, דאָס הייסט גאָר עפּעס אַנדערש, דהיינו, אַז אין תוך איז די וועלט נישט בנמצא, אַז זי עקזיסטירט נאָר לגבי דעם מענטש, דעם אויפנעמער, דעם מקבל, נישט פאַר זיך אַליין, נישט ווי עפּעס, וואָס איז זעלבשטענדיק און אַנדערש פון גאָט.

„ווען דאָס אויג וואָלט געקאָנט זען און משיג זיין דאָס גייסטיקייט, דעם אינערלעכן חיות אין יעדער באַשאַפענער זאַך, אַ חיות, וואָס שטראָמט אַריין אין איר פון גאָטס אָטעם, וואָלט זיך דאָס גשמיות פון דעם באַשאַף, זיין חומר, זיין ממשותדיגקייט, בכלל נישט אָנגעזען״.**)

---

*) ליקוטי־תורה פון ר׳ נחום טשערנאָבילער, הדרכה י׳.

**) „ליקוטי תורה״ פון ר׳ נחום טשערנאָבילער.

## V

# גאָט, וועלט און דער פּראָצעס פון מעלה־זיין

די וועלט — די וועלט־צעשפּליטערונג — איז אַן אחזת־עינים. עס איז אַן אָפּדאַכעניש. אָבער די אָפּדאַכעניש וויל דווקא זיין אַ יש, און טאַקע דער איינציק אמתער יש, די רעאַליטעט. הויבט זיך דאָ אָן די דראַמע פון פּירוד, פון פונאַנדערשייד. עס איז אַ דראַמע פון ליכט און פינצטערניש: אַ צעשיידונג, אַ באַהעפטונג.

דער זוהר און אַלע ספרי קבלה זיינען פול מיט די טיפסטע געדאַנקען־בילדער אַרום דעם ענין פון „יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה״. וואָס מיינען די מקובלים מיט קודשא בריך הוא און וואָס מיינען זיי מיט שכינה? קודשא בריך הוא איז זעיר אַנפּין (די זעקס מידות אָדער ספירות: חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד). שכינה, ווידער, איז די מידה — אָדער ספירה — פון מלכות.

זעיר־אַנפּין איז דער סכום פון די מידות, וואָס דורך זיי פירט גאָט אָן מיט דער וועלט (הנהגה). דאָ זיינען די מידות אין זייער ריינער עקזיסטענץ. ערשט דורך דער שכינתא תתאה, דורך מלכות, ווערן די מידות אַנטפּלעקט, ווערן זיי אַרויסבאַוויזן און מאַניפעסטירט. שכינה ווערט אויך אָפּט גערופן דיבור און מאמר, ווייל דאָס וואָרט איז די אַנטפּלעקונג פון דער אינע־ווייניקסטער מחשבה.

אָבער אונטער קודשא בריך הוא ווערט אויך אָפּט פאַרשטאַנען נישט זעיר־אַנפּין, נאָר די מידה — אָדער ספירה — פון תפארת. „יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה״ — די באַהעפטונג פון מלכות מיט תפארת — קריגט דעמאָלט אַ זין אַן עסטעטיש־מיסטישן. עס הייסט אייגנטלעך: די באַ־העפטונג פון גאָט־שיינקייט מיט וועלט־שיינקייט.

„תפארת״ איז — די ריינע געטלעכע שיינקייט; „תפארת״ האָט מיט דער וועלט נישט צו טאָן; „שכינה״ איז מיט דער וועלט, אין דער וועלט און נאָר אין איר.

אַמאָל איז די וועלט אינגאַנצן פאַראייניקט מיט גאָט. דאַן ווערט שמחה וששון אין אַלע עולמות עליונים. די געטלעכע שיינקייט שיינט העל, אָפן, קלאָר פאַר אַלעמען און אין אַלעמען. עס ווערט אַלץ אויסגעלייטערט, אויפ־געהויבן. עס קומט דעמאָלט פאַר דער „יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה״, די פאַראייניקונג פון גאָט און וועלט, גאָט און מענטש, הימל און ערד. עס טרעפט, אָבער, אַז די וועלט איז פינצטער, דערווייטערט פון שעפער, פאַר־

שלאָסן אין זיך, אָפּגעטיילט. דאַן קומט פאָר דער „פּירוד״ (אָפּשייד). די שכינה ווערט דערווייטערט פון „קודשא בריך הוא״.

גרויס איז דאַן דער צער פון דער שכינה. די שיינקייט זוכט איר געטלעכן שורש, וויל דערהויבן ווערן, אויסגעלייזט ווערן; זי איז, אָבער, אין דער וועלט פאַרזונקען, די וועלט־פינצטערניש נעמט זי אַרום, די וועלט־קייטן בינדן זי. זי איז ביי דער וועלט אין געפענקעניש, זי קאָן צו זיך נישט קומען, זי קאָן פון איר צרה נישט באַפרייט ווערן.

נאָר וואָס שטאַרקער דער צער, ווערט אויך גרעסער די בענקשאַפט נאָך דער געטלעכער שיינקייט. עס ווערט גרעסער די בענקשאַפט און עס הייבן אָן ביסלעכוויַיז די קייטן אַראָפּפאַלן, עס הייבן אָן פליגלען וואַקסן.

דער צער ווערט פאַרוואַנדלט אין בענקשאַפט, די בענקשאַפט — אין באַגער־פאַרשטעלונגען ,די באַגער־פאַרשטעלונגען — אין אַלץ גרעסערער נאָענטקייט צו גאָט. ביסלעכוויַיז, ביסלעכוויַיז הויבט אָן די שכינה באַפרייט צו ווערן פון די וועלט־קייטן. עס הויבט ווידער אָן פאַרקומען דער יחוד: פון אָנהויב מאָמענטנוויַיז, דערנאָך אַלץ מער און אַלץ עפטער, און דער גרויסער טאָג פון דורכאויסיקן איינס־ווערן קומט אַלץ נענטער און נענטער.

און ניצוצי־קדושה — פונקען פון היילגקייט — זיינען איבער גאָר דער וועלט צעשפּרייט און צעוואָרפן. אומעטום געפינען זיי זיך, אומעטום, אַפילו אין די נידעריקסטע, די פינצטערסטע, די שמוציקסטע ערטער. מען דאַרף נאָר קאָנען אויפקלייבן זיי, צוזאַמענשטעלן זיי, אויפשטעלן פון זיי אַ קומה שלמה, אַ גאַנץ געשטאַלט, — און דענסטמאָל קומט דער דורכאויסיקער יחוד פון גאָט און וועלט ,אַזוי, אַז עס פאַלן אָפּ אַלע מחיצות און עס ווערט אָפּ־געשאַפט די אחיזת־עינים.

ווי זשע קלייבט מען צונויף די צעוואָרפענע, צעזייטע און צעשפּרייטע ניצוצי קדושה? ווי שטעלט מען זיי צונויף און ווי מאַכט מען פון די אומ־צייליקע פאַרשיידנקייטן — איינס?

דערמיט פאַרנעמט זיך קבלת־האר״י, דערמיט פאַרנעמט זיך אויך חסידות.

דאָ, אין חסידות, נעמט עס אָן די פאָרם פון „העלאת המחשבות הזרות״ — דער פּראָצעס פון אויפהייבן, פון צוריקפירן צום געטלעכן שורש, די שלעכטע, די געפאַלענע מחשבות.

דער וועג איז אָפילו, לויט אייניקע פאַרשטייער פון חסידות, זייער אַ סכנהדיקער. דער גרינדער פון חב״ד, דער בעל־התניא, זאָגט אָן, מ׳זאָל זיך מיט אויפהייבן די מחשבות זרות נישט פאַרנעמען. אויף יענע חסידישע

כתבים, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דעם ענין, זאָגט ער, אַז זייערע מחברים האָבן שלעכט פאַרשטאַנען דעם בעל־שם׳ס כוונה. רבי נחמן בראַצלאַווער הייסט די גרויסע צדיקים אָדער, בעסער געזאָגט, דעם גרעסטן צדיק (וואָס ער איז בבחינת משה משיח) דאַרפן עוסק צו זיין. פּאַר אַלע אַנדערע האָט ער, אָבער, אַן אַנדער כלל: אַל תכנס עם פתויך בטוען ונטען (זאָלסט ניט אַריין אין טענות ומענות מיט דיינע דיך־איינרעדנדיקע, דיך־לאָקנדיקע געדאַנקען). און דאָך איז דער ענין פון אויפהויבן די מחשבות זרות ביים בעש״ט געווען איינער פון די גרעסטע עיקרים.

כדי צו פאַרשטיין עס ווי געהעריק, מוז מען זיין באַקאַנט, כאָטש אין אַלגעמיין, מיטן בעש״טס מיינונג וועגן גוטס און שלעכטס.

אויסער גאָט איז גאָר נישטאָ. אַלץ, אַלץ איז גאָטהייט, וואָס דו הערסט, וואָס דו זעסט, וואָס דו פילסט, וואָס דו טראַכסט. אין גוטס און אין שלעכטס, אין פרייד און אין וויי, אין הויך און אין דער נידער, אין גרויס און אין קליין, אין שיין און אין מאוס — אומעטום איז די גאָטהייט. דאָ שיינט זי אָפן, דאָרט איז זי פאַרבאָרגן און באַהאַלטן, זי איז, אָבער, אומעטום גלייך פאַראַן.

אַלץ איז אותיות פון דער תורה, צרופים פון גאָטס געדאַנק, פאַרשידענע דערשיינונגען פון איין זאַך, פאַרשידענע איברים פון איין גוף; דער גרויסער מלך איז אין דער גאַנצער וועלט אַנטדעקט, אַלע זיינען זיינע און ער איז אַלעמענס.

ווען אַלץ איז גאָטהייט, צי קאָן מען רעדן פון שלעכטס, פון אומריינקייט? אַז אומעטום איז גאָט גלייך פאַראַן, קאָן מען דען חלוקים מאַכן? קאָן מען דען זאָגן: דאָס איז גוט און דאָס איז שלעכט, דאָס איז כשר און דאָס טריף, דאָס איז ריין און דאָס איז אומריין? איז דען נישט אַלץ גלייך? זיינען דען נישט אַלע אותיות גלייך? זיינען דען נישט אַלע איברים גלייך?

לויט שפּינאָזאַן זיינען גוטס און שלעכטס ריין מענטשלעכע פאַרשטעלונגען. אַזוי ווי מענטשן האָבן נישט קיין פולקאָמע (אַדעקוואַטע) אידייען, דאַכט זיך זיי, אַז דאָס איז גוט און דאָס שלעכט. דער אַלוועלטלעכער עצם איז נישט שלעכט און נישט גוט. מענטשן ליבן און האַסן, פרייען זיך און טרויערן, ליידן און שטאַרבן — צו גאָט האָט עס נישט.

שפּינאָזאַס גאָט איז אַן לעבן — אַ בלויזע אידייע. מיט דעם לעבן און די ליידן פון דעם מענטש האָט זיין גאָט — די אידייע זיינע — קיין שייכות נישט. דאָס איז דער רעזולטאַט פון פּאַנטעאיזם.

די, וואָס ריידן וועגן אַ חסידישן פּאַנטעאיזם, פאַרגעסן איין קלייניקייט: אַז אין חסידות, נישט אַנדערש ווי אין יידישקייט בכלל, איז גאָט אַן אלקים חיים. דער גאָט פון בעל־שם־טוב איז אַ לעבעדיקער גאָט און ער איז נאָענט צום מענטש און ער איז אַ רחום וחנון און דאָס גוטע איז נישט קיין אויס־טראַכטעניש — עס איז רעאַל.

גוטס האָט אַן אַ שיעור מדרגות, און שלעכטס איז נאָר די סאַמע קלענ־סטע מדרגה פון גוטס. אַזוי ווי דאָס זייער קליינע ביסל גוטס, וואָס איז שלעכטס, איז שטאַרק באַהאַלטן, באַמערקט מען עס נישט, און מע מיינט, אַז שלעכטס איז דער היפוך פון גוטס.

אַזוי אָבער ווי שלעכטס עקזיסטירט ווי די קלענסטע, נידעריקסטע מדרגה פון גוטס, קאָן עס דערהויבן ווערן. מ׳קאָן און מ׳דאַרף עס מעלה־זיין.

מען קאָן דאָס שלעכטע נישט עוקר זיין מיטן וואָרצל, ווייל מ׳קאָן נישט אויסרייסן קיין שום גוטס־מדרגה — אפילו די סאַמע קלענסטע און נידע־ריקסטע. מ׳דאַרף עס נאָר אויפהויבן פון דער נידער, דערהעכערן, מתקן זיין.

איין בוים, נאָר עס זיינען דאָ אויפן בוים פּירות פאַרטיקע, נישט־פאַר־טיקע און אויך ווערעמדיקע. איין מאַטעריאַל — און מען מאַכט פון אים כלים גוטע, כלים ערגערע און שלעכטע. ס׳איז אַ פראַגע פון מדרגות.

יעדע חושימדיקע ליבע איז אַן אַראָפּגעפאַלענע, געטלעכע אהבה. יעדע ערדישע חושימדיקע שרעק איז אַן אַראָפּגעפאַלענע געטלעכע יראה, יעדע ערדישע שיינקייט — אַן אַראָפּגעפאַלענע געטלעכע שיינקייט.

דאַרף מען יעדע ערדישע ליבע צוריק אויפהויבן צו העכערער אהבה, יעדע ערדישע שרעק — צו געטלעכער יראה, יעדע וועלט־שיינקייט — צו געטלע־כער תפארת.

דו זעסט שיינקייט און דו באַנעמסט זי חושימדיק־גראָב. דאָס איז שלעכט. דו דאַרפסט באַטראַכטן, אַז אין דעם, וואָס עס ציט דיך צו, וואָס עס געוועלטיקט איבער דיינע חושים און דערוועקט אין זיי תאוה, איז באַהאַלטן אַן עיקר: דאָס געטלעך שיינע, דאָס תפארתדיקע. היינט צו וואָס אַ שטראַל, ווען ס׳איז דאָ די זון? צו וואָס אַ טראָפּן, ווען ס׳איז דאָ דער ים? גאָט דאַרפסטו ליב האָבן — דאָרט איז אַלץ פאַראַן. פון ערד־ליבע און ערד־שיינקייט דאַרפסטו גיין צו גאָט־ליבע — צו אהבת־הבורא, צו גאָט־שיינקייט, צו תפארת. אַזוי אַרום דערפירסטו צו דער ווידער־באַהעפטונג פון גאָט און וועלט, פון „קודשא בריך הוא ושכינתיה״. אַזוי־אַרום שאַפסטו אָפּ דעם פירוד, די אחיזת עינים, די פאַרבלענדעניש, וואָס זאָגט: „אנא אמלוך״, וואָס וויל זיין רעאַליטעט.

און אויף דעם זעלבן אופן איז מען אויך מעלה די מחשבות זרות, די שלעכטע, אומריינע געדאַנקען, וואָס פאַלן אַמאָל איין דווקא אין מאָמענטן פון דערהויבונג, — בשעת תפילה, למשל. די מחשבות זרות זוכן ביים מענטש אַ תיקון. זיי ווילן דערהויבן ווערן פון די נידעריקע מדרגות. פונקט ווי די וועלט בכלל וויל דערהויבן ווערן צו שטענדיקער באַהעפטונג מיט גאָט, אַזוי, אַז עס זאָלן פאַלן אַלע מחיצות און עס זאָל אָפּגעשאַפט ווערן די אחיזת־עינים, אַזוי ווילן די בלאָנדזשענדיקע מחשבות זרות דערהויבן ווערן צו זייער שורש. אַפילו די זינדיקסטע מחשבה איז נאָר עפּעס, וואָס איז טיף געזונקען, טיף אַרונטערגעפאַלן פון אַ הויכער בחינה אָדער מדרגה, און וואָס וויל זי? זי וויל צוריקגעפירט ווערן צום אָפּשטאַם. אין דעם דאַרף איר העלפן דער מענטש. דער חסיד איז דער שטענדיקער צוריק־אויפהויבער פון די געפאַלענע, געזונקענע מדרגות. ער הויבט אויף די מחשבות זרות און ער הויבט אויף די מידות.

## VI

## עצבות און איר תיקון

מיט דעם ענין פון מחשבות זרות און תיקון־המידות איז ענג פאַרבונדן דער ענין עצבות. כדי צו דערהויבן די וועלט, אַרויסהויבן זי פון אחיזת־עינים צו יחוד, פון אָפּגעדאַכטער באַזונדערקייט צו באַהעפטונג מיט גאָט, מוז מען טרייבן פון זיך די עצבות און זיך דערהויבן צו העכערער שמחה.

ווי אַזוי גיט מען אַ תיקון דער עצבות? ווי אַזוי דערהויבט מען זי צו איר שורש? דורך באַנעמען דאָס, וואָס איר פעלט אין תוך, אין פנימיות.

די דערהויבענע גייסטיקע שטימונג פון דעם חסיד האָט באַזונדערס קלאָר אויסגעדריקט דער רבי ר׳ בער, דער זון פון דעם בעל־ה„תניא" (דער מיטעלער רבי), דער טיפער חסידישער דענקער און עקסטאַטיקער, ווען ער האָט אָנגעוויזן אויף דער ענלעכקייט צווישן דעם אינערלעכן טרויער פון יעדן גייסט־מענטש און דער התלהבותדיקער נשמה־שמחה, וואָס עס פאָ־דערט די הייסע אמונה.

דער רבי ר׳ בער זאָגט אין זיינע „שערים" אַזוי:

„דער, וואָס זיין האַרץ איז תמיד פאַרדאגהט, שטייט אויף אַ גאָר הויכער מדרגה, וואָרום ער איז דאָך פאַרזאָרגט נישט דערפאַר, וואָס ער וויל עפּעס דערגרייכן פאַר זיך, נאָר ווייל די אינעווייניקסטע נקודה פון זיין האַרץ

איז אַזוי שטאַרק פאַרבונדן מיט דעם עצם פונעם אין־סוף, אַז אַלע אַנדערע פאַרלאַנגען האָבן פאַר אים קיין שום ווערט נישט. אָט דאָס איז די סיבה פאַרוואָס עס זאָרגט זיך שטענדיק זיין האַרץ. ווען וועט ער שוין זען די שיין פון דעם לעבעדיקן גאָט, דעם אמת פון דער אומענדלעכער ליכטיקייט? די דאָזיקע דאגה איז אַזוי שטאַרק, אַז ער איז מבטל אינגאַנצן זיין לעבן, וואָס האָט קיין שום ממשות נישט קעגן דער אמתער, אינערלעכער ליכטיקייט פון זיין חיות און קעגן דעם גליק פון באַהעפטן די אייגענע נשמה מיט דער אייביקייט. ווערט עס שוין די זעלביקע מדרגה פון דעם פריידיקן לעבן און פון די אייביקע פאַרגעניגנס, וועלכע שטאַמען פון דביקות אין דער עצמות פונעם אין סוף, וואָס מיר געפינען ביי די גרויסע צדיקים, ווי משה רבינו, למשל, וואָס איז געשטאָרבן בנשיקה (געקושטערהייט) אין זיין טיפער געטלעכער דביקות און ביי זיין לעבן האָט אויך די שכינה אַרויסגערעדט פון אים און די שטאַרקע ליכטיקייט פון דעם אומענדלעכן האָט באַלויכטן זיין נשמה און זיין פנים״.

נאָך מער האָט געזוכט צו געפינען דאָס גלייכגעוויכט צווישן דעם טיפן טרויער און דער גייסטיקער דערשלאָגנקייט פון איין זייט, און דער דערהויבענער מונטערער נשמה־שטימונג פון דער צווייטער זייט, — זיין חב״ד־תלמיד, דער וויניק באַקאַנטער, אָבער אומגעווייניך טיפער מעטאַפיזיקער ר׳ אייזיק עפשטיין אין זיין „השפלות והשמחה״:

„וואָס עס ווערט דערמאָנט אין דער גמרא דער ענין פון „גם זו לטובה״ הייסט עס אַזוי: יענע צדיקים האָבן געשפירט דעם פאַרגעניגן, וואָס עס האָבן אין זיך די יסורים. דאָס איז געגליכן צו די זייער שטאַרקע געטראַנקען, וואָס איינער טרינקט זיי און פילט אַ גוטן טעם אין דעם, ווייל ער איז אַ שטאַרקער פון דער נאַטור און האָט אַ געזונטן קאָפּ; אַן אַנדערער, אָבער, טרינקט די זעלביקע משקה און קען דאָס נישט פאַרטראָגן. ער האָט אַ שוואַכע נאַטור און שוואַכן קאָפּ אַזוי, אַז ער איז צו־שוואַך צו געניסן פון דער הנאה, וואָס דער ערשטער האָט פון דער דאָזיקער ברענענדיקער שאַרפקייט. פאַר אים איז די שאַרפקייט אַ וויטיק, אַ רייסעניש, כאָטש אין דער אמתן ווירקט דאָס צום גוטן אויך אויף אים. יענע חכמים, וואָס האָבן געזאָגט: „גם זו לטובה״, האָבן געהאַט אין זיך אָט די שטאַרקייט פון דער נאַטור; זיי האָבן אַרויסגעזאָגט זייער צופרידנקייט און אויסגעדריקט אין אַן אויסערלעך געפיל די באַהאַלטענע גוטסקייט, וואָס איז פאַראַן אין דער שאַרפקייט פון די יסורים. אַנדערע ווידער זיינען פאַראַן, וואָס האָבן נישט דעם גרויסן כח אויסצודריקן אויסערלעך זייער פאַרגע־

ניגן דערפון; אָבער אינערלעך פילן זיי פונדעסטוועגן די פאַרבאָרגענע גוטע זייטן פון די אַלע צרות; אויף די האָט מען געזאָגט: זיי פרייען זיך מיט זייערע יסורים, דאָס הייסט זיי שפירן טאַקע ממש די יסורים און פונדעסטוועגן פרייען זיי זיך ווייל זיי שפירן אויך דאָס גוטע, דעם פאַר־גענִיגן."

אין אָט די ווערטער פון ר' אייזיק עפשטיין, דעם גרויסן חב"דישן דענ־קער, ווערט אפשר צום בעסטן אויסגעדריקט יענער קוק אויף דער וועלט — און אויפן שלעכטס — וואָס חסידות האָט געירשנט פון דעם בעל־שם־טוב. פונקט ווי די וועלט איז פאַראַן (ווייל — און אויף וויפיל — גאָט האָט זי באַשאַפן) און דאָך איז זי נישט פאַראַן (ווייל — ווי דער רב מליאַדי זאָגט — נאָר גאָט איז „קלאָר פאַראַנען"), אַזוי זיינען אויך דאָס שלעכטס און די יסורים פון דער וועלט עפּעס, וואָס איז ממשותדיק („זיי שפירן טאַקע ממש די יסורים", ווי ר' אייזיק עפשטיין, ר' אייזיל האָמלער, זאָגט), און צוגלייך טראָגן זיי אין זיך — זייער אייגענע אָפּלייקענונג: זיי טראָגן אין זיך אַ באַהאַלטענע גוטסקייט, אַ געהיימע פריידיקייט. מיט אַנדערע ווערטער — זיי זיינען, ווי דער בע"שט האָט געלערנט, אַ „כסא לטוב"...

VII

## דריי ליבשאַפטן און דער וועג צו דביקות

דורך דריי ליבשאַפטן — אהבת המקום, אהבת ישראל און אהבת התורה — גייט דער חסיד צו גאָט. אָט די דריי ליבשאַפטן האָט געלערנט דער פאָטער פון חסידות, ר' ישראל בעל־שם־טוב.

וואָס האָט דער בעש"ט געלערנט אין דעם ענין פון אהבת המקום — ליב־שאַפט צו גאָט?

ביזן קומען פון דעם בעל־שם־טוב האָט מען דעם דאָזיקן ענין פאַרשטאַנען אויף דעם שטייגער ווי מ'האָט ליב אַ גרויסן מלך, אָדער, אין בעסטן פאַל, ווי מ'האָט ליב אַ באַרעמהאַרציקן טאַטן. מ'רעדט שוין נישט פון אַן „אהבה התלויה בדבר", אַ ליבע צו גאָט, וואָס איז אויסן לאַנגע יאָרן, „בני, חיי ומזוני" (קינדער, לעבן און פרנסה). איז געקומען דער בעל־שם־טוב און האָט געלערנט, אַז אין דער ליבשאַפט צו גאָט מוז זיין אַ טיפע דאָרשטיקייט און אַ התלהבות, אַ „גלוסטונג שטאַרקער ווי אַ לייב" (חשק עז מארי), ווי עס דריקט־זיך אויס ר' ישראל נגארה. עס מוז זיין אַ ליבשאַפט, וואָס זאָל

אַנפילן גוף און גייסט צוזאַמען, נישט איבערלאָזן קיין אָרט פאַר קיין שום אַנדער ליבשאַפט אָדער באַגערונג.

איז דער בעש״ט געווען טאַקע דער דערכאויס־ערשטער, וואָס האָט דאָס געלערנט? זיינען נישט געווען קיין פאָרגייער?

דער אמת איז, אַז אויך פאַר דעם בעש״ט האָבן זיך געפונען צווישן די גדולי־האומה אַזעלכע, וואָס האָבן די ליבשאַפט צו גאָט אויפגעפאַסט ווי אַ גלוסטונג, וואָס פאָדערט פאַר זיך דעם מענטש אינגאַנצן. מיר געפינען דעם צוגאַנג ביי ר׳ סעדיה גאון, מיר געפינען אים ביי ר׳ אלעזר רוקח, ביי ר׳ יהודה החסיד. נאָענט צום בעל־שמס צייט — ביי ר׳ ישראל נג׳ארה, אין דער צייט פון בעש״ט — ביי ר׳ חיים בן עטר. און אַנדערע גדולי ישראל — אַ שטייגער רבנו בחיי, אָדער דער נשר הגדול, דער רמב״ם, — ווי אַזוי האָבן זיי דעם ענין אויפגעפאַסט? ווי אַן אַקט פון דערקענטעניש, פון שכל׳דיקן באַנעמען. אויך די פריער דערמאָנטע פאָדערן פון דעם מענטש גאָט־דערקענטעניש, אָבער צוזאַמען דערמיט פאָדערן זיי אויך, אַז די ליבשאַפט צו גאָט זאָל אין זיך אַריינגעמען סיי דעם העכסטן אַלגעמיינעם רצון פון דעם מענטש (זיין, אַזוי צו זאָגן, „רעווא דרעווין״ — זיין ווילן איבער ווילנס), סיי די באַזונדערע און איינצלנע ווילנס זיינע, סיי זיין לעבנס־באַגער, סיי אַלע מחשבות זיינע, אַלע דיבורים, אַלע טואונגען.

האָבן זיי יענע גוואַלדיקע ליבשאַפט דערקענט פון דער אייגענער העכערער נשמה זייערער, אָדער האָבן זיי געזען זי ביי אַנדערע אויך? יאָ, זיי האָבן זי שוין געפונען ביים תהלים־זינגער: „ווי אַן אינד טוט ברומען איבער וואַסער־באַכן, אַזוי טוט ברומען מיין נפש צו דיר, גאָט... עס דאַרשטיקט מיין נפש נאָך גאָט, דעם לעבעדיקן גאָט — ווען וועל איך קומען און זען גאָטס אָנגעזיכט? מיין פלייש גייט אויס און מיין האַרץ — דער פעלז פון מיין האַרץ און מיין אַרב־טייל איז גאָט אויף אייביק״...

נאָר אויב אַזוי — וואָס האָבן זיי מחדש געווען? איז דער ענטפער: ר׳ סעדיה גאון און די, וואָס זיינען געקומען נאָך אים, האָבן געמאַכט דערפון אַ טאָג־טעגלעכע רעאַליטעט. פון רוח־הקודש־מאָמענטן איז געוואָרן אַ נשמה־נויטווענדיקייט.

און וואָס האָט דאָ מחדש־געווען דער בעש״ט?

ר׳ סעדיה גאון און די אַנדערע, ווי שטאַרק זיי זאָלן נישט הויבן און הייליקן די ליבשאַפט צו גאָט, איז זי ביי זיי — פונדעסטוועגן — אַ מצוות־

עשה ווי אַלע אַנדערע מצוות. ביים בעש״ט איז זי — אַלץ. אַרום דעם דרייען זיך אַלע זיינע תורות, דיבורים, טאוונגען, מעשיות און משלים.

נאָך אהבת המקום, די ליבשאַפט צו גאָט, קומט ביים בעל־שם־טוב — אהבת ישראל, די ליבשאַפט צו יידן. וואָס זשע האָט דער בעש״ט אויפגעטאָן בנוגע אָט דעם צווייטן ווינקלשטיין פון זיין לערע?

ביז ר׳ ישראל בעל שם טוב איז אהבת־ישראל באַשטאַנען, דאָס רוב, פון ליבשאַפט צו די גוטע און גייסטיק גרויסע, גייסטיק אויסגעצייכנטע. איז געקומען דער בעש״ט און האָט געלערנט ליבשאַפט צו כלל ישראל, — נישט נאָר צו די גוטע, נאָר אויך צו מיטעלע, צו בינונים, און נישט נאָר צו מיטעלע, נאָר אַפילו צו שלעכטע, און אַפילו צו די גאָר שלעכטע אויך, אויב זיי זיינען נאָר צוגעבונדן — ווי דין די פעדעם פון דעם צובונד זאָלן נישט זיין — צו דער הייליקער אומה, וואָסליידט תמיד און וואַרט אויף גאָטס ישועה.

דער בעש״ט האָט צו איינעם פון זיינע מקורבים געזאָגט: „גלויב מיר, איך האָב ליב אַפילו דעם סאַמע נידעריקסטן ייד אַ סך מער ווי דו האָסט ליב דעם איינציקן זון דיינעם"...

און די דריטע ליבשאַפט — די ליבשאַפט צו דער תורה?

אהבת־התורה איז געוויינלעך דער טייטש: לערנען תורה מיט התמדה, מיט חריפות, בקיאות, פּאַרטיפּטקייט. דאָס אַלץ איז אויך אַריין אין דעם אהבת־התורה־באַגריף פון דעם בעל־שם־טוב, אָבער דער עיקר איז געווען ביי אים דאָס אויפדעקן די פאַרבאָרגענע תורה־ליכטיקייט און די צונויפ־קניפּונג פון דער נשמה מיט גאָט דורך דעם אור, וואָס לעבט אין די תורה־אותיות, דורך די וועלטן און נשמות, וואָס זיינען דאָ אין יעדן אות, דורך די צירופים, וואָס ווערן פון די אותיות געמאַכט, און די יחודים, וואָס דאַרפן דערנענטערן משיחס קומען.

די צונויפבינדונג מיט גאָט — די דביקות — איז אַ יסוד־זאַך אין דער לערע פון חסידות. דורך די דריי ליבשאַפטן, וואָס זיינען איינס, — אהבת המקום, אהבת ישראל און אהבת התורה, — איז מען זוכה צו דביקות.

חב״ד האָט דאָ מוסיף געווען נאָך עפּעס: הסתכלות, טיפע אינערלעכע קאָנטעמפּלאַציע דורך פאַראייניקונג פון די דריי מידות — חכמה, בינה און דעת.

VIII

## חסידות און משיח־דערוואַרטונג

מען וועט קיינמאָל ניט פאַרשטיין ווי עס געהער צו זיין די פאַרהעלטע־ניש פון פאַרשידענע חסידישע רביים צו די וועלטגעשעענישן פון אַכטצנטן יאָרהונדערט און אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט, ווי מען וועט זיך ניט קלאָר מאַכן דעם משיחישן תוך פון חסידות, דאָס הייסט, אויף ווי ווייט חסידות איז באַלד פון אָנהויב געווען די טרעגערין פון דער משיח־אידייע. חסידות איז געווען אי אַ פאָרזעצונג אי אַ היפוך פון די פריערדיקע משיחישע באַ־וועגונגען. אַ פאָרזעצונג — אין דעם זין, וואָס חסידות האָט געשטרעבט ווי צומגיכסטן אַראָפּצוברענגען משיחן; אַ היפוך אין דעם זין, וואָס חסידות האָט אויסגעמיטן די מיאוסע, פאַלשע, פאַרקרימטע און פאַרדרייטע וועגן פון די שבתי־צביניקעס און האָט זיך באַלד ביים אָנהויב געשטעלט אויפן פעסטן באָדן פון דער תורה, פון העכסטער זיטלעכקייט, ריינקייט אין געדאַנק און טואונג.

ווי ווייט חסידות איז געווען אי אַ פאָרזעצונג אי אַ היפוך פון שבתאות און פראַנקיזם, זעט מען פון דעם ווייטערדיקן סיפור וועגן דעם פאָטער פון חסידות, ר׳ ישראל בעל שם טוב:

„שבתי־צבי איז אַמאָל געקומען אין חלום צום בעש״ט, בעטן ביי אים אַ תיקון, אַז דער בעש״ט זאָל זיך מיט אים מקשר־זיין (צוזאַמענבינדן) נפש מיט נפש, רוח מיט רוח, נשמה מיט נשמה. האָט דער בעש״ט אָנגעהויבן זיך מתקשר־זיין מיט אים זייער לאַנגזאַם, דען ער (שבתי־צבי) איז אַ גרויסער רשע געווען״ (שבחי בעש״ט דף, י׳. ע״ב).

און ווידער דאָרט:

„אַמאָל איז געקומען שבתי־צבי ימח שמו און האָט אים (דעם בעש״ט) איבערגערעדט (ופתה אותו ח״ו) און האָט אים אַ שליידער־געטאָן ביז אין שאול תחתיה אַריין״.

אויך דאָרט:

„דער בעש״ט האָט געזאָגט, אַז אין אים (אין שבתי צבי) איז געווען אַ הייליקער פונק, נאָר דער ס״מ האָט אים אַריינגעכאַפּט אין זיין נעץ. געקומען איז עס אים (שבתי צבי) דורך זיין גאוה און דורך זיין כעס״.

און אָט איז אַ סיפור וועגן בעש״ט, וואָס האָט אַ שייכות מיט די מעשים פון די פראַנקיסטן:

„דער בעש״ט האָט געזען אַ גרויסן קטרוג, אַז מען וויל ביי יידן צו־נעמען די תורה שבעל פה, איז דער בעש״ט זייער טרויעריק געווען אַ גאַנצן ערב־יום־כיפור. צו אָוונט זיינען געקומען די שטאָטלייט צו אים, אַז ער זאָל זיי בענטשן. ער האָט געבענטשט איינעם צי צוויי פון זיי און האָט געזאָגט: „מער קען איך ניט, דען עס טוט מיר זייער וויי״. אַזוי האָט ער פון זיי מער קיינעם ניט געבענטשט און איז געגאַנגען אין שול אַריין און האָט געזאָגט רירנדיקע ווערטער און איז אַריינגעפאַלן אין ארון הקודש און האָט געשריען און האָט געזאָגט: וויי! וויי! מען וויל פון אונדז די תורה צונעמען. וויאַזוי וועלן מיר אַפילו אַ האַלבן טאָג קאָנען לעבן אָן איר? דאָן האָט ער שטאַרק געצאָרנט אויף די רבנים און האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַלץ איבער זיי, ווייל זיי טראַכטן אויס פון זייערע קעפּ פאַלשע הקדמות. אויך האָט ער געזאָגט, אַז אַלע תנאים און אמוראים שטייען צום משפט״.

דערנאָך ווערט געשילדערט אין דער מעשה, וויאַזוי דער בעש״ט איז אַריינגעפאַלן אין אַ געוואַלטיקן התלהבות. עס ווערן געשילדערט די אויסערלעכע סימנים פון יענעם עקסטאַז, דערנאָך דאָס דערוואַכן און צו זיך קומען. דער בעש״ט האָט שפּעטער דערציילט, וויאַזוי ער איז געגאַנגען פון עולם צו עולם, און וויאַזוי ער האָט אָנגעטראָפן תפלות פון פופציק יאָר, וואָס האָבן קיין עליה ניט געהאַט, און וויאַזוי ער האָט גענומען אויפהויבן די תפילות דורך „אַ טויער, וואָס איז גרויס ווי גאָר די וועלט״, און וויאַזוי אַ מלאך האָט דעם טויער פאַרשלאָסן מיט אַ גרויסן שלאָס, און וויאַזוי ער האָט צוזאַמען מיט זיין הימלישן רבין, אחיה השלוני, געפּרואווט דעם שלאָס ברעכן און ניט געקענט, און וויאַזוי זיי האָבן זיך ביידע אַריינגעריסן מיט גרויס שטורם אין היכל־משיח אַריין און וויאַזוי משיח האָט אים (דעם בעש״ט) דערזען פון וויטן און האָט געזאָגט: „שריי ניט״ און האָט אים געגעבן צוויי אותיות, מיט וועלכע דער שלאָס ווערט געעפנט און דורכדעם האָט ער געפּועלט, אַז די גזרה זאָל בטל ווערן, נאָר אַ שטיקל צייכן פון איר איז געבליבן, דאָס איז די גזרה צו פאַרברענען די ש״סן, וואָס איז גע־קומען דורך די מסירות פון די פראַנקיסטן. עס ווערט ווייטער דערציילט, וויאַזוי די פראַנקיסטן האָבן זיך צעשמדט און וואָס דער בעש״ט האָט דערויף געזאָגט: „די שכינה קלאָגט און זאָגט: כל־זמן דער אבר איז באַהעפט איז נאָך דאָ אַ האָפנונג, אַז ער וועט געהיילט ווערן, נאָר אַז מען שניידט־אָפּ דעם אבר, איז אַלץ פאַרפאַלן, וואָרום יעדער ייד איז אַן אבר פון דער שכינה״.

פון דעם סיפור זעט מען אַרויס בולט אי די פאַרביטערונג פון בעש״ט אויף די פראַנקיסטן, אי דאָס רחמנות אויף זיי, אי זיינע משיח־טרוימען.

אין דעם בריוו, וואָס דער בעש״ט האָט געשיקט צו זיין שוואָגער רבי גרשון קיטעווער וועגן דער „עלית נשמה״, וואָס ער האָט געהאַט אין יאָר תק״ו, האָבן מיר ווידער פאַר זיך די אינטימע באַציאונג צו משיחן. גייענדיק פון היכל צו היכל, קומט ער אָן, צום סוף, צום היכל־משיח און ער פרעגט אָן צערעמאָניעס: „ווען קומסטו?״ משיח ענטפערט אים: „ווען אַלע וועלן קענען מיחד־זיין יחודים, אַזוי ווי דו״. דער גאַנצער בריוו (געדרוקט אין „כתר שם טוב״ און אין פיל חסידישע ספרים) איז אַ מאַניפעסטאַציע פון דער משיח־אידעע.

די משיח־דערוואַרטונגען און הייסע משיח־טרוימען זיינען אַריבער פון בעש״ט צו זיין תלמיד רבי בער פון ראָוונע (נאָכדעם פון מעזריטש) און פון אים — צו רבי בערס תלמידים. צוזאַמענקומענדיק זיך פלעגט מען דער עיקר זוכן תיקונים, וויאַזוי צו מקרב זיין די גאולה. דער רבי מלך (רבי אלימלך מליזענסק) איז כל ימיו אומגעגאַנגען אין איין גרויסן, הייליקן משיח־טרוים. ער איז אַזוי זיכער געווען אין דער גיכקייט פון משיחס קומען און איז געווען פול מיט גלויבן אין זיין אייגענער גייסטיקער אַרבעט אינעם זין פון גאולה, אַז ער האָט געזאָגט: „איך וואונדער מיך זייער. די הייליקע תנאים האָבן דאָך געזען ברוח הקודש ביז די לעצטע דורות און האָבן גע־רעדט וועגן אַזוי פיל גזירות רעות און יסורים, וואָס וועלן זיין אידער משיח וועט קומען, און זיי האָבן גאַרניט געזען, אַז עס וועט זיין אַן אלימלך אויף דער וועלט, און אַז אַלע רעות און גזירות האָט אלימלך ממתיק־געווען און מבטל־געווען״ („עשר צחצחות״ י״ב, ע״ב).

רבי נפתלי ראָפּשיצער, אַ תלמיד פון רב מענדל רימאַנאָווער, האָט אַמאָל געהערט פונעם רימאַנאָווער, אַז ווער עס לעבט אין דער צייט, וואָס דער קאָזשעניצער מגיד איז אויף דער וועלט און זעט אים ניט, וועט ער ניט זוכה־זיין צו זען פּני משיח. דערהערנדיק דאָס, האָט רבי נפתלי גענומען דאָס זעקל אויף דער פּלייצע, דעם שטעקן אין האַנט און ניט ריידנדיק קיין וואָרט איז ער געלאָפן קיין קאָזשעניץ און איז במקלו ותרמילו אַריינגעפאַלן צום קאָ־זשעניצער אַנצוקוקן אים, טאָמער חס־ושלום פאַרשפעטיקט ער אין מינוט און דערווייל קומט משיח אידער ער האָט נאָך געזען דעם מגיד („עשר אורות״ ל״ז, ע״א).

רבי משה טייטעלבוים פלעגט זאָגן צו זיין משמש יעדעס מאָל אידער

ער פלעגט זיך צוליגן: „אַז משיח וועט קומען, זאָלסטו מיך למען השם בזה הרגע אויפוועקן" („סדר הדורות החדש" אות מ׳).

רבי נחמן בראַצלאַווער האָט אַלע זיינע רעליגיעזע איבערלעבונגען, זע־אונגען און טרוימען, קאָנצענטרירט אין משיח־אַראָפּברענגען און האָט מבטיח געווען, אַז בכל אופן וועט משיח אַרויסקומען פון זיין נאָכקומענשאַפט („חיי מוהר"ן").

אין דער צדיקים־משפחה פון דעם מעזעריטשערס אָפּשטאַמונג, ביי די קינדער פון רבי ישראל רוזשינער, איז געווען אַ מסורה, אַז דער מעזע־ריטשער האָט מיט אַלע כחות געוואָלט אַראָפּברענגען משיחן און נאָר דורכדעם, וואָס זיינע תלמידים האָבן זיך אויף דעם ניט גוט פאַרשטאַנען, האָט ער זיינס ניט אַדורכגעפירט („דברי דוד" פונעם טשאָרטקאָווער).

דער מעזעריטשער האָט געהאַלטן, אַז ער קומט אַרויס פון מלכי בית דוד און זיין אייניקל רבי שלום (דער זון פון ר׳ אברהם המלאך) האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ ריש גלותא און דעריבער האָט ער זיך זייער ברייט אויפ־געפירט און האָט אויסערגעוויינלעך מקפיד־געווען אויף שיינקייט. דיזעלבע פאַרשטעלונג איז אַריבער צו רבי ישראל ריזשינער און צו די קינדער זיינע.

הגם מיר רעדן דאָ איבערהויפּט וועגן די ערשטע רביים, קענען אונדז דינען אויך די גלויבונגען פון די שפּעטערע רביים ווי אַ באַוויז, ווי וויט חסידות איז לויטן שורש ענג צוזאַמענגעבונדן מיט דער משיח־אידעע.

אַזוי האָט ר׳ משה ־לייב לענטשנער געזאָגט:

„דער ייד הקדוש האָט געזאָגט, אַז איך בין משיח בן יוסף. באמת קום איך, אָבער, אַרויס פון בית־דוד" („עשר עטרות", י"ד, ע"ב). מעגלעך, אַז אויף דעם באַדן איז אויפגעקומען די מחלוקת פון אַנדערע גוטע־יידן אויף דעם ייד הקדוש.

די קעגנער פון רבי דודל טאַלנער האָבן געמסרט, אַז ביי אים, ביי רבי דודלען, איז דאָ אַ שטול מיטן אויפשריפט: „דוד מלך־ישראל חי וקים". פאַרשטייט זיך, אַז רבי דודל האָט עס געמיינט אין ריין מיסטישן זין און ס׳איז נישט געווען אין דעם קיין זינד קעגן דער מלוכה. רבי דודל האָט פיל יסורים געהאַט אויף זיך פון אָט דער אויפשריפט, וואָס האָט אויסגעדריקט זיינע משיח־טרוימען (זע „כתר כהונה" א"אַנד).

מיט די משיחישע שליחותן, וואָס חסידות האָט אויף זיך גענומען, איז געווען פאַרבונדן די מיסטישע ארץ־ישראל־נסיעה פון ר׳ נחמן בראַצלאַ־ווער. אויך די באַציאונג צו נאַפּאָלעאָנען האָט געהאַט צו טאָן מיט משיח־

דערוואַרטונגען. רביים, וואָס זיינען געווען קעגן נאַפּאָלעאָנען, — למשל, דער רב מליאַדי, — האָבן אין אים געזען אַ פינצטערע קראַפט, וואָס פאַרהאַלט די גאולה, און פאַרקערט, יענע רביים, וואָס זיינען געווען אויף נאַפּאָלעאָנס צד, האָבן געגלויבט, אַז נאַפּאָלעאָנס נצחונות זיינען פאַרבונדן מיט נאָענטער גאולה־הילף. אַזוי האָט געגלויבט ר' מענדל רימאַנאָווער, אַזוי האָבן גע־גלויבט נאָך רביים. דער מאָטיוו אין דעם אַלעמען איז געווען איינער: די דערוואַרטונג פון משיחישער דערלייזונג.

און נישט נאָר משיח־דערוואַרטונג איז געווען אין חסידות, נאָר אויך כסדרדיקע גייסט־אַרבעט אין אָט דער ריכטונג. דער גאַנצער פּלאַן פון חסידות איז שוין דאָ אין דער מעשה, וואָס מיר האָבן געבראַכט — אין דעם בעל־שמס פראַגע ביי משיחן: ווען קומסטו? און אין משיחס ענטפער. אין אָט דער נקודה, דער משיח־נקודה, האָבן זיך צונויפגעטראָפן די אַלע שפּעטערדיקע וועגן און שיטות פון דער חסידישער באַוועגונג. חסידות איז אַ באַוועגונג, וואָס האָט געוואָלט צוגרייטן דאָס פאָלק, אַז עס זאָל קאָנען מקבל־פּנים זיין משיחן.

# דאָס לעבן און די צייטן
# פון הרב מליאַדי

# אַ קליינע הקדמה

אין די לאַנגע ווינטער־נעכט פלעגט דער טאַטע אָוועקגיין אין שול לערנען. שניי האָט שטיל געקלאַפּט אין די נידעריקע פענצטער פונעם אַלטן, האַלב־איינגעפאַלענעם הויז, אַ קליין לעמפל האָט געצאַנקט אויפן טיש, געדיכטע שאָטנס האָבן אָנגעפילט די ווינקלען פון לאַנגן, נידעריקן צימער און די מרה־שחורה איז אַריינגעדרונגען פון אַלע שפּאַלטן. און אַז איך, אַ זעקס־יאָריק קינד, פלעג זיך צוטוליען צו דער מאַמען און בעטן זי זאָל מיר דערציילן עפּעס אַ מעשה, פלעגט זי מיר דערציילן וועגן דעם אַלטן רבין און די ניסים, וואָס זיינען מיט אים געשען.

די שאָטנס פלעגן ביסלעכוויז פאַרשווינדן. אויפן האַרצן פלעגט ליכטיק ווערן. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם פלעג איך הערן „ווי מען איז אַמאָל פריילעך געווען...״

און צווישן טאָג און נאַכט, ווען אַלטע חסידים פלעגן מיד ווערן פון זייער תורה ועבודה, פלעגן זיי שטיל ריידן וועגן דעם „אַלטן״, וועגן זיין גאונות, זיין קדושה, זיין חכמה, זיין מלחמה מיט מתנגדים, זיין ליבשאַפט צו יידן און מסירות נפש פאַר יידן.

עס פלעגט זיך הערן אַ זיפץ נאָך אַ זיפץ. ס׳איז געווען אין יענע זיפצן אַ טיפע בענקשאַפט נאָך דעם, וואָס איז נישטאָ; אַ שטיל געבעט, אַ געהיימער שמועס פון גייסטער, אַ באַהעפטונג פון נשמות — „אתדבקות רוחא ברוחא״.

מיין יונגע נשמה האָט אויפגענומען די מרירות, וואָס צעברעכט דעם מענטשנס מידות און מאַכט צו־נישט די אילוזיעס פון וועלט, מענטש און איך. אָט די ביטערניש איז באַלד אַריבער אין טיפסטער שמחה. ס׳איז באַזייטיקט געוואָרן דער איך, ס׳איז פאַרשוואונדן דאָס איינריידעניש פון „אני ואפסי עוד״, אָט די „קליפת עמלק״, דער „חומר עכור״, דער „מסך המבדיל״. די חבד׳ישע נשמה ווערט אָפן פאַר דעם אייביקן געדאַנק, פאַר דער אייביקער ליבע, פאַר דעם געטלעכן, וואָס „עוז וחדוה במקומו״.

נישט ווי אַ היסטאָריקער קום איך דאָ אַריבער דערציילן וועגן דעם גרינדער פון חב״ד, און נישט קיין מאָלער בין איך, וואָס מאָלט אַ בילד. איך וויל דערציילן וועגן דעם רב מליאַדי, ווי מ׳דערציילט וועגן אַ גייסטיקן גיבור, אַ טרעגער און פאַרטיפער פון אַ גרויסער באַוועגונג ביי יידן — חסידות אין געשטאַלט פון חב״ד.

# די יונגע יאָרן *)

אַ דרייצניעריקער עילוי, וואָס איז אַ „תנא ופליג״. — מיטלען ווי איינצושטילן דעם שטורעם אין האַרצן. — ווען טעמפּעראַמענט ווערט פאַרוואַנדלט אין קדושה. — אתכפיא און אתהפכא. — ר׳ אַברהם קאַליסקער. — דאָס דרויסנדיקע התלהבות און די אינערלעכע הסתכלות. — וואָס און ווי אַזוי דער יונגער שניאור־זלמן האָט געלערנט. — אַן איידעם אין וויטעבסק. — דער גבירישער שווער און דעם איידעמס פאַרהוילענע דרכים. — אַ סדרה עיונים. — מיט דער גמרא ביים לבנה־ליכט. — דער עיקר וואָס פעלט.

דער אייביקער גייסט האָט געוועקט אונדזער אור־פאָטער אברהם: פאַר־לאָז דיין לאַנד, דיין געבורטס־אָרט, דיין פאָטערס הויז, און גיי זוך אַ לאַנד וואָס דו ווייסט ניט.

דער זעלבער גייסט וועקט אברהמס קינדער: פאַרלאָזט אייערע אָנגע־זעסענע ערטער, גייט זוכט אייער גאָט.

אָט דער גייסט האָט אויך געטריבן אַ יידישע משפּחה, וואָס שטאַמט — לויט דער מסורה — פונעם מהר״ל מפּראג. פון אָרט צו אָרט האָט געוואַנדערט די משפּחה, ביז זי האָט זיך באַזעצט אין ערגעץ אַ פאַרוואָרפן שטעטל מיטן נאָמען לאָזשני (אַמאָל — וויטעבסקער גוב.; דערנאָך — מאָהילעווער). דאָרט האָט געדאַרפט אַנטפּלעקט ווערן דער אור פון חב״ד, דער טרעגער פונעם אור — דער רב (לייען: ראַוו) מליאַדי.

ווי חסידים דערציילן, האָט דעם רבס זיידע אין לאָזני געבויט אַ שול אויף זיין אייגענעם חשבון. דעם רבס פאָטער, רבי ברוך, איז שוין ניט אַזוי פאַרמעגלעך געווען ווי דער זיידע, וואָס זאָל האָבן, אגב, געקומען פון דייטשלאַנד. ר׳ ברוך איז, קענטיק, געווען דאָס וואָס מען רופט אַ מיטעלער בעל־הבית. מיט וואָס האָט ער זיך פאַרנומען? — לויט ווי איך האָב געהערט אַלטע חסידים דערציילן, איז ר׳ ברוך געווען אַ מגיד. „מגיד״ האָט געקענט הייסן אַ דרשן וואָס פאָרט פון שטאָט צו שטאָט האַלטן דרשות; עס האָט אויך געקענט הייסן אַ רב, אַ גייסטיקער מנהיג, אַן אדם גדול.

ווי ווייט דאָס אַמאָליקע יידישע קינד האָט קיין קינדהייט ניט געהאַט,

*) שוין דאָ, אין דעם ערשטע קאַפּיטל, וואָס דערציילט וועגן די יונגע יאָרן פון דעם בעל־התניא, וועלן מיר אים אָפט — צוליב קיצור — אָנרופן: דער רב (לייען דער ראַוו, נישט: דער ראָוו).

זעט מען פון דעם, וואָס דער רב, זייענדיק אַ קינד נאָך, איז שוין געווען פאַררעכנט פאַר אַ גאַנצן יידן. ער איז שוין געווען פאַררעכנט אין גאַטס גוואַרדיע. ר׳ שניאור זלמן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תק״ו און אין יאָר תק״י איז ער שוין געווען איינגעשריבן אין פנקס פון לאָזנער חברה קדישא אַלס שמש ביז בר־מצוה. פאַר אַט דעם ערן־טיטל האָט זיין זיידע געדאַרפט געבן צען פינף־קלאַפטערדיקע ברוסעס צו דער שול, אַ חוץ אַ היפשן יערלעכן סכום.

ווען שניאור־זלמן איז אַלט געווען אַ יאָר פיר־פינף, איז ער, געווייינלעך, אָפּגעגעבן געוואָרן אין חדר. ווי האָט אויסגעזען אַ חדר מיט אַ יאָר ק״ן צוריק אין אַ קליין שטעטל? וועגן דעם האָט אונדז געגעבן אַ בילד דער פילאָזאָף שלמה מימון אין זיין אויטאָביאָגראַפיע.

„דער חדר״, דערציילט מימון, „איז אַן ענג פינצטער צימער, וואו אַ טייל תלמידים זיצן אויף בענקלעך, די איבעריקע — אויף דער ערד. דער מלמד טראָגט אַן אומריין העמד, זיצט ביים טיש און האַלט אין האַנד דעם טייטל, וואָס דינט אים אויף צו רייבן מיט אים טאַבאַק און אויף צו שלאָגן די תלמידים. די באַהעלפערס שרייען, פּילדערן און שלאָגן די קינדער, יעדן אין זיין ווינקל. פון די מאַלצייטן, וואָס ווערן געבראַכט די קינדער, נעמען די באַהעלפערס צוערשט זייער חלק און עס טרעפט, אַז זיי לאָזן פאַר די קינדער גאָרנישט איבער״. מיר קאָנען נישט אַוועקמאַכן אַזאַ שיל־דערונג מיט דער האַנט, אַלץ איינס, וואָס פאַר אַ טענדענץ מימון זאָל דאָ נישט האָבן געהאַט. שולדיק איז געווען די גוואַלדיקע אָרעמקייט, דאָס שווערע יידישע לעבן, די ביטערע ענגשאַפט.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען — ווי אַזוי האָבן זיך געקענט שאַפן אַזעלכע אייזן־פעסטע כאַראַקטערן ווי דעם רבס?

איז דער ענטפער, אַז דער האַמער ברעכט דאָס גלאָז און שמידט דאָס אייזן... די שווערע באַדינגונגען פונעם יידישן לעבן, וואָס האָבן צעבראָכן אַזאַ נאַטור ווי שלמה מיימונס, האָבן דווקא געשמידט און באַפעסטיקט די גרויסע נאַטורן, די אייזערנע.

ווען שניאור־זלמן איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר האָט קיין שום למדן נית געוואָלט זיך אָננעמען צו לערנען מיט אים. ווען מען האָט איינעם פון די גרעסטע למדנים פון יענער צייט — ר׳ ישכר־בער מ״מ דליובאַוויטש — פאַרגעלייגט, ער זאָל לערנען מיט דעם יונגן עילוי, האָט ער געענטפערט: ווי קום איך צו זיין זיין רבי? איך דאַרף דאָך זיין תלמיד זיין...

ווי גרויס ס׳איז געווען דער דרך־ארץ פון די אַרומיקע צום יונגן

עלוי זעט מען פון אַ נאָטיץ אין פנקס פון לאָזנער חברה קדישא, ווען דער געוועזענער „שמש״ איז פאַרצייכנט געוואָרן אַלס „חבר״. דאָרט ווערט דאָס דרייצן־יאָריקע קינד באַצייכנט מיטן טיטול: „החכם המופלא, תנא ופליג״. געדענקט מען, אַז מיט ק״ן יאָר צוריק האָט מען נאָך שטאַרק מדקדק געווען אין אַזעלכע זאַכן, פאַרשטייט מען ערשט וואָס דאָס הייסט, ווען מ׳האָט אַ דרייצן־יעריקן יינגל געקרוינט ניט נאָר מיטן טיטול „החכם המופלא״, נאָר אויך מיט „תנא״, דאָס העכסטע, וואָס אַן אַמאָליקער ייד האָט געקאָנט זאָגן בתורת שבח.

נאָר אויב אַלס קינד פון דרייצן יאָר האָט מען דעם רב שוין גע־קרוינט מיט די טיטלען „חכם מופלא״ און „תנא״, פרעגט זיך: וואָס האָט ער נישט בלויז געקענט, נאָר איבערגעלעבט? וואָס האָט ער געפילט? וואָס האָט זיין יונגע נשמה געזוכט? צו וואָס האָט אים געצויגן?

ווילן מיר וויסן ניט נאָר וואָס און ווי אַזוי דער רב האָט יונגערהייט געלערנט, נאָר אויך ווי אַזוי ער האָט געלעבט, מוזן מיר זיך באַנוצן מיט אַ ריין־פסיכאָלאָגישן מעטאָד. מיר מוזן אורטיילן פונעם גרויסן רבי שניאור זלמן אויף דעם קליינעם שניאור זלמן...

קענען מיר דעם רבס „תניא״, לערנען מיר ניט נאָר דאָס, וואָס עס שטייט אין די שורות, נאָר אויך דאָס, וואָס עס שטייט צווישן די שורות; באַטראַכטן מיר דעם „תניא״ ניט נאָר אַלס טעאָלאָגישע לערע, ניט נאָר אַלס פילאָזאָפיע, ניט נאָר אַלס מיסטיק, נאָר אויך אַלס שטיק לעבן, קאָנען מיר זיך פאָרשטעלן וואָס אַט דער פייערדיקער מענטש האָט יונגערהייט איבערגעלעבט און איבערגעליטן.

מען קען דערקענען דעם כאַראַקטער פון יעדן יחיד, ווי דעם כאַראַקטער פון אַ פאָלק, לויט די אויסדריקן, וואָס ער האָט אַממייסטן ליב צו באַנוצן אין זיין שפּראַך, לויט די זאַכן, פאַר וועלכע ער האָט מער ווערטער, לויט דער באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט, וואָס ער שענקט געוויסע ענינים.

הערן מיר דעם רב רידן אין זיין „תניא״, ווערן מיר דערשטוינט פון זיין פייער־שפּראַך, פון דעם אייגנאַרטיקן טעמפּאָ, ווי אַזוי די פראַזן ווערן איבערגעחזרט כסדר און דערביי קלינגען זיי יעדעס מאָל ווי נייע. מען רעדט און מען רעדט און מען קען דעם עיקר דאָך ניט אַרויסזאָגן, ווייל ער איז אומזאָגבאַר. האָט מען אַ חוש השמיעה, הערט מען אַמאָל אין אַזאַ אַרט ריידן, ווי דעם רבס, ווי אַ וואולקאַן וואָלט געוואָלט אַרויספלאַצן מיט זיין פייער, נאָר ער האָט קיין אויסגאַנג נישט. אַמאָל ווידער, ווי מען אַטאַ־

קירט אַ שטאַרקן שונא אַמאָל — ווי מען וויל פון טיפסטער פינצטערניש אַרויס צום ליכט און דער וועג איז פאַרשטעלט. אַמאָל ווי אַ קינד רייסט זיך צו זיין פאָטער און דער פאָטער איז ווייט אָן אַ שיעור; אַמאָל, פאַרקערט, ווו דאָס קינד דערזעט דעם פאָטער און עס ווערט שמחה וששון...

אינעם „תניא" איז ניטאָ די געוויינלעכע חסידישע התלהבות. ביים רב, אויב איר ווילט, איז גאָר קיין התלהבות ניטאָ. ביי אים איז דאָ — לײדנשאַפט. דאָ רעדט ניט אַ מענטש פון שטימונגען, נאָר אַ מענטש פון געוואַלדיקסטע לײדנשאַפטן און שטאַרקסטן ווילן. ער גיסט ניט קיין הייס וואַסער, נאָר ער איז טאַקע ממש — אש להבה. רעדט ער פון דביקות, דאַן חזרן זיך איבער אומצאַליק אויסדריקן ווי „חשיקה", „דביקה", „חפיצה", „רשפי אש", „שלהבת־יה", „אהבה רבה", „אהבת עולם", „אהבה בתענונים", „כליון הנפש", „צמאון הנפש", „התאחדות", „התכללות", „מסירת נפש באחד", וכדומה, וכדומה.

וואָס באַווייזט עס?

ווען דער רב איז עלטער געוואָרן האָט ער זיין לײדנשאַפט אַריינגעטאָן אין עבודה. מיט דעם גאַנצן פייער פון דער ליבע, וואָס ער האָט אין זיך פאַרמאָגט, האָט ער זיך איבערגעגעבן דעם געטלעכן „אין", דעם, וואָס האָט ניט קיין נאָמען, דעם, וואָס איז „מובדל באלפי הבדלות לאין קץ", ניט נאָר איבער יעדן באַגריף, נאָר אויך איבער יעדן אָנהאַלט אין די וועלטן; דעם, וואָס אַלע וועלטן באַטרעפן ביי אים גאָרנישט מיט נישט („כולא קמיה כלא ממש חשיבי"), און וואָס אַפילו די העכסטע מדרגה אין רוחניות — חכמה דאצילות — איז לגבי אים פשוטער חומר.

דער „תניא" הייסט „לקוטי אמרים" און אויך „ספרן של בינונים", דאָס הייסט: אַ ספר פון מיטלמעסיקע. ווי איך האָב געהערט פון אַלטע חסידים, האָט דער רב גופא זיך געהאַלטן פאַר אַ „בינוני". הייסט עס, אַז דעם „תניא" האָט ער קודם כל געשריבן פאַר זיך. דער „תניא" איז סוביעקטיוו. דאָס וואָס דער רב זאָגט אין זיין הקדמה צום „תניא", אַז ער האָט דעם ספר נויטיק פאַר זיך און נאָך אַזעלכע, איז געזאָגט געוואָרן ניט פון עניוות: ס'איז דער ריינער אמת... און וואָס זעען מיר אין דעם „תניא"? — אַחוץ רעליגיעז־מיסטישע טיפענישן, טרעפן מיר דאָ כסדר כלערליי המצאות, עצות און מיטלען ווי אַזוי איינצושטילן דעם שטורעם פון האַרצן. נאָר מענטשן, וואָס טראָגן אין זיך אַזאַ שטורעם, מוזן אָנקומען צו אַזעלכע מיטלען...

פון יעדער שורה אין „תניא״ איז צו זען אַ גוואַלדיק גובר זיין זיך אַליין, יסורי גיהנם פון דעם „בשר״ און פון „דם הנמצא בחלל השמאלי שבלב״, איינפאַך: פון דעם טעמפּעראַמענט, און דעם טעם גן־עדן, ווען דער טעמפּעראַמענט ווערט באַהערשט, ווען עס קומט דער איבערבראַך, ווען דער „איך״ מיט אַלע זיינע באַגריפן, באַגערן און ליידנשאַפטן גיט זיך אונטער דער קדושה („אתכפיא״), נאָכמער: ווען דער טעמפּעראַמענט ווערט פאַר־וואַנדלט אין קדושה, ווען די פינצטערניש ווערט פאַרוואַנדלט אין ליכט, ווען דער „דם הנמצא בחלל השמאלי שבלב״ האָט שוין אויך קיין אַנדער באַגער ניט ווי צו לעבן אין גאָט („לבי חלל בקרבי״), ווען די ליידנשאַפטן ווערן געטלעכע ליידנשאַפטן („אתהפכא״).

ס'איז דעריבער קלאָר, אַז איידער אָט דער אינערלעכער איבערבראַך איז פאָרגעקומען, איידער אָט דער פּראָצעס פון „אתכפיא״ און „אתהפכא״ איז פאַרענדיקט געוואָרן, ווען דער רב איז נאָך יונג געווען, האָט ער געליטן פון זיין טעמפּעראַמענט, פון דעם „חלל שמאלי שבלב״. ער האָט אָבער דעם טעמפּעראַמענט נישט נאָר געצוימט, נאָר אויך איבערגעבראָכן — פאַרוואַנדלט דעם שטורעם אין קדושה.

אַמאָליקע ראשי הקהל זיינען געוואוינט געווען, אַז אַלע זאָלן ציטערן און נכנע זיין פאַר זיי; זיי האָבן פאַרלאַנגט, מען זאָל פאַר זיי מורא האָבן ניט נאָר אַ יראת העונש, ווייל זיי זיינען תקיף און קענען שלעכטס טאָן, נאָר מען זאָל פאַר זיי אויך האָבן אַ יראת הרוממות, ווייל זיי זיינען אויך די מיוחסים און די למדנים; זיי האָבן פאַרלאַנגט ליבע צו זיך און זיך באַטראַכט ווי פאַסטעכער פון אָרעמע שעפּעלעך. די ערשטע חסידים האָבן ניט אָפּגעזאָגט זיך פון צו דערפילן אַלע קהלשע התחייבותן, זיי האָבן נושא בעול געווען גלייך מיט אַלע איבעריקע יידן. זיי האָבן אָבער ניט געקענט פאַרהאַלטן זיך צו די דאַמאָלטיקע ראשי הקהל מיט דער יראה און דרך ארץ, וואָס אָט די ראשים האָבן געפאָדערט. זיי האָבן ניט געקענט באַהאַלטן זייער אמת'ע באַציאונג צו זיי.

אַזאַ מין פאַרהעלטעניש האָט אויפגערעגט אַלערליי תקיפים און זיי האָבן זיך פאַראייניקט מיט די תמימים, וואָס האָבן געזען אין די חסידים נאָכ־פאָלגער פון שבתי צבי. צו די תמימים און די תקיפים זיינען צוגעשטאַנען אינטריגאַנטן, ליגנערס און מוסרים. אויב די תמימים זיינען אויסן געווען לשם שמים; אויב די תקיפים האָבן זיך אַליין פאַרטיידיקט, זייער פּאָזיציע, זייער שטעל אין דער געזעלשאַפט; אויב די ערשטע מוז מען מוחל זיין, ווייל זיי האָבן געהאַנדלט ערלעך לויט זייערע השגות, און די צווייטע קען

מען סוף־כּל־סוף אויך פאַרשטיין, — רופט אַרויס טיפע פאַרביטערונג די אַרבעט פון די, וואָס האָבן מיט זייערע שקרים און בלבולים געבראַכט דערצו, אַז מען האָט אַריינגעלייגט אין חרם די שענסטע און בעסטע יידן פון יענער צייט — די נאָכפאָלגער פון בעל־שם־טוב.

פון די חסידישע גדולים האָט צוערשט געליטן פון די רדיפות רבי לוי יצחק. ער איז דאַן רב געווען אין פּינסק און פלעגט דער עיקר זיצן אין מעזריטש. ווען ער פלעגט אָפּפאָרן קיין מעזריטש, פלעגט זיין פאַמיליע אויסשטיין כּל המינים צרות און עינויים פון די מתנגדים. די בריוו וועגן די צרות און עינויים פון רבי לוי יצחקס פאַמיליע פלעגן אַרויסרופן גרויס צער און ווייטיק אין מעזריטש. מען פלעגט די בריוו לייענען פאַר אַלע חברים און אַ טייל פלעגן ביטער וויינען אויף דעם.

די רדיפות זיינען געוואָרן אַלץ שטאַרקער. דאָס האָב און גוטס פון אַ חסיד איז געווען הפקר. מבזה זיין אַ חסיד, אָנטאָן אים כּל־ערליי נגישות און יסורים, האָט מען געהאַלטן פאַר אַ גרויסער מצוה. די חסידים, באַזונדערס אין רייסען, זיינען אָבער אויך ניט געווען קיין שעפּעלעך. זיי האָבן זיך געוועהרט מיט וואָס זיי האָבן נאָר געקענט. געווען צווישן די חסידים אין ליטע און רייסן גאָר גרויסע למדנים און אנשים חשובים, וואָס מיט בלויזן בטול און יסורים־אָנטאָן האָט מען זיי ניט געקענט מנצח זיין. מען האָט געמוזט אַרויסשטעלן קעגן זיי די קראַפט פון תּורה. די מתנגדים זיינען דעריבער געצוואונגען געווען אַרויסצורופן די חסידים אויף אַן עפנטלעכן וויכּוח. דער וויכּוח איז פאַרגעקומען אין שקלאָוו אין יאָר תק״ל. דער מעזריטשער האָט אַרויסגעשיקט צום וויכּוח זיינע תּלמידים, ר׳ שניאור זלמנען און ר׳ אברהם קאַליסקער. ווי די חסידים אַליין דערציילן, האָבן די שלוחים ניט אויף אַלע קשיות געקענט ענטפערן. באַזונדערס איז דער צאָרן אין רייסען שטאַרק געווען אויף די נאָכפאָלגער פון דעם קאַליסקער. זייער רעליגיעזע התפּעלות פלעגט אַריבערגיין אַלע גרענעצן: זיי פלעגן זינגען, טאַנצן, שפּרינגען, קוליען זיך אין די גאַסן. זיי האָבן ניט געוואוסט וואו אַהינצוטאָן זיך פון אינערלעכן ברען, פון דער אינערלעכער קראַפט, וואָס פלעגט זיי טרייבן און יאָגן; זיי האָבן קיין מאָס ניט געהאַט; זיי האָבן זייער בענקשאַפט ניט געקענט איינצוימען אין ראַמען; די כּלי האָט ניט געקענט איינהאַלטן דעם אור; ווען דאָס געטלעכע פייער פלעגט אָנהויבן אין זיי ברענען, פלעגן זיי ניט וויסן אויף וואָסער וועלט זיי זיינען. ר׳ שניאור זלמן, אַ גרויסער מסביר, האָט אַלץ געקענט דערקלערן די מתנגדים און אַלץ פאַרענטפערן. צו וואָס איז אָבער דאָס קוליען זיך אין די גאַסן? — אויף

דעם האָט דער רב קיין תירוץ ניט געהאַט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט דער רב אויפגעוואָרפן רבי אברהמען, וואָס צוליב זיינע, רבי אברהמס חסידים, איז דער צאָרן פון די מתנגדים אַזוי גרויס געווען. מיר פאַרלויפן זיך דעם וועג און דערציילן דאָס, ווייל דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן רב: ער אַליין האָט דאָך אין דער יוגנט געפירט אַ געראַנגל מיטן שטורעם, ביז די שטורמישקייט איז אַ געלייטערטע אַריין אינעווייניק. פון אָט דעם פאַר־זענלעכן נצחון איז שפּעטער אויסגעוואַקסן דער חבדישער גאַנג...

דעם רב האָבן יונגערהייט געפּייניקט אויך געוואַלטיקע ספקות. די אייביקע פראַגן האָבן אים ניט געלאָזט רוען; די אָנגענומענע תירוצים האָבן אים ניט באַפרידיקט. נאָך גאָר יונג האָט ער מיט באַזונדערער ערנסט־קייט און טיפקייט געלערנט די יידיש־פילאָסאָפישע ליטעראַטור פון מיטל־אַלטער. ער האָט אין איר געזוכט דעם אמת, דעם באַשייד, דעם לעצטן ענטפער.

דאָס זעט מען אַרויס ניט נאָר פון דער אומגעוויינלעכער בקיאות אין אַלע ספרי המחקר, וואָס איז צו געפינען אינעם רבס כתבים, נאָר אויך, און איבערהויפּט, פונעם רבס גאַנצן אַרט דענקען, ווען ער באַרירט אַ וואָסער ניט איז מעטאַפיזישע פראַגע.

פאַר דעם מבין איז גענוג זיך צו פאַרטיפן אין דעם רבס „שער היחוד והאמונה", כדי צו איבערצייגן זיך, אַז מען האָט דאָ צו טאָן ניט נאָר מיט אַ טיפן מיסטיקער, נאָר אויך מיט אַ פילאָזאָף אינעם איידלסטן און העכסטן זין פונעם וואָרט. אַזאַ קאָמבינאַציע פון דעם פילאָזאָף מיטן מיסטי־קער ווערט ניט דערוואָרבן דורך נסים און ניט דורך מעיין זיין אין חקירה־ספרים „בשעה שאינה לא יום ולא לילה", נאָר דורך גרינטלעכן, טיפן און סיסטעמאַטישן לערנען פון קינדוויַיז אָן, דורך זייער פיל נאָכדענקען, פאָרשן, זוכן, און, איבערהויפּט, איבערלעבן גרויסע ספקות, שטעלן זיך אַליין פיינלעכע פראַגן...

כדאַי צו באַמערקן דאָ, אַז דער רב האָט יונגערהייט געלערנט ניט נאָר די יידיש־פילאָזאָפישע ספרים, נאָר אויך אַלע איבערזעצונגען וואָס זיינען דאָ אין לשון־קודש פון די גריכישע און איבערהויפּט די אַראַבישע פילאָ־זאָפן, ווי אבן־סנה, אבן־רשד וכדומה.

מען דאַרף אויך וויסן, אַז דער רב האָט שטודירט מאַטעמאַטיק, אַסטראָ־נאָמיע און נאַטור־וויסנשאַפטן אויף וויפיל ער האָט זיי געקענט שעפּן פון די אַלטע יידישע ספרים און פון פאַרשידענע איבערזעצונגען. פאַרשטייט זיך, אַז עפּעס קלאָרס און באַשטימטס האָט ער פון דעם אַלעמען נישט

געקאַנט וויסן. דעם מאַנגל אין מעטאָד און אין ידיעות האָבן ממלא געווען, אין אַ געוויסער מאָס, די געניאַלע אינטואיציע, דער געבוירענער טיפזין, דאָס לײדנשאַפטלעכע פאַרשן און זוכן. דאָך איז אומפאַרמײדלעך געווען, דער רב זאָל ניט פילן וויפיל אים פעלט צום א מ ת ן קענען און וויסן די נאַטור. אַזאַ אַרט לענדען „חכמות" ווי דעם רבס, האָט נישט געקענט זעטיקן דעם דורשט נאָך וויסן, נאָר האָט, פאַרקערט, אַלץ מער פאַרשטאַרקט דעם דאָרשט און די פּיין פון דעם דאָרשט.

וואָס אַנבאַלאַנגט תורה האָט דער רב געוואוסט בוכשטעבלעך — כל התורה כולה. ער האָט געוואוסט יעדן מקצוע שבתורה, פון דעם ראשון שבראשונים ביז דעם אחרון שבאחרונים, יעדע זאַך מיט אַלע פּרטי־פּרטים און דקדוקי־דקדוקים. די געווײנלעכע טיטלען „גאון", „גאון עולם", „המאור הגדול", קענען לגבי אים ניט אַנגעווענדט ווערן, ווייל מיט זיי ווערן היינט באַקרוינט אויך אַזעלכע, וואָס ווייסן ניט אפילו די שיחות חולין פונם רב. דער רב איז געווען העכער פון אָט די אַלע „גאונים" און „מאורים" אויף וויפיל עס איז בכלל גרעסער געניאַליטעט פונעם געוויינ־לעכן שאַרפזין, און אמתדיק וויסן — פון סתם בקיאות. דאָך האָט דער רב יונגערהייט קיין גרויס נחת פון זיין וויסן ניט געשעפּט. עס האָט אים געפּייניקט דער געדאַנק, וואָס בנוגע יעדן דין זיינען דאָ חלוקי־דעות, וואָס וואו מען קערט זיך און וואו מען ווענדט זיך איז — זה אוסר וזה מתיר, אַזוי אַז עס איז אָפּט שווער צו דערגיין אַ טאַלק.

געפּייניקט פון אומאויפערלעכן אינערלעכן קאַמף, פון אַלערליי אינער־לעכע לײדן, פון אייביקע פראַגן, פון אומצאַליקע ספקות, האָט זיך דער רב גענומען לערנען קבלה. דער רב האָט אָנגעהויבן לעבן, ווי עס פאָדערט די קבלה, בקדושה ובטהרה. געדאַוונט אין סדור פונעם של"ה, זיך געפירט אין יעדן פּרט ווי דער של"ה הייסט. טאָג און נאַכט מיחד געווען יחודים, אַרומ־שוועבנדיק אייביק אין די עולמות עליונים, פירנדיק די הימלשע בוכהאַל־טעריע פון אומצאָליקע צרופים און חשבונות פון אותיות. אויך דאָס האָט אים ניט באַפרידיקט. די אַלטע קשיות זיינען ניט פאַרענטפערט געוואָרן. עס זיינען צגעקומען נייע קשיות. וואו נעמט מען ליכט ?...

און דאָ זיינען צוגעקומען אויך ריין־חומר'דיקע זאָרגן און יסורים. צו זעכצן יאָר איז ער דאָך שוין געווען אַ פאַמיליען־פאָטער...

זיין שווער, רי"ל סג"ל פון וויטעבסק, איז געווען זייער רייך. ער האָט אָבער דעם רב פיינט געקראַגן. ער האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם רבס „ווילדקייטן", דעם רבס פייער און דאַווענען, זיינע געשרייען, זיין

ביטער געווין, זיין געזאַנג, זיין פלוצלינגע פרייד, זיין גאַנצע אויסערגע־וויינלעכע לעבעדיקייט. מענטשן קענען קיינמאָל ניט מוחל זיין דעם וואָס דערלויבט זיך צו לעבן „ניט ווי אַלע״...

האָט דער שווער געוואָלט צווינגען זיין טאָכטער זי זאָל זיך גטן מיטן מאַן, מיט „דעם משוגענעם״, ווי ער האָט דעם רב גערופן. האָט אָבער די טאָכטער שטאַרק ליב באַקומען דעם „משוגענעם״ און האָט בשום אופן ניט געוואָלט נעמען קיין גט.

דאָ הויבט זיך אָן אַ סדרה ענויים פאַרן רב. מען פאַרפאָלגט אים אויף שריט און טריט, מען איז אים מבזה מיט כל המינים בזיונות, מען פייניקט אים מיט הונגער און מיט קעלט.

ביינאַכט וויל ער לערנען — גיט מען אים קיין ליכט ניט. נעמט ער אין דער גרויסער קאַלטער ווינטער־נאַכט די גמרא אין האַנט און לערנט פאַר׳ן שיין פון דער לבנה...

דאָס ווייב שטייט לעבן אים, העלפט אים האַלטן די שווערע גמרא, דעקט אים איין, טרייסט אים און זעט ווי איר „משוגענער״ לערנט אונטערן פרייען הימל...

אַזוי ווערט שניאור־זלמן אַלט אַכצן יאָר. ער איז אַ בקי אין ש״ס מיט אַלע ראשונים ואחרונים, איז פול מיט מחקר און קבלה. ער פילט אָבער אַז איינס פעלט אים אַלץ: אַ לעבעדיקער גאָט.

# דער וועג קיין מעזריטש

צוויי וועגן: קיין ווילנע — צום גאון, קיין מעזריטש — צום מגיד. — שניאור־זלמן ריכט־אָפּ גלות. — ר׳ ישראל פּאָלאָצקער. — דער מעזריטשער מגיד און זיין זון, אַברהם דער מלאך. — ביי ר׳ פּנחס קאָרעצער. — וואָס איז אחד. — „קאַליע געוואָרן דער ליטוואַק״. — דער וועג קיין באַר. — די יאָרן צווישן דער היליקער חבריא. — סיסטעמאַטיזירונג און הסברה פון דינים. — חלקים פון רבס שולחן־ערוך, וואָס זיינען פאַרברענט געוואָרן בעת אַ שׂרפה. — דער צמח צדק וועגן מעזריטשער מגיד. — וואָס דער רב דערציילט וועגן מעזריטש. — מופתים אונטער די בענק און רוח־הקודש עמערוויז.

זוכנדיק דעם וועג צו ליכט האָט דער רב דערהערט, ווי אַמאָל זיינע אָבות, דעם אייביקן קול: לך לך מארצך...

לאָזט ער זיך אַוועק אין דער וועלט אַריין, פאַרלאָזט עלטערן, משפחה, און גייט זוכן...

וואוהין גייט מען? צוויי וועגן האָט ער פאַר זיך: קיין ווילנע — צום גאון; קיין מעזריטש — צום מגיד. ביים ערשטן זיינען די שליסלען פון דער תורה, ביים צווייטן — די שליסלען צו דער דביקות אין גאָט, צום פייער אין דאַוונען.

האָט דער רב צו זיך אַזוי געזאָגט: לערנען קען איך, דוכט זיך, נאָר ווי דאַוונט מען — דאָס הויב איך ניט אָן צו וויסן.

גייט ער קיין מעזריטש.

ער גייט אָבער ניט ווי מען גייט געוויינלעך; ער דאַרף נאָך זוכן; ער דאַרף נאָך חוקר ודורש זיין; אויב דער אור איז טאַקע ביים מעזריטשער מגיד, דאַרף מען דאָך קענען מקבל זיין אָט דעם אור. דאַרף מען דאָך פריער זוכה זיין צו דעם; דאַרף מען דאָך פריער זיך לייטערן.

גייט ער אַוועק אָפּריכטן גלות. ווי ריכט מען אָפּ גלות? מען נעמט דאָס זעקל אויפן פּלייצע, דעם שטעקן אין האַנט, מען גייט פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף, וואו מען טאָגט נעכטיקט מען ניט; מען שלאָפט אויף האַרטן שטיין, זומער עסט די היץ, ווינטער — דער פראָסט, מען דערשטיקט דעם חומר, מען פאַסט הפסקות, מען עסט ניט קיין דבר מן החי, מען לעבט נאָר מיט תורה און תפילה, מען פאַרברענגט די טעג און נעכט

אין געבעט צום רבונו של עולם, טרערן גיסן זיך ווי וואַסער, דאָס האַרץ איז אויף שטיקער צעבראָכן, דאָס געמיט איז אין גאַנצן אונטערגעגעבן דער געטלעכער מאַכט, מען האַלט זיך ערגער פון אַלעמען און זינדיקער פון אַלעמען, מען איז מקבל אויף זיך יסורים באהבה, מען ענטפערט ניט אויף באַליידיקונג און זידלעריי, מען לאָזט זיך פון אַלעמען טרעטן און מבזה זיין און מען האָפט דורך דעם אַלעמען ווען ניט איז זוכה צו זיין צו גאָטס חסד.

אַזוי אָפּריכטנדיק גלות גייט ר׳ שניאור זלמן פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט, ביז ער קומט קיין וואָלין, דערשלאָגט זיך קיין מעזריטש און בלייבט לערנען דאָרט.

עס זיינען נאָך דאָ אַנדערע נוסחאות וועגן דעם רבס וועג קיין מעז־ריטש. וויסנדיק אָבער דעם גייסט פון אַמאָליקע זוכער, געדענקענדיק, אַז אויך רבי נחום טשערנאָבילער און אַנדערע גדולים זיינען געקומען קיין מעזריטש בזה האופן, נעם איך אָן די ערשט־געבראַכטע ווערסיע.

פון די איבעריקע נוסחאות איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף דער מסורה, אַז רבי ישראל פּאָלאָצקער, איינער פון די פייערדיקסטע תלמידים פונעם מגיד, האָט געווירקט אויפן רב, ער זאָל פאָרן קיין מעזריטש. דאָס לאָזט זיך הערן. רבי ישראל פּאָלאָצקער איז דאָן אַרומגעפאָרן פאַרשפּרייטן חסידות, אויסזוכן די בעסטע יונגעלייט און זיי איינריידן, זיי זאָלן לאָזן הכל באשר לכל און פאָרן הערן זיין רבינס תורה. פול פייער און גלויבן, לעבן און שאַרפזין, באַוואָפנט מיט גרויסע ידיעות אין תורה און קבלה, פירנדיק אַ הייליקן אָרט לעבן, באַזיצנדיק, קענטיק, אויך גרויסע רעדנער־קראַפט און בכלל די פיאיקייט צו ווירקן אויפן צווייטן, האָט ער אַ סך יונגע לייט אַריינגעבראַכט תחת כנפי החסידות. געווען צו דערמאָנען אַז ער האָט געקאָנט ווירקן אויף אַזאַ סקעפּטיקער ווי **שלמה מימון...**

דער פייערדיקער יונגערמאַן, וועגן וועלכן מימון דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואָס האָט אויף אים, מימונען, געווירקט אינעם גייסט פון חסידות, און האָט אים קיין מעזריטש געשיקט, איז געווען, קענטיק, נישט קיין אַנדערער ווי רבי ישראל פּאָלאָצקער, וואָרעם נאָר ער, אַמאָל מיט רבי אברהם קאַליסקער צוזאַמען און אַמאָל אָן אים, איז דאַן אַרומגעפאָרן פאַר־שפּרייטן חסידות.

אויב דאָס איז אמת, אויב רבי ישראל האָט עס דעם רב באַוואויגן צו גיין קיין מעזריטש, איז עס נאָר צו פאַרשטיין אויף אַזאַ אופן: אָדער רבי ישראל האָט אָנגעטראָפן ר׳ שניאור־זלמנען ערגעץ־וואו אויף זיין גלות־

וועג, אָדער ער האָט אויף אים געווירקט נאָר אינעם זין פון שבירת המדות, ניט אָנווייזנדיק אים בפירוש: אַהין און אַהין זאָלסטו גיין.

קומענדיק צום ערשטן מאָל קיין מעזריטש, אָפּשטעלנדיק זיך דאָרטן ווי איינער פונעם מגידס תלמידים, איז דער רב ניט לאַנג דאָרט געזעסן. עס איז שווער צו באַשטימען גענוי ווי לאַנג ער איז דאָרט דאָס ערשטע מאָל געווען. אַלנפאַלס נישט זייער לאַנג. זאָל זיין די איינציקע סיבה דערצו דאָס וואָס ער האָט, ווי חסידים דערציילן, צוגעזאָגט זיין פרוי, וואָס האָט מיט אים צוזאַמען געליטן, צו זיין אין וועג נישט מער ווי אָנדערהאַלבן יאָר? — דאָס וואָלט געווען צו בעל־הביתיש פאַרן רב און צו קליינלעך פאַר אַן אַמאָליקער יידישער טאַכטער, ובפרט פאַר אַזאַ, וואָס איז געגאַנגען קעגן אירע רייכע עלטערן און האָט געזען דעם זין פון איר לעבן אין דעם מאַנס הויכע דרכים. עס איז אָבער זייער מעגלעך, אַז ר׳ שניאור זלמן איז לכתחילה ניט געווען אין גאַנצן צופרידן מיטן חסידישן שניט. פאַר מימונען איז מעזריטש געווען צו ווייניק פילאָזאָפיש, צו ווייניק חוקריש. פאַר אַזאַ גאון, ווי ר׳ שניאור זלמן איז געווען שוין דעמסטמאָל, איז אפשר מעזריטש אין אָנהויב געווען צו ווייניק לומדיש.

דער מעזריטשער איז אַפילו געווען פאַררעכנט ווי איינער פון די גרעסטע גאונים אין זיין קאַנט. דער רב האָט אָבער די ערשטע צייט געקענט נישט באַמערקן זיין גאונות. פון די אַרומיקע האָט ער אוודאי קיין באַזונדער גאונות נים געקענט באַמערקן. די הייליקע חבריא האָט ניט ליב געהאַט אַרויסצווייזן למדנות. מען האָט דאָס רימען זיך מיט למדנות געהאַלטן פאַר קינדעריי, נאַרישקייט, קליינלעכקייט. מען האָט עס געהאַלטן טאַקע פאַר אַן עברה אויך. צאַצקעט זיך איינער מיט זיין תורה, קלייבט ער הנאה פון אַ ווערטל, פון אַ פשטל, פון אַ דריידל, שטעלט ער אַרויס זיין חריפות און בקיאות, הייסט עס דאָך, אַז ער האַלט זיך פאַר אַ גאַנצן „יש״, אַז ניט די תורה איז ביי אים דער עיקר, נאָר זיין אייגענער איך, אַז ניט ג אָ ט דינט ער, נאָר זיך אַליין.

צווישן די „מעזריטשער״ זיינען געווען אייניקע באמת גרויסע גאונים (ווי, צום ביישפּיל, דער בעל הפלאה, וכדומה). דערויף זיינען זיי דאָך אָבער חסידים געווען, אַז זיי זאָלן פון זיך קיין וועזן נישט מאַכן, אַז זיי זאָלן מבטל זיין זייערע אייגענע רצונות פאַר דעם רצון העליון, אַז זיי זאָלן זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון באַרימעריי און גאוה. דערויף זיינען זיי דאָך אַלע געווען מענטשן וואָס האָבן זייערע מדות אויסגעלייטערט און אויס־

געאיידלט. דערויף זיינען זיי דאָך אַלע געווען די טרעגער פון גאָטס ליכט. דאָרט, וואו עס שיינט דאָס געטלעכע ליכט, דאָרט מוז דעם מענטשנס איך שטיין אָן אַ זייט, ווייל „אין אני והוא יכולים לדור בעולם״...

איידער דער רב איז אָבער געוואָרן אין גאַנצן דורכגענומען פון אָט דעם חסידישן שטייגער, האָט ער געקאָנט מיינען, אַז די מעזריטשער זיינען, פשוט, קנאַפּע בעלי־תורה.

ס׳איז אויך מעגלעך, אַז דער רב איז געווען צוערשט ניט אין גאַנצן צופרידן ווייל דער מעזריטשער מגיד אַליין האָט זיך מיט אים די ערשטע צייט ווייניק אָפּגעגעבן. ר׳ שניאור זלמן איז נאָך דאַן יונג געווען און מען האָט זיך צו אים פאַרהאַלטן, ווי עס פאַרהאַלטן זיך געוויינלעך עלטערע צו אַ יונגנמאַן.

אמת, דער רב האָט דאָרט אַן אויסגעצייכנטן חבר געהאַט, — דעם מגידס זון, רבי אברהם המלאך. דער רב האָט אַזוי שטאַרק חשק געקראָגן צו לערנען מיט רבי אברהמען ביינאַנד, אַז ווען רבי אברהם פלעגט זיך אָפּקערן, פלעגט דער רב איבערדרייען דעם זייגער אויף צוריק, כדי רבי אברהם זאָל מיינען, אַז ס׳איז נאָך פרי און זאָל ווייטער לערנען (דער רב פלעגט אויף דעם זאָגן: מים גנובים ימתקו...). אויך די הייליקע „חבריא״ האָט דעם רב אויף איר שטייגער מקרב געווען. דאָך האָט זיך דער רב געפילט צוערשט עפּעס ניט היימיש מיט אָט די אַלע וואונדערלעכע מענטשן.

פאָרט ער אַהיים. אין דערהיים דערמאָנט ער זיך אין אַלץ וואָס ער האָט געלערנט, געזען און געהערט אין מעזריטש, באַגרייפט ער ערשט, אַז דער חיסרון איז ניט אין די אַלע, וואָס דינען דאָרט גאָט, נאָר אין אים אַליין. ברעכט ער איבער דאָס לעצטע, וואָס איז אין אים געבליבן פון האַלטן זיך פאַר אַ יש, פון למדנישן גרויס־האַלטן־זיך.

און ער פאָרט קיין מעזריטש צום צווייטן מאָל. איצט איז ער שוין גרייט מקבל צו זיין דאָס ליכט מיט אַלע כוחות פון זיין גרויסער, גאָט־פאַרבענקטער נשמה.

בשעת דער רב איז צום צווייטן מאָל אַוועק קיין מעזריטש איז ער אָפּגעטראָטן אין קאָריץ. דאָרט האָט דאַמאָלט געוואוינט דער זיידע פון די סלאַוואוטער קדושים — ר׳ פנחס קאָרעצער. רבי פנחס קאָריצער האָט געלעבט לויטן בעש״טס שניט. וואו ער איז געשטאַנען און געגאַנגען, וואו ער האָט זיך געקערט און געווענדט, ווען ער האָט געדאַוונט, געלערנט, געהאַנדלט, געוואַנדלט, געשמועסט מיט מענטשן, האָט ער רק געזען אותיות פון גאָטס נאָמען. ווי דער בעש״ט, אַזוי האָט אויך רבי פנחס קאָריצער

געהאַלטן, אַז נישט נאָר די תורה באַשטייט דורכאויס פון אויבערשטנס נעמען („התורה כולה — שמותיו של הקדוש ברוך הוא״), נאָר אויך די גאַנצע נאַטור. ווען דער מענטש הערט פייגעלעך זינגען, בוימער ריידן, זעט שטערן פינקלען, גרעזלעך וואַקסן, הערט מיטן אינערלעכן געהער און זעט מיטן אינערלעכן אויג, ווייס וואָס איז באַהאַלטן אין דעם רמז און דעם סוד פון יעדער זאַך, ווייס ווי אַזוי מצרף צו זיין די אַלע געהיימע כוחות צו איין גרויסן איינס — לעבט ער אין גאָט.

ווען דער רב איז געקומען צו רבי פּנחס קאָריצער — דערציילן חסידים — האָט רבי פּנחס צו אים געזאָגט:

— בלייב ביי מיר. איך וועל דיך לערנען שיחת עופות (פויגל־שפּראַך), שיחת דקלים (בוימער־שפּראַך), מעשי בראשית (וועלט־שאַפונג), מעשי מרכבה (די געהיימסטע הנהגה־כוחות). איך וועל דיך לערנען ווי אַזוי אַריינצוגיין אין די אויבערשטע היכלות...

האָט אים דער רב געענטפערט:

— וואָס אַ מענטש דאַרף און מוז וויסן איז נאָר, ווער און וואָס עס איז אחד און יחיד (איינער און איינציקער), און דאָס לערנט מען אין מעזריטש.

ווען דער רב איז געקומען אין מעזריטש האָט אים דער מגיד אָפּגע־מאָסטן מיט אַ דורכדרינגענדיקן בליק פון קאָפּ ביז די פיס און האָט אים אַ זאָג געטאָן:

— קאַליע געוואָרן דער ליטוואַק... דער ליטוואַק איז קאַליע געוואָרן...

ווערט ר׳ שניאור זלמן פאַרציטערט, באַרואיקט אים דער מגיד:

— דו ביסט ניט קאַליע געוואָרן, נאָר דער ליטוואַק אין דיר איז קאַליע געוואָרן*)... דו ביסט אויס ליטוואַק... ביסט שוין פון אַנשי שלומנו...

דעם רב האָט מען שוין דאָס מאָל אַריינגענומען אין דער חברה. מען האָט שוין אויף אים ניט געקוקט, ווי אויף אַ יונגנמאַן, וואָס דאַרף האָבן הדרכה, נאָר ווי אויף איינעם פון די אַלטע און די גרויסע.

דאָך האָט דער מגיד ניט אויפגעהערט צו לערנען דעם רב ווי אַזוי מבטל צו זיין דעם יש. דעם מגיד האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז דער רב האָט נאָך אין זיך עפּעס פונעם פריערדיקן „ליטוואַק״, עפּעס פון דעם לומדישן גרויס־האַלטן זיך...

*) אַמאָל האָט געהערשט אַ געוויסע התנגדות צווישן וואָלינער און רוסישע יידן. די וואָלינער פלעגן האַלטן, אַז די רוסישע גרויסן זיך מיט זייער למדנות און זיינען ניט קיין עכטע בעלי מדות.

דאָס האָט געגעבן חסידים אַ געלעגנהייט צו דערציילן אַזאַ מין מעשה:

דער מעזריטשער האָט אַמאָל צוגערופן דעם רב צו זיך און האָט אים געזאָגט: זלמנקע! גיי טראָג אַוועק אַ נויטיקן ברייוו קיין באַר.

פון מעזריטש (וואָלינער גובערניע) ביז באַר איז אַ מהלך פון אייניקע מייל. האָט זיך דער רב מישב געווען: ווען דער רבי וואָלט געמיינט, אַז איך זאָל דעם ברייוו אָפּשיקן, וואָלט ער דעם ברייוו אָפּגעגעבן זיין משרת. האָט ער מיר דעם ברייוו געגעבן, מיינט ער מסתמא, אַז איך זאָל איהם אַליין אָוועקטראָגן.

גייט דער רב קיין באַר. ווי ער גייט אַרויס פון שטאָט יאָגט אים אָן אַ שלאַקס־רעגן. וויל ער גיין צוריק, האָט ער מורא: אַז דער רבי האָט געזאָגט גיין — מוז מען גיין. גייט ער ווייטער. דער רעגן נעמט דורך זיינעביינער, די בגדים זיינען אויסגעווייקט, די פיס אָפּגעשוואָלן. וויל ער גיין ווייטער — האָט ער קיין כח ניט. דערווייל ווערט נאַכט. שטאָק פינצטער. מען זעט נישט קיין וועג און קיין שטעג. דערשלאָגט ער זיך ווי עס איז צו עפּעס אַ קרעטשמע. גייט ער אַריין אין קרעטשמע, זוכט אויס עפּעס אַ פינצטער ווינקעלע און לייגט זיך דאָרט. אַרעם אָנגעטאָן, מיד, צעבראָכן און געפאַלן ביי זיך, האָט דער רב אויסגעזען ווי אַ בעטלער. דערווייל איז אָנגעפאָרן אַ רייכער סוחר, וואָס איז אויך געווען באַקאַנט פאַר אַ גרויסן למדן. דער סוחר האָט זיך ברייטלעך געזעצט ביים טיש, אַרויסגענומען פון סאַקוואָיאַזש אַ כשר־געמאַכטע הון און געהייסן דעם קרעטשמער אויפקאָכן זי אויף וועטשערע. דערווייל, ביז דאָס עסן וועט פאַרטיק ווערן, האָט דער סוחר זיך געזעצט לערנען. אַ גמרא האָט ער מיט זיך געפירט, אַ רמב״ם האָט ער ביי זיך אויך געהאַט. עפנט ער אויף וואו ער האַלט, לערנט און לערנט און קאָן אין קיין פאַל אויפן ריכטיקן פשט ניט אַרויף. קלערט דער סוחר ביי זיך: איך בין מיד פון וועג. דער קאָפּ איז נישט קלאָר. לאָמיך אַביסל אָפּרוען, וועט עס גיין ווי אַ מזמור. וואָס הייסט? אַ פּראָסט שטיקל גמרא נישט וויסן?

דערווייל איז פאַרטיק געוואָרן דאָס עסן. עסט דער סוחר אָפּ, לעשט אויס דאָס ליכט און לייגט זיך שלאָפן...

דער סוחר האָט געהאַט צו טאָן מיט דער גמרא; אַ בעל־עגלה האָט ער אָבער ביי זיך געהאַט, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט אַנדערע זאַכן. בשעת מען האָט דאָס ליכט פאַרלאָשן האָט דער בעל־עגלה געפּרואווט פאַר־פירן מחזקות מיט דער דינסט. יענע האָט געמאַכט אַ געשריי. איז געוואָרן

אַ בהלה. צינדט אָן דער בעל־עגלה דאָס ליכט און ווייזט אויפן רב: אָט דער בעטלער האָט עס געטאָן — נישט איך!

שלאָגט מען דעם רב אָן רחמנות, מען בינדט אים הענט און פיס און מען לייגט אים אונטערן סוחרס בעט. געשטערט פון שלאָף, זעענדיק, אַז ער וועט זיך שוין ניט אויסרוען, האָט דער סוחר גענומען דעם רמב״ם און געפּרואווט לערנען. דער רמב״ם איז אָבער געגאַנגען נישט בעסער ווי די גמרא. וואָס מער ער לערנט קריכט ער אַלץ מער אַריין און קען נישט אַרויס. וויל ער ווי עס איז אַרויס אויפן וועג, פאַרקריכט ער אין בויבעריק. מאַטערט ער זיך און מאַטערט זיך און הויבט נישט אָן צו פאַרשטיין וואָס דער רמב״ם איז אויסן.

דערווייל ליגט דער רב אונטערן בעט אין געהאַקטע צרות און הערט ווי אַ ייד דראַפּעט זיך אויף די גלייכע ווענט. רופט ער זיך אָן פון אונטערן בעט: ר׳ ייד! וואָס דרייט איר זיך אומזיסט אַ קאָפּ? דער פשט איז אַזוי און אַזוי, גאַנץ פשוט! נישטאָ וואָס צו מאַטערן זיך...

ווערט דעם סוחר ליכטיק אין די אויגן. טאַקע אַזוי. ווערט ער דער־שטוינט זעענדיק פאַר זיך אַ ייד אַ גאון. פרעגט ער: ווי קומט אַזאַ ייד ווי איר צו זיין אַ בעל עבירה?

ענטפערט דער רב: פרעגט אייער בעל־עגלה. צווינגט אים, וועט ער זיך מודה זיין...

נעמט מען זיך שטאַרקער צום בעל־עגלה. לאָזט זיך דער בעל־עגלה ניט לאַנג בעטן און דערציילט הכל אשר לכל.

די קלעפּ מיט די בזיונות זיינען אָבער געבליבן ביים רב. פאַרשטייט דער רב, אַז אייגנטלעך האָט ער שוין נישט וואָס צו טראָגן קיין ברייוו אין באַר. ער כאַפּט זיך, אַז בעצם האָט זיין רבי, דער מעזריטשער, נאָר דאָס געמיינט, דהיינו, אַז ער, דער רב, זאָל דורך דערנידעריקונג דערהויבן ווערן...

קומט דער רב צוריק. זעט אים דער מגיד, לאַכט ער:

— עפּעס גוט זיך אָנגעלערנט? געדענק, מיין קינד, אַ תלמיד חכם מעג אין זיך האָבן אַ שמינית שבשמינית גאוה. מיינער אַ תלמיד דאַרף אָבער אין זיך אַפילו אַ האָר גאוה אויך ניט האָבן... גאָרנישט! קיין ברעקל אויך נישט!

**ריידנדיק וועגן רבי פּנחס קאָריצער האָט דער מגיד געזאָגט צו ר׳ שניאור־זלמנען: רבי פּנחס האָט דיך געוואָלט לערנען שיחת עופות און** שיחת דקלים, און איך וועל דיך לערנען יחודא עלאה און יחודא תתאה.

און לערנט מען „יחודא עלאה״ און „יחודא תתאה״, לעבט מען מיט דעם

און אין דעם, ווי דער מגיד מיטן רב, — קאָן מען דען בלאָזן זיך, מאַכן פון זיך אַ פענדל, אַרומטראָגן זיך מיט זיך, מיט דעם אייגענעם יש?

און איז דעם מענטשנס נאַטור אַזוי שוואַך, אַז כאָטש ער לערנט „יחודא עלאה" און „יחודא תתאה" און כאָטש ער לעבט אין דעם, דאָך פאַרגעסט ער דאָס אַלץ און געדענקט אין זיין עלנטן חומר, — דאַרף מען אים דען נישט אָפּגעוואוינען פון דעם? דאַרף מען דען ניט מכניע זיין מיט גוואַלד דעם נחש, דאַרף מען רען נישט מיט געוואַלד אויסוואָרצלען די אַלע איינ־ריידענישן, גרויסקייטן, פוסטע באַרימערייען?

זעען מיר טאַקע ביים רב אין די לעצטע יאָרן פון זיין זיצן אין מעזריטש אַז אין אים בלייבן ניט אַפילו די מינדסטע שפורן פון למדנישער איינריי־דעניש. נאָך מער: ער איז גלייכצייטיק ממאס אויך חסידישע איינריידענישן, דאָס אַרויסשטעלן זיך ווי אַן אויסנאַם, ווי אַ קדוש, ווי אַ טהור.

אין דער צייט וואָס אַלע תלמידים פונעם מגיד פלעגן אומגיין אין בגדי לבן, פלעגן מרעיש עולם זיין מיט זייערע עבודות און מופתים, פלעגט דער רב דווקא טראָגן געוויינלעכע קליידער, זיך אויפפירן ווי יעדער געוויינלעכער ייד, ריידן ווי יעדער געוויינלעכער מענטש און אין קיין פאַל זיין אייגענעם מהות נישט אַרויסשטעלן.

אין דער צייט וואָס די איבעריקע תלמידים פונעם מגיד פלעגן שוועבן אין די עולמות, גיין איבער היכלות, שאַפן מלאכים, מעלה זיין נשמות, האָט זיך דער רב אָפּגעגעבן מיט גאָר אַן אַנדער מין אַרבעט: אַ שולחן ערוך. ער וועט זען, אַז יעדער דין זאָל דערקלערט ווערן אין ליכט פון זיין צוזאַ־מענהאַנג מיט אַלע איבעריקע דינים פון דער תורה. ער וועט באַלויכטן, דערקלערן, אַריינברענגען שיטה׳דיקייט.

נאָך גאָר אין דער יוגנט האָט דעם רב, ווי שוין געזאָגט, געפייניקט דער געדאַנק, וואָס צוליב מאַנגל אין סדר, צוליב דעם, וואָס די דינים זיינען צעשפּרייט אויף טויזנטער ערטער, איז אָפט שווער צו וויסן, ווי מען זאָל זיך נוהג זיין אין טאָג־טעגלעכן רעליגיעזן לעבן. דער רב האָט דעריבער נאָך אין דער יוגנט אָנגעהויבן שאַפן זיין שולחן ערוך. אָבער ערשט אין מעזריטש איז אָפּגעטאָן געוואָרן די אַרבעט ביז צום גמר.

ווען עס וועלן ביי אונדז ווען ניט איז אויפשטיין פאַרשער פון תורה שבעל פה אין איר גאַנצער ברייטקייט און טיפקייט, ווען אָט די פאַרשער וועלן זיין פריי פון טענדענצן, ווען זיי וועלן אויך אינגאַנצן פריי זיין פון דער אַלטער, איינגעוואָרצלטער משכילישער שנאה צו חסידים, ווען זיי וועלן געניטן גרויס זיין אין תורה, כדי צו קענען אורטיילן וועגן אַזעלכע גראַנדיעזע

ווערק, ווי דעם רבס שולחן ערוך, וועלן זיי געוויס אנערקענען, אַז דער רב האָט געטאָן — כאָטש ער האָט זיין אַרבעט נישט פאַרענדיקט — אין זיין צייט דאָס, וואָס דער רמב"ם האָט געטאָן אין זיין דור און וואָס רבי יוסף קאַרו האָט געטאָן אין זיין דור. די אַרבעט פונעם רב איז נישט געווען קיין גרינגערע. דער רב האָט זיך ניט באַנוגנט בלויז מיטן אויפזוכן, צוזאַ־מענשטעלן, סטיליזירן און מסדר זיין די דינים, ווי דער רמב"ם און ר"י קאַרו, נאָר ער האָט זיך געקליגט, אויסמיידנדיק פלפולים און דרייעניש, אויך מסביר צו זיין יעדן דין; פאַר וואָס איז עס אַזוי און ניט אַנדערש, וואו איז דער שורש פונעם דין, ווי אַזוי אַלע איינצלהייטן שטאַמען פון אָט דעם שורש, ווי אַזוי די סתירות ווערן אויסגעגלייכט, וואָס עס איז דאָס פאַר־עלטעניש צווישן די דינים און מנהגים, און וואָס זיינען די טעמים פון די דינים און מנהגים. אמת, מיר האָבן נאָר דעם רבס „אורח חיים" און אַ קליינעם טייל פון יורה־דעה, אָבער אויך דאָס איז אַ גאונישע אַרבעט.

אגב, לויט ווי אַ טייל חסידים דערציילן, האָט דער רב מחבר געווען ניט נאָר די חלקים, וואָס זיינען דאָ ביי אונדז, נאָר אויך אַלע חלקים, דאָס הייסט: אויסער גאַנץ „אורח חיים" אויך גאַנץ „יורה־דעה", גאַנץ „אבן העזר" און גאַנץ „חושן משפט". די איבעריקע חלקים זיינען אָבער ביים רב פאַרברענט געוואָרן, בעת עס איז פאַרגעקומען אַ גרויסע שרפה ביי אים אין שטאָט. דער רב פלעגט אויף דעם תמיד זאָגן: איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז מען וועט מיך אַזוי שטראָפן, אַזוי שטראָפן...

דעם רבס אַרט לעבן אין מעזריטש איז געווען אַזאַ, אַז ער האָט כלפּי־חוץ געלעבט ווי אַלע אַנדערע יידן. ער האָט אָבער שטאַרק געהאָרעוועט לומדיש —אויף זיין „שולחן ערוך"; אינערלעך — אויף אויסצואָוואָרצלען פון זיך יעדע איינריידעניש, יעדע פאַלשע פאַרשטעלונג, יעדע זאַך וואָס פאַר־שטעלט דעם געטלעכן אור.

און ווייל דער רב האָט אַזוי פיינט געהאַט יעדע אויסערלעכקייט, יעדן עפעקט; ווייל ער האָט ניט ליב געהאַט צו באַשיינען זיין זיצן אין מעזריטש מיט דער קרוין פון קדושה; ווייל ער האָט כל ימיו דערוויטערט זיך און אויסגעמיטן מופתים און דערציילונגען וועגן מופתים; ווייל ער איז אין זיין לעבן און אויפפירונג געווען די איינפאַכקייט אַליין — טאַקע דערפאַר האָט פאַר אונדז אַ באַזונדער ווערט זיין, דעם רבס, שילדערן דאָס לעבן אין מעזריטש...

ווי ווייט דאָס לעבן אין מעזריטש איז געווען הייליק־גרויס, הימל־הויך און אָפּגרונט־טיף, ווי ווייט גייסטער־זעערי און וואונדער זיינען דאָרט געווען

אַ געוויינלעכע זאַך, זעט מען דערפון, וואָס אַפילו דער רב, וואָס האָט אויס־געמיטן אַלערליי גדולות ונפלאות און האָט ניט ליב געהאַט קיין מופתים, האָט פונדעסטוועגן דערציילט וועגן יענעם לעבן חידושימדיקע זאַכן.

אַזוי דערציילט דער „צמח צדק״ (רבי מענדל ליובאַוויטשער, אַן אייניקל פונעם רב, וואָס פלעגט איבערגעבן בוכשטעבלעך דעם רבס תורות און ווערטלעך) אין איין כתב זיינעם (געדרוקט אינעם ספר „דרך אמונה״, דף נ׳), אַז ער האָט געהערט פון זיידן, ווי אַזוי דער מעזריטשער פלעגט מיטן קוק באַגלייטן זיין זון, וואָס האָט געוואוינט אין אַ צווייטער שטאָט: ער פלעגט אים פון מעזריטש באַגלייטן מיט זיינע בליקן ביז יענער פלעגט קומען צו זיך אַהיים און עפענען די טיר...

דער רב האָט אויך געוואוסט צו דערציילן אָט וואָס: ווען דער רבי, נשמתו עדן, פלעגט זאָגן חסידות, האָט דער רוח הקודש אין אים גערעדט און פון דער וועלט איז ער געווען אין גאַנצן אויסגעטאָן. אַמאָל האָב איך דערזען, אַז ער געפינט זיך לגמרי נישט הי. ער האָט שוין מיט אונדזער וועלט ־־־ר נישט צו טאָן. מיטאַמאָל קומט אַראָפּ איינער פון ד אָ ר ט ן, אָנ־געטאָן אין אַ לבוש פון אונדזער עולם, שטייט און רעדט מיטן מגיד. וואָס זיי האָבן גערעדט האָבן מיר נישט געהערט. דער שמועס האָט געדויערט אַ האַלבע שעה. נאָך דעם איז דער ד אָ ר ט י ק ע ר פאַרשוואונדן. יענער איינער איז געווען — דער אר״י הקדוש.

אַזוי האָט אויך דער רב געוואוסט צו זאָגן וועגן יענעם לעבן בכלל:

אַז מיר זיינען געווען אין מעזריטש האָבן זיך דאָרט מופתים געוואַלגערט אונטער די בענק. מיר האָבן קיין צייט נישט געהאַט זיי אויפצוהויבן און רוח הקודש האָבן מיר געשעפּט עמער־ווייז...

אָט דאָס עדות־זאָגן פונעם רב איז פון גאָר באַזונדערער חשיבות טאַקע דערפאַר, וואָס ר׳ שניאור־זלמן האָט, ווי ער זאָגט, קיין צייט נישט געהאַט „אויפצוהויבן״ די מופתים.

# דער „קדושת לוי״, דעם רבס נאָענטסטער חבר

דעם רבס חברשאַפט מיט ר׳ לוי־יצחקן. — אַ פריינדשאַפט, וואָס ציט זיך אַ גאַנץ לעבן. — די דרכים פון דעם „קדושת־לוי״. — ביינונ־סערדצע, זיי זיך מקשר מיטן אויבערשטן שורש. — אַ בן־בית ביי מלאכים. — ער בייזערט זיך אויפן שר־של־עשו. — אַ מענטש פון פייער און פלאַם און אַ גאון בתורה. — ווען דער רב האָט געשיקט אַ „פדיון״ צו ר׳ לוי־יצחקן. — אַבי דעם טלית און תפילין נישט פאַרגעסן. — דעם רבס טרייסט־בריוו. — ר׳ לוי יצחק וועגן דעם רבס „תניא״. — אַזאַ גרויסער גאָט אין אַזאַ קליין ספרל.

צו דער הייליקער חבריא אַרום דעם מעזריטשער מגיד, — די זיילן פון דער נייער גרויסער בעש״ט־באַוועגונג, — האָבן געהערט ר׳ מענדל וויטעבסקער, ר׳ נחום טשערנאָבילער, ר׳ אלימלך ליזשענסקער, ר׳ אבא אנאַפאָלער, ר׳ אברהם קאַליסקער, ר׳ ישראל פּאָלאָצקער, דער קאָזשעניצער מגיד, וכו׳, וכו׳... אָט דאָס זיינען געווען ר׳ שניאור־זלמנס — דעם רבס — חברים. אָפּשטעלן וועלן מיר זיך איצט אויף איינעם פון זיי — אויף דעם בערדיטשעווער.

מיט דעם בערדיטשעווער — רבי לוי יצחק — איז דער רב געווען באַזונדערס פאַרבונדן. רבי לוי יצחק ווערט געשילדערט אין חסידישע ספרים ווי אַ שרף. אין אים און אַרום אים האָט אַלץ געברענט מיט ליבשאַפט צו גאָט און צו פאָלק ישראל. פלעגט ער דאַוונען, פלעגט אַ פחד באַפאַלן. זינדיקע פלעגן תשובה טאָן. ער האָט נישט געוואוסט פון קיין מידקייט ווען ער האָט געדאַרפט גאָט דינען. די ערשטע נאַכט סוכות פלעגט ער בכלל ניט שלאָפן, ניט קענענדיק דערוואַרטן זיך די צייט, ווען ער וועט שוין זוכה זיין צו נעמען דעם אתרוג אין האַנט. מוצאי יום־כפור פלעגט ער שטיין אַ גאַנצע נאַכט אויף די פיס און לערנען מסכתא סוכה. דעם אתרוג, דעם לולב, אַלע תשמישי קדושה פלעגט ער קושן. עס ווערט דערציילט, אַז דערזעענדיק דעם אתרוג אין גלעזערנעם שאַנק, פלעגט ער גלייך אויסציען די האַנט צו אים, ניט באַמערקנדיק ווי ער צעברעכט דאָס גלאָז און צעבלוטיקט זיך די פינגער. בשעת ער פלעגט זיצן אין סוכה פלעגט ער זיין מלא התפּעלות פון דעם וואָס דער מענטש קען ניט נאָר טאָן אַ מצוה, נאָר אויך וואוינען אינעווייניק אין אַ מצוה. זיין דאַוונען איז געווען ווי

אַ קינד רעדט צו אַ פאָטער. די לשון־קדושדיקע ווערטער זיינען פאַר אים נישט גענוג געווען. ער פלעגט מוזן ריידן צו גאָט אויף מאַמע־לשון. צו די לשון־קודשדיקע תפילות פלעגט ער אַליין צוגעבן אויף יידיש גאַנצע טענות־מענות און האַרץ־אויסגיסעניש. דער תוכן פון די אַלע רייד צו גאָט פלעגט זיין: די הייליקייט און גוטסקייט פון פאָלק ישראל, די ליבע פון פאָלק ישראל צו זיין גאָט, ווי אַזוי יעדער ייד איז זיך מוסר־נפש פאַר גאָט, ווי אַזוי אין אַלע חטאים זיינען שולדיק יידישע צרות, טרדות הפרנסה און פאַרשטיינערטקייט פון האַרץ וואָס קומט פון לאַנגע, אומאויפהערלעכע גלות־יסורים.

אַלע ערטער אין תנ״ך, וואו יידן ווערן באַשולדיקט, פלעגט ער איבער־טייטשן אויף זכות, ווי, למשל: הוי גוי חוטא — אַ פאָלק וואָס איז ריין פון זינד*), עם כבד עון — אַ פאָלק, וואָס עס איז אים שווער צו טאָן אַן עבירה, זרע מרעים — קינדער פון גאָטס פריינט, אברהם, יצחק ויעקב; בנים משחיתים — קינדער וואָס פאַרדאַרבן זייער יצר הרע, עזבו את ה׳, נאצו את קדוש ישראל — טאָמער האָבן זיי שוין יאָ פאַרלאָזן גאָט און דער־צאַרנט דעם הייליקן פון ישראל, נזורו אָחור — האָבן זיי באַלד תשובה געטאָן...

דער עולם איז אין שול צו כל נדרי. אַלע אָנגעטאָן אין ווייסן, אַלע הערצער צעבראָכן, אַלע אויגן געווענדט צו גאָט, אַלע חטאים איינע קעגן די אַנדערע — פאַרגעבן. אויף יעדן פנים — דער פחד פון יום הדין און די הייליקייט פון שבת שבתון. טיפע זיפצן, אַ געהיימער שמועס פון נשמה מיט נשמה, אַלע הערצער פאַראייניקט אין איין ליבע, אין איין הכנעה פאַרן רצון העליון און אין איין שטילן, ניט מיט ווערטער אַרויסגעזאָגטן געבעט צו דעם וואָס לעבט אייביק. די וואַקסענע ליכט וואַרפן אַ געהיימע שיין. די שכינה רוט אין די שאָטנס. דער מלך עליון זיצט אויפן כסא משפט. גוטע מלאכים שטייען פון רעכטס און מקטרגים פון לינקס. דער „בעל דבר״ נעמט זיך אויסצורעכענען אַלע חטאים, עונות ופשעים. רבי לוי יצחק פלעגט זיך דענסטמאָל זען ווי דער מליץ יושר און פלעגט אָנהויבן איינטענהן פאַר זיין געליבט פאָלק ישראל. פלעגט ער, ביים אויסרעכענען אַלע גוטע יידישע מדות, דערמאָנען אויך דאָס:

רבונו של עולם! פונקט ווי דו האָסט אונדז געהייסן פאַסטן יום־כפור,

---

*) „חטא״ (מיט אַ פתח אונטערן חית און אַ צירה אונטערן טית) מיינט: רייניקן, און דערפון — דער איבערטייטש.

האָסטו אונדז געהייסן עסן און טרינקען ערב יום־כיפור. ווען דו וואָלסט עמעצן אַנדערש פאַרזאָגט זיך צו פרייען ערב יום כפור אויף וואָס די וועלט שטייט, וואָלסטו כאָטש איין מענטשן געהאַט אין שול? וואָלטן זיי ניט פול געווען אין אַלע שענקען, אין אַלע מיאוסע ערטער, אין אַלע רינשטאָקן? אויף דעם אָרט פון אַ גוי קדוש וואָלסטו דאָך איצט געהאַט אַ מחנה מיט שיכורים...

ווען עס פלעגט קומען אין ראש־השנהדיקן מוסף צו דעם אָרט: „הבן יקיר לי אפרים אם ילד שעשועים", פלעגט ר' לוי יצחק, מורא האָבנדיק, אַז דער עולם וועט ניט גוט באַמערקן וויפיל ליבע און רחמים דאָ ליגט, אָנהויבן דערציילן אַזאַ מין מעשה: אַ מוטער האָט אַן איין־איינציק קינד, איין אויג אין קאָפּ. זי האָט עס ליב מער ווי איר לעבן. דאָס קינד וואַקסט אויס און האָט אויף זיך אַ גוואַלדיק האַרבן משפט. קיינער קען עס נישט ראַטעווען, עס קען נאָר שרייען מיטן גאַנצן האַרצן צום פאָטער, ווייל דער שופט איז אין דערזעלבער צייט — דער טאַטע פונעם קינד...

אַלע תורות פון רבי לוי יצחק (אין זיין ספר „קדושת לוי" און נאָך) ויינען נישט מער ווי אַ פירוש אויף דעם מאמר: „אתם עשיתוני חטיבה אחת בעולם ואף אני אעשה אתכם חטיבה אחת בעולם". די ליבע צו יידן שטייט ביי ר' לוי יצחקן אויף איין אָרט מיט דער ליבע צו גאָט.

„אָסור להסיח דעת מתפילין" טייטשט ער: אַ ייד דאַרף טראַכטן אָדער וועגן ליבע צו גאָט (אונדזערע תפילין — „שמע ישראל", „ואהבת") אָדער וועגן ליבע צו יידן („תפילין דמרי עלמא מאי כתיב בהו? „מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ").

אויף דעם סמך פלעגט ער אַמאָל טענהן צום רבונו של עולם: וועסט דען אויפהערן ליב צו האָבן דיין פאָלק? אויב יאָ, וועסטו דאָך אומגיין אין פסולע תפילין...

בכלל האָט דאָס לעבן און ליבן פון רבי לוי יצחק אַריבערגעשטראָמט אַלע ברעגעס. ווען ער איז געווען אַ גבירישער אידעם, פלעגט ער דווקא אַליין טראָגן די פעקלעך פון די אורחים, וואָס פלעגן קומען צום גביר, וועלנדיק וואָס בעסער מקיים זיין די מצוה פון הכנסת אורחים. ער זיצט אַמאָל ביים רבי ברוך מעזיבוזשער. זעצט ער זיך ביים ברעג טיש, בכדי ניט מצער צו זיין רבי ברוכן מיט זיינע תנועות. ווען עס קומט אָבער צו אַ ברכה אָדער אַ תפילה, פאַרגעסט רבי לוי יצחק אַלץ מיט אַלעמען, וואו ער איז און וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. ער איז שוין נישט ביי זיך, ער איז שוין מיט איין שפרונג אויפן טיש און קיינער וואַגט נישט אים צו שטערן.

ווען ער דאַוונט, הערט מען אים שמועסנדיק מיט מלאכים ווי אַ מין בן־בית זייערער. אַט שטייט ער און טענהט איין: וואָס וועט דער מלאך מיכאל זאָגן? וואָס וועט דער מלאך גבריאל זאָגן? און אַט שטייט ער גאָר און בייזערט זיך אויפן שר של עשו: „איך וועל דיך אָנלערנען". אָפּט זעט מען אים שטייענדיק אין טלית ותפילין און שמועסנדיק מיט אַלערליי עם־הארצים וועגן אַלערליי זאַכענישן, ביסלעכווייז, ביסלעכווייז ציט ער זיי אַריין אין קדושה. אַמאָל לאָזט ער אַט דעם דרך אויך און הויבט אָן ריידן מיט יעדן גראָבן מענטש ווי מיט אַ קדוש. אַזוי באַגעגנט ער אין וואַרשע עפּעס אַ גראָבן מענטשן מיטן נאָמען בינוש און רעדט צו אים: סערדצע, סערדצע, קרוין, קרוין, בינוש מיין ברודער, זיי זיך מקשר אין דעם שורש עליון, שורש כל השרשים, מיט דבקות, אהבה און יראה, וועסטו זען, אַז קיין בעסערע זאַך פון דעם איז נישטאָ. לאָכן אַלע פון דעם, וואָס בינוש מוז דווקא פאַרשטיין וואָס עס הייסט „שורש כל השרשים" וכדומה. רבי לוי יצחק רעכנט זיך אָבער נישט מיט דעם וואָס מען זאָגט...

מיר זעען רבי לוי יצחקן אַרומוואַנדערן פון אָרט צו אָרט, שטענדיק אין טואונג, אין ברען, אין ליבע צו מענטשן. אַט פאָרט ער אַרום זאַמלען געלט פאַר יידן אַרויסגעטריבענע פון די דערפער. אַט לויפט ער ערגעץ מאַכן שלום צווישן לייט; אַט נעמט ער פונאַנדער סכסוכים; אַט טרייסט ער ביטערע הערצער, אַט איז ער מקרב מענטשן צו גאָט מיט גוטע און ווייכע רייד, געדענקענדיק, ווי ער זאָגט, אַז דעם זינדיקן דאַרף מען נאָך מער מקרב זיין ווי דעם צדיק, ווייל דער זינדיקער איז ביי זיך געפאַלן, און דורך דעם, וואָס מען איז אים מקרב, הויבט מען אים אויף. אַן אַנדערש מאָל טענהט ער איין מיט אַ זינדיקן: ווי מקנא בין איך דיר, ברודער! ווען דו טוסט תשובה איז דאָך קיין שיעור נישטאָ צו אַלע דיינע זכיות. ביי תשובה מאהבה ווערן דאָך די פריערדיקע חטאים פאַררעכנט פאַר מצוות...

דער גאַנצער גאַנג פון רבי לוי יצחק איז צום קלאָרסטן אויסגעדריקט אין דעם „גאָט פון אברהם", וואָס ער פלעגט זאָגן מוצאי שבת:

„גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, באַהיט דיין ליב פאָלק ישראל פון אַלעם בייזן אין דיינעם לויב. דער ליבער שבת קודש גייט אַוועק און די וואָך זאָל אונדז קומען צו אמונה שלמה, צו אמונת חכמים, צו אהבת חברים, צו דביקות הבורא ברוך הוא, מאמין צו זיין בשלש עשרה עקרים שלך, ובגאולה קרובה במהרה בימינו ובתחית המתים ובנבואת משה רבינו ע"ה. רבש"ע! דו ביסט דאָך הנותן ליעף כוח, גיב זשע דיינע ליבע יידישע קינ־דערלעך כוח דיך צו לויבן און נאָר דיך צו דינען; די וואָך זאָל אונדז קומען

צו געזונט און צו מזל און צו הצלחה און צו ברכה און צו חסד און צו בני חיי ומזוני לנו ולכל בית ישראל, ונאמר אמן״.

ביי זיין גאַנצן פייער און פלאַם איז רבי לוי יצחק נישט געווען — ווי מען קען מיינען — נאָר אַ מענטש פון געפיל. ער איז געווען אויך איינער פון די גרעסטע גאונים אין זיין צייט. ער איז געווען אַ היפּשע צייט אב״ד אין פינסק, וואו נאָר גרויסע גאונים האָבן אין יענע צייטן געקענט זיין רבנים. אין זיין נאָמען ווערן געבראַכט אויסגעצייכנטע חדושי תורה אין „תוספות חדשים״ אויף משניות און אין אַ סך אַנדערע ספרים. אַלע וואָס האָבן געהאַט מיט אים צו טאָן (אויסער געשוואוירענע שונאים זייגע) רופן זיך אָפּ וועגן אים, אַחוץ ווי וועגן דעם גרויסן צדיק, אויך ווי וועגן אַ גרויסן גאון.

מיט ר׳ לוי יצחקן איז עס ר׳ שניאור־זלמן געווען אַממייסטן נאָענט. שפּעטער האָבן זיי זיך מתחתן געווען. וועגן דער „גרויסער חתונה״ דערציילן חסידים שיינע מעשיות.

בשעת עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רדיפות אויפן רב, האָט דער רב געשיקט אַ פּדיון צו רבי לוי יצחקן. מען האָט דערביי דעם „קדושת־לוי״ דערציילט, אַז דער רב איז זייער צעטראָגן געווען, ווען עס איז אים אויס־געקומען צו אַנטלויפן, והא ראיה, ער האָט מיט זיך גאָרנישט גענומען. האָט רבי לוי יצחק געפרעגט: נו, און דעם טלית און תפילין האָט ער אויך פאַרגעסן? ניין, האָט מען אים געענטפערט, דעם טלית און תפילין האָט ער גראָד יאָ גענומען. אויב אַזוי, האָט געזאָגט רבי לוי יצחק, מאַכט ניט אויס. ער איז נאָר פון דרויסן צעטראָגן און ניט אין פּנימיות...

כל ימיהם פלעגן זיך די צוויי פריינט דורכשרייבן. אין „אגרות הקודש״ איז געדרוקט אַ בריוו פונעם רב צו טרייסטן רבי לוי יצחקן ווען זיין זון, ר׳ מאיר, איז נפטר געוואָרן. אין יעדער צייט און ביי יעדער געלעגנהייט פלעגן זיי אַרויסווייזן גרויס ליבשאַפט איינער צום צווייטן. בשעת רב אברהם קאַליסקער האָט געקריגט אויפן רב, האָט רבי לוי יצחק פאַרטיידיקט דעם רב מיט זיין גאַנצן כח און פייער.

און ווען מען האָט געבראַכט צו־ערשט דעם רבס „תניא״ צו רבי לוי יצחקן, האָט ער געזאָגט: „ס׳איז דאָך אַ קונץ אַריינצושטעלן אַזאַ גרויסן גאָט אין אַזאַ קליין ספרל״...

# דער מעזריטשער מגיד, דעם רבס וועגווייזער

דער גרויסער רבי פון אַ גרויסן תלמיד. — ר׳ יעקב־יוסף פון פּולנאָה און דער מגיד פון מעזריטש. — דער מעזריטשער ווי דער יורש פון בעל־שם־טוב. — מיט מלאכים אַ ברודער, פּאָר נשמות אַ גואל. — דעם מגידס זעער־קראַפט. — „איך בין איצט געווען אין פראַנקפורט״. — תורה אויף „ונפש כי תחטא״ און אַ קשיא. — די גרעאַטעוועטע נשמה. — וואָס שלמה מיימון דערציילט. — שבתביים מעזריטשערס טיש. — אַ מענטשנס לעבן אין אַ פּסוק. — די הדרכה, וואָס דער מגיד האָט געגעבן ר׳ זושאַן. — מלכותא־דרקיעא און מלכותא־דאַרעא.

ווילן מיר קענען דעם תלמיד מוזן מיר קענען זיין רבין. עס קען טרעפן, אַז דער תלמיד זאָל זען ווייטער ווי זיין רבי. ווען דער רבי וואָלט אים אָבער די אויגן ניט געעפנט, וואָלט ער גאָר נישט געזען. עס זאָגט דער לערער צום תלמיד: ווען איך וואָלט דעם שאַרבן ניט אויפגעהויבן, וואָלטסטו אונטער אים קיין פּערל נישט געפונען...

זייער מעגלעך, אַז דער רב איז אין אַ סך פּרטים אַוועק ווייטער פונעם מעזריטשער; מעגלעך, אַז דעם רבס אויג האָט ווייטער געזען און זיין גייסט האָט טיפער באַנומען... ווען דער מעזריטשער וואָלט אָבער ניט געגעבן דעם רב די מעגלעכקייט צו דערזען די פּערל — ווער ווייסט צי דער בעל התניא וואָלט געוואָרן דאָס, וואָס ער איז געווען?

***

דער בעש״ט האָט געהאַט אַ סך חברים, תלמידים, חסידים און נאָכפאָלגער. צוויי גדולים זיינען אים אָבער נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט, האָבן איבערגענומען אַלע זיינע תורות, אַלע געדאַנקען, ווערטלעך, פּירושים, מנהגים. דער ערשטער פון די צוויי גדולים איז געווען — רבי יעקב יוסף הכהן, דער מחבר פון „תולדות יעקב יוסף״, „צפנת פענח״ און נאָך ספרים. דער צווייטער איז געווען — דער מעזריטשער מגיד. דער ערשטער איז אַ צייט מיט יאָרן נאָכגעגאַנגען דעם בעש״ט און האָט פון אים אַלץ איבערגענומען; דער צווייטער איז ביים בעש״ט געווען פאַרהעלטנישמעסיק אַ קליינע צייט. דאָך האָט ער פאַר דער קליינער צייט באַוויזן צו כאַפּן דעם בעש״טס שניט בעסער פונעם ערשטן. אומזיסט מיינען אייניקע היסטאָריקער, אַז דער „תולדות״ איז געווען גרעסער פאַרן מעזריטשער. אַ טעות! דער „תולדות״ האָט מער געלערנט ביים בעש״ט. דעם בעש״טס תורות

האָט ער אויסגעמישט מיט אייגענע למדנישע איינפאַלן, פּשטלעך און דרושים. דעם בעש״טס חסידות האָט אָבער דער מעזריטשער, כאָטש ער האָט מיטן בעש״ט ווייניקער פאַרקערט, אַ סך ברייטער, טיפער און אמתדיקער תופס געווען. ער איז אויך ווי אַ זעער, פּירער, אויפטוער, וואונדער־מענטש נענטער געווען צום בעש״ט ווי רבי יעקב יוסף. דער „תולדות״ האָט באַנומען דעם בעש״ט דער עיקר ווי אַ למדן און טעאָלאָג. דער מעזריטשער אָבער — ווי אַ מיסטיקער און מעטאַפיזיקער.

דעם „תולדות״ פעלט באמת דער פילאָזאָפישער שניט. ער כאַפּט נאָר אַ ווערטל, אַ טייטש, אַ בליץ, אַ קורצן שאַרפן געדאַנק פון בעש״ט, וועלכן ער נעמט ווי אַ הקדמה צו בויען אויף אים אַ גרויסן דרוש. דער „תולדות״ איז דער עיקר אַ דרשן. דער חלוק פון אים ביז אַנדערע דרשנים איז אין דעם, וואָס אַנדערע דרשנים נעמען צו זייערע דרושים הקדמות פון עקידה, אלשיך, של״ה וכדומה, בעת ער, דער „תולדות״, נעמט ווי הקדמות צו זיינע דרושים די ווערטלעך פונעם בעש״ט. זעלטן איז דער „תולדות״ אויסן צו דערקלערן, צו פאַרברייטערן און פאַרטיפן די אידייען פונעם בעל־שם. ער נעמט זיי ווי זיי זיינען. דער מעזריטשער, אָבער, האָט מיט דרוש גאָר נישט צו טאָן. ער איז אויסן דער עיקר דעם בעש״טס אידייען צו באַגרינדן. ער זוכט פאַר זיי אַ מקור אינעם מענטשנס גייסט. ער זוכט דעם צונויפבונד, דעם צוזאַמענהאַנג צווישן די פאַרשידנסטע געדאַנקען פונעם בעש״ט. ער, און ניט דער „תולדות״, האָט דעם בעש״טס חסידות סיסטעמאַטיזירט. ער האָט אויך געשאַפן פילאָזאָפישע טערמינען פאַר׳ן בעש״טס חסידות. אַזוי אַרום האָט ער פאַרוואַנדלט גרונט־אידייען און מיסטישע איבערלעבונגען אין אַ שטרענג־אויסגעהאַלטענער רעליגיעזער פילאָזאָפיע. קיין דרושים האָט דער מעזריטשער ניט פאַרפאַסט. ער האָט נאָר אַנטוויקלט פאַרשידענע געדאַנקען און האָט זיי צוגעטשעפּעט צו די אָדער יענע פסוקים.

אַזוי ווי דער מעזריטשער איז געווען דער אמתער יורש פון בעש״טס תורה, אַזוי איז ער אויך געווען דער אמתער יורש פון בעש״טס אינערלעכער וועלט. געוויס האָט רבי יעקב יוסף (דער „תולדות״) אויך זייער פיל געירשנט פון דעם בעש״טס אינערלעכער וועלט. ווי אַ ריין־עטישע פּערזענלעכקייט איז רבי יעקב יוסף אפשר גרעסער געווען פאַרן מעזריטשער. ווי אַ פּאָעטיש־מיסטישע פּערזענלעכקייט איז אָבער דער מעזריטשער שענער און רייכער געווען. ער האָט געהאַט דעם בעש״טס גרויסן סטיל. ווי דער בעש״ט האָט ער זיך אויך אומגעוואָרפן מיט וועלטן, מיט מלאכים איז ער געווען ברודער, פאַר נשמות — אַ גואל, מיט משיחן אַליין — אַ מקורב...

ער האָט געכאַפּט דעם בעש״טס הויפּט־שטריך — דאָס זען. אַלע מעשיות, וואָס ווערן וועגן דעם מעזריטשער דערציילט, באַשטעטיקן די שאַרפקייט און די ווייטקייט פונעם מגידס ראיה.

שוין פון די מעשיות, וואָס דער רב פלעגט דערציילן וועגן זיין רבין, איז אַרויסצוזען ווי גרויס עס איז געווען די זעאונג־קראַפט פונעם מעזריטשער. דאָס נעמלעכע איז צו זען אויך פון אַנדערע מעשיות, וואָס ווערן וועגן דעם מעזריטשער דערציילט. עס ווערט אין זיי נישט דערציילט וועגן קונצן, וואָס דער מגיד זאָל האָבן באַוויזן מיט זיינע תפילות, וועגן רפואות און סגולות, וועגן איבערראַשנדיקע געשעענישן, נאָר ס׳ווערט דער־ציילט אין זיי, ווי ווייט דעם מעזריטשערס בליק פלעגט דורכדרינגען מענטשן און זאַכן, ווי אַזוי קיין שום קערפּער האָט זיין ראיה ניט געקאָנט פאַר־שטעלן, ווי אַזוי דאָס ווייטע איז פאַר אים נאָענט געווען, דאָס טונקעלע — קלאָר, דאָס פאַרהוילענע — אויפגעדעקט.

אַזוי ווערט דערציילט, אַז רב מענדעלי פּרעמישלאַנער פלעגט אַרומ־פאָרן איבער דער וועלט ווי אַ נסתר. קיינער האָט ניט געוואוסט ווער און וואָס ער איז. כדי וואָס מער זיך פאַרבאַהאַלטן פון נייגעריקע און חסידים, האָט ער אויך זיין נאָמען געענדערט. אַ משמש האָט ער געהאַט, וועלכער פלעגט אים נאָכפאָרן און פלעגט אים תמיד רופן: „רבי ברוך״, „רבי ברוך״. ווען דער פּרעמישלאַנער איז, אָבער, געקומען צום מעזריטשער און איינער דעם צווייטן האָט ניט געקענט — האָט אים דער מעזריטשער גלייך אויסגעשטרעקט די האַנט: „שלום עליכם, רבי מענדל פּרעמישלאַנער!״ רופט זיך אָן דער משמש: „מיין רבי הייסט ברוך״. ענטפערט דער מגיד: „שאַדט נישט, שאַדט נישט — ׳גם ברוך יהיה׳.״

אַזוי ווערט אויך דערציילט, אַז ווען דער בעל הפלאה האָט געזאָלט ווערן רב אין פראַנקפורט, האָט ער זיך עפּעס געשראָקן פאַר דייטשלאַנד. ווער ווייס? אפשר איז מען דאָרט ניט גענוג פרום. זיינען דעם מגידס אויגן געוואָרן עפּעס משונהדיק גרויס, האָבן געקוקט ווילד. צוויי שעה נאָכאַנאַנד איז ער אַזוי געווען פאַרגאַפט, ביז ער האָט לסוף די אויגן אַראָפּגעלאָזט און אַ זאָג געטאָן צום בעל הפלאה: איך בין איצט געווען אין פראַנקפורט, האָב דורכגעקוקט איטלעך הויז און האָב דאָרט קיין שלעכטס, חלילה, ניט געזען. מעגסט פאָרן.

דער מעזריטשער פלעגט טיילמאָל זאָגן זיינע באַזוכער וואָס זיי ווילן אים פרעגן. ער פלעגט, הייסט עס, נישט דאַרפן וואַרטן ביז די באַזוכער וועלן אים אויסדערציילן זייער ביטער האַרץ, נאָר ער פלעגט גלייך וויסן,

וואָס זיי פעלט, אויף וואָס זיי זיינען געקומען זיך באַקלאָגן, וואָס זיי ווילן פון אים. אַזוי, למשל, ווען די ברידער, רבי שמעלקי און רבי פנחס זיינען געקומען פרעגן ביי אים וועגן זייער רבנות, האָט ער זיי גלייך ביי דער טיר געזאָגט: „דער ניקלשפּורגער רב זאָל פריער אַריין אין טיר, וואָרעם ער איז דער עלטערער". דערמיט האָט ער אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס די ברידער האָבן אים געוואָלט פרעגן (ווער פון זיי עס זאָל ווערן רב אין ניקלשפּורג און ווער אין פראַנקפורט). ס'האָט געהייסן, אַז דער עלטערער, רבי שמעלקי, דאַרף ווערן רב אין ניקלשפּורג.

אַמאָל — דערציילן חסידים — האָט דער מגיד שפּעט ביינאַכט זיך אָנגעטאָן אין וויסן, גענומען אַרומשפּרייזן איבערן שטוב הין און צוריק, אָן אויפהער, דערביי נישט אויפגעהערט צו וויינען און צו קלאָגן: ווי... ווי... ונפש כי תחטא... ווי קומט אַ נפש זאָל זינדיקן? ווי, ווי... אַ נפש, סטייטש? אַ נפש... אַ נפש איז דאָך אַ חלק אלוק ממעל... ווי אַזוי קען אַ חלק אלוק זינדיקן?...

אַ נאַכט שפּעטער. דער מגיד שטייט אויף פון אָרט. לויפט אום צע־טראָגן, ברעכט די הענט, שרייט ווידער: „ונפש כי תחטא"... זאָגט אויף דעם תורה. די קשיא בלייבט אָבער אַ קשיא: ווי קומט אַ געטלעכער ניצוץ צו זינד?

איבערמאָרגן, ווידער אין דערזעלבער צייט, ווידער די זעלבע תורה. די קשיא פרעגט אַפילו דער זוהר הקדוש... וואו איז אָבער דער תירוץ?...

די פערטע נאַכט. דער מגיד שטייט אויף פון אָרט מיט נאָך מער קראַפט. הויבט אָן נאָך שטאַרקער צו טענהן. פון זיינע קולות און יללות ווערן די תלמידים צעשראָקן. אין פענצטער קלאַפּט דער ווינט. פון מינוט צו מינוט ווערט דער ווינט שטאַרקער. ער רייסט די דעכער, ברעכט די לאָדן. אויפאַמאָל הערט מען ווי עפּעס אַ שווערע זאַך איז געפאַלן ביי דער טיר.

ווערט די טיר אויפגעעפנט און אין שטוב פאַלט אַריין אַ יונגער מענטש טויט־בלאַס, קען קוים אַ וואָרט אַרויסברענגען פון מויל. דערקענט מען אין אים אַ זון פון אַן אלמנה, וואָס וואוינט ניט ווייט פונעם מגיד, אַ גרויסער עלוי. ס'האָט זיך ביי אים עפּעס פאַרדרייט אין מוח און ער איז געלאָפן שמדן זיך...

פרעגט מען אים:

— ווי קומסטו אַהער?

דערציילט ער:

„ווען איך בין געקומען צום גלח און האָב אים געזאָגט, אַז איך וויל

מיך שמדן, האָט מען מיך פאַרשלאָסן אין אַ באַזונדער צעל. מען האָט מורא געהאַט איך זאָל ניט אַמאָל חרטה האָבן. איך האָב וועגן קיין זאַך ניט געטראַכט. איינמאָל שפּעט אין דער נאַכט פאַלט מיר אַריין אַ הרהור תשובה: רשע! ׳וואָס טוסטו? ווי גייסטו עפּעס כופר זיין באלקי ישראל?״ איך האָב באַלד געוואָלט אַנטלויפן. איז אָבער די טיר געווען פעסט צוגע־שלאָסן. איך שריי, איך וויין, איך רייס די האָר פון קאָפּ — אין קול ואין עונה. בלייב איך ווי צוגעשמידט צום אָרט ביז מאָרגן. אויף מאָרגן, אין דער זעלבער צייט, קען איך שוין ניט אויסהאַלטן: ווי אַנטלויפט מען פון דאַנען. די ווענט פון קלויסטער זיינען דיק. די טיר איז מיט שווערע שלעסער פאַרריגלט. אויבן די פענצטער עפענען זיך אַפילו. ווי שפּרינגט מען אָבער אַראָפּ? עס איז זייער הויך. ווען איך שפּרינג אַראָפּ, באַקום איך ריסוק אברים. האָב איך מורא...

„אויף איבערמאָרגן ביינאַכט, ווידער אין דער זעלבער צייט, וויל איך לאָזן אַלץ מיט אַנ׳אַנדער און לויפן. איך קען אָבער ניט. די פענצטער זיינען זייער הויך.

„היינט ביינאַכט, אָט דאָ ניט לאַנג, איז מיר ווידער אַריינגעקומען דער הרהור תשובה און איך האָב שוין ניט געקענט אויסהאַלטן. האָב איך צו זיך אַזוי געזאָגט: שפּרינג פון פענצטער. וואָס גאָט וועט געבן דאָס וועט זיין. וועסטו געהרגעט ווערן — זאָל דיין טויט זיין אַ כפרה אויף דיין זינד. האָסטו געקענט טראַכטן כופר צו זיין, מעגסטו שטאַרבן...

„און אָט בין איך פון קלויסטער געקומען. איך בין נישט געניזוקט גע־וואָרן. דער שטורעמווינט האָט מיך אַהער צו דער טיר געבראַכט. רבי, בעט אויף מיר רחמים״...

אויך שלמה מימון, דער גרעסטער סקעפּטיקער פון זיין צייט, דער זעלבער מימון, וואָס האָט ניט געקענט סובל זיין די מעזריטשער תלמידים, דער, וואָס האָט דווקא געזוכט שאָטן־זייטן אין מעזריטש, אויך ער ווייס פונדעסטוועגן צו דערציילן וועגן געהיימע כוחות וואָס דער מגיד האָט געהאַט, וועגן זיין וואונדערלעכן בליק, וועגן זיין מערקווירדיקן אויסזען, וועגן זיין אינערלעכער מאַכט, וועגן זיין הערשער־קראַפט, וועגן זיין השפּעה אויף מענטשן, און דער עיקר, וועגן זיין ז ע ן. ער פלעגט זען מענטשן דורך און דורך. קיינער האָט פון אים נישט געקענט באַהאַלטן עפּעס. ער האָט געוואוסט, דער מעזריטשער, וואָס יעדן איינעם פרעסט אויף דער נשמה, זיינע זינד און מעשים טובים, און מיט וואָס מען קען יענעם אַרויפ־פירן אויפן ריכטיקן וועג.

אַזוי דערציילט מימון ווי אַ פאַקט, אַז שבת ביים טיש פלעגט ביים מעזריטשער זיצן אַ גרויסער עולם, דורכאויס אורחים, מענטשן וועלכע ער האָט ניט געקענט און נישט געוואוסט — און דער מגיד פלעגט יעדן איינ־ציקן דורכמעסטן מיטן בליק און אים הייסן זאָגן אַ פסוק. דערנאָך פלעגט דער מגיד זאָגן תורה און אין דער תורה פלעגן זיין אויסגעמישט די פסוקים פון אַלע אורחים. יעדער איינציקער פון די אורחים, ווען עס פלעגט קומען צו זיין פסוק, פלעגט דערשטוינט ווערן הערנדיק ווי דער מגיד רעדט־אַרום פאַרשטעלטערהייט דאָס גאַנצע לעבן זיינס, זיינע חטאים, זיינע גוטע מידות, וואָס ער איז געקומען פרעגן, וואָס ער האָט צו טאָן.

דער מגיד האָט זיך בכלל אויסגעצייכנט מיט זיין קענען אַלערליי מעגלעכסטע האַנדלונגען פון מענטשן, מענטשלעכע שוואַכקייטן, מענטשלעכע אייגנשאַפטן, דעם אופן דענקען פון מענטשן בכלל און פון יעדער קאַטעגאָריע באַזונדער. דורך דעם צייכענען זיך זיינע ווערטלעך אויס מיט זייער שאַרפקייט און בולטקייט. אין זיינס אַ ווערטל איז דאָ שטענדיק אי אַן אָריגינעלער געדאַנק, אי אַ קלאָר בילד.

אַזוי זאָגט ער, למשל:

„ווען מען דאַרף אַ פונק זוכט מען אים אין אַש. ווען דער מענטש וויל געפינען זיין געטלעכן פונק, דאַרף ער אויך זוכן אין אַש: ער דאַרף קודם כל וויסן, אַז ער איז עפר ואפר...“

אָדער:

„פאַראַן אַ גנב, וואָס קומט מיט שליסלען און אַרבעט אַזוי לאַנג ביז ער עפנט דעם שלאָס. פאַראַן אָבער אַ גנב, וואָס מאַכט עס איינס און צוויי: ער קומט מיט אַן אייזן און צעברעכט דעם שלאָס. אַזוי זיינען דאָ אויך צווייערליי צדיקים: איינער קומט מיט כוונות און קונצן ביז ער פועלט עפעס, דער צווייטער צעברעכט זיין האַרץ פאַר גאָט — און אַ סוף!“

אָדער:

„ערגעץ וואו, ווייט פון אַ מענטשנס פעלדער, איז דאָ אַ קוואַל. וויל דער מענטש זיינע פעלדער פונעם קוואַל אַנטרינקען, גראָבט ער אַ קאַנאַל. דער קאַנאַל מוז מיטן קוואַל פאַראייניקט זיין, אַז נישט וועט ער קיין וואַסער ניט האָבן. דער קאַנאַל מוז אויך ריין זיין. קיין זאַך טאָר ניט שטערן דעם צושטראָם פונעם קוואַל צו די פעלדער. ווערט איין אָרט פאַרשטאָפּט, פאַרהאַלטן, — שטעלט זיך אָפּ דער צושטראָם. ווערט ערגעץ אַ שפּאַלט, — גייט אַוועק דאָס וואַסער ווער ווייסט וואוהין. דער אויבערשטער קוואַל איז —

די אלקות. דער קאַנאַל — דער מענטש. דורך אים גייט די השפעה אין אַלע וועלטן. דער מענטש מוז זיין מיט גאָט פאַראייניקט, גאַנץ און ריין, אָן פניות, אָן פגימות, אָן שפּאַלטן. אַז נישט ווערט אַלץ פוסט און וויסט, מחמת די השפעה גייט לאיבוד...״

אָדער אַזאַ מין הדרכה, וואָס דער מגיד האָט געגעבן רב זישע אַנאַפּאָלער:

לערן דריי זאַכן פון אַ קינד און זיבן — פון אַ גנב.

פון אַ קינד:

עס איז שטענדיק פריילעך.

עס זיצט קיין רגע ניט ליידיק.

ווען אים פעלט עפּעס — וויינט עס...

פון אַ גנב:

זיין עבודה איז ביינאַכט.

דערגרייכט ער ניט זיין וואונטש אין איין נאַכט, פּרואווט ער דערגרייכן דאָס זייניקע אַ צווייטע נאַכט.

די גנבים האַלטן זיך צוזאַמען.

**דער גנב איז זיך מוסר נפש צוליב יעדער קלייניקייט.**

**כאָטש ער האָט זיך מוסר נפש געווען צוליב עפּעס אַ קלייניקייט, באַ־ טרעפט עס ביי אים ווי גאָר נישט; ער גיט עס דערנאָך אַוועק פאַר גאָרנישט...**

ער באַקומט קלעפּ, ווערט געפּייניקט, און דאָך האַלט ער זיך ביים זייניקן:

**„איך וויס ניט פון וואָס צו זאָגן״...**

**זיין מלאכה געפעלט אים און ער פאַרבייט זי ניט אויף קיין שום אַנדער זאַך אין דער וועלט.**

***

באַטראַכט גוט דאָס ווערטל, האָט איר פאַר זיך אַן אויסגעצייכנט בילד פון אַ גנב און אין דער זעלבער צייט — אַ טיפּזיניקן משל. נאַכט אין נאַכט זוכט דער הייליקער זיין גאָט. ער איז פול ליבע, ער איז גרייט יעדע ווילע אויף מסירות נפש, ער מאַכט פון קיין זאַך קיין וועזן ניט, דאָס וואָס ער האָט דערוואָרבן באַטרעפט ביי אים גאָרנישט, ווייניקער פון אַלע אַנדערע האַלט ער פון זיין צדקות און מעשים טובים. ער איז ווי אַ קינד, איז שטענדיק לעבעדיק, עוסק אין עבודה, און אַז ער וויינט, בלייבט ער אין עצבות ניט שטעקן. ער באַקומט קלעפּ און טוט ווידער דאָס אייגענע, הערט דאָס שפּאָטן און לאַכן פון אַנדערע — און גייט זיך זיין וועג.

ר׳ דוב־בער האָט, ווי מיר זעען, געקענט סיי די הימלען, סיי די ערד. ער האָט געקענט „מלכותא דרקיעא״ און „מלכותא דארעא״.

אָט דאָס איז געווען דער מגיד פון מעזריטש, דער גרויסער תלמיד פון דעם גרויסן רבין (דעם בע״שט) און דער גרויסער רבי פון דעם גרויסן תלמיד — ר׳ שניאור־זלמן.

# די הייליקע חבריא

צווי שילדערונגען פון דער הייליקער חבריא. — לויטערע מחשבה און מסירת־נפשדיקע תפילה. — געוויין אויף גלות־השכינה. — ווי אַזוי זיי האָבן געלערנט גמרא. — תנאים, באַגאַסן מיט די שטראַלן פון דער מרכבה עליונה. — נסים־ונפלאות, וואָס געשעען נאָכן לערנען. — מצוות און מעשים־טובים. — תיקון־חצות. — „עס לייכט אין זייער האַרצן די גרויסע ליבע אַזוי, אַז דאָס ליכט איז צו זען אויף די פּנימער זייערע“. — זייער צוזאַמענלעבן. — דאָס מתוודה־זיין זיך איינער פאַרן צווייטן. — גאָטס נאָמען אייביק פאַר די אויגן.

צום בעסטן ווערט די הייליקע חבריא אַרום דעם מגיד געשילדערט דורך רבי אלימלך ליזענסקער, דורך זיין זון רבי אליעזר און דורך זיין חסיד ר' זכריה מענדל. די לעצטע צווי האָבן אין בריוו געשילדערט די הייליקע חבריא לויט ווי זיי האָבן געהערט פון דעם ליזעשנסקער און לויט ווי זיי האָבן אַליין זיך צוגעקוקט צו איר.

אָט אַזוי שילדערט זי רבי אליעזר:

„דאָס וואָס מען זעט פון זיי אין חצוניות, איז אַ טראָפּן פון ים לגבי דעם, וואָס מען זעט פון זיי אין פּנימיות. זיי היטן זיך פון יעדער חיצוניות בכדי ניט צו פאַראומרייניקן זייערע הייליקע מחשבות. דעם אר״יס כתבים זיינען אין זייערע הענט אַ שליסל צום עפענען די קוואַלן פון חכמה. כאָטש זיי ריידן מיט מענטשן, איז זייער געדאַנק אַריינגעטאָן נאָר אין גאָטס הער־לעכקייט. בשעת זיי לערנען די הייליקע גמרא, ברענט ממש אַ פייער אין זיי, מחמת גרויס ליבשאַפט און קדושה. קיין מאָל גייט ביי זיי ניט דורך די האַלבע נאַכט אין שלאָפן. שטענדיק קלאָגן זיי אויף דעם גלות השכינה און אויף יידישע צרות. אויף דעם זיינען זיי שטענדיק מתפלל במסירת נפש“.

„קיינמאָל נעכטיקט ביי זיי ניט קיין געלט. דאָס, וואָס זיי האָבן, צי מען גיט זיי, צעטיילן זיי צווישן אָרעמע־לייט. זיי מאַכן חתונה אָרעמע מייד־לעך, גיבן געלט אויף פּדיון שבוים און זיינען מחזק לומדי תורה“.

נאָך שטאַרקער שרייבט וועגן זיי ר' זכריה מענדל:

„פריער ווי אַלץ קלערן זיי ווי אַזוי מקיים צו זיין דעם רצון פון גאָט מיטן גאַנצן האַרצן, אָן שום צומיש פון אייגענער הנאה, אָן שום גאווה און אָן שום אויפהויבן זיך איבער וועמען ניט איז. שטענדיק לערנען זיי תורה

לשמה. לערנען בכדי מקיים צו זיין דאָס וואָס זיי לערנען, לערנען כדי מטהר צו זיין זיך און זייערע מחשבות, זיי זאָלן קענען מתפלל זיין אָן אַ שום מחשבה זרה. דורך דעם איז זייער תפלה מיט גרויס כוונה".

„ווען זיי לערנען גמרא ווערן זיי אַנגעטאָן אין פחד און אימה און גרויס יראה פאַר השם יתברך. די תורה לייכט אויף זייערע פּנימער. ווען זיי דער־מאָנען דעם נאָמען פון אַ תנא, מאַלן זיי זיך אויס אין שכל ווי דער תנא אַליין שטייט פאַר זיי באַגאָסן מיט די שטראַלן פון דער מרכבה עליונה".

„נאָכן לערנען געשעען ביי זיי נסים ונפלאות ווי אין די אַמאָליקע דורות. זיי היילן קראַנקע און זיינען ממשיך אַלדאָס גוטס אויף אַלע יידן. זיי זיינען די אמתע עיני העדה; זיי וויסן וואָס דער עדה פעלט סיי אין גוף און סיי אין נפש און זיי בעטן רחמים אויף דעם. זיי לעבן אַזוי הייליק ביז זיי פאַרלירן יעדן גלוסט צו גשמיות, ביז עס פעלט זיי יעדע תאווה צו די פאַרגעניגנס פון עולם הזה".

„שוין יאָרן", שרייבט ער ווייטער, „אַז איך לעב מיט זיי און איך האָב ביי קיינעם פון זיי ניט באַמערקט די מינדסטע ניט שיינע זאַך. קיינמאָל נעכטיקט ביי זיי קיין געלט ניט, אייביק זיינען זיי פאַרטאָן אין תורה און מצוות און מעשים טובים, חתונה צו מאַכן יתומים, יתומות און אלמנות, באַפרייען געבונדענע, אויסלייזן געפאַנגענע, היילן קראַנקע, טרייסטן אבלים, טאָן חסדים מיט יעדן איינעם, אויפנעמען יעדן מענטשן ווי צום שענסטן און בעסטן, רחמנות האָבן אויף אָרעמע־לייט און העלפן זיי".

„נאָכט ביי נאַכט, ווען עס קומט חצות, זיצן זיי אויף דער ערד, אַש אויפן קאָפּ, וויינען מיט אַ האַרץ, אויף צוועלף שטיקער צעריסן, איבער גלות השכינה און אויף יידישע צרות, אויף דעם יאָך און שווערע גזירות, און טוען תפלה, אַז דער גוטער גאָט זאָל זיך אויף זיין הייליק פאָלק דערבאַרעמען און זאָל נויגן דאָס האַרץ פון מלך און זיינע שרים צום גוטן. אַז גאָט זאָל ראַטעווען פון אַלעם בייזן, פון אַלע קרענק און יסורים און פון שלעכטע צייטן, אַז די קינדער פונעם הייליקן פאָלק זאָלן נישט דאַרפן אָנקומען איינע צו די צווייטע און נישט צו קיין אַנדער פאָלק. אַז זייער פרנסה זאָל זיי אָנגעברייט זיין נאָך איידער זיי וועלן דאַרפן און טאָקע בריוח און אָן צער, אַז זייערע הערצער זאָלן געצויגט זיין מורא צו האָבן פאַר גאָט און צו ליבן אים און אַז דער לב אבן זאָל פון זיי אַפּגעטאָן ווערן און אַ לב בשר זאָל אין זיי אַריינגעטאָן ווערן, בכדי זיי זאָלן אַלע וויסן און קענען די גרויסקייט פונעם בורא און זיין דערהויבנקייט און זאָלן אים דינען מיט שמחה".

„ווען עס קומט דער טאָג זיינען זיי זיך מתבודד, שיידן זיך אָפּ פון

יעדער דרויסנדיקער מחשבה, באַהעפטן זייערע געדאַנקען, זייער נפש, רוח ונשמה מיט גרויס ליבע און גרויס יראה צו גאָטס גרויסקייט, באַטראַכטן די נישטיקייט פונעם מענטשן און זיין סוף, זעען פאַר זיך שטענדיק דעם יום המיתה און לעבן אין גאָט, אויסגעטאָן פון יעדער גשמיות. עס לייכט אין זייער האַרצן די גרויסע ליבע אַזוי, אַז דאָס ליכט איז צו זען אויף די פּנימער זייערע, און זייער אימה איז אויף מענטשן געוואָרפן, און בעלי עבירות אַנטלויפן פון זיי, פול פּחד פאַר זייער קדושה און יראת שמים.״

„זיי זיינען גאָרנישט אויף דער וועלט, נאָר תמיד שוועבן זייערע געדאַנקען אין די עולמות עליונים. מחמת זייער גרויס דבקות הערן זיי טיילמאָל נישט וואָס מענטשן ריידן צו זיי. זייערע גופים גייען אויף דער ערד און זייערע נשמות וואוינען אויבן. ווען זיי זעען אַ ניט רעכטן מענטשן, דערשפּירן זיי באַלד זיין פעלער און אַמאָל וויסן זיי קלאָר, ווען און וואָס פאַר אַן עבירה ער האָט געטאָן. זיי זיינען פיל מענטשן מחזיר בתשובה, און דאָס טוען זיי אָן דער מינדסטער גאוה אָדער וואָסער ניט איז מענטש־לעכער הנאה, נאָר מחמת גרויס אהבה און יראה״.

„זייער צוזאַמענלעבן איז שיין און ליב סיי צו גאָט און סיי צו מענטשן. דען צווישן זיי הערשט אַ ליבע וואָס איז אַ סך שטאַרקער פון דער ליבע וואָס אַ פאָטער האָט ליב זיין קינד און אַ מאַן זיין פרוי. זייער אחדות איז אַ פולע. ביי זיי אַלעמען איז כמעט איין קעשענע און זיי ליבן און באַשיצן פרעמדע קינדער נישט ווייניקער ווי אייגענע, אַזוי אַז דער זייטיקער מענטש וויים ניט ווער איז דאָ דער פאָטער און ווער דער פרעמדער, און דאָס איז אַלץ אויס גרויס אהבה און אחדות און גרויס געלוסטיקייט צו דערפילן דעם רצון הבורא״.

„ווען זיי קומען זיך צונויף הערט מען פון זיי נישט מער ווי אהבה און יראה און מוסר און די הויכקייט פון גאָט און זיין גרויסקייט און זיין הייליקע תורה, און זיי העלפן איינע די צווייטע און זיי לערנען איינע די אַנדערע אין גאָטס דינסט, און יעדער איז ביי זיך נידעריק אין די אויגן און האַלט דעם צווייטן פאַר אַ סך העכער פון זיך. און זיי רימען זיך ניט מיט קיין גוטער מידה וואָס זיי האָבן, און אייביק טוען זיי תשובה, אַזוי אַז זיי לעבן כמעט קיין איין רגע ניט אָן אַן הרהור תשובה. זיי האָבן אַן איינע־ווייניקסטן מוכיח וואָס זיצט ביי זיי אין האַרצן און זיי שטראָפן איינע די צווייטע אָפן און האָבן זיך ליב בסתר״.

„און תמיד דערציילן זיי פאַר אַלעמען זייערע אייגענע חטאים, כדי זיך

מבייש זיין. טאָמער האָט עמעצער פון זיי עפּעס ניט גאָר קיין שיינעם געדאַנק געהאַט, טאָמער האָט עמעצער פון זיי עפּעס אַ וואָרט גערעדט אָן קדושה, דערציילן זיי עס פאַר אַלעמען און זיינען זיך אויף דעם מתוודה און טוען אויף דעם גרויס תשובה גלייך ווי זיי וואָלטן געטאָן גאָט ווייס וואָס פאַר אַ חטא".

„און דעם שויתי ד' לנגדי תמיד זיינען זיי מקיים אויפן שענסטן אופן אופן. גאָטס נאָמען איז אייביק פאַר זייערע אויגן. ער לייכט זיי און זיי זעען אים. טאַקע ממש ווי עס שטייט: וד' הולך לפניהם".

# די צוויי הייליקע ברידער, דעם רבס חברים

ר׳ אלימלך ליזענסקער און זיין ברודער ר׳ זושא אַנאַפּאָלער. — דער ספר „נועם אלימלך״. — וואָס דער רב מליאַדי האָט געזאָגט וועגן דעם ליזענסקער. — שטריכן פון ר׳ אלימלכס לערעס. — „ונקדשתי בתוך בני ישראל״. — וואָס מען דאַרף טראַכטן ביים ערשטן פסוק פון קריאת־שמע און ביי דער ערשטער ברכה פון שמונה־עשרה. — ווי אַזוי צו ברעכן די אייגענע טבע. — ר׳ זושאס תהלים־זאָגן. — „אַ צדיק דאַרף נישט זאָגן תורה — ער דאַרף אַליין זיין תורה״. — דעם רבס פריינדשאַפט מיט די צוויי ברידער. — דער רב און ר׳ זושא אַנאַפּאָלער.

ווי אַ פאַרבילד האָט רבי זכריה מענדל געוויס געהאַט פאַר זיך ר׳ שמעלקי ניקלשפּורגער, וועלכן ער דערמאָנט אין זיין בריוו, און איבערהויפּט די הייליקע צוויי ברידער, רבי אלימלך ליזענסקער און רבי זישא אַנאַפּאָלער.

אין רבי אלימלך ליזענסקערס ספר („נועם אלימלך״) איז דאָ, ווי אין אַלע חסידות־ספרים, פּסוקים־איבערטייטשעניש און איבערשטעלעניש. דאָס קען דעם פּשטן בשום אופן ניט געפעלן ווערן. דערצו ווערט דאָרט אַלץ איבערגעחזרט אָן אַ שיעור. פאַר דעם אָבער, וואָס האָט אָן אויג צו זען דעם תוך פון אַזאַ זאַך, פאַר דעם, וואָס האָט אויך אָן אויער צו הערן דעם טאָן וואָס שאַפט די מוזיק, באַזונדערס פאַר דעם, וואָס האָט כאָטש ווען ניט איז געהאַט שטאַרקע רעליגיעזע איבערלעבונגען, אויפטרייסלונגען, נאָך וועלכע עס קומען די שטילסטע, טיפסטע און בעסטע מינוטן, פאַר אים קאָן נישט זיין עפּעס שענערס און הייליקערס ווי די גרונט־געדאַנקען און גרונט־געפילן וואָס זיינען דאָ אין אַזעלכע ספרים ווי דעם ליזענסקערס. באַזונדערס זיינע בריוו, זיין „צעטל קטן״ און זיין תפלה, וואָס איז, אגב, איבערגע־דרוקט אין אַ סך ספרים.

ר׳ אלימלך ווערט אויסגעצייכנט כאַראַקטעריזירט דורך אייניקע ווער־טער פונעם רב. אַמאָל — דערציילט מען — איז דער רב אַריינגעקומען אין הויז פון אַ גרויסן מתנגדישן גאון. זעט ער ווי עס וואַלגערט זיך דער „נועם אלימלך״ אונטערן טיש. מען האָט עס געטאָן דעם רב צו להכעיס, צי סתם מחמת פאַראַכטונג צו חסידים. זאָגט דער רב: „ווען איר וועט

אפילו רבי אלימלכן אַליין לייגן אונטערן טיש, וועט ער אייך אויך קיין ביז וואָרט נישט זאָגן"...

אָט דאָס איז געווען רבי אלימלך: דער שטילסטער מענטש אויף דער וועלט. אַ שטילקייט וואָס קומט ניט פון ניט־פאַרשטיין אָדער אויסערלעכער "ענוה", נאָר מחמת טיפסטער הכנעה פאַרן רצון הבורא, גרעסטער ליבע און אַכטונג צו מענטשן און שטאַרקסטן באַוואוסטזיין פון זינד. וואָרעם ווי גרויס און שיין דער מענטש זאָל ניט זיין, איז ער דאָך דורכאויס זינדיק פאַר גאָט. צו וואָס זאָל זיך דען גרויסן אַן עפר ואפר? צו וואָס זאָל מען מאַכן פון נישט — אַ זאַך?

אָט זיינען עטלעכע שטריכן פון ר' אלימלכס לערע:

"יעדע רגע, וואָס דער מענטש לערנט ניט אָדער ער איז אַליין אין אַ חדר אָדער ער ליגט אויפן בעט און קען ניט שלאָפן, זאָל ער טראַכטן וועגן דער מצוות עשה: "ונקדשתי בתוך בני ישראל", און ער זאָל זיך פאָרשטעלן און זאָל אויסמאָלן אין זיין געדאַנק ווי אַ גרויס, שרעקלעך פייער ברענט ביז אין הימל אַריין און ער, דער מענטש, צעברעכט זיין טבע צוליב דער קדושה פון גאָט און וואַרפט זיך אַריין אין פייער אויף קדושת השם".

"ביי דעם ערשטן פסוק פון קריאת שמע און דער ערשטער ברכה פון שמונה עשרה זאָל ער טראַכטן: ווען מען וועט אים פּייניקן מיט אַלערליי ענויים קשים און מען וועט זיין הויט פון לייב אויסטאָן, ער זאָל לייקענען אין גאָטס אחדות, וועט ער דאָך כל היסורים איבערטראָגן און וועט אין גאָט ניט לייקענען".

"אַ מענטש זאָל זיך געוואוינען קיינמאָל ניט אָנצוהויבן ריידן סיידן ווען עס איז זייער נויטיק. אויך דאַן זאָל ער ריידן וואָס קירצער, איטלעך וואָרט דורכגעזיפּט דורך דרייצן זיפּן. אין זיינע רייד זאָל ניט זיין חס ושלום קיין שקר און קיין חניפה און קיין לשון הרע און קיין רכילות און קיין שום באַליידיקונגען און קיין שום וועלן אויספּיינען זיך פאַר מענטשן. מ'דאַרף אויך תמיד געדענקען דעם כלל: געוויין זיך צו זאָגן: איך ווייס ניט. ווען עס ריידן צו אים מענטשן, וועלכע זיינען ניט אָפּגעהיט פון צו ריידן דברים בטלים, זאָל ער זיך פון זיי אַוועקמאַכן בכל כחו און דורך אַלערליי מיטלען, און ווען ער קען זיך ניט אַוועקמאַכן זאָל ער וואָס קירצער ענטפערן דאָס, וואָס ער מוז ענטפערן".

"דער מענטש זאָל זיך אויסמאָלן שטענדיק ווי איינער שטייט לעבן אים און מאָנט מיט גרויס שטורעם מקיים צו זיין אַלע גוטע הנהגות, און

ער זאָל פון זיי (פון די גוטע הנהגות) קיין איין נקודה ניט פאַרפעלן. און אַז ער וועט זיך אַזוי געוואוינען, וועט אים במשך הזמן זיין אייגענע נשמה גוואַלדיק וועקן, און ברענען וועט ער אין גאָטס פייער.

„דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אויף דער וועלט נאָר כדי ער זאָל ברעכן זיין טבע. דעריבער זאָל דער מענטש, ווען ער ווערט אַלט אַכצן יאָר (דאָס הייסט: ווען ער ווערט מענלעך און קרעפטיק), אָנהויבן צו טאָן אָט די גרויסע עבודה. ווער עס איז בטבע אַן עקשן זאָל אין אַ משך פון פערציק טעג נאָכאַנאַנד טאָן יעדע זאַך דווקא פאַרקערט ווי עס ווילט זיך אים. דער וואָס איז בטבע אַ פוילער, זאָל אין משך פון פערציק טעג טאָן יעדע זאַך מיט דער גרעסטער זריזות. דער וואָס איז בטבע אַ ביישן און ער פילט, אַז דאָס שטערט אים אַ מאָל אין דער עבודה, זאָל אין אַ משך פון פערציק טעג יעדע זאַך אַרויסריידן דווקא אַמשטאַרקסטן און מיט אַלע אברים, ווי עס שטייט: „כל עצמותי תאמרנה״. דער, וואָס איז פלוטער־וואַטע, רעדט גיך און אָן אַ סדר, זאָל זיך אין אַ משך פון פערציק טעג געוואוינען צו דער שטרענגסטער אָרדנונג, בפירוש׳דיקייט און קלאָרקייט.

„דער מענטש זאָל זיך געוואוינען זיך מתבודד צו זיין פאַרטאָג. דענסטמאָל זאָל ער וויינען אויף גלות השכינה אָן אַן אויפהער. טרערן זאָל ער גיסן ביי נאַכט און ביי טאָג אויף זיינע זינד. די זינד דאַרפן שטיין פאַר זיינע אויגן ווי הויכע בערג. אַזוי זאָל ער טאָן ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל און ניט הונדערטער מאָל, נאָר אַזוי לאַנג זאָל ער עס טאָן, ביז מען וועט זיך אויף אים סוף כל סוף מרחם זיין מן השמים. זאָל ער שטענדיק מתפלל זיין צו גאָט, אַז ער זאָל אים פירן אין ריכטיקן וועג און זאָל אים לערנען ווי אַזוי ער זאָל ניט פאַרלירן דאָס לעבן פון זיין לעבן (דעם עיקר פונעם לעבן, די „חיי החיים״), און דאַן וועט השם יתברך מיט זיינע רחמים און מיט זיינע גרויסע חסדים באַלויכטן זיינע אויגן אין דער תורה, אַז ער זאָל פאַרשטיין און תופס־זיין דעם תוכן פון יעדער זאַך, וואָס מען מוז טאָן און מקיים זיין.״

„און זאָל זיך דער מענטש שטאַרק אָפּהיטן פון פיינט צו האָבן וועמען ניט איז. יעדן, וואָס מען קען נאָר ווי עס איז דן זיין לכף זכות, מוז מען דן זיין לכף זכות און אים ליב האָבן מיט גוף, נפש און געלט, ווי עס שטייט: ואהבת לרעך כמוך״.

„און זאָל דער מענטש ביי זיך אין שטוב קיין אימה ניט אָנוואַרפן און זאָל ער קיין קאַפּריזן ניט האָבן. האָט ער אויף עמעצן אַ קפידה, זאָל ער באַלד דערמאָנען זיך זיינע אייגענע חטאות נעורים, און זאָל ער ביי זיך אין

האַרצן טראַכטן: מיינע אייגענע זינד האָבן מיך געבראַכט צו דער קפידה. בנוגע צו יעדער זאַך זאָל ער דערמאָנען זיך זיינע אייגענע זינד און דורך דעם וועט ווערן אונטערטעניק און צעבראָכן דעם כח פון יצר הרע".

„און זאָל ערריידן מיט מענטשן שטיל, און ווען מען לויבט אים, זאָל ער אָפּטרעטן אין אַ ווינקל און זאָל ליידן פון דעם און צו זיך אַזוי זאָגן: צו וואָס לויבט מען מיך? וואָס האָב איך דען אין זיך פאַר אַ גוטע מידות? ווען מענטשן וואָלטן וויסן, ווי נידעריק און נאַריש איך בין און וואָס פאַר אַ שלעכטע מעשים איך האָב אָפּגעטאָן, וואָלטן זיי מיך געוויס ניט געלויבט. ווי זאָל איך אָבער דעם קאָפּ אויפהויבן פאַר גאָט, וואָס ער זעט דאָך יאָ מיינע מעשים אַלע רגע, און כאָטש ער ווייס ווי זינדיק איך בין, האָט ער פונדעסטוועגן רחמנות אויף מיר?!"

„און ווען עמעצער שענדט אים, זאָל ער זיך פרייען, וואָס עס געפינט זיך אַ מענטש, וואָס ער קען ניט לידן זיינע שלעכטע מעשים. יעדער מענטש זאָל אין זיינע אויגן זיין העכער פון אים".

„תמיד זאָל ער טראַכטן: ווען עמעצער אַ מענטש וואָלט אין מיר יעדע ווילע אַריינגעקוקט און וואָלט באַמערקט יעדע מאוסע תנועה מיינע און יעדע מאוסע מחשבה מיינע, וואָלט איך זיך דאָך אין אַ מויזן־לאָך באַדאַרפט באַהאַלטן פון גרויס חרפה; אַ פשיטא שוין, אַז דער מלך מלכי המלכים קוקט אין מיר יעדע רגע אַריין — היסתר איש במסתרים ואני לא אראנו?..."

אויף דעם זעלבן דרך איז געגאַנגען אויך ר' אלימלכס ברודער, רבי זושא אַנאַפּאָלער. די צוויי ברידער פלעגן וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף און רופן מענטשן צו תשובה. ווען אַ זינדיקער פלעגט וועלן תשובה טאָן דורך פאַסטן וכדומה, פלעגן זיי אים לערנען, אַז ניט דאָס דאַרף מען טאָן, נאָר מען דאַרף צוקערן דעם עיקר נקודת הלב צו גאָט. רבי זושא פלעגט באַזונדערס משפיע־זיין מיט זיינע הנהגות, מיט זיין טיפער הכנעה פאַר יעדן, מיט דער האַרציקייט פון זיינע רייד, איבערהויפּט מיט זיינע תפלות און תהלים זאָגן. ווער עס האָט געהערט רבי זושאן תהלים זאָגן, פלעגט שוין מוזן תשובה טאָן. אַזוי האָט רבי זושא געלערנט: „דער צדיק דאַרף ניט זאָגן קיין תורה, נאָר ער דאַרף אַליין זיין תורה". רבי זושא פלעגט זיך באַהאַלטן אין פעלדער און וועלדער, ערגעץ וואו אויף אויבער־שטיבלעך, אויף דעכער, מען זאָל אים ניט זען, מען זאָל ניט הערן זיין תהלים. דער עולם האָט שוין אָבער געקענט רבי זושאס דרכים און מען פלעגט הערן זיין תהלים־זאָגן, וואָס איז געווען, אין פלוג, גאַנץ איינפאַך, פלעגט אָבער יעדן מענטשן צושמידן צו זיך, אויפוועקן אין אים דעם גאָט

אין האַרצן, מעור זיין צו פאַרלאָזן אַלע ערדישע נאַרישקייטן און זיך באַ־העפטן מיטן אמת און דעם אלקי האמת. ניט אומזיסט האָט רבי זושא אַמאָל געזאָגט וועגן זיך: „דוד המלך האָט געקענט מחבר זיין תהלים, און איך קען זאָגן תהלים...״

מיט דעם רבי זושאן איז דער רב אויך געוואָרן שטאַרקע גוטע־פריינט. ער האָט רב זושאן ממש פאַרהייליקט. עס איז געגנוג צו דערמאָנען, אַז צו אים האָט דער רב געשיקט זיין „תניא״ צו נעמען ביי אים הסכמה. בשעת רבי זושא איז קראַנק געווען, איז דער רב עטלעכע חדשים ניט אָפּגע־טראָטן פון זיין בעט. נאָכן מגידס פטירה האָט רבי זושא צוזאַמען מיטן רב געלערנט אין אַנאַפּאָלי.

מ׳וואָלט אַ סך, זייער אַ סך געקאָנט ריידן וועגן יעדן איינעם פון די אַנדערע צדיקים און קדושים, וואָס האָבן געהערט צו דער הייליקער חבריא אַרום דעם מעזריטשער. מיר ווילן זיך אָבער אומקערן צום רב, צו ר׳ שניאור זלמנען. וועלן מיר נאָר זאָגן בדרך כלל, אַז די איבעריקע חברים פונעם רב האָבן געהערט אָדער צום טיפּ „שרף״, ווי רבי לוי יצחק בעדיטשעווער, אָדער צום טיפּ „ישר וענו״, ווי די שטילסטע צווישן מענטשן — רבי אלימלך און רבי זושא זיין ברודער.

# אָנהייב פון די רדיפות

די לעצטע צוויי יאָר פון דעם מעזעריטשערס לעבן. — דאָס פייער פון מחלוקת. — דער חשד אויף חסידות, אַז זי איז אַן אָפּצווייג פון שבתי־צביאישקייט. — אויסערלעכקייט און אינערלעכקייט פון חסידות. — ביטול־היש, שבירת־הטבע און שבירת־המידות. — יחידי־סגולה, וואָס האָבן געדינט ווי אַן אידעאַל פאַר אַלע אַנדערע חסידים. — פאַרוואָס דער פולנאהער האָט צעטיילט זיין פאַרמעגן. — וואָס מ׳קאָן דערפון לערנען. — נישט „דעמאָקראַטן״ און „רעפאָרמאַטאָרס״ פון יידישן לעבן, נאָר אויסבעסערער פון דעם יחיד. — דער צוזאַמענשטויס מיט די ראשי־העדה איז געקומען שפּעטער און נישט בכוונה־תחילה.

די לעצטע צוויי יאָר פונעם מעזריטשערס לעבן אויף דער ערד זיינען פאַר זיינע תלמידים געווען טרויעריקע און ווייטיקדיקע. עס איז אויסגעבראָכן אַ פייער פון מחלוקת קעגן חסידות און חסידים. באַזונדערס איז דאָס פייער שטאַרק געווען אין ליטע און רייסן. מען האָט די חסידים רודף געווען מיט וואָס מען האָט נאָר געקענט. מען האָט אָבער ביי דעם ניט אָפּגעשטעלט זיך. מען האָט געוואָלט דווקא „לעקור את הכל״. מען האָט געוואָלט אויסרייסן די „כת״ (אַזוי האָט מען די חסידים גערופן), נישט לאָזן פון איר קיין שריד ופליט. מען האָט געזען אין די חסידים שבתי־צביניקעס, פראַנקיסטן, אַלדאָס ביין. מען דאַרף געדענקען, אַז צווישן שבתי־צביס אַנהענגער האָבן זיך טיילמאָל געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אויך געלאָזט רופן „חסידים״, האָבן פיל קבלה געלערנט, מקוואות געפּראַוועט, הפסקות געפאַסט. זייערע גדולים פלעגן גיין אַנגעטאָן אין ווייסן. די תלמידים פלעגן דערציילן וועגן זייערע רביים מופתים. עס איז דעריבער נישט באַזונדערס צום וואונדערן זיך, וואָס די קעגנער האָבן אויף דעם בעש״טס נאָכפאָלגער געהאַט אָנגענומען ווי אַ מין אָפּצווייג פון שבתי־צביאישקייט. ווען די מתנגדים וואָלטן מער אַריינגעדרונגען אין דער זאַך, ווען זיי וואָלטן וויניקער פאַרלאָזט זיך אויף דער אויסערלעכער ענלעכקייט און וואָלטן אַריינגעקוקט אינעם תוך פון חסידות, וואָלטן זיי, פאַרשטייט זיך, גלייך דערזען, אַז דער אונטערשייד צווישן בעש״טס נאָכפאָלגער און, להבדיל אלפי הבדלות, די פראַנקיסטן, איז ווי צווישן טאָג און נאַכט. מענטשן האָבן שוין אָבער אַזאַ טבע צו כאַפּן די קליפּה און אָוועקצוואַרפן דעם תוך.

דערצו האָט אַ טייל פון די קעגנער טאַקע נ י ט ג ע ו ו אָ ל ט זען דעם אמת. עס האָט זיי מער געלוינט צו באַטראַכטן די חסידים ווי מינים הפקר־יונגען, איידער צו אָנערקענען זייער פרומקייט, גוטסקייט און קדושה און דערמיט געבן די חסידים — ווי ס׳האָט זיך זיי געדאַכט — אַ מעגלעכקייט צו באַהערשן די קהלות. איז אַזאַ מורא געווען באַרעכטיקט? מען דאַרף וויסן, אַז חסידות איז געווען אַ תורה שבלב, וואָס האָט איבער־געאַנדערש און איבערגעאַרבעט דעם מענטשן מן הקצה אל הקצה. איז עמעצער געוואָרן אַ חסיד אין יענע צייטן, האָט עס געהייסן, אַז ער איז אינגאַנצן איבערגעגעבן דעם רצון העליון, אַז ער לאָזט שוין פאַר זיך גאָרנישט, אַז ער ווייס נישט פון קיין תקיפות, אַז ער האָט שוין אין זיך נישט קיין האָר גאוה, אַז ער האָט שוין קיין שום אייגענע חשבונות נישט, אַז ער ווייס אויך נישט פון נידעריקן פחד. עס איז אַ גרויסער טעות פון די וואָס מיינען, אַז אַמאָליקע חסידים האָבן זיך דער עיקר אויסגעצייכנט מיט שמחה, התפעלות און איבערגעטריבענער פרומקייט. באמת זיינען די דערמאָנטע מדות געווען נאָר דער אויסערלעכער אויסדרוק פון חסידות. אינעווייניק האָט מען איבער־הויפּט געאַרבעט אויף בטול היש, אויף שבירת הטבע און שבירת המדות. אַזעלכע חסידים זיינען, אמת, געווען נאָר יחידי סגולה. אָט די יחידי סגולה האָבן אָבער געדינט ווי אַ מוסטער פאַר אַלע איבעריקע חסידים. יעדער חסיד האָט געשטרעבט, נאָך זיין מדרגה נאָך, צו גיין אין די דרכים פון אַ רבי לוי יצחק, צי אַ רבי אלימלך, צי אַ רבי זושא, צי אַ רבי נחום טשערנאָבילער. ווען די כמות פון אָט די חסידים האָט זיך פאַרמערט, האָבן די קעגנער געזען אין זיי אַ צעשטערנדיקן עלעמענט, ווי מ׳וואָלט עס געזאָגט אויף היינטיקן לשון. די חסידים האָבן אָפט געקעמפט קעגן דער מוט־וויליגקייט פון דעם דאַמאָלטדיקן קהל מיט זיינע ראשים. אַזוי, למשל, איז דער „תולדות יעקב יוסף״ פול מיט תוכחות קעגן די פרנסים, ראשים און רבנים פון זיין צייט.

כאַראַקטעריסטיש איז אַזאַ פרט. דער פּולנאָער, דער „תולדות״, האָט — איידער ער האָט זיך באַקענט מיטן בעש״ט — פאַרמאָגט קרוב צו זעכציק טויזנט רובל. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָבער באַקאַנט מיט בעש״ט און זיין לערע, האָט ער צעטיילט דאָס גאַנצע פאַרמעגן זיינס צווישן אַלע די, וואָס האָבן מיט אים ווען נישט איז געהאַט אַן עסק אָדער געהאַט ביי אים אַ דין־תורה. ער האָט אַזוי וויט צעטיילט זיין פאַרמעגן, אַז ער האָט אפילו זיין טלית און תפילין אָפּגעגעבן איינעם, וואָס האָט ביי אים אַמאָל אַ דין־תורה געהאַט. אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט ער פון איצט אָן

באַטראַכט ווי ספק גזל. בנוגע צו דין־תורות, וואָס ער האָט אַמאָל געפּסקנט, האָט ער זיך חושד געווען, צי האָט ער נישט אַ מאָל מטה דין געווען...

פון אָט דעם פאַקט, וואָס היסטאָריקער האָבן אים ניט באַמערקט, קאָן מען גאָר אַ סך לערנען. ערשטנס, זעט מען פון אים, אַז די ערשטע חסידים פלעגן ווירקן אַזוי, אַז דאָס גאַנצע מהות פון אַ מענטש זאָל איבערגעאַנדערשט ווערן, אַז דער עיקר נקודה פון האַרצן זאָל געריירט ווערן און אָננעמען אַן אַנדער גאַנג. צווייטנס, זעען מיר פון דעם, אַז די ערשטע חסידים פלעגן אויפשטעלן נישט אַסקעטן, ווי עס מיינען אַ טייל, און נישט „פּאַנאַטיקער", ווי עס מיינען אַנדערע, און ניט סתם בעלי התפּעלות און נלהבים, טענצער און שפּרינגער, ווי עס מיינען ווידער אַנדערע, נאָר טאַקע גרויסע מאָראַלישע פּערזענלעכקייטן. דריטנס, זעען מיר פון דעם פאַקט, ווי גרויס עס איז געווען די ווירקונג פון די ערשטע חסידים, ווי גרויס עס זיינען געווען די קרבנות, אויף וועלכע די ערשטע חסידים זיינען פייאיק געווען, ווי ווייט זיי זיינען געווען עכט און אויפריכטיק נישט נאָר אין זייער שטרעבונג, נאָר אויך אין זייער טאָן. זיי זיינען קיינמאָל נישט געבליבן אין מיטן וועג. האָבן זיי געטאָן אַ זאַך, האָבן זיי זי דערפירט ביזן סוף. פערטנס, זעען מיר פון דעם זעלבן פאַקט, ווי אַזוי די ערשטע חסידים האָבן געקוקט אויף די, וואָס זיינען געשטאַנען בראש. דער פּולנאָער איז דאָך פריער אַ גרויסער רב געווען, און געוויס האָט ער פריער געמיינט אַז אַלץ וואָס ער טוט איז כשר וישר, און זיין געלט איז כשר פאַרדינט. נאָכדעם אָבער ווי דער בעש"ט האָט זיינע אויגן געעפנט און ער האָט אָנגעהויבן זען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער קען אַנדערש נישט קומען צום אמת וואו ער זאָל זיך נישט באַפרייען פון זיינע זעכציק אלפים רובל כסף...

נישט האָבנדיק קיין שום פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טענדענצן, זיינען די ערשטע חסידים בשום אופן ניט געווען די דעמאָקראַטן און רעפאָרמאַטאָרן פון יידישן לעבן, וואָס אַנדערע ווילן אין זיי זען. זיי האָבן בכלל מיט דער געזעלשאַפט ווי אַזעלכער נישט געהאַט צו טאָן. זיי האָבן געשטרעבט דער עיקר אויסצובעסערן דעם יחיד — אין אַ רעליגיעז־מאָראַלישן זין. נישט מער, זיי האָבן זייער זאַך געטאָן בשלמות, און דורך דעם, וואָס זיי האָבן אינערלעך אויפגעהויבן און גייסטיק באַפרייט אַ סך יידישע יחידים פון יענער צייט, איז ממילא, — נישט בכוונה תחילה, נאָר פון זיך אַליין, — געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן יענע יחידים, די חסידים, און אַ טייל דאַמאָלסטיקע ראשי־העדה...

# דער חרם און דער קעגן־חרם

דער וויכוח אין שקלאָוו. — דער ערשטער חרם. — דער רבס תחילהדיקע קעגנערשאַפט צו אַ קעגן־חרם. — ער איז געצוואונגען צו געבן זיין הסכמה נאָכדעם ווי מען פרעגט ביי אים דעם דין. — „דאָס קליינע יידעלע מיט דעם גרויסן כבוד־התורה". — די רדיפות אויף ר׳ לוי־יצחקן און די דערקלערונג פון דעם ליזענסקער. — ווי אַזוי ר׳ אלימלך דערקלערט ר׳ לוי־יצחקס דרכים. — וואָס ר׳ אברהם דער מלאך האָט געזאָגט צום בעל־עגלה. — ר׳ אברהמס נייער דרך אין עבודת השם. — פאַרוואָס דער רב האָט געהייסן פאַרקערעווען די פערד.

צו לעשן דאָס פייער האָט דער מגיד געשיקט צוויי פון די תלמידים זיינע, ר׳ אברהם קאַליסקער און ר׳ שניאור־זלמנען, זיך מתווכח צו זיין מיט די מתנגדים אין שקלאָוו. דער וויכוח האָט אָבער צו גאָרנישט גע־בראַכט. די באַליידיקטע ראשי הקהל מיט די בעלי־מחלוקת צוזאַמען האָבן אַזוי ווייט אינטריגירט קעגן די ערשטע חסידים, ביז זיי האָבן אַריינגע־צויגן אין דער אינטריגע אויך דעם גרויסן שר־התורה — דעם ווילנער גאון. מען פלעגט טאָג־טעגלעך דערציילן פאַרן גאון וועגן אַלערליי מעשי־תעתועים, וואָס די חסידים האָבן כלומרשט געטאָן, ביז מען האָט ביי אים געפועלט, ער זאָל צושטיין צום חרם, וואָס מען האָט פאַרעפנטלעכט קעגן די חסידים אין יאָר תקל״ב. עס איז כמעט נישט צום גלויבן, מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט מען האָט אין דעם פאַל אָנגעווענדט די האַרבסטע שטראָף — דעם חרם. פאַר גאָר נישט מיט נישט איז רעכט געווען אויס־צושליסן די בעסטע און שענסטע יידן פון כלל ישראל. זעט מען פאַר־וואָס די מתנגדים מיטן גאון בראש האָבן מחרים געווען די ערשטע חסידים, ווערט עפּעס מאָדנע ביטער אויפן האַרצן. פאַר וואָס האָט מען פּ אָ ר ט די חסידים מחרים געווען? מיט וואָס האָבן די מתנגדים באַרעכטיקט זייער חרם? וואו זיינען געווען די באַווייזן?

מען דערציילט דעם גאון וועגן די רקודים פון די קאַליסקער חסידים, גלויבט ער, אַז זיי דינען „עבודת פעור". מען דערציילט אים, אַז חסידים האָבן געגעסן תשעה־באב, פּרוּווט ער ניט חוקר ודורש זיין, צי איז עס אַמאָל ניט געווען אַ תשעה באב, וואָס איז חל אום שבת. מען דערציילט אים, אַז מען האָט אַמאָל געזען דעם בע״שטס תלמידים טאַנצן מיט פרויען — גלויבט ער. ווייזט מען אויף, אַז חסידים דערקלערן דעם „מלא כל הארץ

כבודו״ ניט ווי דער גאון וויל האָבן, דהיינו, אַז „כבודו״ הייסט נישט השגחה נאָר „כבודו ממש״, ווערן זיי אויף דעם סמך כמעט עובדי עבודה זרה. אויפן סמך פון באַבע־מעשיות פון איין זייט און אַ מעטאַפיזישן טייטש פון דער צווייטער זייט האָט מען אַריינגעלייגט אין חרם די תלמידים פון בעש״ט, וואָס צווישן זיי זיינען דאַן געווען אַזוי פיל אמתע גאונים און צדיקים.

די ידיעה וועגן דעם חרם האָט געטראָפן ווי אַ דונער די הייליקע חבריא. דעם מעזריטשערס תלמידים האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, ווי אַזוי צו העלפן זיך, ווי אַזוי צו ענטפערן אויף אַזאַ הימל־שרייענדיקער עולה. זיי האָבן זיך געווענדט צום מעזריטשער. ער האָט זיי אָבער גאָר נישט גע־ענטפערט. זיי האָבן זיך געווענדט צו אים אַ צווייט מאָל — ער שווייגט, אַ דריט מאָל — ער זאָגט קיין וואָרט ניט. צום סוף האָבן זיי באַשלאָסן — באַזונדערס נאָך די רדיפות אויף רבי לוי יצחקן — צו מאַכן דעם ערשטן שריט אויף אייגענער אחריות. ווי באַלד עס גייט אין חרמות, קענען זיי דאָך אויך טאָן דאָסזעלבע וואָס אַנדערע. זיי האָבן דאָך צווישן זיך באַ־וואוסטע גאונים, קענען זיי דאָך מחרים זיין די, וואָס האָבן זיי אומגערעכט מחרים געווען. און אַזוי האָבן זיי טאַקע געטאָן. אַלע חברים האָבן אויף דעם קעגן־חרם מסכים געווען. איינער נאָר האָט געשטערט. דאָס איז גע־ווען — דער רב. דאָס האַרץ האָט אים ניט דערלאָזט אַרויסצוטרעטן קעגן דעם ווילנער גאון, אַפילו כדי זיך און די חברים צו פאַרטיידיקן. דעם רב איז ליבער געווען איביק צו ליידן, איידער אויף וואָסער עס איז אופן פוגע צו זיין אין דעם כבוד פונעם שר התורה.

צום סוף האָט מען געפונען אַ מיטל ווי אַזוי צו באַקומען דעם רבס הסכמה. מען האָט אָנגעהויבן שמועסן מיטן רב סתם אין הלכה. מען האָט אים געפרעגט: ווי איז דער דין, ווען מען איז מחרים מענטשן אָן ריכטיקע גביית עדות און אָן שום חקירה ודרישה פון די באַשולדיקטע, צי מעגן די באַליידיקטע פאַרטיידיקן זיך מיט אַ קעגן־חרם? דער רב האָט געענטפערט, אַז על פי דין מעגן די אומזיסט־באַליידיקטע פאַרטיידיקן זיך מיט וואָס נאָר זיי קענען. נאָך דעם דאָזיקן ענטפער האָט זיך שוין דער רב ניט געקענט אַרויסדרייען. ווילנדיק ניט ווילנדיק האָט אויך ער געמוזט געבן די הסכמה זיינע.

איין מאָל שפּעט אין דער נאַכט, ווען דער מעזריטשער האָט גערוט, האָבן די חברים זיך שטיל צונויפגערעדט און האָבן אַרויסגעטראָגן זייער קעגן־חרם. נאָך דעם האָבן זיי זיך צוגעלייגט שלאָפן, יעדער אויף זיין אָרט,

דערציילן חסידים:

דער מעזריטשער איז פּלוצלינג אויפגעשטאַנען פון שלאָף און האָט אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן שטוב. דער רב איז געלעגן ערגעץ־וואו אַרום אויוון אויף דער האַרטן, נאָר אַ קליין דריי־עקיק קישעלע צוקאָפּנס. מיט אַ מאָל האָט דער מעזריטשער אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די קוליעס (ער איז אויף דער עלטער קראַנק געווען אויף די פיס), גענומען אַ ליכט אין האַנט, צוגעגאַנגען צום רב, אים גוט אָנגעקוקט און געזאָגט: אָט דאָס קליינע יידעלע מיט דעם גרויסן כבוד־התורה וועט זיין רב איבער גאַנץ רייסן. שפּעטער איז ער צוגעגאַנגען צו אַלע אַנדערע, האָט זיי פונאַנדערגעוועקט און געזאָגט: איר האָט פאַרפירט אַ געפערלעכע שפּיל, לכן זייט וויסן, אַז איר האָט אָנגעוואוירן אייער ראש. איך וועל איינגיכן מוזן אַוועקגיין. בלויז דאָס האָב איך געפועלט: ווען איר וועט קריגן מיט די מתנגדים — וועט איר מנצח זיין...

י״ט כסלו פון יאָר תקל״ג איז דער מעזריטשער נפטר געוואָרן. ווי חסידים דערציילן, איז דאַן געווען אַ שטיקל מחלוקת צווישן אַנאַפּאָליער*) חברה קדישא און דעם מעזריטשערס תלמידים. די ערשטע האָבן געטענהט, אַז זיי אַלס חברא קדישא דאַרפן זיך עוסק זיין מיט דער קבורה; די צווייטע האָבן געטענהט, אַז זיי קומט די מצוה, ווייל דער נפטר איז זייער רבי. איז פאַרגעקומען ביי זיי אַ דין תורה. די דין תורה האָט געפּסקנט, אַז נאָר יענע תלמידים, וואָס זיינען פאַרשריבן ווי חברים אין וואָסער ניט איז חברה קדישא, האָבן דאָס רעכט צו נעמען אַ חלק אין דער מצוה. אַזוי ווי דער רב איז נאָך אַלס קינד פאַרשריבן געווען אין דער חברה קדישא פון זיין שטאָט, איז ער געווען איינער פון די שמשים. פאַר דער טהרה האָט מען געוואָרפן גורל, ווער זאָל מטהר זיין וואָסער אבר, איז אויפן רבס גורל אויסגעפאַלן: ראשו כתם פז...

נאָך דעם מעזריטשערס פּטירה זיינען זיך די חברים צעפאָרן „זה בכה וזה בכה״. רבי לוי יצחק, וואָס מען האָט אים אין פּינסק ניט געלאָזט רוען, איז געוואָרן רב אין זשעלעכאָוו. אויך דאָרט האָט מען אים שטאַרק רודף געווען. אָבער, פון דער צייט וואָס ער איז געוואָרן רב אין בערדיטשעוו, זיינען די רדיפות אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

פאַרוואָס האָט מען אַזוי שטאַרק רודף געווען רבי לוי יצחקן? אויף

*) דער מעזריטשער מגיד האָט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן פאַרבראַכט פריער אין ראָווגע און נאָכהער אין אַנאָפּאָל. ער איז נפטר געוואָרן אין אַנאָפּאָל.

דעם גיט דער „נועם אלימלך" אַן אָריגינעלן משל: ווען אברהם האָט אָנ־געהויבן דינען צום אמתן גאָט, האָבן אים אויך אַלע רודף געווען. בשעת ער איז געקומען קיין ארץ ישראל, איז געוואָרן אַ הונגער אין לאַנד. האָבן געוויס אַלע געזאָגט: מחמת אָט דער אפיקורס איז געקומען צו אונדז, דערפאַר איז אַ הונגער געוואָרן...

דער „נועם אלימלך" (אין בריוו פון זיין זון, צום סוף ספר) גיט אויך אַ ריכטיקע דערקלערונג פון רבי לוי יצחקס דרכים*): „מחמת גרויס ליבע צו גאָט קומט אַמאָל דער צדיק כמעט ביז וואַנזין, אַזוי ווי עס שטייט: „באהבתה תשגה תמיד", און ווי מיר געפינען ביי דוד המלך: „ודוד מפזז ומכרכר בכל עוז לפני ד'". *)

אויך דער רב האָט גערעכנט אָפּצופאָרן אַהיים נאָך דעם מעזריטשערס פּטירה. אַזוי ווי ער איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צום מעזריטשערס זון, רבי אברהם המלאך, זיינען זיי ביידע אַרויסגעפאָרן פון שטאָט. פאָרנדיק רופט זיך אָן רבי אברהם צום פורמאַן: טרייב די פערד אַזוי שטאַרק, ביז זיי זאָלן פאַרגעסן אַז זיי זיינען פערד...

דער רב האָט געוואוסט, אַז רבי אברהם רעדט קיינמאָל קיין שיחת חולין ניט. טאָמער רעדט ער עפּעס ענלעכס צו שיחת חולין, איז עס אַלץ בדרך משל, אַ רמז צו עפּעס העכערס, איבערהויפּט אַן עצה און אַ מיטל ווי צו דינען גאָט. דער רב האָט דאַריבער פאַרשטאַנען רבי אברהמס ווערטער ווי אַ רמז, אַז ער וועט אים, דעם רב, לערנען אַ נייעם און העכערן דרך אין עבודה.

האָט דער רב קיין שהיות ניט געמאַכט, געהייסן פאַרקערעווען די פערד און געבליבן זיצן אין אַנאַפּאָלי נאָך ביי אַ יאָר צייט. מיט אים זיינען דאָרט געזעסן, אויסער רבי אברהם אַליין, אויך די חברים רבי זושא און רבי ליב כהן.

דער נייער דרך פון רבי אברהמען, דעם מעזריטשערס זון, איז באַ־שטאַנען דערין, אַז דער צדיק דאַרף זיך ניט אָפּגעבן מיט זיך אַליין צו הייליקן און זיך אַליין צו רייניקן, נאָר די ליבע צו גאָט דאַרף אים אַזוי ווייט טראָגן און יאָגן, אַז ער דאַרף בכלל פאַרגעסן אָן זיך. ער דאַרף זיך ניט אָפּגעבן מיט תשובות און חרטות אויף חטאים און מיט גריבלערייען איבער די אַדער יענע מעשים וואָס ער האָט געטאָן, נאָר ער דאַרף זען אַז קיין איין מינוט פון זיין לעבן זאָל ניט אַוועקגיין אָן מעשים טובים. מילא, וועט ער

---

*) דאָס קען אויך דינען ווי אַן ענטפער בנוגע דער הנהגה פון די קאָליסקער חסידים.

פאַר זיינע חטאים האָבן אויסצושטיין און צו ליידן. ער קען ניט אָפּגעבן קיין צייט אויף צו עסקן זיך מיט זיך, ווייל ער האָט עפּעס בעסערס צו טאָן פון זיין גאָט וועגן. דער געוויינלעכער צדיק איז פאַרנומען מיט זיך; טעג מיט יאָרן גיט ער אָפּ נאָר אויף זיינע מעשים מתקן צו זיין, אַזוי, אַז ער ווערט טאַקע אינגאַנצן שיין און ריין. רבי אברהמס צדיק איז אפשר ניט אַזוי שיין און ריין, ער ווייס אַז ער איז זינדיק, ער קלערט אָבער ביי זיך: מילא, גיהנם — איז גיהנם. מיין איך איז נישט אַזאַ חשוב, אַז איך זאָל אים ראַטעווען. אַ סך וויכטיקער איז צו ראַטעווען אַנדערע..

אָט די שיטה פון ר׳ אברהם המלאך איז עס געווען דאָס נייע וואָרט, און אויף דעם האָט מרמז געווען דער זאָג: טרייבט די פערד אַזוי שטאַרק, ביז זיי וועלן פאַרגעסן, אַז זיי זיינען פערד... מ׳דאַרף זיך, הייסט עס, צוויילן, „יאָגן זיך" צו גאָט אַזוי, אַז דער איך זאָל אָן זיך בכלל פאַרגעסן.

# רבי מענדל וויטעבסקער און דער רב

אין אַנאַפּאָל מיט ר׳ אברהמען. — די בלבולים פון שונאים. — ווער זאָל ווערן רבי אויפן אָרט פון מעזריטשער? — ר׳ מענדל וויטעבסקער. — דער רב פאָרט צו זיין חבר ווי צו אַ רבין. — ר׳ מענדל וויטעבסקער און ר׳ שניאור־זלמן פאָרן קיין ווילנע. — מ׳לאָזט זיי נישט צו צום ווילנער גאון. — השערות וועגן דער סיבה פון דעם נישט צוגעלאָזט־ווערן. — דער צווייטער וויכוח אין שקלאָוו. — ר׳ מענדל רייסט־איבער מיטן גלות. — רייסישע חסידים דערזעען זייער מנהיג אין דעם רב. — ר׳ שניאור־זלמן אין ליאָזני. — אויסאַרבעטונג פון דעם חסידישן נוסח.

ר׳ שניאור זלמן איז געבליבן אין אַנאַפּאָל קרוב צו אַ יאָר. ער איז דאָרט נישט געבליבן לענגער. ער איז אָפּגעפאָרן אַהיים. אין דערהיים האָט ער זיך געפילט יתומדיק און עלנט. דער מעזריטשער איז אויפן עולם האמת און די חסידים זיינען כצאן בלי רועה. די בלבולים פון די שונאים ווערן דערווייל שטאַרקער פון טאָג צו טאָג און ס׳איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט אויפצואווייזן דעם אמת; די קעגנער ווילן דעם אמת נישט הערן. פון אַלע זייטן קללות און חרמות, מסירות און געשלעג. ריידן? אויפקלערן? פאַר־ענטפערן זיך? — דאָס איז נישט שייך. די רודפים שטיצן זיך אויפן גאון און דער גאון לאָזט צו זיך ניט צו קיינעם, וואָס האָט אַ שייכות מיט חסידים. און דערווייל רודפט איין ייד דעם צווייטן פאַר גאָרנישט מיט נישט. און אַרום און אַרום איז אַלץ פאַרשטיינערט און פאַרגליווערט. עס פעלט נשמה; עס פעלט אינערלעך לעבן. נישט אַזוי דאַרף מען דינען גאָט! הערצער צעבראָכענע פון גלות פון אייביקן דלות. אַ בלאָזן־זיך און גרויסן־זיך מצד למדנים לגבי די יידן פון אַ גאַנץ יאָר. און איבער דעם אַלעם: תקיפים ביי די פריצים און סתם ראשי הקהל מיט זייער אומרעכט, מיט זייער גאווה. וואוהין קערט מען זיך? וואו זוכט מען הילף?

דער רב האָט געפּרוּווט מחזק זיין די אגודה פון חסידים דורך פאַר־אייניקן אַלע נאָענטע אונטער איין פאָן. דער אמתער חסיד און דער אמתער עניו, האָט ער זיך ווי אַ רבי נישט געוואָלט אַרויסשטעלן. ער האָט בכן מיט אַלע כחות געשטיצט די רבישאַפט פון זיין עלטסטן חבר אין רייסן — רבי מענדל וויטעבסקער.

רבי מענדל וויטעבסקער האָט זוכה געווען צוויי מאָל צו זיין ביים

בע״שט. איינמאָל בעת ער איז נאָך אַ קינד געווען און איינמאָל אין די שפּעטערע יאָרן. ביים מגיד איז ער געווען איינער פון די בעסטע און גרעסטע תלמידים. אויסגעצייכנט האָט ער זיך מיט זיין טיפקייט ווי אַ מקובל און מיט זיינע הויכע דרכים ווי אַ מענטש. חסידים פלעגן זאָגן, אַז ער האָט אין זיך די מדה פון מלכות, פאַראייניקט אין זיך די גרעסטע התנשאות און די גרעסטע עניוות. ער פלעגט מדקדק זיין צו גיין דווקא שיין אָנגעטאָן, פלעגט בכלל שטאַרק מדקדק זיין אויף אויסערלעכקייט. פלעגט ריידן געציילטע ווערטער. ווער עס האָט מיט אים גערעדט, האָט געהאַט אַ גרויסע זכיה. ער פלעגט מטיל אימה זיין אויף אַלע אומגערעכטע און דערביי איז ער ביי זיך געווען, ווי יעדער אמתער חסיד — גאָרנישט מיט נישט. חתמנען פלעגט ער זיך ניט אַנדערש ווי „השפל באמת״. ער האָט גאָר ניט געדאַרפט אַרבעטן כדי אויסצוואָרצלען די גאוה פון זיך, וואָרעם ער האָט פון איר גאָר נישט געהאַט. ער האָט באמת נישט גע־וואוסט, מיט וואָס און פאַרוואָס אַ בן־אָדם דאַרף זיך האַלטן פאַר אַ יש.

אַזוי ווי רבי מענדל וויטעבסקער איז געווען אויסערלעך גרויס־גע־האַלטן און אינערלעך דער טיפסטער עניו, אַזוי איז ער אויך אויסערלעך געווען זייער שטרענג און אינערלעך ווייך און גוט בתכלית. ער האָט געוואוסט דאָס לעבן פון יעדן איינציקן וואָס פלעגט צו אים קומען, וואָס ער פאַרמאָגט, וואָס אים פעלט, וואָס עס טוט אים ווי, פון וואָס ער ליידט און אין וואָס ער נויטיקט זיך. אַלע חסידים זיינען אים געווען איינגעבאַקן אין האַרצן. ער האָט פאַר זיי געזאָרגט ווי אַ פאָטער פאַר זיינע קינדער, דערביי האָט ער זיך אויסגעצייכנט, ווי דער מעזריטשער, מיט זיין ווייטן, ליכטיקן ז ע ן.

עס שרייבט רבי מענדלס אַ תלמיד, נאָכדעם ווי רבי מענדל האָט זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל: „בשעת דער רבי (רבי מענדיל) לייענט קריאת שמע און טוט תשובה פאַר גאָט, ווערן אים אַנטדעקט אַלע באַהעלטענישן פון די, וואָס זיינען צו אים צוגעבונדן, און ער ווייס יעדן פּרט, וואָס זיי האָבן געטאָן און וואָס זיי זיינען בכוח צו טאָן, און ווי גרויס קען עס זיין זייער עבודה און זייער אהבה צו גאָט ווען זיי זאָלן נאָך וועלן, אָדער פאַר־קערט ח״ו. ער ווייס אויך צי עס הערשט צווישן זיי ליבע, צי שנאה. קיין שום קלייניקייט ווערט פון אים נישט פאַרהוילן״. עפּעס ענלעכעס צו דעם שרייבט רבי מענדל אַליין פון ארץ־ישראל צו זיינע געוועזענע חסידים אין חוץ לארץ — אין יאָר תק״א: „וויסן זאָלט איר, מיינע ליבע, אַז איך בין אין הייליקן לאַנד ווי אַ געשיקטער פון שרים אין קעניגלעכע פּאַלאַצן. איך האָב אין זינען יעדע איינציקע זאַך וואָס איז נוגע דעם תיקון פון דער

מדינה סיי אין גוף און סיי אין נפש. מיינע געליבטסטע און געטרייסטע שטייען שטענדיק פאַר מיר און זיינען אויסגעקריצט אין מיין האַרצן סיי ווען איך דאַוון און סיי ווען איך האָב התבודדות".

צו שטאַרקן דעם פאַרבאַנד צווישן חסידים פלעגט דער רב פאָרן צו רב מענדלען אַזוי ווי יעדער חסיד פאָרט צו זיין רבין, כאָטש באמת האָבן זיי ביידע געהאַלטן זיך פאַר חברים. די לערע פון חסידות האָט זיך געשטאַרקט אין רייסן פון טאָג צו טאָג צום גרויסן פאַרדראָס פון די מתנגדים. די לעצטע האָבן נישט געקענט צוקוקן רואיק ווי חסידות אַנטוויקלט זיך, האָבן זיי גענומען נאָך מער צרות אָנטאָן די חסידים. עס איז אוממעגלעך געוואָרן צו לעבן. מען האָט שוין נישט געקענט מער אַריבערטראָגן די רדיפות פון אייגענע ברידער.

רבי מענדלען און ר' שניאור־זלמנען האָט נאָך באַזונדערס פאַרדראָסן דאָס, וואָס אָט די אַלע מעשים ווערן אָפּגעטאָן אין דעם נאָמען פונעם ווילנער גאון, וועלכן דער רב, אַפילו בשעתן גרעסטן פאַרדראָס און צער, האָט גערופן נישט אַנדערש ווי „הגאון החסיד". מילא זיי, די מחלוקת־מענטשן! אָבער ער, דער גאון, דער מענטש מיטן ליכטיקסטן אויג און שענסטן גייסט, דער מענטש מיטן גאָלדענעם האַרץ, אמתער ענוה, יראת שמים, אהבה צו גאָט און צו מענטשן — ווי קומט ער נישט צו הערן וואָס עס זאָגן די באַשולדיקטע? ווי אַזוי קאָן ער עס דן זיין די חסידים ווי מינים און כופרים אין דער צייט, וואָס ער ווייס נישט ווער און וואָס די חסידים זיינען?

רב מענדל מיטן רב האָבן, בכן, באַשלאָסן אַליין זיך צו ווענדן צום גאון. זיי האָבן געהאָפט צו ווירקן אויף אים מיט דעם כח פון אמת, אָפנהאַרציקייט און פייערדיקן גלויבן. זיי האָבן געגלויבט, אַז ביים וכוח וועלן זיי גערעכט בלייבן. לכל הפחות וועלן זיי פועלן, אַז מען זאָל אויף זיי מער נישט קוקן ווי אויף עוכרי ישראל. זיי האָבן געהאָפט פועל צו זיין, מען זאָל, לכל הפחות, דעם חרם אַראָפּנעמען. כאָטש בעתן וכוח אין שקלאָוו אין יאָר תקל"ב האָט מען גאָרנישט געפועלט, האָט מען גערעכנט, אַז איצט וועט מען יאָ פועלן. פריער האָט מען געהאַט צו טאָן מיט גע־ווײנלעכע מתנגדים, איצט אָבער איז עס דאָך דער גרויסער גאון און מקובל. רבי מענדל מיטן רב זיינען בכן געפאָרן אין יאָר תקל"ז קיין ווילנע.

זיי זיינען פאַרפאָרן צום דאַמאָלטדיקן אב"ד רבי שמואל (דער לעצ־טער אב"ד אין ווילנע). רבי שמואל איז געווען אַ גרויסער גאון און אַ באמת ליכטיקער מענטש. ער איז צופרידן געווען פון דעם, וואָס די חסידישע

גדולים זיינען געקומען בעטן שלום. האָט ער זיך משתדל געווען מיט אַלע כוחות מע זאָל די חסידישע גדולים אויפנעמען ביים גאון. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. דער גאון האָט געזאָגט, אַז מען טאָר זיך מיט די חסידים נישט מתווכח זיין. צוויי מאָל זיינען רבי מענדל מיטן רב גע־גאַנגען צום גאון אוןביידע מאָל האָט מען זיי נישט געלאָזט אַריינגיין. די גרעסטע מענטשן פון ווילנע האָבן זיך געפּרואווט אַריינלייגן אין דער זאַך, געבעטן דעם גאון ער זאָל די חסידים אויפנעמען, האָפנדיק, אַז ער, דער גאון, וועט זיי מנצח זיין און אַלע זייערע טענות ומענות מאַכן צו נישט. אָבער די ווילנער גדולים האָבן אויך גאָרנישט געפּועלט. ווען מען האָט אים צו־שטאַרק אָנגעהויבן בעטן, איז ער אָפּגעפאָרן פון שטאָט.

פאַרוואָס איז דער גאון געווען אין דעם פּרט אַזוי נישט־נאָכגיביק? — ווענן דעם זיינען דאָ פאַרשיידענע השערות. פון אַלע השערות און מעשיות לאָזן זיך הערן די רייד פון די וואָס זאָגן, אַז די, וואָס האָבן אינטריגירט קעגן די חסידים, האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויפן גאונס מוטער, און ווען ער, דער גאון, האָט שוין געהאַט באַשלאָסן אויפצונעמען די חסידישע גדולים, האָט זי אויף אים גוזר געווען בגזירת כבוד אם, אַז ער זאָל זיי אויפן שוועל נישט אַרויפלאָזן און זייערע פּנימער נישט אָנקוקן...

ר׳ שניאור־זלמן און ר׳ אברהם קאַליסקער זיינען דאַן איינגעגאַנגען אויף אַ צווייטן וויכוח אין שקלאָוו — אַ וויכוח מיט מתנגדים סתם. די מתנגדים האָבן זיי אָנגעטאָן גרויסע בזיונות, אַפילו געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין אַ קעלער — און קוים מיטן לעבן האָבן זיך ביידע אַרויסגעריסן צוריק צום רבין, צו ר׳ מענדלען.

געזען, אַז עס לאָזט זיך גאָרנישט מאַכן, האָט ר׳ מענדל וויטעבסקער באַשלאָסן איבערצורייסן מיטן גלות. צוזאַמען מיט תלמידים איז ר׳ מענדל אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. פון דאָרט פלעגט ער מיט בריוו מחזק־זיין די חסידישע גרופּעס. דערווייל האָט זיך אין רייסן אָנגעהויבן אַ שטילע מחלוקת: מי בראש? ווער זאָל איצט ווערן דער רבי און מדריך פון די רייסישע חסידים?

ר׳ שניאור־זלמן איז אין אָט דער שטילער מחלוקת געשטאַנען אַן אַ זייט. אין זיינע בריוו פון ארץ־ישראל פלעגט אָבער ר׳ מענדל וויטעב־סקער נישט אויפהערן אָנצואווייזן אויף דער גדלות פונעם רב — פון ר׳ שניאור־זלמנען. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז די רייסישע חסידים זאָלן אין אים דערזען זייער מנהיג. ר׳ שניאור־זלמן האָט איבערגענומען דאָס מנהיגות. ער האָט זיך באַזעצט אין ליאָזני און האָט די מיטגלידער פון דער

נייער באַוועגונג גענומען אָרגאַניזירן, געזען, זיי זאָלן זיך האַלטן צוזאַמען, נישט פונאַנדערפאַלן, אָפּהיטן זייער אייגענעם שטייגער.

ער האָט זיך שטאַרק גענומען צום אויסאַרבעטן אַ באַזונדערן נוסח פון דאַוונען און האָט אַזאַ נוסח צום סוף אויסגעאַרבעט, און אַזוי זיינען באַשאַפן געוואָרן באַזונדערע חסידישע מנינים. ער האָט איינגעפירט סכינים מלוטשים. דורך דעם זיינען די חסידים געצוואונגען געווען צו האָבן באַזונדערע שוחטים. ער האָט איינגעפירט פאַר די חסידים אייגענע מקואות. אָט די אָפּגעזונדערטקייט האָט נאָך מער אויפגערייצט די קעגנער, אַזוי, אַז זיי האָבן זיך ווידער גענומען צו זייער געווער — צום חרם.

# דער צווייטער חרם

קאַמף קעגן די תקיפים. — צוזאַמענשטויסן און ווידעראַנאַנדן. — דער צווייטער חרם פון תקמ״א. — זעלווער יאַריד. — די באַציאונג צום גאון. — שטרעבונג צו שלום. — דעם גאונס „זון״.

מען האָט געקענט פאָראויסזען אַז די אָרגאַניזיר־אַרבעט פונעם רב וועט אַרויסרופן אַ גרויסן ווידערשטאַנד מצד די מתנגדים. אויב די מתנגדים האָבן ניט געקענט אַריבערטראָגן די רוחניות פון די חסידים, האָבן זיי עפּעס, וואָס זיי האָבן באַטראַכט ווי חסידישע מאַכט, נאָך ווייניקער געקענט סובל זיין. די צוזאַמענשטויסן צווישן חסידים און מתנגדים זיינען נאָך דעם רבס באַזעצן זיך אין לאָזשני געוואָרן שטאַרקער, עפּטער, און — מען מוז מודה זיין — אויך אַביסל באַגרינדעטער און נאַטירלעכער. אויב מען האָט פריער געהאַט צו טאָן מיט הויכע עולמות, איידלסטע געדאַנקען און באַגריפן, וואָס „לאו כל מוחא סביל דא״ (וואָס ניט יעדער מוח קען עס פאַרנעמען), האָט מען איצט אָנגעהויבן זען פאַר זיך מעשים פון חסידים, וואָס אין זיי איז לייכט געווען צו באַמערקן די שטרעבונג זיך אָפּצוטיילן פון אַנדערע. האָבן זיך אָנגעהויבן אומצאָליקע מחלוקתן אַרום די באַזונדערע מעשים, וואָס חסידים האָבן געטאָן, מחלוקתן אַרום זייער טאַנצן, שפּרינגען און זינגען אין דאַוונען, אַרום זייער פריילעכקייט און לעבעדיקייט און פאַרשידנסטע שפּיצלעך, וואָס זיי פלעגן אָפּטאָן אויף געלעכטער זייערע מתנגדים, אַרום די באַזונדערע שוחטים וואָס זיי פלעגן זיך נעמען (און וואו זיי האָבן גע־קענט — אויך באַזונדערע רבנים), אַרום דער אָפענער פאַראַכטונג פון אַ טייל חסידים לגבי מתנגדישע ראשי הקהל און תקיפים. די מתנגדים זיינען געווען שטאַרק פאַרביטערט, זייער כעס האָט געברענט, ביז ער איז אויסגעבראָכן אין געשטאַלט פון אַ צווייטן חרם.

מען האָט שוין ניט געקענט אַריבערטראָגן די חסידישע „חוצפה״. ניט קענענדיק קעמפן אויפן גלייכן וועג (ווייל די חסידים, ביי זייער דאַמאָלטדיקער קליינקייט אין צאָל, זיינען דאָך פיל שטאַרקער געווען פון די מתנגדים, שטאַרקער מיט זייער ענערגיע, פייער, פעסטן גלויבן אין דעם אייגענעם

אמת און אייגענער גערעכטיקייט) — האָבן די מתנגדים געמוזט גיין אויפן קרומען וועג, אָנווענדן דעם נאַרישן, טייל מאָל שרעקלעכן מיטל — דאָס מחרים־זיין.

זעענדיק, אַז דער ערשטער חרם, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר תקל״ב, האָט ווייניק געפועלט, האָבן די מתנגדים געפּרואווט זייער „פּיינט״ מנצח צו זיין מיט׳ן צווייטן חרם אין יאָר תקמ״א. זיי האָבן געמיינט, אַז דער ערשטער חרם האָט ווייניק געווירקט, ווייל ער איז געמאַכט געוואָרן אָן באַזונדערן רעש, האָט מען דעם צווייטן חרם דורכגעפירט מיט גרויס פּאָמפּע, מיט פּאַראַד, מיט קללות, געבייזערייען און געשרייען. גאונים פון יענער צייט האָבן זיך אויף אָט דעם חרם געחתמעט. אַ טייל, און אפשר אַ היפּשער טייל, אונטער אַ גייסטיקן צוואַנג.

אַז צווישן די רבנים, וואָס האָבן זיך אויפן צווייטן חרם געחתמעט זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן עס געטאָן קעגן זייער אייגענעם רצון און אייגענע איבערצייגונגען, זעט מען פון דעם, וואָס אויף דעם חרם איז געחתמעט אויך רבי שמואל, דער לעצטער אב״ד פון ווילנע. מיר האָבן שוין געהערט, אַז רבי שמואל האָט אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כוחות, דער ווילנער גאון זאָל אויפנעמען ביי זיך רבי מענדיל וויטעבסקער און דעם רב, כדי די מחלוקת צווישן מתנגדים און חסידים זאָל געשטילט ווערן און אויף דעם אָרט פון מחלוקת זאָל קומען שלום. אַז רבי שמואל האָט אין חסידים קיין שלעכטס ניט געזען, קאָן מען דרינגען אויך דערפון, וואָס ער האָט זיין טאָכטער אויסגעגעבן פאַרן גרויסן חסיד און גאון ר׳ ברוך מרדכי אב״ד פון באָברויסק, וועלכער איז געווען איינער פון דעם רבס תלמידים. ער האָט אָבער געמוזט חתמנען זיך אויפן חרם, כדי מען זאָל ניט זאָגן, אַז אויך ער איז אַ מין און אַפּיקורס. מען דאַרף, אגב, וויסן, אַז רבי שמואל איז אַזוי אויך געצוואונגען אויסגעשטאַנען פון אַ טייל דעמאָלסטיקע ראשי הקהל אין ווילנע — דערפאַר וואָס ער איז געווען גייסטיק מער איידל, מער אַריסטאָקראַטיש, ווי עס האָבן זיך געוואונטשן אַמאָליקע קאָכלעפל.

מ׳קאָן זאָגן, אַז דער צווייטער חרם האָט זיך פאַרצווייגט אין חרמות — בלשון רבים.

איינער פון די חרמות פון יאָר תקמ״א איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויפן יאַריד אין זעלווא. אויב דער לעזער וועט פרעגן: מה ענין שמיטה אצל הר סיני? וואָס האָט אַ יאַריד צו טאָן מיט חסידות? דאַרף ער געדענקען, אַז אַמאָל, ווען דער קהל איז געווען בתקפו, פלעגן די גרעסטע ראשי הקהל און די חשובסטע רבנים זיך צונויפפאָרן, כדי צוזאַמענריידן זיך, מיישב זיין

זיך, אויסהערן איינע די צווייטע און מתקן זיין אלערליי תקנות. יענע צו־זאמענפארן האבן יידן א סך גוטס געבראכט. דורך זיי זיינען יידן פיל־וויניק ארגאניזירט געווארן. דורך זיי האט זיך געשטארקט די יידישע אחדות, דורך זיי האט דער יידישער געדאנק אנגענומען זייער אפט א ריכטיקע ווענדונג. דארט זיינען קריטיקירט און פארבעסערט געווארן די פעלערן פון יחידים, געליימט און אפגעהאלטן געווארן די שרירות־לב פון יעדן ראש הקהל און תקיף באזונדער. עס זיינען דארט אויך פון מאל צו מאל געשאפן געווארן יידישע לעבנס־פארמען און לעבנס־נארמען. ווי יעדע מאכט איז אבער אויך די מאכט פון די צוזאמענפארן טייל מאל אויסגענוצט געווארן צום בייזן, ווען בראש פונעם צוזאמענפאר זיינען געשטאנען בעלי־מחלוקת.

די חרמות פון יאר תקמ״א זיינען געקומען אזוי: דעם פינפטן אב האט מען געמאכט א כתב אין ווילנע און דער גאון מיט רבי שמואלן האבן זיך אויף אים געחתמעט. דערנאך האבן זיך פיל רבנים געחתמעט אויפן חרם בעת עס איז פארגעקומען דער זעלוועער יאריד. ר״ח אלול פונעם דערמאנטן יאר האבן דרייצן רבנים מיט דעם גראדנער רב בראש מחרים געווען די חסידים אין די שולן. מען האט אנגעצונדן ליכט, מען האט געבלאזן שופר, מען האט געשאלטן די חסידים קללות נמרצות. מען האט גוזר געווען אז מען זאל זיך מיט חסידים ניט מתחתן זיין, מען זאל זייער ברויט ניט עסן, זייער וויין ניט טרינקען. מען האט מפקיר געווען זייער לעבן און גוטס. כ׳ אלול האבן אויך די פינסקער רבנים דעם חרם מכריז געווען. כ׳ אלול האט דער בריסקער רב מכריז געווען דעם חרם, דערנאך גייען סלוצק, שקלאוו און אנדערע שטעט. אין שקלאוו איז דערביי געווען א גרויסע אסיפה און מען האט זיך א נעם־געטאן דעם חרם אויס־צופירן מיט אלע פרטים און דקדוקים.

דאס פייער האט זיך פונאנדערגעפלאקערט. פיל פרומע מתנגדים האבן געהאלטן פאר זייער הייליקן חוב אנטאן די חסידים די גרעסטע היזקות און צו פארשאפן זיי די גרעסטע צרות. זידלערייען און קלעפ זיינען געווען א וואכעדיקע זאך; מען האט זיך אבער דערמיט ניט באנוגנט. מען האט גע־וואוסט, אז לויטן חרם זיינען חסידים פון די וואס „מורידין ולא מעלין". פלעגט קומען צו טראגישע סצענעס. פאטערס פלעגן זייערע קינדער שלאגן, יאגן, טרייבן פון שטוב, אין גאנצן אפזאגן זיך פון זיי. ווען מען פלעגט א מתנגד דערציילן, אז זיין זון איז א חסיד געווארן, פלעגט ער זיך זעצן שבעה. תנאים פלעגן צעריסן ווערן; גטן זיינען פארגעקומען אויף שריט און טריט. עלטערן פלעגן צווינגען זייערע טעכטער זיך צו גטן מיט זייערע מאנען,

די חסידים, קינדער פלעגן בלייבן לעבעדיקע יתומים. מ'איז דאָך זיכער געווען, אַז ס'איז אַ „כת"...

האָט מען הייזער פון חסידים געברענט, זייער פאַרמעגן פאַרוויסט, זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר בלבולים. אויף מסירות נפש האָט מען געקוקט ווי אויף אַ קינדער־שפּיל. האָט מען גאַרנישט געקענט מאַכן מיט בלויזע מסירות פאַר די פּריצים, פלעגן פליען מסירות אין די הויכע פענצטער.

ווי חסידים דערציילן, איז דער ווילנער גאון איבערצייגט געוואָרן אין דער שלעכטסקייט פון דער „כת" נאָך דעם, ווי אים האָט באַזוכט דער ר' אביגדור פון פּינסק און האָט פאַר אים אָנגערעדט אויף חסידים אַל־דאָס בייז. אַ באַזונדערער „חטא" איז געווען, וואָס רבי לוי יצחק, וועלכער איז אַמאָל געווען רב אין פּינסק, האָט כשר געמאַכט אַ ריאה, וואָס ער, אביגדור, האָט טריפה געמאַכט. דערצו זאָל אביגדור האָבן געוויזן אַ פּאַמפלעט, וואָס דער רב האָט כלומרשט געשריבן קעגן גאון. פאַרשטייט זיך, אַז דער רב האָט אַזוינס קיינמאָל ניט געקענט שרייבן, וואָרעם אין די פיל בריוו צו זיינע חסידים הערט דער רב ניט אויף מזהיר צו זיין זיי, אַז זיי זאָלן זען אויסמיידן מחלוקת מיט אַלע כוחות, אַז זיי זאָלן קיינמאָל קיין בייז וואָרט ניט זאָגן אויף וואָסער ניט איז מתנגדישן גאון, און איבערהויפּט זאָלן זיי זיך היטן אָנצורירן מיט וואָס עס איז דעם כבוד פון דעם הגאון החסיד ר' אליהו.

דער הייליקער גאון איז אָבער אין דעם פּרט תמימותדיק געווען און ער האָט אַפילו ר' אביגדורן געגלויבט.

דאָס פייער האָט זיך פאַרשפּרייט אויך איבער וואָלין און פּוילן. אומעטום איז די חסידים אויסגעקומען אויסצושטיין די גרעסטע צרות און די ביטערסטע רדיפות.

נו, האָבן די חסידים אויך ניט געלאָזט זיך שפּייען אין קאַשע. די חסידים האָבן פון זייער זייט געענטפערט מיט גוואַלד אויף גוואַלד. קיינמאָל האָבן אָבער די חסידים פון יענער צייט ניט באַנוצט אַזעלכע מיטלען ווי מסירה, וכדומה. אַ טייל פון די ערשטע חסידים, באַגרייפנדיק דעם אמתן אידעאַל פון אַ חסיד, האָבן בכלל מיט גאָר נישט געענטפערט אויף אַלע בלבולים און זלזולים, קללות און חרמות. זיי האָבן גוט געדענקט דעם הייליקן אמת: „הנעלבים ואינם עולבים, שומעים חרפתם ואינם משיבים, עושים מאהבה ושמחים ביסורים עליהם הכתוב אומר ואוהביו כצאת השמש בגבורתו" (די, וואָס מען באַליידיקט און זיי באַליידיקן קיינעם נישט, וואָס אַלע פאַרשעמען זיי און זיי פאַרשעמען קיינעם ניט, וואָס זיי טוען אַלץ פון ליבע און ליידן

יסורים מיט פרייד, אויף יענע איז געזאָגט, אַז די ליבהאָבער פון גאָט זיינען ווי די זון וואָס גייט אַרויס אין פולער גבורה).

עס איז זייער רירנדיק ווי רבי אלימלך ליזענסקער (דער „נועם אלימלך״) דערציילט וועגן די רדיפות אויף אים. ער קלאָגט זיך אויף קיינעם ניט און באַליידיקט קיינעם ניט. ער נעמט אָן, אַז ווי באַלד גדולי הדור פאַרפאָלגן אים, מסתמא וויל גאָט אַזוי. עס פאַרדריסט אים נאָר וואָס מען האָט זיין מנין צעטריבן. „דאָס איז ביטערער — זאָגט ער — ווי דער טויט״.

אין דעם גייסט שרייבט אויך דער רב צו זיינע חסידים. אַזעלכע בריוו האָבן באמת געהאַט אַ גוטע ווירקונג. מחמת דעם רבס חסידים פלעגן זיך אָפּהיטן פון יעדער אַרויסטרעטונג, פלעגן מיט אַלע כוחות באַמיען זיך אויס־צומיידן יעדע זאַך, וואָס קען ברענגען צו מחלוקת. זיי פלעגן מייסטנס אָפּ־האַלטן זיך פון אָפּצאָלן די מתנגדים פאַר זייערע רדיפות. איז דער כעס פון די מתנגדים טאַקע ביסלעכווייז, ביסלעכווייז געשטילט געוואָרן. דאָס פייער פון מחלוקת האָט ווידער אויפגעפלאַקערט נאָך דעם ווי עס איז געדרוקט געוואָרן צום ערשטן מאָל דעם רבס „לקוטי אמרים״, אָדער „תניא״. דערצו האָט איין פאַלשער טריט מצד אַ טייל פון די דאַמאָלטיקע חסידים גורם געווען, אַז דאָס פייער פון מחלוקת, וואָס האָט געהאַלטן ביים אויס־לעשן, זאָל זיך ווידער פונאַנדערברענען. מעגלעך ,אַז די כוונה פון דעם טייל חסידים, וואָס האָט געמאַכט אָט דעם פאַלשן טריט, איז גוט געווען. מען טאָר זיך אָבער ניט באַנוצן מיט שקר אַפילו לשם שמים. גייט מען אויפן געפערלעכן וועג פון שקר, מעג מען דערביי האָבן די בעסטע כוונה, מוז מען געשטרויכלט ווערן.

דער שקר איז באַשטאַנען אָט אין וואָס: די חסידים האָט איבער־הויפּט פאַרדראָסן דאָס, וואָס דער גאון איז קעגן זיי; אַלע אַנדערע מתנגדים האָבן זיי מבטל געווען אין האַרצן — און אַ סוף. דעם גאון האָבן זיי אָבער טיף געאַכט, ניט ווייניקער ווי די מתנגדים. דעם גאונס התנגדות האָט זיי דאַריבער פאַרשאַפט אַ באַזונדערן האַרץ־ווייטיק. וואָס־זשע האָבן אייניקע פון זיי געטאָן? מען האָט אַרויסגעשיקט צוויי חסידים איבער דער וועלט. זיי פלעגן זייער אָנקומען תמיד פאַרהילן אין אַ סוד. איינער פון זיי פלעגט אומגיין פאַראומערט, פאַרזאָרגט, טיף פאַרזונקען אין געדאַנקען. ווען מען פלעגט אים פרעגן ווער און וואָס ער איז, פלעגט ער ניט ענטפערן. דער צוויי־טער פלעגט זיך אָנגעבן אַלס משמש פון דעם ערשטן. ווען מען פלעגט צום משמש שטאַרק צושטיין מיט אַ פראַגע: ווער און וואָס איז דיין

רבי? פלעגט ער ענטפערן: ער איז דעם ווילנער גאונס אַ זון. פלעגן גע־ווינלעך די נייגעריקע נישט אָפּלאָזן דעם „גאונס זון" און אים פרעגן: וואָס זאָגט עפּעס דער גאון וועגן חסידים? פלעגט ער ענטפערן מיט אַ טיפן זיפץ: וואָס זאָל דער טאַטע זאָגן? ער קלאָגט נעבעך און וויינט, פאַסט און טוט תשובה אויף דעם, וואָס ער האָט באַליידיקט אַזעלכע קדושי עליון, ווי די גדולי החסידים...

מתחלה האָט דאָס געווירקט. די מתנגדים האָבן טאַקע באמת אַנגעהויבן גלויבן ,אַז דער גאון האָט חרטה. סוף־כל־סוף איז די זאַך אָבער אָנגעקומען צום גאון. האָט דעם גאון שטאַרק פאַרדראָסן וואָס מען פאַרשפּרייט וועגן אים אַ שקר.

האָט ער גלייך אַרויסגעשיקט זיינע צוויי תלמידים (ר' חיים און ר' סעדיה) מיט אַ בריוו איבער אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך אין רייסען. אין דעם בריוו איז געשטאַנען: היות ווי די „כת" רימט זיך, אַז איך האָב חרטה, בין איך מודיע אַלעמען, אַז איך האָב חס ושלום קיין חרטה ניט אויף דעם, וואָס איך האָב ביז איצט געזאָגט און געטאָן קעגן די, וואָס רופן זיך חסידים.

דעם גאונס תלמידים זיינען געפאָרן מעיר לעיר און וואו זיי זיינען געקומען איז די אויפרעגונג קעגן די חסידים אַלץ געוואָרן שטאַרקער. מען האָט געקענט פאַראויסזען, אַז דאָס מאָל וועט מען זיך שוין ניט באַנוגענען מיט חרמות אַליין.

די שליחים זיינען געקומען קיין מינסק. דערביי האָבן זיי דעם גאונס בריוו איבערגעלאָזן אין מאָהילעוו. האָבן די מינסקער „פּני" געצווייפלט, צי די שליחים זאָגן אמת. על כן האָבן זיי אַרויסגעשיקט ספּעציעלע שליחים קיין ווילנע צום גאון, צו דערוויסן זיך וועד האָט רעכט געזאָגט: זיין „זון" צי זיינע תלמידים?...

דער גאון האָט באַלד געענטפערט די גדולי מינסק מיט אַ בריוו, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: תשובת אליהו אשר קנא קנאת ד' צבאות וכו'.

לאָמיר דערווייל איבערלאָזן די נישט־פריילעכע ענינים און אַריבערגיין צו דער פאַרעפנטלעכונג פון „תניא".

# דער „תניא"

„ליקוטי אמרים" — געדאַנקען וועגן גלויבן און עצות פאַר ברידער אין גייסט. — ווי אַזוי אָפּצואוועגדן די אַטאַקעס פון יצר־הרע און אים אַטאַקירן צוריק. — „ספרן של בינונים" — אַ ספר פאַר „מיטעלע". — דער שטורעם פון קעגנערשאַפט צום ספר. — דער הויך־פּונקט פון חסידות. — אַ שליסל צו געטלעכע אוצרות. — די מעטאָדע פון דעם תניא. — וואָס איז נפש? — אידעאַליזם, מאַטעריאַליזם, פּאָזיטיוויזם. — צוויי נפשות: אַ נאַטירלעכע און אַ געטלעכע. — דאָס אינערלעכע געשטאַלט פון דעם מענטשן. — דער חבדישער כתב, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „פעם אחת נכנס רבי משה אל הרב". — וואָס איז גאָט און וואָס איז נשמה. —וואָס עס הייסט ביים רב: סטרא אחרא. — דער אַבסאָלוטער „אין עוד מלבדו".

אין יאָר תקנ"ו האָט דער רב אָפּגעדרוקט זיין ספר „לקוטי אמרים". דער ספר איז געשריבן געוואָרן פאַר אייגענע מענטשן („אנשי שלומנו"). ווי עס איז צו זען פון דעם באַשיידענעם נאָמען, האָט דער רב זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז דער ספר וועט מאַכן אַ רעש אין דער יידישער וועלט און וועט דערוועקן קעגן זיך אַ שטורעם פון התנגדות. אין תוך גענומען האָט דער רב אין זיינע „לקוטי אמרים" נאָר פאַרצייכנט זיינע געדאַנקען וועגן גלויבן און עצות פאַר ברידער אין גייסט, ווי אַזוי צו דינען דעם אויבערשטן מיט אַן אמת, ניט צו זיין גענאַרט ביי זיך, וויסן ביי יעדער געלעגנהייט, ביי יעדן פאַל אין לעבן, ביי יעדן צושטאַנד — ווי אַזוי אָפּצואוועגדן די אָנפאַלן פון דעם יצר־הרע און אים באַפאַלן צוריק. ער האָט דעם ספר געשריבן נאָר פאַר נאָענטע. ער האָט אים דעריבער פון אָנהויב גאָר ניט געהאַלטן ביים דרוקן: אייגענע קענען איבערשרייבן דעם ספר איינער ביים צווייטן. די העתקות האָבן אָבער פאַרדאַרבן דעם אָריגינאַל. ווען דער רב האָט זיך אַרומגעזען, אַז זיין ספר ווערט דורך די פיל העתקות פאַרגרייזט, האָט ער אים געמוזט אָפּדרוקן, כדי צו פאַרהיטן דעם ריכטיקן טעקסט.

דער „לקוטי אמרים" (ער הייסט אויך „תניא", לויט דעם ערשטן וואָרט, און דער ערשטער טייל איז „ספר של בינונים", ווייל עס איז באַשטימט, לויטן רב, פאַר „בינונים", פאַר מיטעלע מענטשן) האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם און האָט אַזוי שטאַרק אויפגערייצט די קעגנער, אַז זיי האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין גאָר ביטערע דרכים. עס איז וויכטיק פאַר יעדן איינעם,

וואָס וויל קענען די גייסטיקע געשיכטע פון זיין פאָלק און די געשיכטע פון חסידות בפרט, צו וויסן דעם אינהאַלט פונעם „תניא".

דער „תניא", כאָטש זיין מחבר האָט אין אים געזען נאָר „לקוטים" און אַ ספר פאַר „מיטעלע", איז באמת אַ קולמינאַציע־פונקט פון חסידות. אין פלוג לייכט און פּאָפּולער, איז דער „תניא" דער שליסל צו געטלעכע אוצרות. שוין דער אופן רייד[ן] פונעם רב, דער טעמפּאָ פון זיין וואָרט, די ליידנשאַפטלעכקייט פון דעם טאָן ביי דעם קלאָרן, קאַלטן ליכט פון העכערן שכל; דער גרויסער אינערלעכער פלאַם ביי דער טיפער רואיקייט פון גלויבן; דער געוואַלדיקער ערנסט און די שטאַרקסטע יראת־שמים ביי דער לייכטקייט, מיט וועלכער עס ווערן אויפגעדעקט טיפע געהיימנישן פון דעם מענטשנס נשמה און פון דעם וועלט־באַשאַף — שוין דאָס אַליין שאַפט אַן עכט־רעליגיעזע שטימונג. פאַרטיפט מען זיך נאָך אין דעם ספר, דערשפּירט מען, אַז אַ הייליקער געטלעכער שטראָם פליסט אַריין אין דער נשמה. ווער שמועסט, ווען מ׳לערנט דעם ספר בקדושה ובטהרה, ווען מ׳וואַרפט אַוועק דערביי דעם אייגענעם, קליינלעכן שכל און די אייגענע קליינלעכע השגות, מען פאַרגעסט אַלע אַנגענומענע „וויסנשאַפטלעכע" אמתן, די גאַנצע וועלטלעכע „קלוגשאַפט", אַלע ספקות און קשיות, וואָס קומען פון דער אויסערלעכער, וואָכעדיקער וועלט (פון דער סטרא אחרא, לויט דער טערמינאָלאָגיע פון דעם רב), מוז מען באַוואונדערן דעם „תניא", ווי עס האָט אים באַוואונדערט רבי לוי יצחק: אַריינצושטעלן אַזאַ גרויסן גאָט אין אַזאַ קליין ספרל!

דער צוגאַנג פון „תניא" איז דער אַלטער צוגאַנג פון איוב: „מבשרי אחזה אלוה" (פון מיין לייב זע איך גאָט). דעם מענטשנס נשמה, ווי באַלד זי איז פון אויבן גענומען, איז זי אַ שפּיגל פון אָט דעם אויבן. ווי די זון שפּיגלט זיך אָפּ אין אַ טראָפּן וואַסער, אַזוי שפּיגלט זיך אָפּ די גאַנצע אומענדלעכקייט אין דעם מענטשנס נשמה. קענען מיר ניט אויפנעמען די געטלעכע זון ווי זי איז פאַר זיך אַליין, קענען מיר זי אויפנעמען לכל הפחות אויף וויפיל זי שיינט אַריין אין אונדזער גייסט. אמת, אויך די וועזנטלעכקייט (עצמות) פון אונדזער אייגענער נשמה איז אונדז ניט באַקאַנט. מיר ווייסן אָבער און זיינען תופס אירע הויפּט־כחות און אירע פאַרקליידונגען, אירע לבושים. אַנאַליזירן מיר אָט די כחות און לבושים, ווייסן מיר פון וואַסערע עלעמענטן זיי באַשטייען און ווי אַזוי אָט די עלעמענטן ווערן פאַראייניקט איינע מיט די צווייטע און אָפּגעשטויסן איינע פון די צווייטע; ווייסן מיר, ווי אַזוי פונאַנדערגעגלידערטע עלעמענטן ווידער צו ברענגען צו אַ

העכערן סינטעז, זיי ענדלעך אויפלייזן, בטל־מאַכן אין דער נשמה־סובסטאַנץ, אין עצמות הנפש, — קענען מיר אונדזער אייגן נפש נעמען אַלס משל, אַלס סימבאָל פון דעם געטלעכן. מיר קאָנען דאַן באַנעמען, ווי אַלץ קומט פון דעם אחד און אַלץ קערט זיך אום צום אחד.

קודם כל מוז מען זיך אָבער קלאָר מאַכן וואָס רופן מיר אָן מיטן נאָמען „נפש".

פון אייביק אָן איז דאָ אַ מחלוקת צווישן דעם גלויבן פון איין זייט און דער פּאָזיטיווער וויסנשאַפט און מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע פון דער צווייטער זייט. אמונה באַטראַכט דעם מענטשנס נפש ווי עפּעס, וואָס איז לחלוטין ניט אָפּהענגיק פון דעם קערפּער, וואָס לעבט זיין רוחניותדיק לעבן און פאַרהאַלט זיך צום קערפּער ווי אַ האַר צו זיין באַדינער; ריכטיקער געזאָגט, דער קערפּער איז נאָר דער אויסערלעכער לבוש פון דעם נפש, אַזוי, אַז ווען דער לבוש ווערט אַראָפּגעוואָרפן, בלייבט דאָס נפש לעבן ווי געווען. די מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע זעט אין דעם, וואָס מען רופט אָן ווילן, שכל, גייסט, נישט מער ווי העכערע, פאַרוויקלטע, קאָמפּליצירטערע קרעפטן פונעם קערפּער. אונטער „נפש" דאַרף מען — לויט איר — פאַרשטיין נישט מער ווי דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון אָט די העכערע קערפּער־לעכע קרעפטן. דער שכל אָדער אַן אַנדערער כוח פון גייסט איז נישט מער ווי אַ פונקציע פונעם מוח, אמת זייער אַ מאָדיפיצירטע, דאָך אָבער נישט מער ווי אַ פונקציע. די פסיכע בכלל איז, לויט אָט דער שיטה, נישט מער ווי דער סך־הכל פון די העכערע פונקציעס פון געהירן. ווען עס הערט אויף די אַרבעט פון די געהירן, קומט אַ סוף צו יעדן פסיכישן לעבן. וועגן אַ לעבן נאָכן טויט קען בכן גאָר קיין רייד ניט זיין.

די **אידעאַליסטישע** פילאָזאָפיע איז מער גענייגט צום גלויבן. איבערהויפּט קעמפט די אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע קעגן דער טענה פון די מאַטעריאַליסטן, אַז דער גייסט איז אַ פּראָדוקט פונעם קערפּער. לויט די אידעאַליסטן קען נישט די מאַטעריע, — מעגן אירע קרעפטן זיין ווי פאַר־וויקלט און ווי קוואַליפיצירט, — פּראָדוצירן איר קעגנזאַץ — **גייסט**.

די פּאָזיטיווע וויסנשאַפט ווייכט גלייך אָפּ אי פונעם מאַטעריאַליזם, אי פונעם אידעאַליזם. כאָטש זי אַנערקענט דעם צוזאַמענבונד צווישן קערפּער און גייסט, כאָטש זי באַווייזט ווי אַזוי קערפּער איז אָפּהענגיק פון גייסט און גייסט פון קערפּער, דאָך קומט זי, דורך אירע **העכערע** פאַרשטייער, ניט צום פאַראַלעליזם (גלייך־טעטיקייט פון גייסט און קערפּער), נאָר צו

דער מסקנא, אַז די ווענטלעכקייט פון דער פסיכע („נפש״) איז לחלוטין אומבאַקאַנט. מיר קענען אירע דערשיינונגען, וואָס גייען האַנט ביי האַנט מיט די פיזישע דערשיינונגען, אָבער וואָס זי איז לויט איר עצם מהות, וואָס זי איז לויט איר מקור און טבע, דאָס איז פאַרן פאָרשערס אויג אייביק פאַרהוילן.

די יידישע מיסטיק האָט אין דעם גאָר אַן אַנדער שיטה.

דער בעל „התניא״, פונקט ווי ר׳ חיים וויטאַל, זעט אין דעם מענטשן צוויי נפשות. דערמיט קומען אַלע חילוקי־דעות וועגן דעם מענטשנס נפש צו אַ העכערער איינקייט. דאָ ווערט נאָך ניט גערעדט וועגן די גאָר הויכע ספערן פון דעם מענטשנס אינערלעכער וועלט, ווי „רוח״, „נשמה״, „חיה״, „יחידה״, נאָר בלויז וועגן דער ספערע וואָס הייסט „נפש״. זאָגן די מקובלים, אַז אויך אָט די זעלישע ספערע, וועגן וועלכער אַלע ריידן, איז באמת ניט איינע, נאָר צוויי באַזונדערע ספערן. עס איז דאָ אינעם מענטשן אַ „נפש הטבעית״ (נאַטירלעכע זעל) און אַ „נפש אלקית״ (אַ געטלעכע זעל). די נאַטירלעכע זעל רוט אין דעם מענטשנס בלוט און איז אָפּהענגיק פונעם מענטשנס פיזישן לעבן; די געטלעכע זעל רוט אָבער נאָר אינעם מענטשנס שכל און איז דורכויס אַקטיוו. די נאַטירלעכע זעל איז אַ ריין אָרגאַניש דערקענטעניש, איז דורכויס איינגעוואָרצלט אין די געוויינלעכע נאַטור־קרעפטן. לויט איר אָפּשטאַמונג, נייגונגען און סימפּאַטיעס איז זי ערדיש. זי איז נאָר ניט, ווי עס מיינען אַלערליי טעאָלאָגן, דורכויס נידעריק, שלעכט און זינדיק. אדרבה! זי קען האָבן זייער גוטע און שיינע אייגנשאַפטן, ווי ליבע, פריינטשאַפט, רחמנות, וכדומה, וואָרעם — פאַראַן אַלערליי „נאַטירלעכע זעלן״: עס זיינען דאָ זעלן באמת פינצטערע און שלעכטע, וואָס שטאַמען, לויט דער טערמינאָלאָגיע פון דער קבלה, פון שלש קליפות הטמאות (דריי אומריינע אויסערלעכקייטן) — רוח סערה, ענן גדול ואש מתלקחת (שטורעם־ווינט, גרויסער וואָלקן און בראַנד־פייער). עס זיינען אָבער דאָ נאַטירלעכע זעלן, וואָס שטאַמען פון „נוגה״ (שיין). אָט די קליפה (אויסערלעכקייט), ווי עס ווייזט שוין איר נאָמען (שיין), אַנטהאַלט אין זיך אי גוטס, אי שלעכטס (שיין, אָבער אָן הייליקער ממשות). די דאָזיקע זעלן קענען האָבן נאַטירלעכע גוטע מדות, — מען איז אָבער מיט דעם גוטן אין זיי ניט זיכער. עס קען קומען דאָס שלעכטע און פאַרווישן דאָס גוטע. עס קומען ליידנשאַפטן, גאוה, כעס, און פאַרטונקלען די שיין. אַנדערש איז מיט דער „נפש האלקית״ אינעם מענטשן. זי וועט שוין קיינמאָל פונעם גוטן ניט אָפּטרעטן; זי וועט קיינמאָל פונעם רעכטן וועג ניט אַוועקגיין; זי

וועט זיך פון קיין זאַך אין דער וועלט ניט לאָזן פאַרפירן. זי איז לויט איר טיפסטן מהות — געטלעכקייט. ווי אַזוי זשע קען זי זינדיקן?

אַט די באַהויפּטונג פון די מקובלים שטימט באמת מיט דעם פשט פון דער תורה. פון איין זייט זעט מען אין דער תורה כמעט ווי אַ מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג פון „נפש". איר הערט דאָרט: „כי הדם הוא הנפש" און „נפש כל בשר דמו הוא". פון דער צווייטער זייט זעט איר, אַז די תורה שטיצט אירע מצוות אויף איין הויפּט־זאַך: „כי בצלם אלהים עשה את האדם". וואָס־זשע מיינט מען מיט דעם „צלם אלהים"? מיינט מען דערמיט דאָס אויסערלעכע געשטאַלט פון דעם מענטשן? באַטראַכט דען תורת־משה די געטלעכקייט ווי אַ געשטאַלט? און וואו איז „כי לא ראיתם כל תמונה" (איר האָט קיין געשטאַלט ניט געזען)? מיט דעם „צלם אלהים" מיינט מען אָבער נישט עפּעס אַנדערש ווי דאָס אינערלעכע געשטאַלט פונעם מענטשן, דאָס אייביקע און געטלעכע אין אים. (זע די ערשטע פּרקים פון „מורה" און זע דעם ליובאַוויטשערס „דרך אמונה" אויפן וואָרט „צלם").
די תורה רעדט דאָ, בכן, וועגן צוויי „נפשות": איינע, וואָס איז אַ ריין אָרגאַ־נישע, אַ וועגעטאַטיווע, וואָס לעבט אינעם מענטשנס בלוט, אין זיין טעמ־פּעראַמענט, און די צווייטע — אַ געטלעכע, וואָס רוט אין דעם מענטשנס שכל, לייטערט און רייניקט זיין בלוט, הויבט אים העכער און העכער.

קומט פאַר אַן אייביקער קאַמף אין דעם מענטשן צווישן אָט די צוויי נפשות. דאָס איז ניט דער געוויינלעכער קאַמף פון יצר הרע און יצר טוב. דאָס איז דער קאַמף צווישן דער „נפש הטבעית" און דער „נפש האלקית", צווישן דעם אָרגאַנישן און געטלעכן. ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, קען אויך די אָרגאַנישע זעל פאַרמאָגן אין זיך פיל גוטס. דאָך קעמפט מיט איר די געטלעכע זעל אָן אַן אויפהער. די „נפש אלקית" שטרעבט צו פאַר־וואַנדלען דאָס בלוט — אין מוח, מוח — אין שכל, שכל — אין געטלעכקייט. די גאַנצע באַשטימונג און אויפגאַבע פון דער „נפש אלקית" איז א ו י פ צ ו־ה ו י ב ן די נאַטור, לייטערן זי, דורכגעטלעכן זי. זי דערגרייכט איר ציל נאָר דאַן, ווען זי פאַרוואַנדלט אויך די ריין־אָרגאַנישע זעל (נפש הטבעית, נפש החיונית, נפש הבהמית) אין געטלעכקייט. זי דערגרייכט איר ציל ניט דאַן ווען זי איז מ נ צ ח דעם אַזוי גערופענעם יצר הרע, נאָר ווען זי מאַכט פון דעם יצר הרע גופא — יצר טוב.

דער גרונט־שטריך פון דער נפש אלקית איז דאָס, וואָס זי אנערקענט קיין זאַך אין דער וועלט ניט, אויסער אלקית. דאָס הייסט: זי אַנערקענט נאָר די נאַנטקייט פון דעם אמתן יש; דאָס, וואָס מען רופט געוויינלעך אַן

„יש״, נאַטור — אַלערליי מעגלעכסטע וועלטן, אַלערליי מעגלעכסטע ברואים, — זעט זי ווי נישטיקייט, ווי אומעקזיסטענץ. זי זעט אין דעם וואָס מענטשן רופן געוויינלעך „יש״, נאָר אויסערלעכע שיין, פאַרשטעלעניש, פאַר־בלענדעניש, אחיזת עינים.

בשעת די „נפש הטבעית״ פרייט זיך מיט אַלעם דעם, וואָס זי זעט און הערט, פילט און געניסט, בשעת זי זעט פאַרבן, קלאַנגען, זאַכן, ווערט נאָך דעם מאַגנעטיש געצויגן, פ אַ ל ט אין דעם אַריין און ז י נ ק ט אין דעם, גיט איר די נפש האלקית צו פאַרשטיין, אַז דאָס, וואָס זי פילט און געניסט, האָט נאָר אַ זין און אַ ווערט אויף וויפיל פון דעם ווערט גענומען פאַר דעם אמתן אמת — דעם אמתן יש, דעם געטלעכן.

צו פאַרשטיין קלאָר, וואָס דער רב מיינט מיט זיין „נפש אלקית״, מוז מען נעמען אין אַכט דעם חב״דישן כתב, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „פעם אחת נכנס רבי משה אל הרב״. דאָס איז אַ שמועס, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן דעם רב און איינעם פון זיינע גרעסטע חסידים, רבי משה ווילענקער. רבי משה גייט אַריין צום רב. זאָגט אים דער רב: זאָג מיר, וואָס איז גאָט און וואָס איז נשמה. ענטפערט רבי משה: איך ווייס ניט. זאָגט אים דער רב: און איך ווייס יאָ...

— וואָס?

— דאָס, וואָס ס׳איז קלאָר פאַראַנען און וואָס חוץ אים איז קיין זאַך ניט קלאָר פאַראַנען — דאָס איז גאָט.

— און וואָס איז נשמה?

— דאָס אין דעם מענטשן, וואָס האָט אַ צו־קאָך אין דעם ענין, אַז נאָר גאָט איז קלאָר פאַראַנען און חוץ אים איז קיין זאַך קלאָר ניט פאַראַנען, — דאָס איז נשמה...

אין יענעם חב״דישן כתב, וואָס איז געשריבן האַלב לשון־קודש און האַלב יידיש, זיינען דאָ פאַרשידענע פ ר ט י ם פון אָט דער דעפינירונג, נאָר דערווייל וועט פאַר אונז גענוג זיין דער כ ל ל.

עס ווערט דאָרט נאָך צוגעגעבן: „ווייל די נשמה איז אַ חלק אלוק ממעל, דערפאַר האָט זי אַ צו־קאָך אין דעם ענין, אַז נאָר גאָט איז קלאָר פאַראַנען און חוץ אים איז קיין זאַך קלאָר ניט פאַראַנען״.

דאָס הייסט אויף אונדזער לשון: אין דעם מענטשן איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס איז מיט אַ באַזונדערער קלאָרקייט תופס דאָס טיף פאַרהוילענע, און עס האָט אַ פעסטקייט, אַ זיכערקייט, אַן אייביקייט, בעת דאָס,

וואָס מיר רופן געוויינלעך וועלט און לעבן, האָט נאָר אַ למראית־עין׳דיקע עקזיסטענץ, ווערט געביטן ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ און פאַרשווינדט ווי אַ שאָטן.

פון וואַנען קומט אָבער אין דעם מענטשן אָט דאָס העכערע באַוואוסט־זיין? — דערויף ענטפערט דער רב: אָט ווייל זי איז אַ חלק אלוק ממעל, האָט זי אַ צו־קאָך אין דעם ענין, אַאז״וו. ווי אַ טייל פון דער גאָטהייט באַגרייפט די נפש אלקית דאָס גאַנצע. ווייל דעם מענטשנס נשמה איז אַליין געטלעך דערפאַר באַגרייפט זי דאָס געטלעכע ווי די גרעסטע געוויסקייט. זי האָט „אַ צו־קאָך אין דעם ענין״. זי האָט אַ באַזונדער ליבע פאַר דעם געט־לעכן, אַ באַזונדער התלהבות, אַ באַזונדער חשק, אַ באַזונדער זין און געשמאַק פאַר אַלץ, וואָס רירט אָן די אייביקייט.

דעם מענטשנס זעל מוז זיין געטלעך, אַז נישט — וואָלט זי קיינמאָל ניט דערגרייכט צו דער אידייע פון גאָטהייט און וואָלט זי קיינמאָל ניט באַנומען, זאָל זיין אַפילו אין געוויסע מאָמענטן, ווי די קלאָרסטע און די העכסטע געוויסקייט.

גאָט באַגרייפן מיר נאָר דורך אונדזער „נפש אלקית״. וואָס אַנטהאַלט אין זיך די „נפש האלקית״? — דאָס באַוואוסטזיין פון דער געוויסקייט און פון דעם, אַז אַלץ אויסער איר איז ניט מער ווי שאָטנס. דערפון — די מאָס מיט וועלכער זי מעסט אַלע זאַכן און אַלע טואונגען פון דער וועלט. פאַר דעם „נפש אלקית״ עקזיסטירן ניט קיין סתם זאַכן און מעשים, נאָר יעדע זאַך און יעדע טואונג אין דער וועלט קען געהערן אָדער צו דער גאָטהייט, ווען דאָס ווערט אויפגעהויבן, אָדער צו דער „סטרא אחרא״, ווען די זאַך ווערט ניט אויפגעהויבן צו גאָט. בעת אַנדערע מקובלים האַלטן, אַז „סטרא אחרא״ איז דער טייטש: גרויזאַמע, שרעקלעכע, אומריינע קרעפטן, האַלט דער רב, אַז יעדע זאַך און טאָט אין דער וועלט, ווי באַלד זי איז ניט צו גאָט געווענדט, געהערט צו דער „סטרא אחרא״ (בוכשטעב־לעך: אַנדערע זייט). געהערט עס ניט צו גאָט, געהערט עס ממילא צו דער וועלט פון טוישונג און נאַרעריי.

די וואָס זעען אין אָט דער באַהויפּטונג פונעם רב צו שטרענגן ריגאָריזם, פאַרגעסן, אַז דאָס אייגנטלעך האָט אויך דער בע״שט געלערנט: „וסרתם — ועבדתם אלהים אחרים״. ווי איר קערט נאָר איין האָר אָפּ פון אמת, דינט איר שוין פרעמדע געטער. זיי פאַרגעסן אויך, אַז שוין רבנו בחיי אין „חובת הלבבות״ האָט געלערנט, אַז ס׳זיינען ניטאָ אויף דער וועלט קיין סתם־זאַכן, זאַכן וואָס זיינען ניט קיין מצווה און ניט קיין עבירה, נאָר יעדע זאַך

און יעדע טואונג אין דער וועלט מוז זיין איינס פון די צוויי: **אָדער אַ מצוה** אָדער אַן עבירה.

וויבאַלד אַזוי, ווערן אויך אַ סך פון די, וואָס פון אַ געוויינלעכן מענטש־לעכן קוק זיינען זיי בפירושע צדיקים — בינונים בלויז, מענטשן, וואָס זייער מצב איז צווישן, **נישט צדיקים גמורים און נישט רשעים (דערפון** — דער צווייטער נאָמען פון „ליקוטי אמרים״: ספרן של בינונים). **אָט די בינונים לערנט עס דער ספר התניא (די „ליקוטי אמרים״), ווי אַזוי אויס־**צוקלייבן, מברר צו זיין, דאָס גוטע, וואָס געפינט זיך אין קליפּת נוגה, און ווי משליט צו זיין די נפש־אלהית דורך מאַכן געוועלטיקן דריי העכסטע מידות אינעם מענטשן (אַקעגן די דריי העכסטע ספירות): **חכמה, בינה, דעת.** דער עיקר ווערט אַקצענטירט די אויגנשיינלעכקייט, די אחיזת־עינים פון דעם, וואָס איז „נישט קלאָר פאַראַנען״ — און דער אַבסאָלוטער „אין עוד מלבדו״ פון גאָט. דערביי איז גאָט סיי אַ סובב כל עלמין, דער וואָס איז מ ח ו ץ אַלע באַשאַפענע וועלטן און א י ב ע ר זיי, סיי אַ **ממלא כל עלמין**, דער, וואָס פילט אָן מיט זיך אַלע באַשאַפענע וועלטן און גיט זיי **אַ חיות.** אין הסכם מיט דעם געפינט זיך אין יעדער זאַך און אין יעדער מדרגה עפּעס, וואָס איז אין דער בחינה פון אור מקיף, און עפּעס, וואָס איז אין דער בחינה פון פנימיות און איז דאָס אינערלעכע, דאָס ממלאדיקע ליכט.

אַרום דעם „תניא״, דעם הויפּט־ווערק און הויפּט־יסוד,*) איז געוואָרן אויפגעבויט די גרויסע וועלט פון חב״ד, ווי מיר זעען זי ביים מיטעלן רבין (ר׳ בער), ביים אייניקל פונעם רב דעם „צמח צדק״, ביים רבס טיפן תלמיד ר׳ אהרן סטאַראָשעלער, ביי די גרויסע חב״ד־דענקער ר׳ הלל פּאַריטשער און ר׳ אייזיק האָמלער („מאמר השיפלות והשמחה״), ביי די שפּעטערדיקע חב״ד־רביים אאַז״וו.

גענויער וועט די חב״ד־שיטה אַרומגערעדט ווערן שפּעטער (אין דער פאָרם פון שמועסן **)**.** דערווייל לאָמיר זיך אומקערן צום רבס ביאָגראַפיע.

---

*) אַנדערע ספרים פון רב זיינען: „תורה אור״, „ליקוטי תורה״ וכו׳.

**) „שמועסן איבער דעם חב״דישן וועלט־באַנעם״.

# מלחמה מיטן „קהל" און דער ערשטער אַרעסט

די פטירה פון ווילנער גאון. — אין וואָס מ'האָט באַשולדיקט דאָס ביסל חסידים אין ווילנע. — דעם רבס חסידים און די פאַרהערלעכונג פון לימוד־התורה. — דער בלבול און דער אמת. — קאַמף און קעגן־קאַמף. — דער ווילנער גובערנאַטאָר פאַרווערט אַרויסצוגעבן חרמות. — די מסירה אויפן רב. — די תקופה פון צאַר פּאַוועל. — די ראָלע פון אברהם פּרץ אין פּעטערבורג. — דער אַרעסט.

נאָך אַ שטילשטאַנד צווישן די צוויי מחנות, מתנגדים און חסידים, וואָס האָט זיך געצויגן פערצן יאָר, האָבן זיך ביידע מחנות מיט פאַרביטערונג אַרויפגעוואָרפן איינע אויף די צווייטע. דער קאַמף־פונקט איז געווען — דער „קהל". דער קאַמף־פּלאַץ — די מתנגדישע פעסטונג, די ירושלים דליטא, ווילנע. וואָרעם די חסידים האָבן געפּרואווט פאַרחסידישן די רעזי־דענץ פונעם גאון...

בשעת דער גאון האָט פונאַנדערגעשיקט די חרם־בריוו, האָט ער פאַר זיין אייגענעם ראַיאָן קיין שום באַפעלן ניט אַרויסגעגעבן. אַזוי זיכער איז ער געווען מיט ז י י ן ווילנע...

און טאַקע, ווער וואָלט זיך דען אין ווילנע דערלויבט צו שטעלן זיך קעגן דעם גאון? דאָס הייפל חסידים, וואָס זיינען געווען אין ווילנע, האָבן בימי הגאון ניט געקענט דעם קאָפּ אויפהויבן. זיי האָבן זייער חסידות געמוזט באַהאַלטן און פאַרשטיקן.

קומט אָבער די געשיכטע און לערנט אונדז, אַז מיט קיין שום פעסטונג אין דער וועלט קען מען ניט זיין זיכער. באַלד נאָך דעם גאונס פּטירה האָט די צאָל חסידים אין ווילנע גענומען וואַקסן.

די געשעענישן האָבן זיך אַזוי געקייטלט:

אָנהויב תקנ"ח איז דער ווילנער גאון נפטר געוואָרן. איבעריק צו שילדערן, ווי גרויס עס איז געווען די קלאָג אין דער יידישער וועלט אויף דער הסתלקות פון דעם שר התורה. ווי מתנגדים דערציילן, האָבן אָבער אייניקע חסידים אין ווילנע אַרויסגעוויזן צופרידנקייט מיט דעם גאונס פּטירה. און נישט סתם צופרידנקייט.

מתנגדים דערציילן, אַז דער ווילנער חסיד ר׳ מאיר רפאלס און אַנדערע זאָלן האָבן געטאַנצט אויף דעם קבר פונעם גאון. ווער עס האָט אַ ריכטיקן באַגריף פון דעם אַלטן רבס חסידים, וועט עס בשום אופן ניט גלויבן. ווי אַזוי האָבן דעם תניאס חסידים געקענט דערלויבן זיך אַזאַ חלול הקודש? האָבן זיי דען ניט געוואוסט, אַז זייער רבי רופט אָן דעם גאון נישט אַנדערש ווי „הגאון החסיד״? האָבן זיי דען ניט באַגריפן וואָס תורה באַדייט? האָבן זיי דען נישט געקענט די גרויסקייט פון דעם ווילנער גאון, וואָס איז געווען דער לעבעדיקער אוצר פון תורה?

איינער פון די שיידוועגן, וואו חב״ד גייט זיך פונאַנדער מיט דער אַלגע־מיינער חסידות, איז דאָך דאָס, וואָס חב״ד פאַרגעטערט ניט נאָר די תורה, נאָר אויך דעם למוד התורה. אַפילו די גרעסטע און פייערדיקסטע מתנגדים, ווי רבי חיים וואָלאָזשינער (אין זיין „נפש החיים״) און דעם גאונס ברודער (אין זיין „מעלות התורה״) דערגייען ניט צו אַזאַ אַפּאָטעאָז פון לערנען ווי דער „תניא״. לויט דעם „תניא״ הייסט עס, אַז דער וואָס לערנט תורה האַלדזט און קושט דעם מלך מלכי המלכים און ווערט איינס מיט דער געטלעכקייט אַליין, ווייל די תורה איז גאָטס רצון און גאָטס שכל און אין גאָטהייט איז — „הוא המדע, הוא היודע, הוא הידוע״. וויבאַלד דעם מענטשס שכל איז תופס די טיפקייט פון אַ וואָסער ניט איז הלכה, ווערט ער דאָך גייסטיק פאַראייניקט מיט אָט דער הלכה; ער ווערט אַנ־געטאָן אין איר, און זי — אין אים. אַזוי אָבער ווי די הלכה איז דער אויסדרוק פון גאָטס געדאַנק און אין גאָטהייט איז געדאַנק און וועזנט־לעכקייט איינס, קומט אויס, אַז דער, וואָס איז תופס די טיפקייט פון אַ הלכה, איז ער אַנגעטאָן אין דער גאָטהייט און די גאָטהייט אין אים...

נאָך אַזאַ אַפּאָטעאָז פון לערנען איז דען מעגלעך געווען, אַז דעם רבס חסידים זאָלן ניט בטל ווערן פאַר דער הייליגקייט פון דעם ווילנער גאון, דעם געטלעכן ייד, וואָס האָט זיך איבערהויפּט אויסגעצייכנט מיט זיין באַגרייפן דעם אמת פון יעדער הלכה און פון יעדן פרט און פרט אין דער תורה?

מעגלעך, אַז יענע ווילנער חסידים האָבן ניט אַרויסגעוויזן אַזאַ טיפן טרויער אויף דעם גאונס פטירה ווי די מתנגדים. מענטשן זיינען דאָך פאַרט מענטשן. ווי פרום און גוט איינער זאָל ניט זיין איז אים דאָך שווער ליב צו האָבן באמת זיין קעגנער. אָט די קאַלטקייט פון די חסידים האָבן די מתנגדים מן־הסתם אויסגעטייטשט ווי שמחה. קוים האָבן די מתנגדים

ביי זיך באַשלאָסן, אַז די חסידים פרייען זיך אויף דעם גאונס פּטירה, איז זיי שוין לייכט געווען אויסצוטראַכטן, אַז זיי טאַנצן דערביי...

צו פירן ענערגיש און צוועקמעסיק דעם קאַמף קעגן חסידים, האָבן די ווילנער מתנגדים אויסגעקליבן אַ ועד פון פינף מענטשן. אין רשות פונעם ועד איז געווען די קאַסע פונעם קהל. באַלד האָט מען איינגעשריבן אין ווילנער פנקס, אַז יעדער ייד, וואָס געהערט צו חסידים און גייט אין זייערע וועגן, איז אויסגעשלאָסן פון כלל ישראל און ווערט גערעכנט ווי אַ כותי און ווי אַ צדוקי. זיין ווייַן איז יין נסך, זיין ברויט איז פת עכו״ם, ער מוז אין גאַנצן אַרויסגעיאָגט ווערן פון שטאָט, ער טאָר אין שטאָט קיין שום נכסים ניט האָבן, און אַ פשיטא שוין, אַז ער טאָר ניט פאַרנעמען קיין אַמט אין קהל. נאָך עפּעס: ווער עס וויל זיין אַ רודף פון חסידים, נאָכזוכן און שפּיאָנירן זיי — מעג עס טאָן אָן שום באַזונדערער דערלויבעניש פון קהל.

אויפן צווייטן טאָג, נאָך דעם ווי מען האָט מתקן געווען אָט די „תקנה״, האָט מען די חסידים מחרים געווען מיט גרויס טאַראַראַם. יענער טאָג איז געווען הושענא רבה. די שולן און בתי מדרשים זיינען געווען פול געפּאַקט. צווישן איין תפלה און דער צווייטער האָט מען פּלוצלינג אַלע ליכט אויסגעלאָשן. דער חושך און די טויט־שטילקייט האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה. פון דער בימה האָבן זיך געלאָזט הערן קולות פון שופר, באַגלייט פון קללות און חרמות אויף די קעפּ פון חסידים...

דערזעענדיק אַז זייער לעבן און פאַרמעגן איז הפקר, האָבן די חסידים אָנגעהויבן זוכן דעם אמתן שולדיקן אין אָט די רדיפות. די חסידים האָבן געזאָגט צו זיך אַזוי: איידער צו קעמפן מיט דעם אָדער יענעם מתנגד, דעם אָדער יענעם ראש הקהל, איז גלייכער צו קעמפן מיטן קהל גופא. וועט זיך איינגעבן צו באַהערשן קהל און אַרייננעמען אים אין אייגענע הענט — מה טוב, וועט ניט — זאָל דער קהל, ווי אַ געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, וואָס נוצן אויס איר מאַכט ניט צום גוטן, אונטערגיין.

די חסידים אין ווילנע, כאָטש זיי זיינען געווען ווייניק אין צאָל, זיינען געווען מענטשן ענערגישע און מיט פאַרבינדונגען. אייניקע פון זיי האָבן געהאַט געשעפטן מיט הויכע רעגירונג־באַאַמטע. בכלל זיינען דאָס געווען מענטשן איינפלוסרייכע, שטאַרקע, אין קאַמף פאַרהאַרטעוועטע. האָבן זיי דערשפּירט, אַז די הויכע באַאַמטע קוקן ניט מיט אַ גוט אויג אויפן יידישן „קהל״, און זיי האָבן עס אויסגענוצט. נאָך אין יאָר 1795 האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר סוכאָלמין, קענטיק אונטער דער ווירקונג פון חסידים, אָנגעוויזן דער קייזערין, אַז דער „קהל״ נוצט אויס זיין מאַכט ניט צום

גוטן. באַלד איז אין יענעם יאָר (5 מאַי) אַרויס אַ באַפעל, אַז דער „קהל" טאָר זיך ניט מישן אין קיין שום זאַך אויסער אין ענינים פון גלויבן און גאָט־דינסט. אין יאָר 1797 האָט דער ווילנער גובערנאַטאָר פריזעל אָפּי־ציעל פאַרווערט אַרויסצוגעבן חרמות. אויך האָבן די חסידים דערוואָרבן זיך אַ פריינט אין דעם ראַטמאַן פון דער ליטווישער „פּראַוולעניע", יעליאַ־שעוויטש. יעליאַשעוויטש האָט פּועל געווען, מען זאָל פאַרווערן דעם קהל צו רודפן חסידים און מען זאָל זיי דערלויבן צו דינען גאָט לויט זייער פאַרלאַנג.

אויף אַן ענלעכן שטייגער ווי די ווילנער חסידים, האָבן געאַרבעט די חסידים אין מינסק, אין פּינסק און אַנדערע שטעט.

ווען די ווילנער מתנגדים האָבן דערזען, אַז זיי קענען מיט די חסידים גאָר נישט מאַכן, האָבן זיי באַשלאָסן זיך אַ נעם צו טאָן צום ר א ש פון די חסידים — דעם רב. אין יאָר 1798 האָבן די ווילנער מתנגדים אַוועק־געשיקט קיין פּעטערבורג אַ מסירה אויף אים. זעענדיק, אַז דאָס, וואָס די חסידים טרעטן אָפּ פון יידישן דת (לויט די באַגריפן פון די מתנגדים), גייט דער רעגירונג ניט אָן, האָבן זיי זיך באַמיט צו מאַכן די חסידים פאַר פּ אָ ל י ט י ש ע פאַרברעכער און דעם רב האָבן זיי געפּרואווט פאַרשטעלן ווי דעם פירער פון אָט די „פּאָליטישע פאַרברעכער". דאָס האָט אָפּגעגאָלטן מורא האָבנדיק, טאָמער זיינען די חסידים טאַקע פּ אָ ל י ט י ש ניט כשר האָט די רעגירונג גלייך באַפוילן צו אַרעסטירן דעם רב, און אין ווילנע און אַרום ווילנע צו אַרעסטירן צוויי און צוואַנציק חסידים. פון די לעצטע האָט מען פופצן באַלד באַפרייט און זיבן האָט מען אָפּגעשיקט קיין פּע־טערבורג.

עס איז דאַן געווען די תקופה פון צאַר פּאַוועל און מען האָט געקוקט מיט חשד אויף יעדן איינציקן. דער גובערנאַטאָר פון ליטע, בולגאַקאָוו, האָט אין יאָר 1798 מודיע געווען דער העכערער מאַכט, אַז די דאָרטיקע איינוואוינער מאַכן פאַרשידענע „סטאַטשקעס", וואָס זיינען שלעכט פאַר רוסן און גוט פאַר פראַנצויזן. קוים האָט עמעצער דערמאָנט וועגן פּאָליטישע אומרוען האָט מען גלייך חושד געווען, צי זיי זיינען דאָס ניט אַמאָל אָנהענ־גער פון די פראַנצויזן און פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

דערצו האָט — ווי דובנאָוו איז משער — דער באַוואוסטער פּערעץ, אַן איידעם פון דעם גאון און גביר רבי יהושע צייטלין, געהאָלפן פונאַנדער־צובלאָזן דאָס פייער. מחמת פּערעץ איז געווען אַן איידעם פון אַזאַ פייער־דיקן מתנגד ווי רבי יהושע צייטלין און מחמת ער, פּערעץ, איז געווען

שטאַרק אויפגעטראָגן מיט די העכסטע רעגירונג־לייט אין פּעטערבורג, האָט ער געפּועלט, מען זאָל נעמען אין אַכט די מסירה פונעם קהל אויף ר׳ שניאור־זלמנען, כאָטש אין אַלגעמיין איז די רעגירונג געווען געשטימט קעגן דעם קהל.

דער סוף איז געווען, אַז מען האָט דעם רב, אונטער זייער אַ שטרענגער וואַך, גענומען און געבראַכט פון ליאָזשני קיין פּעטערבורג.

ס׳האָט אויסגעזען ווי די מתנגדים וואָלטן געפונען דעם „ריכטיקן" דרך ווי פּטור צו ווערן פון דער חסידישער באַוועגונג.

# אין דער הויפּט־שטאָט פון די צאַרן

וואָס חסידים דערציילן וועגן דעם ערשטן אַרעסט. — תפילין נישט נאָר אויפן קאָפּ, נאָר אויך אינעם קאָפּ. — אויפן וועג פון ליאָזשני קיין פּעטערבורג. — „עקתין" און אַקסן. — אין דער פּעטראָ־פּאַוולאָווער פעסטונג. — דערקלערונגען פאַר דעם געהיימען מלוכה־ראָט. — ר' אהרן סטאַראָשעלער זאַמלט געלט. — דאָס השתדלות פון ר' מרדכי לעפּלער אין פּעטערבורג. — דער רוסישער זשאַנ־דאַרמען־שעף פרעגט אַ קשיא אויף אַ פּסוק. — וואו האַלטסטו אין דער וועלט? — דער קייסער פּאַוועל פאַרשטעלט זיך. — צוועלף צירופים בייטאָג, צוועלף צירופים ביינאַכט. — אויפן פענצטער הינטערן פאָרהאַנג. — ר' נחום, זון פון מיטעלן רבין, הערט וואָס אַ גענעראַל דערציילט וועגן זיין זיידן. — די פראַגן פון די פּעטערבורגער טשינאָווניקעס. — דער מעזריטשער און דער בעל־שם־טוב אין דעם רבס תפיסה־צעל.

דער וואָס איז באַקאַנט מיט דער אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אין פּאַוועלס צייטן, וועט זיך כלל וכלל ניט וואונדערן וואָס דער רב האָט אַרויסגעוויזן „קליינמוט", ווען מען איז אים געקומען שמידן אין קייטן. ווער ווייסט וואָס זיינע שונאים האָבן אויסגעטראַכט אויף אים? ווער ווייס מיט וואָס פּאַוועלס ווילדע געריכטן קאָנען אים באַשטראָפן?

בשעת מען איז צו־ערשט געקומען נעמען דעם רב, איז ער אַרויס דורך אַ צווייטער טיר און איז נעלם געוואָרן. איין חסיד האָט אים אויף די פּלייצעס אַריבערגעטראָגן איבערן לאָזשנער טייכל און אים באַהאַלטן אויף דעם דערבייאיקן בית־עולם. דערנאָך האָט דער חסיד געדונגען אַ בעל־עגלה און האָט אים אָפּגעפירט אין אַ זייטיק דערפל. דער פּאָליציימאַן, וואָס איז געקומען אַרעסטירן דעם רב, זעענדיק, אַז דער רב איז ניטאָ, האָט געמאַכט אַ רעש. עס האָבן ניט געפעלט, געוויינלעך, קיין קללות. ער האָט געפּאָדערט פון די לאָזשניער יידן דורכאויס, זיי זאָלן אַרויסגעבן זייער „ראַבין". די לאָזשניער האָבן אָבער אויף קיין פאַל ניט געוואָלט אויסזאָגן וואו דער רבי איז, האָט דער פּאָליציימאַן — אַזוי דערציילט די מסורה — פּראָסט־פּשוט גענומען אונטערצינדן לאָזשני. דער רב האָט דערזען דאָס פייער, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט זיך געמוזט אונטערגעבן...

אַן אַנדער חסידישע מסורה דערציילט, אַז דער רב האָט איינמאָל געדאַוונט, ווי זיין שטייגער איז, מיט גרויס דבקות, ווערט אויפגעעפנט די טיר און עס

קומען אַריין פּאָליציייליט אים צו אַרעסטירן. דערזעענדיק דעם הייליקן ייד, זיין געטלעך אויסזען, האָבן זיי מורא געהאַט צוצוטרעטן צו אים. איז דער רב אַליין צוגעגאַנגען צו זיי און האָט זיי געזאָגט: איר טוט אייערס! טוט וואָס מען האָט אייך געהייסן...

די חסידים וואָס זיינען געווען דערביי, האָבן זיך געוואונדערט, אַז איינפאַכע מענטשן, דערצו ניט קיין יידן, זאָלן האָבן אין זיך אַזוי פיל ערפורכט און אַזאַ בטול פאַר קדושה. האָט זיי דער רב דערקלערט, אַז וועגן דעם איז דאָ אַ בפירושער מאמר אין תלמוד. אויף „וראו כל הגוים כי שם ד׳ נקרא עליך ויראו ממך״ (און פעלקער וועלן זען, אַז גאָטס נאָמען איז אויף דיר, וועלן זיי פאַר דיר ערפורכט האָבן), זאָגט די גמרא: „אלו תפילין שבראש״ (דערמיט מיינט מען: די תפילין של ראש). פאַר וואָס זשע — פרעגן ווידער די חסידים — ווערט קיינער ניט בטל פאַר אונדזערע תפילין? אויף דעם — דערציילט די מסורה ווייטער — האָט דער רב געענטפערט אַזוי: עס שטייט דאָך נישט „תפילין ש ע ל הראש (תפילין וואָס ליגן א ו י פ ן קאָפּ); עס שטייט דאָך: „אלו תפילין ש ב ר א ש״ — דאָס הייסט: תפילין, וואָס זיינען אין קאָפּ. מיינע תפילין זיינען ניט נאָר „על הראש״, נאָר אויך „בראש״ — אינעווייניק...

ווי כאַראַקטעריסטיש די לעצטע מסורה זאָל ניט זיין איז זי דאָך היסטאָריש נישט ריכטיק. פון אַ סך סימנים איז קענטיק, אַז דער רב האָט צוערשט געפּרואווט באַהאַלטן זיך. דער צושטאַנד פון פחד שטימט ווייניק וואָס מיט דעם צושטאַנד פון געטלעכער מנוחה, וואָס קאָן אַרויסרופן ערפורכט אַפילו ביי די פרעמדע; אָבער דער פחד, ווי געזאָגט, איז געווען אַ פאַרשטענדלעכער.

די חסידישע מסורה באַגלייט אויך דעם רב אויף זיין וועג קיין פּעטערבורג. אַזוי דערציילט זי: מען האָט דעם רב געפירט מיט אַקס. עס איז געווען שפּעט אין פרייטיק. דער רב האָט דאָס ווייניקע געטאָן. ער האָט געדאַוונט און מקבל־שבת געווען. דער קאָנוואָי טרייבט אָבער און יאָגט. פּלוצלינג ווערן די אַקסן צעבראָכן און מען מוז שטיין אַ טאָג ביז מען פאַרריכט זיי. ווען מען פרעגט דעם רב, ווי אַזוי האָט ער עס פועל געווען, אַז ער זאָל ניצול ווערן פון חלול שבת, ענטפערט ער: „צ ו ח י ן א ף ע ק ת י ן בטלין ושביתין״. וואָס פאַרשטייט איר ניט? — מען דאַוונט, און ווען מען דאַרף ווערן די אַקסן („עקתין״) צעבראָכן...

דאָס איז אַ פיין ווערטל. מיט געשיכטע האָט עס אָבער גאַנץ ווייניק צו טאָן.

אַ וועג פון לאָזשני קיין פּעטערבורג, ביי אַמאַליקע שליאַכן, אַמאַליקע פורן און בעלי־עגלות, דערצו נאָך אַמאָליקע עטאַפּן און קאָנוואָיען, האָט דעם גרעסטן גבור געקענט צעברעכן צעבראָכן אויף שטיקער. אַ צעבראָכענער, אַ פאַר־מאַטערטער, אַן אויסגעפּייניקטער, איז דער רב ענדלעך געבראַכט געוואָרן אין דער מלוכה־שטאָט פון די צאַרן.

מען האָט אַריינגעזעצט דעם רב אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג. פון צייט צו צייט האָט מען אים געבראַכט צום „טאַינעם סאָוויעט" (גע־היימער מלוכה־ראַט) צו געבן דערקלערונגען. דער רב האָט זיינע דער־קלערונגען געמאַכט אין העברעאיש און די רעגירונג האָט זיי אַריבערגע־שיקט קיין ווילנע צום איבערזעצן. ווען די רעגירונג האָט זיך איבערצייגט, אַז זי האָט דאָ ניט צו טאָן מיט קיין פּאָליטישן פאַרברעכער, האָט זי דעם רב באַפרייט. באַלד איז אָפיציעל אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל צום ליטווישן גובערנאַטאָר, וואו עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז „אין דער הנהגה פון די יידן, וואָס געהערן צו דער סעקטע, איז ניט געפונען געוואָרן קיין שום שעדלעכס פאַר דער רעגירונג און קיין שום זאַך וואָס זאָל פאַרדאַרבן די מדות און זאָל שטערן די געזעלשאַפטלעכע רו". אויף דעם סמך איז פאַרזאָגט געוואָרן צו באַפרייען אַלע אַרעסטירטע חסידים „אויב עס וועט ניט אַנטדעקט ווערן עפּעס פאַרדעכטיקס אין זייערע מעשים קעגן דער רעגירונג". געוויינלעך האָט מען אין דער התנהגות פון די אַרעסטירטע חסידים קיין שלעכטס ניט געקענט געפינען. האָט מען זיי באַלד באַפרייט. אָבער מחמת פאַרזיכטיקייט האָט מען באַשטימט אַכטונג צו געבן „צי האָבן זיי ביט, און צי וועט ניט קומען פון זיי, אַ געהיימער משא ומתן אָדער אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט די, וואָס ריידן בייז וועגן דער רעגירונג און איר אויפפירונג".

דעם 15טן דעצעמבער 1798 האָט דער בעלאָרוסישער גובערנאַטאָר זשעגולין אַרויסגעגעבן דעם וויטעבסקער זעמסקין קאָמיסאַר אַ באַפעל, לויט וועלכן דער רב ווערט דערקלערט ווי באַפרייט און די חסידים ווערט דער־לויבט זיך אויפצופירן ווי זיי ווילן.

צו פאַרשטיין בעסער דעם ענין פון דעם רבס באַפרייאונג, מוז מען וויסן אָט וואָס: דעם רבס תלמיד, רבי אהרן סטאַרעשעלער, וואָס איז געווען זייער באַליבט צווישן די חסידים, איז אַרומגעפאָרן מעיר לעיר און האָט גוזר געווען אויף מער־וויניקער פאַרמעגלעכע חסידים, אַז זיי זאָלן געבן געלט צו העלפן דעם „שבוי". חסידים האָבן געגעבן מער ווי מען האָט געפאָדערט. יונגעלייט האָבן געגעבן אַ חלק פון זייער נדן, פרויען האָבן

געגעבן זייער צירונג. יעדער איינער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כח און האָט געגעבן דאָס לעצטע. אין אַ קורצער צייט איז געזאַמלט געוואָרן אַ סומע פון זעכציק טויזנט רובל.

געדענקען מיר, אַז יעקאַטערינע איז געווען געצוואונגען אָפיציעל צו ריידן קעגן די ריכטער וואָס נעמען שוחד, געדענקען מיר אויך — ווי עס דערציילן חסידים און ווי עס איז בכלל געווען אין כאַראַקטער פון יענער צייט — אַז די מתנגדים האָבן געגעבן אַ סך געלט מען זאָל דעם רב פאַר־משפטן, און האָבן געוואָלט אונטערקויפן דעם ווילנער איבערזעצער, אַז ער זאָל איבערזעצן דעם רבס תשובות אַזוי ווי זיי, די מתנגדים, האָט געפּאַסט, — וועלן מיר קלאָר פאַרשטיין נאָך וואָס די חסידים האָבן דאַן געמוזט זאַמלען געלט...

אַ סך האָט מען געהאָט צו פאַרדאַנקען אויך דעם פאַקט, וואָס אין פּעטערבורג האָט דאַן געוואוינט אַ רייכער חסיד, אַ פּאַדריאַטשיק און אַ גרויסער חשוב ביי די דאַמאָלטדיקע רעגירונגס־לייט, רבי מרדכי לעפלער. ווי ווייט ר׳ מרדכי איז געווען אָנגעזען, זעט מען פון דעם, וואָס ער איז געווען איינער פון די דריי יידן, וואָס זיינען געזעסן שטענדיק אין פּעטערבורג לויטן באַפעל פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, כדי צו געבן דער רעגירונג דער־קלערונגען וועגן יידישע ענינים. ר׳ מרדכי לעפלער האָט מיט זיין השתדלות אַ סך געהאָלפן ריינצוואַשן ר׳ שניאור־זלמנען און אים צו באַפרייען פון ד׳ער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג.

דאָס אַלץ האָט צו טאָן מיט געשיכטע און איז געשטיצט אויף דאָקו־מענטן. חסידישע דיכטונג האָט דאָ אָבער נאָך צוויי העלדן באַשאַפן. זייער מעגלעך, אַז אין אָט דער דיכטונג איז אויך פאַראַן אַ היבשער חלק אמת. היות עס איז דאָ אָבער שווער אָפּצוטיילן פאַקט פון דיכטונג, וועל איך ברענגען די דערציילונגען וועגן אָט די צוויי העלדן פשוט ווי שיינע שאַפונג.

דער ערשטער העלד אין דער דיכטונג איז דער רוסישער זשאַנדאַרמען־שעף אין דעם רבס צייטן, דער צווייטער — אַן אומבאַקאַנטע פּערזאָן מיטן נאָמען ליב יאַנאָוויטשער. דער ערשטער איז אינגאַנצן פאַריידישט געוואָרן אין דער חסידישער דיכטונג. ער זיצט מיטן רב און שמועסט געמיטלעך וועגן תורה ענינים. ער קומט אַריין צום רב און דערוויסט זיך, אַז ער, דער רב, האָט זינט ער זיצט אין תפיסה גאָר נישט געגעסן. פרעגט אים דער שעף פון די זשאַנדאַרמען: פאַרוואָס עסטו גאָר נישט? ענטפערט דער רב: קיין כשרס איז דאָ ניטאָ און טריפה וועל איך ניט עסן. — וועסטו דאָך שטאַרבן? — וועל איך אויסגיין פון הונגער און קיין טרפה וועל איך ניט

עסן. ווערסטו דאָך אָנווערן עולם־הבא, אַזוי ווי עס שטייט ביי אייך: „המאבד עצמו לדעת אין לו חלק לעולם הבא" (אַ זעלבסטמערדער האָט קיין עולם הבא ניט)? — נו, וועל איך אָנווערן עולם הבא און קיין טרפה וועל איך ניט עסן...

דאַן פרעגט אים דער שעף פון די זשאַנדאַרמען צווישן אַ סך אַנדערע פראַגן: קענסטו מיר דערקלערן ריכטיק דעם פסוק „ויקרא ד' אל האָדם ויאמר לו איכה? גאָט האָט גערופן צו אָדם הראשון, בעת ער האָט זיך פון גאָט באַהאַלטן: וואו ביסטו? האָט דען גאָט ניט געוואוסט וואו אָדם באַהאַלט זיך?

ענטפערט דערויף דער רב: מיין רבינס רבי, דער בעש"ט, לערנט, אַז די תורה איז אַן אייביקע אויך דערמיט, וואָס אַלץ וואָס די תורה דערציילט און זאָגט ווערט אייביק איבערגעחזרט. אין יעדן דור און אין יעדן איינציקן מענטשן באַזונדער איז דאָ אי מעשי בראשית, אי עץ החיים, אי דער חטא, אי קין און הבל, אי גלות מצרים, אי יציאת מצרים וכדומה. דער פסוק: „ויקרא ד' אל האָדם ויאמר לו איכה" האָט נאָך אַ כוונה. מען מיינט דערמיט: גאָט רופט צו יעדן מענטשן, ווענדט זיך צו אים מיט האַרציקע רייד, שיקט אים אַריין טאָג־טעגלעך הרהורי־תשובה, רופט צו אים, בעט זיך ביי אים „איכה?" וואו האַלטסטו עפּעס אין דער וועלט? וואָס טוט זיך מיט דיר? ווערסטו דען אייביק קיין תשובה ניט טאָן? יעדן איינציקן מענטשן איז באַשטימט געוואָרן: אַזוי פיל און אַזוי פיל טעג דאַרפסטו לעבן, אַזוי פיל און אַזוי פיל גוטע מעשים דאַרפסטו אָפּטאָן. האָסטו שוין היינט עפּעס געטאָן? האָסטו שוין דיין חוב דערפילט? האָסטו עפּעס טובות געטאָן מיט מענטשן?

— אָט ביסטו, למשל, אַלט אַזוי פיל און אַזוי פיל (דערביי האָט דער רב פּינקטלעך געזאָגט וויפיל דער שעף איז אַלט) — האָסטו עפּעס אַ סך גוטס געטאָן אין דיין לעבן? האָסטו עפּעס אַ סך מענטשן געהאָלפן? „איכה"? וואו ביסטו? וואו האַלטסטו אין דער וועלט?

דער שעף פון די זשאַנדאַרמען איז שטאַרק גערירט געוואָרן פון דעם רבס ענטפער און האָט מבטיח געווען צו טאָן אַלדאָס מעגלעכע פון זיינעטוועגן. לויט אַן אַנדער נוסח האָט דער רב מבטיח געווען דעם שעף, אַז ער וועט האָבן עולם הבא, ווען ער וועט פון היינט אָן אַלע כחות אָנווענדן צו באַפרייען אומשולדיקע, ראַטעווען געקריוודעטע און העלפן שוואַכע.

אַזוי ווי דער שעף פון די זשאַנדאַרמען איז, לויט דער חסידישער דיכטונג, געוואָרן איינפאַך דעם רבס אַ חסיד, האָט ער איבערגעגעבן דעם קייסער,

אַז דער רב איז אַ קדוש וטהור. האָט זיך דעם קייסער פּאַוועל דורכאויס פאַרוואָלט צו זען דעם רב. דער קייסער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ געוויינלעכן געריכט־פאַרשער און האָט געפאָדערט דער רב זאָל אים געבן אייניקע דערקלערונגען. דער רב האָט אָבער דערשפּירט ווער דאָס איז, און ער האָט אים טיטולירט ווי מען טיטולירט דעם קייסער. ווערט דער קייסער כלומרשט אין כעס: ווי פאַלט דיר איין, אַז איך בין קייסער? ענטפערט דער רב: מלכותא דארעא כמלכותא דרקיעא. ווערליק דעם פּחד וואָס פאַלט אויפן מענטשן, ווייס מען וואו דער אויבערשטער מלך איז; ווערליק דעם פּחד, וואָס איך האָב דערשפּירט ווען דו ביסט אַריין, האָב איך געוואוסט אַז דו ביסט דער קייסער.

ווידער ווערט דערציילט, אַז מען האָט אויף אַלערליי אופנים אויסגעפּרואווט דעם רבס חכמה און העל־זעעריי. אַזוי האָט מען אים, לויט דער אגדה, פאַרשפּאַרט אַליין אין אַ שטאַרק־פינצטערן חדר און מען האָט אים פּלוצלינג געפרעגט: וויפיל איז איצט דער זייגער? האָט דער רב פּינקטלעך געענטפערט...

— פון וואַנען ווייסטו?

— איך ווייס עס לויט די צרופים. בייטאָג לייכטן צוועלף צרופים פון שם הויה; ביינאַכט — פון שם אַדנות...

מ׳האָט אַמאָל דעם רב געפירט צום אויספרעג. אין דעם צימער, וואו מען האָט דעם רב אַריינגעפירט, איז אין איין אָרט די פּאָדלאָגע געמאַכט געוואָרן אַזוי, אַז אַ ברעט פלעגט אויפגעעפנט ווערן און דער באַשולדיקטער פלעגט אַהין אַריינפאַלן. דאָרט פלעגט מען אים אַזוי לאַנג פּייניקן, ביז ער פלעגט זיך מתוודה זיין אויף דעם, וואָס ער האָט געזינדיקט, צי אַפילו אויף דעם וואָס ער האָט ניט געזינדיקט...

דער רב האָט אָבער דאָס אָרט אויסגעמיטן. גייענדיק צום טיש, וואו די ריכטער זיינען געזעסן, ער איז ניט געגאַנגען ווי אַלע באַשולדיקטע גייען, נאָר האָט זיך אָפּגעקערט אַן אַ זייט, צו רעכטס־צו...

— פאַרוואָס ביסטו ניט געגאַנגען גלייך? — פרעגן אים די ריכטער.

— אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: אַלע ווענדונגען, וואָס דו ווענדסט זיך, זאָל זיין נאָר צו רעכטס.

ווען די חסידים האָבן דעם רב געפרעגט: פון וואַנען האָט איר פאַרט געוואוסט, אַז מען טאָר דאָ ניט גיין גלייך? האָט דער רב געענטפערט: איך האָב באַמערקט, אַז אין איין אָרט איז די פּאָדלאָגע ניט גאָר גלייך, האָב איך מיר געטראַכט: מסתמא איז עס ניט אומזיסט.

ווייטער ווערט דערציילט וועגן דעם רבס קענען באַהערשן־זיך און אָריענטירן זיך אין יעדן געפערלעכן מצב.

דער חסיד רבי שאול מיראָטשינער איז געווען אַ „כאַדאַטאַי״, — אַ שתדלן הייסט עס, — און אַ תקיף ביי די באַאמטע. אַזוי ווי געלט האָבן די חסידים פאַרמאָגט, האָט מען געפועלט, מען זאָל דעם רב ברענגען עסן. ר׳ שאול איז אַזוי אַרום געוואָרן אַן אָפטער גאַסט ביים רב. איז אַמאָל רבי שאול געזעסן רואיק און זיכער ביים רב אין צעל. ערשט אין דער מינוט האָט דער אויפזעער באַמערקט, אַז דער שעף פון די זשאַנדאַרמען גייט צום רב. באַלד לויפט דער אויפזעער אַריין צום רב, פאַרברעכט די הענט און שרייט: פאַרלוירן, פאַרלוירן, מיר זיינען אַלע פאַרלוירן, דער שעף גייט!

— זיי רואיק, — ענטפערט אים דער רב, — ער וועט דעם יידן ניט זען.

— ווי אַזוי?

— ניט דיין עסק...

ווי דער אויפזעער איז אַרויס, זאָגט דער רב צו רבי שאולן: קריך אַרויף אויפן פענצטער און איך וועל אַראָפּלאָזן דעם פאַרהאַנג. היט זיך, אַז דו זאָלסט קיין באַוועגונג ניט מאַכן...

דער זשאַנדאַרמען־שעף איז אַריין אין קאַמער. דער רב האָט זיך אויס־געדרייט צום פענצטער. דער שעף האָט גאַנצע אַכט שעה אויסגעפרעגט דעם רב. רב שאול האָט זיך ניט גערירט פון אָרט און דער שעף האָט גאָר נישט באַמערקט.

ווען יענער איז אַרויס, איז דער אויפזעער אַריין פרעגן: וואָס הערט זיך?

— גאָרנישט.

— און וואו איז דער ייד?

— אָט איז ער.

— ווי האָט אים דער שעף ניט באַמערקט?

— ער איז ביי מיר געשטאַנען אויפן פענצטער הינטערן פאַרהאַנג.

— וואָס וואָלסטו געענטפערט, ווען ער וואָלט ביי דיר געפרעגט פאַר־וואָס עס איז ביי דיר דאָס פענצטער פאַרהאַנגען?

— ער האָט טאַקע געפרעגט און איך האָב אים געענטפערט, אַז מיר טוען ווייי די אויגן און דאָס ליכט פון דער זון שאַט מיר.

— ווי אַזוי האָסטו ריזיקירט? האָסטו קיין מורא ניט געהאַט טאָמער דעקט ער אויף דעם פאַרהאַנג?

— איך האָב פאַרשטאַנען אַז ער ווייסט עס ניט טאָן. צו וואָס זאָל ער עס טאָן?

— וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען ער וואָלט פאַרט דעם פאַרהאַנג אויפגעדעקט?

— האָסט דו דען געהאַט אַ בעסערע עצה?...

אויב אין די ערשטע שילדערונגען איז דאָ מער דיכטונג איידער אמת, איז אין דער לעצטער שילדערונג זיכער פאַראַן אַ היבש ביסל אמתדיקייט. לאָמיר אויסשיילן פון די אַלע סיפּורים דעם היסטאָרישן קערן.

עס איז אַ פאַקט, אַז די חסידים האָבן זיך געמוזט באַנוצן מיט דעם אַנגענומענעם לית־ברירהדיקן מיטל — באַפרידיקן די נידעריקע באַאמטע; עס איז אַ פאַקט, אַז רב מרדכי לעפּער און רב שאול סיראָטשינער האָבן זיך דורכגעשריבן מיטן רב בעת ער איז געזעסן אין „קרעפּאָסט״; עס איז אַ פאַקט אַז די לעצטע האָבן געהאַט דעם רבס היטער דורכאויס אויף זייער צד. און איז דען ניט צו גלויבן, אַז רב שאול זאָל האָבן געזעסן ביים רב בעת אַ העכערער באַאמטער איז געקומען אויספאָרשן דעם רב און דער רב האָט מיט זיין קלוגשאַפט געראַטעוועט אי זיך, אי רב שאולן, אי דעם אויפזעער?

איין פאַקט, וואָס איך וועל דאָ ברענגען, באַשטעטיקט דעם רבס גוטלעבן מיט די אַרומיקע אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג. דעם פאַקט האָט מיר איבערגעגעבן דעם רבס אור־אייניקל ר׳ שמריה שניאורסאָן. אים האָט עס דערציילט דער, וואָס האָט דעם פאַקט בייגעוואוינט — רבי נחום (דער זון פון דעם „מיטעלן רבי״, רבי בער).

ר׳ נחום האָט געפירט גרויסע עסקים. איין מאָל איז ער געפאָרן אויף „טאָרגעס״ אין ריגע: אַ גרויסער גענעראַל האָט איבערגעגעבן גרויסע פּאָדריאַדן. געוויינלעך זיינען געקומען פיל סוחרים. יעדער סוחר האָט דערלאַנגט אַ קאָנווערט. אויפן קאָנווערט איז געווען דער נאָמען און די פאַמיליע פון דעם סוחר, אין קאָנווערט — די סומע וואָס ער גיט. דורכקוקנדיק אַלע קאָנווערטן האָט זיך דער גענעראַל אָפּגעשטעלט אויף רבי נחומס קאָנווערט.

— שניאורסאָן? ביסטו ניט אַמאָל פון זלמן באָרוכאָוויטשעס משפחה?

— איך בין זיין אייניקל.

— אַזוי? דיין זיידן האָב איך זייער גוט געקענט. בעת ער איז געזעסן אין פעסטונג בין איך געווען זיין אויפזעער. איך האָב נאָך דאַן אַ נידעריקן טשין געהאַט... אַ הייליקער אַלטער געווען... ווי איך האָב אים דערזען,

האָב איך אים ליב געקראָגן... איך האָב פאַר אים אַל־דאָס מעגלעכע געטאָן. אַז ער איז אַרויס האָט ער מיך געבענטשט און זיין ברכה איז מקוים גע־וואָרן.

ווי עס איז צו זען פון די היסטאָרישע דאָקומענטן, האָט דער רב געגעבן אַ דערקלערונג בכתב און זיין דערקלערונג איז אָפּגעשיקט געוואָרן קיין ווילנע צום איבערזעצן. וואָס האָט דער רב געשריבן?

דאָ מוזן מיר ווידער אָנקומען צו דער חסידישער מסורה, וואָס איז נישט איינהייטלעך אין דעם ענין. אַ טייל זאָגן, אַז ער האָט דאַן געשריבן די תורה וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „המלך החכם שלמה אמר". (געדרוקט אין אַ ספרל „בר קודש", „תולדות עמודי החב"ד" און נאָך). דער אינהאַלט פון דער תורה איז אַ ווענדונג צום קייסער פּאַוועל, אַז נאָר ער אַליין זאָל אים, דעם רב, משפּטן — דערנאָך קומט אַ פּאָפּולערע דערקלערונג וועגן דעם ענין פון די ספירות, און צום סוף ווערט אויסגעפירט, אַז אין דער מדה פון „מלכות" איז מאיר דער אור פון „כתר" און דעריבער ווענדט ער, דער רב, זיך נאָר צו דעם, וואָס ער איז דער פאָרטרעטער פון מלכות אויף דער ערד, אַז ער פּערזענלעך זאָל אים אויסהערן און משפּטן. אַ טייל ווידער זאָגן, אַז דעם רבס תשובה איז געווען אַ תורה, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „מלכותך מלכות כל עולמים".

היסטאָרישע דאָקומענטן רידן נאָר וועגן אַ שריפטלעכער דערקלערונג פון דעם רב. באמת מוז מען דאָ אָבער גלויבן דער חסידישער מסורה, דהיינו, אַז דער רב האָט געגעבן אויך בעל־פה־דערקלערונגען. עס איז אומ־מעגלעך פאָרצושטעלן זיך, אַז ביי אַזאַ וויכטיקן ענין זאָל די אויספאָרשונג־מאַכט זיך באַנוגענען בלויז מיט איין איבערגעזעצטער חסידישער תורה, וועלכע דאַרף, שוין נאָך דער גאַנצער הסברה פון דעם רב, זיין לחלוטין ניט פאַרשטענדלעך פאַר וועלטלעכע מענטשן. וואָס האָבן געוויינלעכע טשינאָווניקעס אַרויסגעטראָגן פון פאַרוויקלטע, טיף־מיסטישע, ספּעציעל־חסידישע געדאַנקען?

געוויס האָט מען דעם רב אויסגעפאָרשט אויך בעל־פה. וואָס זשע האָט מען ביי אים געפרעגט און וואָס האָט ער געענטפערט?

לויט דעם „בית רבי" האָט מען ביים רב געפרעגט: פאַר וואָס האָט ער משנה געווען דעם נוסח פון דאַווענען? פאַר וואָס האָט ער איינגעפירט סכינים מלוטשים? פאַר וואָס הייסט ער אַזוי פיל דאַווענען און איז דורך דעם מבטל זיינע אָנהענגער פון תורה? פאַר וואָס איז ער מגלה אַלעמען די סודות פון דער תורה? פאַרוואָס שרייבט ער, אַז „ארץ" איז די מדה פון „מלכות"?

איז עס דערנידעריקונג פאַר מלוכה? פאַר וואָס הערט מען, בעת ער דאַוונט, דאָס וואָרט „אַף״, וואָס דאָס באַדייט אויף העברעאיש צאָרן? פאַרוואָס זאַמלט ער געלט פאַר ארץ־ישראל־יידן? שיקט ער ניט די געלטער צום סולטאַן צו שטיצן די טערקישע אַרמיי?

אויסער אַ פּאָר פראַגן, וואָס זיינען יאָ מעגלעך געווען, זיינען די ערשטע פראַגן נישט מער ווי סתם השערות. די רוסישע טשינאָווניקעס אין פּעטערבורג זיינען טאַקע שטאַרק אומגליקלעך געווען פון דעם, וואָס דער רב איז מבטל יידן פון תורה, צי פון דעם וואָס ער איז מגלה די סודות התורה, וכדומה...

נענטער צום אמת איז, אַז מען האָט ביים רב געפרעגט וועגן זיין באַציאונג צו דער רעגירונג און צו דער מלוכה־אידייע בכלל. אַז מ׳האָט געקראָגן ענטפערס, וואָס האָבן באַפרידיקט, האָט מען זיך באַרואיקט.

די השערות האָבן אָבער אויך אַ שטיקל יסוד — אויב ניט אין די פראַגן פון די פּעטערבורגער טשינאָווניקעס, וועלכע עס האָט, פאַרשטייט זיך, זייער ווייניק געאַרט, וואָס דער רב טראַכט וועגן תפלה און סודות התורה, איז אין די טענות פון די אַמאָליקע מתנגדים אין זייערע פּאַמפלעטן קעגן דעם רב. למשל, די טענה וועגן דעם, וואָס דער רב האָט געהאַט אַ געוואוינהייט צו זאָגן „אַף״ צי „אוף״ בשעתן דאַוונען (אַ שטייגער ווי איינער זאָגט „אַי״ צי „וויי״), ווי נאַריש זי זאָל ניט זיין, ווערט געבראַכט אין די מתנגדישע פּאַמפלעטן פון יענער צייט, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען ממש אַ הימל־שרייענדיקע עולה...

די טענה ווידער וועגן דעם, וואָס דער רב איז מגלה אַזוי אָפן די סודות התורה, איז ניט נאָר פון מתנגדים אַרויסגעזאָגט געוואָרן, נאָר אויך פון טייל חסידים און גוטע יידן.

אַרום דער טענה איז געשאַפן געוואָרן אַזאַ מין מעשה:

צווישן טאָג און נאַכט, פאַרזאָרגט און פאַרטראַכט איבער דעם גורל פון יידישן פאָלק, מיד און פאַרקלעמט פון די בלבולים, וואָס מען וואַרפט אויף חסידים, האָט דער רב איינגעדרעמלט. שטיל ווערט געעפנט די טיר פון דער קאַמער און עס קומט אַריין אַן אַלטער מאַן אין מלאכים־געשטאַלט און נאָך אים — דער מעזריטשער. גייט ער פריער פאַר מיין רבין, טראַכט זיך דער רב, איז עס מסתמא דער בעש״ט.

— רבותי! — קלאָגט דער רב, — אויף וועמען האָט איר אונדז געלאָזן?... זעט וואָס מען טוט מיט אונדז... זעט וואָס פאַר אַ בלבולים מען טראַכט אויף אונדז אויס...

— דאָס קומט איך דערפֿאַר, — ענטפערט דער בעש"ט, — ווייל איר זייט מגלה די סודות התורה...

— איך זאָג דאָך נאָר א י י ע ר ע תורות. איר בידע האָט דאָך די ערשטע מגלה געווען סודות התורה...

— זאָג עפּעס! לאָמיר הערן טאַקע, צי זאָגסטו א ו נ ד ז ע ר תורה...

דאָ האָט דער רב געזאָגט די תורה „ויהי קול מעל לרקיע" (געדרוקט אין „תורה אור"). לויט אַן אַנדער נוסח: די תורה „מראיהם ומעשיהם" (דאָרט).

— יאָ, אמת, — האָט געזאָגט דער בעל־שם, — דו זאָגסט אַזוי ווי איך האָב מוסר געווען דעם מגיד...

— נו, אויב דער קטרוג איז טאַקע אַזוי גרויס, זאָל איך אויפהערן צו זאָגן ווען איך ווער פון דאַנען אַרויס?

— ניין! האָסט שוין אָנגעהויבן — טאָ הער ניט אויף. אדרבה. זאָג וואָס מער! — האָט געענטפערט דעם רב ר' ישראל בעל שם טוב.

# לייב יאַנאָוויטשער און דעם רבס באַפרייאונג

דעם רבס צעטל. — ווער איז לייב יאַנאָוויטשער? — ר' לייב קומט קיין ווילנע. — דער ווילנער צענזאָר. — אַ שמועס צווישן דעם צענזאָר און ר' לייבן. — אַ שמועס צווישן דעם צענזאָר און ווילנער מתנגדים. — צווייערליי איבערזעצונגען. — „פדה בשלום נפשי". — די באַפרייאונג. — דער דרייאיקער יום־טוב פון י"ט כסלו. — דער רב ביי יהושע צייטלינס איידעם. — ביי ר' מרדכי לעפלער. — דער היסטאָרישער קערן פון דער מסורה. — נאָך אַמאָל: ווער איז געווען ר' לייב יאַנאָוויטשער? — אַן עפּיזאָד פון „בית רבי". — „שמע ישראל ד' אלקינו ד' אחד". — דער חשבון און דער סך־הכל. — אַ שמועס פון דעם רב מכוח זיין באַפרייאונג. — דעם רבס בריוו צו ר' לוי־יצחק בער־דיטשעווער און ר' ברוך מעזשיבוזשער. — זיין בריוו צום בעל־הפלאה. — זיין באַציאונג צום ווילנער גאון. — זיין רוף צו שלום. — ווילנער חסידים פאַר־געסן זייער מידת־חסידות. — דעם רבס בריוו און אַזהרות. — אַרעסט פון די ווילנער ראשי־הקהל.

אַמאָל — דערציילן די חסידים — האָט דער רב, זיצנדיק אין פעסטונג, אַריינגעלייגט אינעם עסן אַ קליין צעטעלע מיט די ווערטער: „ליב יאַנאָוויטשער זאָל תיכף פאָרן קיין ווילנע". דאָס צעטל האָט מען ניט באַמערקט, ווייל דער רב האָט געפּועלט, צוליב כשרות, אַז צום עסן, וואָס מען ברענגט אים, און צו די כלים זאָלן זיך קיין שום הענט ניט צורירן. לויט דער חסידישער אַגדה, פלעגט מען דעם רב ברענגען עסן פון רבי מרדכי לעפּלערס הויז און קיינער פון די דינער אין פעסטונג פלעגט זיך צום עסן ניט צורירן. די חסידישע אגדה מאַכט אַפילו דעם דאַמאָלטיקן זשאַנדאַרמען־שעף פאַר אַ ספּעציעלן אויפזעער אויף כשרות...

באַקומען דאָס צעטל, האָבן די פּעטערבורגער חסידים ניט אָנגעהויבן צו וויסן ווער אָט דער לייב יאַנאָוויטשער איז און וואָס האָט ער צו טאָן אין ווילנע. מתחלה האָט מען געטראַכט, צי מיינט ניט אַמאָל דער רב זיין אייגענעם ברודער ר' ליב יאַנאָוויטשער. מען האָט זיך אָבער מישב געווען, אַז דער רב האָט עס ניט געקענט מיינען. ערשטנס, וואָס שרייבט ער עפּעס ניט: „אחי ר' ליב"? צווייטנס, ווי אַזוי שרייבט ער: „יסע ת כ ף" (ער זאָל שוין פאָרן)? — ווי קען רבי לייב יאַנאָוויטשער, וואָס זיצט אַ מהלך רב פון פּעטערבורג און עס דאַרף זייער לאַנג דויערן ביז די ידיעה וועט צו אים אָנקומען, — פאָרן ב אַ ל ד? דריטנס, וואָס האָט רבי ליב

יאַנאָוויטשער בכלל צו טאָן אין ווילנע? אַלס ברודער פונעם רב וועט ער אויף די מתנגדים קיין השפעה ניט האָבן און די עטלעכע ווילנער חסידים דאַרפן געוויס קיין מעורר ניט האָבן: זיי אַרבעטן אַזוי אויך מיט מסירת נפש. צו וואָס זשע זאָל מען אים אומזיסט מטריח זיין?

האָבן די חסידים געגומען זוכן, צי איז ניטאָ אַמאָל אין פּעטערבורג גופא אַ חסיד מיטן נאָמען לייב יאַנאָוויטשער. געזוכט — און געפונען. מען האָט אויפגעזוכט אַ יידן וואָס הייסט לייב און איז אַ געבוירענער פון שטעטל יאַנאָוויטש. ווייזט זיך אַרויס, אַז אָט דער ר׳ לייב איז אַ פּלימעניק פון דעם ווילנער גאון, און איז דווקא אַ חסיד. נו, מוז ער פאָרן קיין ווילנע און שוין דאָרטן אויפן אָרט זען וואָס ער האָט צו טאָן...

מען הייסט אַ חסיד פאָרן — פאָרט ער. געקומען קיין ווילנע איז זיך רבי לייב מיישב: אַלס חסיד האָב איך גאָר ניט צו טאָן אין ווילנע. מען מוט געגוג אָן מיר. מסתמא האָט דער רבי געמיינט, אַז איך זאָל זיך פאַרשטעלן פאַר אַ מתנגד. אַזוי ווי איך בין דעם גאונס אַ פּלימעניק, וועט מיר לייכט זיין צו דערגיין די סודות פון די מתנגדים און צעשטערן אַלע זייערע פּלענער...

האָט רבי לייב קודם־כל איבערגעמאַכט דעם קשר פון זיינע תפילין, מען זאָל חלילה ניט באַמערקן, אַז ער געהערט צו דער „כת". באַלד דערנאָך איז ער פאַרפאָרן צו זיין מומען, צום גאונס שוועסטער.

— וואָס מאַכסטו עפּעס, לייב?

— אַ דאַנק דעם אויבערשטן.

— און וואָס מאַכט עפּעס דיין ווייב?

— געזונט, דאַנקען גאָט.

— וואָס מאַכן די קינדערלעך?

— אַלע, גאָט צו דאַנקען, געזונט.

— און ווי האַלט עס מיט פּרנסה?

— געווען אַמאָל גוטע יאָרן, היינט — ביטער. מען דאַרף אַ טאָכטער חתונה מאַכן און עס איז ניטאָ קיין פּרוטה.

— גאָט פאַרלאָזט ניט. זעץ זיך אין גאונס קלויז לערנען. מסתמא וועט מען דיר אַרויסהעלפן.

אַזוי רעדט מען זיך פונאַנדער. מען דערציילט איינער דעם אַנדערן כלערליי נייעס. מען שמועסט אַזוי לאַנג, ביז מען קומט אַרויף אויף דער „כת"...

— ביי אייך איז אויך דאָ די „כת"?

— אומעטום איז זי דאָ.

— צו וואָס מ׳האָט דערלעבט!

רבי לייב זעצט זיך אַוועק לערנען אין גאונס קלויז. געלערנט האָט ער דאָרט ווייניק. דערפאַר האָט ער אָבער געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט אַלע וואָס לערנען אין קלויז און האָט חוקר ודורש געווען וועגן אַלץ, וואָס דער מתנגדישער קהל טוט און טראַכט קעגן חסידים. געוויינלעך האָט מען אים אַלץ דערציילט. אַ קלייניקייט? דעם גאונס פלימעניק!...

איינמאָל דערגייט רבי ליב, אַז מען האָט געשיקט דעם רבינס אַ דער־קלערונג צום ווילנער צענזאָר. האָט שוין רבי לייב פאַרשטאַנען וואָס ער האָט צו טאָן.

בשעת ער איז אָפּגעפאָרן פון פעטערבורג האָט מען אים מיטגעגעבן צוויי טויזנט רובל על כל צרה שלא תבוא. דאָס געלט האָט ער געהאַלטן ביי זיך איינגענייט.

איצט איז רבי לייב גלייך אַוועק צום צענזאָר און אים געזאָגט: איך בעט דיך, דו זאָלסט איבערזעצן דעם רבס דערקלערונג ריכטיק. דערפאַר באַקומסטו צוויי טויזנט רובל. די מענטשן פון „קהל״ וועלן געוויס קומען צו דיר און וועלן דיר אפשר מער געבן. עס לוינט דיר אָבער דורכצוקומען מיט מיר. זיי וועלן דיר געבן געלט פאַר אַ שקר; איך גיב פאַר אַן אמת. זיי וועלן פון דיר פאָדערן, אַז דו זאָלסט פאַרקרימען און פאַרגרייזן ווערטער, כדי עס זאָל אויסקומען, אַז דער רב איז קעגן דער מלוכה. איך פאָדער פון דיר נישט מער נאָר אַז דו זאָלסט געטרײַ און קלאָר אַלץ איבערזעצן און ניט צולאָזן קיין שום פאַלשקייטן. דו דאַרפסט וויסן זיין, אַז דער מחבר איז אַ קדוש וטהור און ער וועט געוויס קיין שלעכטס ניט שרייבן.

אויף דעם האָט דער צענזאָר געענטפערט:

— איך האָב זיין דערקלערונג געלייענט. ער איז טאַקע אַ קדוש וטהור. איך בין גרייט אַלץ צו טאָן צוליב אים. דו ווייסט זען וואָס פאַר אַ סומען די מענטשן פון קהל וועלן מיר געבן. זיי וועלן ביי מיר אָבער גאָר ניט פועל זיין...

— איך בעט דיך זייער...

— דו דאַרפסט ניט בעטן. אויב דו ווילסט קען איך דיך באַהאַלטן אין אַ צווייטן צימער, וועסטו שוין הערן וואָס דאָ וועט זיך אָפּטאָן.

רבי לייב איז אַריין אין אַ צווייטן צימער. אין אַ פּאָר שעה אַרום זיינען טאַקע אַריינגעקומען אַ פּאָר יידן פון די גדולי ווילנא. דער צענזאָר האָט זיי אויפגענומען מיט גרויס כבוד.

— וואָס ווינטשט איר ?

— מיר האָבן צום הער אַ וויכטיקן ענין...

— וואָס ?

— דער הער האָט דערהאַלטן עפּעס אַ פּאַפּיר פון פּעטערבורג צום אי־בערזעצן ?

— יאָ.

— ווייסט דער הער ווער עס האָט דעם פּאַפּיר געשריבן ?

— ווער ?

— דער אָנפירער פון דער פאַרפלוכטער „כת"...

— וואָס איז עס פאַר אַ „כת" ?

— דער הער ווייסט ניט ? דאָס זיינען מענטשן שעדלעכע פאַר יידן און פאַר ניט־יידן. וואָס זיינען רשעים, וועלכע האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן „חסידים"...

— און זייער אָנפירער ?

— אַזאַ ווי זיי אַלע...

— וואָס־זשע ווילט איר פון מיר ?

— איר קענט איצט טאָן זייער אַ גוטע זאַך... איר קענט טאָן אַ טובה אי יידן אי ניט־יידן... איר קענט מאַכן, אַז דער אָנפירער פון דער „כת" מיט זיינע אָנהענגער זאָלן האָבן אַ מפּלה...

— ווי אַזוי ?

— איר ווייסט דאָך, אַז אין לשון־קודש האָט איטלעך וואָרט פאַרשידענע טייטשן. קענט איר איבערזעצן אַזוי, אַז דער ראש הכת מיט דער גאַנצער חברה זאָלן האָבן אַ פינצטערן סוף...

— און וואָס וועל איך טאָן, ווען דער אָנגעקלאָגטער וועט קעגן דעם פּראָטעסטירן און מען וועט איבערשיקן די דערקלערונג צו אַן אַנדער צענזאָר ?

— איר זענט דאָך דער עלטסטער צענזאָר. וועמען וועט מען הערן, אייך צי עמעצן אַן אַנדערן ?...

— אַזעלכע זאַכן ווערן אָבער אומזיסט ניט געמאַכט...

— חלילה ! מיר מיינען דען אייער טרחה אומזיסט ? מיר וועלן אייך שיין באַפרידיקן, הער צענזאָר. איר וועט נישט חרטה האָבן.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ משא ומתן מכוח דער סומע. דער סוף איז געווען, אַז די מתנגדים האָבן דעם צענזאָר אָנגעבאָטן די אמתע ממתקים,

און ער האָט פאַר זיי אין די אויגן איבערגעזעצט דעם רבס דערקלערונג אַזוי ווי זיי, די מתנגדים, האָט עס געפּאַסט...

ווי די מתנגדים זיינען אַרויס, רופט אַריין דער צענזאָר רבי ליבן: זעסטו וואָס פאַר אַ סומע זיי האָבן מיר געגעבן?

רבי לייב האָט גענומען וויינען און בעטן דעם צענזאָר, ער זאָל ריכטיק איבערזעצן...

— דיין בעטן איז אינגאַנצן אומזיסט, — זאָגט דער צענזאָר. — איך האָב דאָך שוין צוגעזאָגט, אַז איך וועל איבערזעצן ריכטיק און וועל אייער רבין, חס ושלום, קיין שלעכטס ניט גורם זיין...

— דו האָסט דאָך אָבער אויך דעם רצון פון די מתנגדים געטאָן...

— יענע איבערזעצונג וועל איך לאָזן ביי זיך און אַוועקשיקן וועל איך אַ ריכטיקע איבערזעצונג. אויב דו ביסט מסופק דערין, וועל איך עס טאָן פאַר דיר אין די אויגן.

דער צענזאָר האָט זיך דאָ אַוועקגעזעצט מיט רבי לייבן און מען האָט ריכטיק און קלאָר אַלץ איבערגעזעצט. דערנאָך האָט דער צענזאָר איבערגע־געבן די ריכטיקע איבערזעצונג מיט זיין שטעמפּל און חתימה רבי לייבן אין די הענט. איז רבי לייב גלייך געגאַנגען אויף פּאָסט און האָט אָפּגעשיקט דעם פּאַקעט קיין פּעטערבורג. ערשט דאַן האָט ער זיך באַרואיקט: ער האָט זיינס אָפּגעטאָן...

דער פּאַקעט איז אָנגעקומען קיין פּעטערבורג. מען האָט פון דעם רבס דערקלערונג קלאָר געזען, אַז דער רב מיט זיינע חסידים זיינען לחלוטין ריין פון די אַלע בלבולים וואָס מען וואַרפט אַרויף אויף זיי, און מען האָט געהייסן דעם רב באַפרייען.

דער רב האָט דאַן — דערציילט די אגדה — ווי זיין שטייגער תהלים געזאָגט. ווען ער איז געקומען צום פּסוק „פּדה בשלום נפשי״ איז אים אָנגעקומען די ידיעה, אַז ער ווערט באַפרייט. יענער טאָג איז געווען י״ט כסלו. אין דעם זעלבן טאָג פאַלט אויס דעם מעזריטשערס יאָרצייט (דעם מעזריטשערס „הלולא״). דער טאָג איז בכן מוכן צו קדושה און חירות. די חב״דער חסידים האָבן אים דעריבער קובע געווען פאַר אַ יום־טוב. שפּעטער האָט דער רב מתקן געווען, אַז אין אַלע חב״דישע מנינים און בתי־מדרשים זאָל מען „צעטיילן״ דאָס לערנען ש״ס. דער לערנט די מסכתא, דער צווייטער — אַ צווייטע מסכתא. אַזוי אַרום ווערט אין יעדן קלענסטן קבוץ דורכגעגאַנגען דער גאַנצער ש״ס. אום י״ט כסלו מאַכט מען אַ סיום הש״ס. י״ט כסלו איז אַזוי־אַרום ביי די חב״דער חסידים אַ

דרייענדיקער יום טוב: דעם מגידס „הלולא״, דעם רבס גאולה און אַ שטיקל שמחת־תורה...

די חסידישע אגדה באַגלייט דעם רב אויך ביי זיין אַרויסגיין פון פעס־טונג. אַזוי דערציילט איין חסידישער כתב, אַז מען האָט געהייסן אַ טשינאָווניק ער זאָל אַריינפירן דעם רב, נאָכן באַפרייען, אין אַ וואַסער ניט אין יידיש הויז. דער טשינאָווניק האָט ניט לאַנג חוקר ודורש געווען. דערזען אַ יידיש הויז, האָט ער אַהין דעם רב אַריינגעפירט. אין דעם הויז האָט געוואוינט דעם רבס גרעסטער שונא אין פעטערבורג — רבי יהושע צייטלינס איידעם, פּערעץ.

ווי פּערעץ האָט דערזען דעם רב, איז ער פּאַר אים אויפגעשטאַנען, האָט גענומען שטעלן דעם סאַמאָוואַר און האָט אַליין געוואַשן די גלעזער לכבוד דעם אורח. דערביי האָט ער דעם רב ניט אויפגעהערט צו שטעכן: „איר מיינט אַז איר זיינט שוין פריי? וואַרט נאָך אַ ביסל. גאָט אַליין האָט אייך אַהער געבראַכט. איך וועל אייך שוין פון דאַנען ניט אַרויסלאָזן וואו איר וועט זיך ניט מתחייב זיין בכתב, אַז איר זאָגט זיך אָפּ פון אַלע אייערע תורות און דרכים״...

דער רב האָט גאָרנישט געענטפערט אויף אָט די אַלע רייד פונעם מתנגד. שלעכט. מען מוז שווייגן...

פּערעץ האָט זיינס מקיים געווען. ער האָט דעם רב ניט אַרויסגעלאָזט. די פעטערבורגער חסידים, וועלכע האָבן גוט געוואוסט, אַז דער רב איז באַפרייט געוואָרן, האָבן זיך זייער שטאַרק געוואונדערט וואָס מען זעט אים ניט. וואו האָט ער געקענט אַהינקומען?

געוואָרט אַ טאָג און דער רב איז אַלץ ניטאָ. האָבן די חסידים באַ־שלאָסן צו גיין מבית לבית זוכן דעם רב. רב מרדכי לעפּלער מיט זיין באַגלייטער זיינען אַריין צו פּערעצן אין הויז און האָבן דערזען, ווי דער מתנגד שטייט און איז מחרף ומגדף דעם רב. האָבן זיי קיין לאַנגע שהיות ניט געמאַכט. גענומען דעם רב און אָפּגעפירט אים צו זיך, צו ר׳ מרדכין אין הויז אַריין.

„גלויב מיר,״ האָט דער רב געזאָגט צו רבי מרדכין, „אַז אין דער צייט וואָס איך בין געזעסן ביי פּערעצן אין הויז, האָב איך מער געליטן ווי אין דער געהיימער קאַנצעלאַריע״...

„און בנוגע פּערעצן דעם מסור ימ״ש״, גיט צו דער כתב, „האָבן נאָכער אַלע דערזען זיין שפלות, ווען ער האָט, צו דער חרפה און בושה פון די מתנגדים, זיך אָפּגעשמדט״.

אַ סך פון דעם, וואָס איז דערציילט געוואָרן אין דעם פּרק, געהערט צו דער קאַטעגאָריע אגדות וועגן דעם רב. דאָך מוז מען מודה זיין, ווען מען וויל ניט זיין סתם אַן עקשן, נאָר מען האָט דעם ריינעם היסטאָרישן אמת אין זין, אַז אויך אין אָט די אגדות איז פאַראַן, פּונקט ווי אין די פריערדיקע, אַ היסטאָרישער קערן.

געוויס איז ניט ריכטיק יענער נוסח פון דער אַגדה וועגן ר׳ לייב יאַנאָוויטשער, לויט וועלכן ער, ר׳ לייב, איז דערגאַנגען וואָס עס ווערט קעגן דעם רב געטאָן גלייך פון זיין פעטער, דעם גאון. דאָס איז פשוט קעגן די היסטאָרישע פאַקטן. בשעת דער רב איז געזעסן אין תפיסה, איז דער גאון שוין לאַנג געווען אויפן עולם־האמת. פאַר וואָס זאָל מען אָבער ניט גלויבן, אַז ר׳ לייב איז געווען דעם גאונס אַ קרוב און האָט געלערנט אין גאונס קלויז און, זייענדיק אין קלויז, האָט ער זיך דערוואוסט קהלשע סודות?

ווען מען זאָל אַפילו צווייפלען אין רבי לייבס קרובהשאַפט מיטן גאון — האָט דען אַפילו אַן איינפאַכער לערנער, וואָס איז געזעסן אין גאונס קלויז, ניט געקענט דערגיין די סודות פון דעם קהל? איז דען דער קהל טאַקע געווען אַזוי קאָנספּיראַטיוו? באמת האָט יעדער איינציקער געקענט אין יעדער צייט וויסן וואָס דער קהל טוט און וואָס ער קלערט צו טאָן.

וויל עמעצער ניט צולאָזן דעם מיסטישן עלעמענט — כאָטש טויזנטער פאַקטן פון לעבן באַשטעטיקן אים — און ער וויל דעריבער ניט גלויבן, אַז דער רב האָט אַליין ריין־מיסטיש געזען די פּערזאָן, וואָס ער דאַרף האָבן און וואָס קען אויספירן זיין וואונטש, בלייבט אָבער נאָך אַלץ ניט נאָר די מעגלעכקייט, נאָר כמעט אויך די נויטווענדיקייט פון דעם, אַז די פעטערבורגער חסידים, דערוויסנדיק זיך אַז מען האָט אַוועקגעשיקט קיין ווילנע דעם רבס דערקלערונג צום איבערזעצן, זאָלן האָבן געשיקט זייערן אַ מענטשן, ער זאָל ניט דערלאָזן צו פעלשן די דערקלערונג, און — אַז ניט מיט ליידיקע הענט האָבן זיי אים געשיקט...

דער שכל איז מחייב, אַז די חסידים האָבן זיך אין דעם פאַל ניט געקענט פאַרלאָזן אויף נסים; זיי האָבן בשום אופן ניט געקענט בלייבן גלייכגילטיק, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז מען האָט געשיקט זייער רבינס אַ כתב קיין ווילנע, אין דער רעזידענץ פון די מתנגדים. זיי האָבן געוויס מורא געהאַט, אַז דער ווילנער קהל וועט דעם צענזאָר משחד זיין און אַז דער צענזאָר וועט שיקן אַ שלעכטע איבערזעצונג. געוויס האָבן די חסידים געמוזט האָבן זייערן אַ מענטשן ביים צענזאָר מיט ברייטע פינאַנציעלע פולמאַכטן.

לאָמיר אָננעמען, אַז אָט דער מענטש האָט ניט געהייסן ליב יאַנאָוויטשער. האָט ער אפשר אַנדערש געהייסן. עס לייגט זיך אָבער דורכאויס אויפן שכל, אַז די פעטערבורגער חסידים האָבן אין ווילנע געהאַט אַזאַ מין אַגענט און אַז אָט דער אַגענט האָט צעשטערט די פּלענער פון די מתנגדים.

דאָס ביסל ווילנער חסידים, כאָטש זיי זיינען געווען זייער ענערגיש, וואָלטן עס אין קיין פאַל ניט געקענט מאַכן. פאַר זיי האָבן זיך די ווילנער קהל־לייט געוויס געהיט. קענטיק, אַז דאָ איז געווען אַ זייטיק אויג, וואָס האָט אַלץ געזען, און אַ זייטיקע האַנט, וואָס האָט אַלץ געטאָן...

געענדיקט מיט דער געשיכטע וועגן לייב יאַנאָוויטשער, וועל איך דאָ איבערגעבן אַ קליינעם עפּיזאָד, וואָס ווערט געבראַכט אין „בית רבי":

די ערשטע צייט, ווען מען האָט ניט געוואוסט וואָס מיטן רב טוט זיך, האָבן זיך די חסידים שטאַרק מצער געווען: ווער ווייסט צי לעבט ער כאָטש?

איינמאָל איז דעם רב געלונגען אַראָפּצואוואַרפן אַ קליין צעטעלע. אין דעם צעטעלע איז געשטאַנען נישט מער ווי „שמע ישראל ד' אלקינו ד' אחד"...

אָט אַזוי האָט מען אַמאָל געלאָזט וויסן וועגן זיך!...

און וואָס איז דאָס וואונדער?

אויף איין גרויסן חסיד, וואָס איז געווען דערצו אַ גרויסער סוחר, דערציילט מען אָט וואָס. ער פלעגט אַמאָל מאַכן אַ רעכענונג וועגן אַלערליי סחורות: יענע סחורה קאָסט אַזוי פיל, די צווייטע — אַזוי פיל, די דריטע — ווידער אַזוי פיל און אַזוי פיל. אַזוי פלעגט ער זיך מאַכן אַ גאַנצע רשימה. ווען עס פלעגט קומען צום סך־הכל, פלעגט ער אַמאָל פאַרגעסן דאָס גאַנצע געשעפט, אַלץ מיט אַנ'אַנדער, און פלעגט ענדיקן:

„סך הכל: איהו ממלא כולי עלמין וסובב כולי עלמין ולית אתר פנוי מיניה"...

ווי אַזוי דער רב האָט באַטראַכט זיין באַפרייאונג זעט מען פון דעם ווייטערדיקן שמועס זיינעם, וואָס איך גיב דאָ איבער מיט מיינע ווערטער:

אין מרדכי ואסתרס צייטן האָט זיך דער שטן מיישב געווען: לאָמיך מאַכן אַ סוף מיט יידן... זאָל מען זיי אַלעמען אויסהרגענען און אַ מעשה מיט אַ גמר... זיין עצה איז אָבער צעשטערט געוואָרן.

האָט זיך דער שטן מיישב געווען אין די צייטן פון די חשמונאים: זאָלן זיך יידן לעבן און געזונט זיין. איך וועל ביי זיי נאָר די ת ו ר ה אָפּנעמען. וואָס זיינען זיי ידען אָן דער תורה? אָן תורה וועלן זיי מ מ י ל א אַריינפאַלן אין מיינע הענט...

זיין עצה איז צעשטערט געוואָרן אויך דאָס מאָל. אַנטיוכוס הרשע האָט טאַקע געוואָלט יידן מעביר על דת זיין. יידן זיינען אָבער געבליבן יידן...

די לעצטע צייטן האָט זיך דער שטן אַזוי מיישב געווען: זאָלן זיך יידן לעבן און געזונט זיין, האַנדלען און וואַנדלען, זאָלן זיי אויך תורה לערנען וויפיל זיי ווילן, איך וועל ביי זיי נאָר אָפּנעמען דעם ט ע ם פון תורה; איך וועל ביי זיי צונעמען די פּנימיות פון דער תורה; איך וועל זיי ניט צולאָזן צו אמתער ח ס י ד ו ת — ממילא וועט זייער תורה זיין אַ גוף אָן אַ נשמה, ממילא וועט זייער תורה אויף דער ערד בלייבן און וועט אין דער הויך ניט פליען. ממילא וועלן זיי נתגשם ווערן און סוף כל סוף וועלן זיי מיינע זיין — — — און אַז דער שטן האָט ד אָ ס אויך ניט אויסגעפירט — ווי גרויס דאַרף זיין אונדזער פרייד!

**
*

אין דעם גייסט האָט דער רב געשריבן בריוו צו רבי לוי יצחק בערדי־טשעווער, צו ברוך מעזשיבורער און צו זיינע אייגענע חסידים. צו רבי לוי יצחקן האָט ער געשריבן, ווייל ער האָט אים געהאַלטן פאַר דעם ערשטן און גרעסטן פון דעם מגידס תלמידים; צו רבי ברוך מעזיבוזער האָט ער געשריבן, ווייל רבי ברוך איז געווען דעם בעש״טס אַן אייניקל און „דער גאַנצער קטרוג איז געווען קעגן דעם בעש״טס תלמידים״; צו זיינע אייגענע חסידים האָט ער געשריבן, ווייל ער האָט זיי, פון איין זייט, געוואָלט משמח זיין מיט דער בשורה פון גאולה און דערביי געבן זיי צו פאַרשטיין, אַז די גאולה איז נאָר אין רוחניות, נאָר אין אמתער חסידות, ממילא אויך אין אמתער עניוות, דעריבער טאָרן זיי זיך ניט גרויסן מיט דעם נצחון, וואָס זיי האָבן אָפּגעהאַלטן איבער די מתנגדים, ווייל ניט מיט זייער כח האָבן זיי מנצח געווען, נאָר מיט דעם אויבערשטנס הילף.

די בריוו צו רבי לוי יצחקן און צו רבי ברוכן זיינען געשריבן אין דעם טאָן פון אַ מאַניפעסט. אַזוי הויבט זיך אָן דער בריוו צו רבי ברוכן מיט די ווערטער: „יען משח ד׳ אותי לבשר ענוים, שמחו צדיקים בד׳ והרנינו כל ישרי לב, מגודל חסדי ד׳ אשר עשה עמנו ועמכם״. דער בריוו צו רבי לוי יצחקן הויבט זיך אָן מיט גרויס עניוות, דערביי ווערט אָבער אָנגעוויזן אויף די גרויסע ישועות, וואָס דער אויבערשטער האָט דורך אים, דעם רב, געטאָן. דער בריוו צו די חסידים, ווידער, איז געשריבן אין דעם טאָן פון אַ מוסר־בריוו. אַזוי שרייבט אַ פאָטער צו זיינע קינדער; אָדער אַן עלטערער ברודער צו די קלענערע ברידער.

דער רב האָט געוואוסט, אַז די חסידים זיינען פאַרביטערט אפשר ניט

אַזוי מחמת די רדיפות פון די מתנגדים ווי מחמת זייערע חרמות. ווי אַזוי קומען עס מענטשן מחרים צו זיין גאַנצע יידישע קהלות אָן אַ טעם, אָן אַ סיבה, אָן ערלעכער חקירה ודרישה?

ער האָט אויך געוואוסט, אַז די חסידים טוט באַזונדערס וויי דאָס, וואָס דער גאון האָט זיי מחרים געווען. דעריבער האָט ער, דער רב, זיך באַמיט אין זיין בריוו ווייכער און קלענער צו מאַכן די שולד פון די מתנגדים. ער האָט געשריבן, אַז מענטשן בכלל זיינען עלול צו האָבן אַלערליי טעותים, אַז די כוונה פון די מתנגדים איז געוויס ניט אַזאַ שלעכטע ווי זייערע מעשים און אַז „הגאון החסיד" האָט געוויס קיין שייכות ניט געהאַט צו די אַלע חרמות...

אין דער אמתן האָט דער רב אויסגעצייכנט געוואוסט, אַז דער גאון האָט געהאַט מער ווי אַ שייכות צו דעם. אין דעם בריוו וואָס דער רב האָט געשריבן צו דעם בעל הפלאה (וועגן רבי משה מייזעלס) קלאָגט ער זיך אַפילו אויף דעם גאון, אַז ער, דער גאון, האָט מפקיר געווען דאָס לעבן פון חסידים... דער רב האָט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט, אַז די מחלוקת זאָל נאָכמער אויפפלאַקערן. ער איז גרייט געווען צו פאַר־געסן דעם גאונס באַציאונג, צו פאַרשווייגן זי — מוחל זיין! נאָך אַלעמען: ס'איז דאָך דער שר התורה! נו, האָט ער אַ טעות געהאַט... איז דען די עצם כוונה זיינע נישט געווען קיין גוטע? דער עיקר — שלום! שלום איז העכער פון אַלץ אין דער וועלט. „גדול השלום", זאָגן די בעלי המדרש, „שלא נטעו הנביאים בפי כל הבריות אלא שלום" (שלום איז אַזוי גרויס, אַז אַלע נביאים האָבן נאָר איינס געטאָן: שלום אין מענטשן איינגעפלאַנצט).

דעם רבס גוטע, האַרציקע און ווייכע רייד האָבן אָבער דאָס מאָל אויף די חסידים ווייניק געווירקט.

מענטשן בלייבן מענטשן. ווי הויך און שיין זיי זאָלן ניט זיין, וועט אַלע מאָל דער יצר הרע געפינען אָן אָרט וואו צו באַזעצן זיך אין זייערע הערצער. תמיד וועט דער בייזער גייסט געפינען אַ מיטל ווי צו פאַנגען אויך די בעסערע מענטשן און ווי אויפצורייצן זיי איינע קעגן די צווייטע. דו זעסט, דוכט זיך, אַ מענטשן וואָס האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן דעם הייליקן און דעם גוטן, — קוק זיך אָבער אַ ביסל בעסער צו צו אים, וועסטו געפינען, אַז ער האָט עפּעס אויך פאַר זיך איבערגעלאָזט, פאַר זיין אייגענער פּערזאָן, פאַר זיין אייגענעם כבוד. דאָס הייסט כלל וכלל ניט, אַז אָט דער מענטש איז פאַלש, אַז ער איז אַ צבוע, אַז ער איז אַ צוויי־פּנימדיקער. דאָס הייסט נאָר, אַז אַפילו דער שטאַרקערער מענטש האָט אין זיך שוואַכ־

קייטן, אַפילו דער גוטער מענטש האָט אין זיך בייזקייטן, אַפילו דער גרויסער מענטש האָט אין זיך קליינלעכקייט. פון דעם פאַקט, אַז „אַ מענטש בלייבט אַלע מאָל אַ מענטש" איז, בכן, נישט געדרונגען, אַז מען דאַרף זיך גריבלען אין דעם צווייטנס חסרונות און חושד זיין יעדן איינציקן אין אַלערליי מעג־לעכסטע חטאים. ס׳איז בלויז געדרונגען דערפון, אַז מען דאַרף אַליין ניט זיין געגאַרט ביי זיך, אַז מען דאַרף זיך אַליין נאָכקוקן און נאָכשפּירן, אַז מען דאַרף זיך חושד זיין שטענדיק, צי איז אין דעם גוטן ניט פאַרבאָרגן צומאָל אַ בייז, צי איז אין שיינעם ניט פאַרבאָרגן אויך עפּעס געמיינס, צי אין אונדזער קאָכן זיך „לשם שמים", צי „צוליב אַן אידעאַל", צי „צוליב דער געזעלשאַפט" מיינען מיר ניט אַמאָל זיך מיט אונדזערע אייגענע באַגערן און ליידנשאַפטן...

ס׳איז וועגן דעם דאָ אַן אויסגעצייכנט חסידיש ווערטל: וואָס איז אייגנטלעך „חסיד"? — „חסיד" איז, לויט דער גמרא, דער, וואָס טוט אַלץ לפנים משורת הדין. נו, זאָגט די תורה: „לא תונו איש את עמיתו" (איר זאָל ניט נאַרן איינע די צווייטע). אַזוי ווי דער חסיד דאַרף דאָך אָבער טאָן לפנים משורת הדין, דאַרף ער באַמיען זיך אויך זיך אַליין ניט צו נאַרן...

ווילנער חסידים האָבן אָבער פאַרגעסן זייער מדת חסידות ווי זיי האָבן פאַרגעסן דעם רבס בריוו און אזהרות. זיי האָבן אויך פאַרגעסן דעם רבס בריוו, וואָס הויבט זיך אָן: „קטנתי מכל החסדים" (געדרוקט אין „אגרת הקודש"), וואו עס ווערט אויפגעוויזן, אַז וואָס מער דער אויבערשטער טוט חסד מיט אַ מענטשן, וואָס מער דער אויבערשטער איז אים מגדל, וואָס מער דער אויבערשטער איז זיך מקרב צו אים, אַלץ קלענער, נידעריקער און נישטיקער דאַרף דער מענטש ביי זיך זיין. די ווילנער חסידים האָבן עס פאַרגעסן און באַלד נאָך דעם נצחון, וואָס דער רב האָט אָפּגעהאַלטן, האָבן זיי זיך גענומען אָפּרעכענען מיט זייערע שונאים, מיט די פאַרשטייער פון ווילנער קהל.

אַזוי ווי די ווילנער חסידים האָבן געהאַט אויף זייער צד דעם סאָ־וועטניק עליאַשעוויטש און אַזוי ווי דער ווילנער קהל האָט אויף זיך געהאַט אַ סך חובות און ניט ווייניק חטאים, איז די ווילנער חסידים לייכט געווען אַראָפּצואוואַרפן די פיינטלעכע ראשי הקהל און אַרויפזעצן אויף זייער אָרט חסידישע ראשי הקהל, אָדער אַזעלכע, וואָס זיינען פאַר זיי, פאַר די חסידים, געווען ווייניק שעדלעך.

די ווילנער חסידים האָבן דער עיקר אָנגעוויזן אויף די גרויסע סומען,

וואָס דער ווילנער קהל האָט פאַרשווענדט, אַזוי, אַז ער איז שולדיק גע־בליבן דער רעגירונג אַ סך געלט. פאַרן יאָר 1798, למשל, האָט די רע־גירונג אַרויפגעלייגט אויפן ווילנער קהל אַ סומע פון 22,000 רענדלעך (קהל פלעגט דאַרפן מאַנען אַלערליי שטייערן און איבערגעבן דער רע־גירונג), אָבער, ניט געקוקט דערויף וואָס ער האָט אין יענעם יאָר אויפ־געמאָנט פון ווילנער יידן 36,000 רענדלעך, ד"ה מיט 14,000 רענדלעך מער ווי עס האָט געקומט דער רעגירונג, האָט קהל אַריינגעטראָגן אין דער „קאַזנאַ" ניט מער ווי 10,000 רענדלעך. הייסט עס, אַז אין יענעם יאָר האָט דער קהל פאַרשווענדט 26,000 רענדלעך. אויף וואָס האָט דער ווילנער קהל געדאַרפט אויסגעבן אַזעלכע גרויסע סומעס? — געדענקען מיר, אַז נאָכן גאונס פטירה איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ ספּעציעלער ועד אויף רודף צו זיין חסידים. פאַרשטייען מיר שוין, אויף וואָס די סומעס זיינען באַנוצט געוואָרן.

די רעגירונג האָט ניט אויפגעהערט צו מאַנען איר חוב. דער ווילנער קהל פלעגט זיך אָבער מדחה זיין מיט פאַרשידענע תירוצים. האָבן ווילנער חסידים אויפמערקזאַם געמאַכט די מאַכט־האָבער, אַז אויב מען וועט זיי, די חסידים, איבערגעבן די שליטה איבערן קהל, וועלן זיי אַלע חובות אויפ־מאָנען.

ניט ווייניקער ווי די רעגירונג איז אויך די ווילנער יידישע באַפעלקע־רונג געווען פאַרביטערט קעגן קהל. און וואָס איז דער חידוש? מען האָט ביי דער יידישער באַפעלקערונג גענומען אַ סומע פון 36 טויזנט רענדלעך און דאָ שטייט די רעגירונג און מאָנט „נעדאָאימקעס".

די חסידים האָבן איצט געטאָן אַלדאָס מעגלעכע אויפצוקלערן דעם עולם און אָנווייזן אים אויף די מעשים פון דעם קהל, דערביי האָבן זיי מבטיח געווען, אַז אויב מען וועט זיי אויסוויילן, וועלן זיי זען פועל זיין, אַז די „נעדאָאימקעס" זאָל מען מאָנען נישט ביים גאַנצן קהל, נאָר ביים דאַמאָלטיקן הויפּט־אָנפירער פונעם קהל, אַ פייערדיקער מתנגד און ביטע־רער רודף פון חסידים — ר' משה בר' אָשר (אָדער: משה אָשעראָוויטש).

דער סך־הכל פון אָט דער חסידישער אַגיטאַציע איז געווען אַזאַ:

דעם 4טן פעברואַר 1799 האָט מען פלוצלינג אַרעסטירט אַלע ווילנער ראשי הקהל און אין יענער נאַכט זיינען אייניקע העכערע טשינאָווניקעס, מיט עליאַשעוויטשן בראש, אַריין אין דער גרויסער שול, אָפּגעשטעלט דאָס דאַווענען און מודיע געווען, אַז מיטן פריערדיקן קהל איז אויס. פון די פריערדיקע ראשי הקהל טאָר מען קיינעם ניט וויילן. מען מוז וויילן דורכ־

אויס נייע מענטשן. דערביי האָט עליאַשעוויטש שטאַרק געזידלט אַלע אָנ־הענגער פון דעם פריערדיקן קהל און אייניקע אַפילו געשלאָגן...

אין אַ פּאָר טעג אַרום זיינען פאָרגעקומען וואַלן און עס זיינען אויס־געקליבן געוואָרן נייע זיבעצן ראשי הקהל. פון זיי האָבן חסידים פאַרנומען אַכט ערטער; די איבעריקע ניין ערטער האָבן די חסידים איבערגעלאָזט פאַר עלטערע און חשובע מתנגדים. אַלס ראש הקהל איז אויסגעקליבן גע־וואָרן דער פייערדיקער קעמפער פאַר חסידות — ר׳ מאיר רפאלס.

די חסידישע רעוואָלוציע אין ווילנע האָט אָבער אינגיכן אַרויסגערופן אַ קאָנטר־רעוואָלוציע... וועגן דעם — אין קומענדיקן פרק.

# ר׳ אביגדורס מסירה

משה אַשעראָוויטשעס אָנקלאָג צום רוסישן גענעראַל־פּראָקוראָר. — ר׳ אביגדור, דער הויפּט־מתנגד. — די קריוודעס פון אַ „גליל־רב". — דאָס פאַרברענען „צוואת הריב״ש" און דער קאַמף פון חסידים קעגן ר׳ אביגדורן. — די קעגן־מלחמה. — ר׳ אביגדורס „זשאַלאָבעס" אויף חסידות און חסידים. — ער ווענדט זיך צום קייסער. — די „שאַבזוס־צוויניקוס". — מסירות, בלבולים און פעל־שונגען. — ר׳ אביגדור אויף אַן אודיענץ ביים צאַר. — דער ענטפער פון ליטעס גענעראַל־גובערנאַטאָר. — מינסקער גובערנאַטאָר דערקלערט, אַז די „שאַבזוס־צוויניקוס" זיינען אָרנטלעכע מענטשן. — דער ענין גייט אַריבער צום סענאַט. — ר׳ אביגדור בעט, מ׳זאָל דעם רב אַרעסטירן.

די אַראָפּגעזעצטע ראשי־הקהל אין ווילנע האָבן ניט געקענט אַריבער־טראָגן זייער חרפה און די תקיפות פון די חסידים. באַלד האָבן זיי זיך גענומען רעסטאַווירן דעם אַלטן קהל מיט זיינע מנהגים און צו באַנייען דעם אַלטן קאַמף. דער גייסט פון דער „קאָנטער־רעוואָלוציע", דער העלד, דער באַוועגער, דער „רוח החיה באופנים", ווי מען וואָלט עס געזאָגט אין העברעאיש, איז געווען דער דערמאָנטער ר׳ משה אַשעראָוויטש. ער האָט ניט געקענט צוזען דעם „חלול הקדש", ווי מענטשן פון פאָלק האָבן צו זאָגן אַ דעה אין עניני הקהל און האָבן נאָך די „העזה" צו פאָדערן אַ דין וחשבון, וואו עס קומען אַהין די קהלשע געלדער...

דעם 10טן פעברואַר 1799 האָט אַשעראָוויטש אָנגעגעבן אַ „זשאַלאָבע" צום דאַמאָלטיקן הויפּט־פּראָקוראָר, און ער האָט, אין נאָמען פון די געוועזענע ראשי הקהל, געבעטן אָט וואָס:

1) מען זאָל אויפשטעלן דעם פריערדיקן קהל מיט דעם פריערדיקן בית דין. (דער פריערדיקער בית דין איז באַשטאַנען פון דעם „ועד החמשה", וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן באַלד נאָך דעם גאונס פטירה. ווען עס איז בטל געוואָרן דער פריערדיקער קהל איז אויך בטל געוואָרן דער פריערדיקער „ועד" און ממילא אויך זיינע משפטים).

2) מען זאָל דערוויטערן די נייע אַכט מענטשן. דאָס הייסט: מען זאָל דערוויטערן פון קהל די חסידישע פאָרשטייער.

3) מען זאָל אין ליטע באַשטימען אַ גריכט ספּעציעל אויף צו פאָרשן און צו משפּטן די חסידים.

4) מען זאָל באַשטימען נײַע באַאַמטע צו רעווידירן די אַרבעט פונעם קהל (דערמיט האָט אַשעראָוויטש געוואָלט אָנווײַזן, אַז די פריערדיקע רע־וויזיע איז געווען נישט קיין ריכטיקע, ווײַל זי איז געווען באַאײַנפלוסט פון חסידים).

5) מען זאָל פאַרווערן די חסידים צו מאַכן אַ נײַע סעקטע מיט מנהיגים.

אַשעראָוויטש האָט באַמיט זיך צו באַווײַזן, אַז ער און זײַנע חברים זײַנען אומשולדיקע קרבנות, אַז זיי זײַנען נאָר נרדפים פון די חסידים מיט דעם סאָוויעטניק עליאַשעוויטש, וואָס העלפט זיי, און דורך דער נײַער אי־בערקערעניש ווערן די יידישע מאַסן דעמאָראַליזירט, הערן אויף צו פאָלגן אויטאָריטעטן און זינדיקן קעגן מאָראַל און רעליגיע.

אַזאַ מין „זשאַלאָבע״ האָט אָנגעגעבן אויך אַ צווייטער פון די געוועזענע ראשי־הקהל, יצחק מעלענטאָוויטש. ער האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל דעם קהל אומקערן זײַן פריערדיקע מאַכט און דאָס רעכט צו משפּטן, כדי ער, דער קהל, זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו באַקעמפן די חסידים.

די „זשאַלאָבעס״ זײַנען גענומען געוואָרן אין אַכט און מען האָט וועגן אַשעראָוויטשעס און מעלענטאָוויטשעס טענות געמאַכט אַ חקירה ודרישה, נאָר בנוגע צו זייערע אָנפאַלן אויף חסידים האָט מען זיי געענטפערט אין יאַנואַר 1800, אַז די חסידים איז דערלויבט געוואָרן זיך אויפצופירן ווי זיי ווילן און אַז דער קהל האָט זיך ניט צו מישן אין זייערע ענינים...

אַזאַ מין ענטפער האָט די ווילנער מתנגדים גאָר ניט געשמעקט. ניט אויף דעם האָבן זיי זיך געריכט. זיי האָבן דער עיקר געמיינט צו טרעפן די חסידים, און דאָ זאָגט מען זיי, אַז זייערע אַלע טענות וועט מען אויס־הערן, נאָר די חסידים האָבן אַ רעכט צו עקזיסטירן ווי אַ באַוועגונג. הייסט עס: אַזוי פיל פולווער געפּטערט און אין ציל ניט געטראָפן...

נאָר — „גאָט פאַרלאָזט ניט״. באַלד האָט צו די ווילנער מתנגדים זיך אָנטפּלעקט אַ גואל ומושיע אין געשטאַלט פון דעם אַלטן קעמפער קעגן חסידים, דעם פאַרביסענעם מתנגד, האַרטן און שטאַרקן מענטש, געשיקטן און ענערגישן טוער, קהלס־מאַן, עקשן און בעל־נצחון — דער פּינסקער רב, ר׳ אביגדור.

ר׳ אַביגדור האָט צענדליקער יאָרן ניט אויפגעהערט צו באַפאַלן די חסידים און זייערע אָנפירער. עס איז צו באַוואונדערן די ענערגיע און די באַשלאָסנקייט מיט וועלכער ר׳ אביגדור האָט געפירט זײַן קאַמף — אַ קאַמף

אויף לעבן און אויף טויט. עס איז שווער צו וויסן גענוי די אמתע סבות פון ר׳ אביגדורס התנגדות: צי איז עס געווען איבערגעטריבענע פרומקייט, צי פאַרקערט, אַ געוויסע „השכלה״־טענדענץ גאָר, וואָס האָט ניט געקענט סובל זיין די חסידישע התלהבות. איז עס אפשר געווען באַליידיקטע און אויפגערייצטע איינגלויבעניש, אפשר גאָר געלט־חשבונות? — ווי עס דאַכט זיך מיר, איז דאָ געווען פון אַלע זאַכן צוזאַמען. ר׳ אביגדור איז געווען אַ גרויסער קנאי. דערביי אָבער אויך, לויט די באַגריפן פון יענע צייטן, אַ גרויסער „מושלם״. אין פינסק האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן „קענער״. ווי ער האָט געהאַסט די חסידים, אַזוי האָבן די חסידים אים געהאַסט; ווי ער האָט די חסידים רודף געווען, אַזוי האָבן די חסידים אים צוריק רודף געווען. ער האָט, הייסט עס, געהאַט מיט די חסידים, אויסער רעליגיעזע, אויך ריין־פּערזענלעכע חשבונות. דערצו האָט ר׳ אביגדור שטענדיק געטענהט, אַז דורך די חסידים איז ער ממש בדיל הדל געוואָרן. דאָס האָט ער שוין געוויס ניט געקענט מוחל זיין...

ר׳ אביגדור האָט אָנגעהויבן זיין קאַמף קעגן חסידים נאָך אין דער צייט, ווען רבי לוי יצחק איז געווען רב אין פּינסק. ר׳ אביגדור מיט זיין קאָמפּאַניע האָבן ר׳ לוי יצחקן אָנגעטאָן אַ היבש ביסל צרות ביז ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון פּינסק, פּשוט עוקר זיין פון דאָרטן.

אין 1773, ווען רבי לוי יצחק האָט געמוזט פאַרלאָזן פּינסק, איז ר׳ אביגדור דאָרט רב געוואָרן. דאָס רבנות האָט ער גענומען איינפאַך מיט תקיפות. דאָס רבנות, באַזונדערס גליל־רבנות, פלעגט דאַמאָלט מוזן באַשטעטיקט ווערן דורך די אַרומיקע פּריצים. זיי האָבן עס געהאַט צו זאָגן אַ דעה וועגן דעם רבס תורה און פרומקייט... סלעגט טרעפן, אַז ווער עס האָט מער געלט געגעבן, יענער איז רב געוואָרן. ר׳ אַביגדור איז רייך געווען און ער האָט די אַרומיקע פּריצים גוט באַצאָלט — איז ער געוואָרן רב. פיר הונדערט רענדלעך האָט ער אַריינגעטראָגן, אַחוץ דעם, אין דער קאַסע פון קהל. דערפאַר האָבן צו ר׳ אביגדורן געהערט די רבנישע הכנסות פון פיר שטעט: פּינסק, זלאַבין, סטאָלין, דאַבראָוויטש. צו די שטעט האָבן, קענטיק, געהערט נאָך אַרומיקע שטעטלעך. דעריבער פלעגט זיך ר׳ אביגדור רימען, אַז ער איז געווען „גליל־רב״ איבער דרייסיק שטעט.

אין פּינסק און אין די אַרומיקע שטעט זיינען די חסידים געווען מייסטנס אָנהענגער פון רבי מרדכי לעכעוויטשער אָדער פון רבי אָשר סטאָלינער. פריער האָט רבי אָשר געוואוינט אין קאַרלין (פאַרשטאָט פון פּינסק). ר׳ אַביגדור מיט זיין חבריא פלעגן דערפאַר אָנרופן די חסידים „קאַרלינער״.

אין די פיל „זשאַלאָבעס״, וואָס זיי פלעגן אָנגעבן אויף חסידים, פלעגן זיי שטענדיק אָנקלאָגן די „קאַרלינער״. אין די אָפיציעלע פּאַפּירן האָבן זיי שוין געהייסן „קאַראַלינער״. אין די דאָקומענטן ווערן, בכן, דאַמאָלטיקע חסידים זייער זעלטן אָנגערופן: „כאַסידי״. על פּי רוב ווערן זיי אָנגערופן: „קאַראַליני״.

ווען די חסידים האָבן זיך אין יענער געגנט געשטאַרקט, באַזונדערס אין די נייַנציקער יאָרן פון 18טן יאָרהונדערט, האָבן זיי זיך גענומען אָפּ־רעכענען מיט זייער רודף — ר׳ אביגדורן.

באַזונדערס זייַנען די חסידים אויפגעבראַכט געוואָרן אויף ר׳ אביגדורן, ווען ער האָט אויפגעהערט צו באַנוגענען זיך מיט די יסורים און בזיונות, וואָס ער פלעגט אָנטאָן די אָרטיקע חסידים, נאָר האָט אָנגערעדט דעם ווילנער גאון קעגן אַלע חסידים בכלל און האָט פּועל געווען מען זאָל ברענען אויפן ווילנער שול־הויף דאָס חסידישע ספרל „צוואת הריב״ש״ (ווערטלעך און געדאַנקען פון בעש״ט). דאַן האָבן די חסידים באַשלאָסן אָפּצוצאָלן ר׳ אביגדורן אויף ד ע ר וועלט. אַזוי ווי זיי האָבן געוואוסט, אַז נאָך מער ווי ר׳ אביגדור האָסט חסידים האָט ער, במחילה, ליב געלט, האָבן זיי אָנגעהויבן פירן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע אין זלאָבין, סטאָלין און דאָבראָוויטש, אַז די דאָרטיקע יידן זאָלן אויפהערן געבן געלט זייער איבער־גוואָלטיקן „גליל־רב״. די ראשי הקהל פון די דערמאָנטע שטעטלעך זייַנען געווען חסידים. פאַרשטייט זיך, אַז די חסידים האָבן זייערס אויסגעפירט און ר׳ אביגדור האָט אָנגעהויבן צו קריגן אַלץ ווייניקער און ווייניקער הכנסות.

דערזען אַז ס׳איז שלעכט, איז רבי אביגדור אַליין געפאָרן „מחזיר בתשובה״ צו זיין די „ווידערשפּעניקע״ שטעטלעך. ער האָט אָבער גאָר אַ מיאוסן פּסק געהאַט: מען האָט אים אין יענע שטעטלעך פּשוט נישט אַרייַנ־געלאָזט.

אַ פאַרשעמטער און פאַרקלעמטער איז ר׳ אביגדור געקומען אַ היים. ביי זיך אין פּינסק האָט ער אָבער אויך ניט לאַנג געוועלטיקט. די חסידים האָבן אַזוי לאַנג געאַרבעט, ביז זיי האָבן אים פון זיין כסא הרבנות אַראָפּ־געזעצט. זיי האָבן נאָך מער געטאָן: ר׳ אביגדור, אַלס גליל־רב, האָט געהאַט אַ באַזונדערע שטול אין מזרח. האָבן די חסידים אַרויסגעטראָגן זיין שטול און האָבן אויף דעם אָרט אָנגעשאָטן זאַמד...

אָפּגעפאַרטיקט זיך מיט ר׳ אַביגדורן, האָבן די פּינסקער חסידים גע־וואָלט זיך באַפרייען פון דער גאַנצער מתנגדישער שליטה. זיי האָבן אַזוי

לאַנג געאַרבעט, ביז זיי האָבן פּועל געווען, מען זאָל ביים גאַנצן דאַמאָל־טיקן מתנגדישן בית־דין צונעמען די מאַכט.

ר׳ אַביגדור איז אָבער ניט געווען פון די וואָס לאָזן זיך מנצח־זיין. ער האָט גאַנץ רוסלאַנד אויפגערודערט. ער האָט אויפגעשטעלט אַלע רוסישע רבנים קעגן דער „כת״. ער האָט אַזוי לאַנג געפייערט און געברענט, ביז ער האָט אַרויסגערופן די גרעסטע קנאות קעגן חסידים. דערביי האָט ר׳ אביגדור אויף קיין איין האָר ניט פאַרגעסן אויך זיינע געלט־חשבונות. כטייטש! די חסידים האָבן אים אַזעלכע היזקות אָנגעטאָן...

איצט, ווען די ווילנער ראשי־הקהל האָבן זיך דערפילט מאַכטלאָז אין זייער קאַמף קעגן חסידים, איז זיי דער אַלטער חסידים־שונא געקומען צו הילף. די ווילנער ראשי־הקהל האָבן גאַרנישט געקענט מאַכן, ווייל מען האָט זיי געענטפערט איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז די חסידים האָבן דאָס רעכט צו עקזיסטירן ווי אַ באַזונדערע באַוועגונג ביי יידן. ר׳ אביגדור איז אָבער געקומען מיט אַן אַנדער טענה: ער מאָנט ביי די חסידים געלט. מילא, מעגן זיך די חסידים דאַוונען ווי זיי ווילן, אָבער וואָס האָבן זיי געהאַט צו זיין, ר׳ אביגדורס, געלט?

אויסנוצנדיק זיין רעכט ווי אַ געלט־מאָנער, האָט ער אָנגעווענדט זיין גאַנצן פּלפּול און אַלע זיינע היפשע פעאיקייטן צו שילדערן די חסידים ווי שעדלעכע פאַר דער רעגירונג און פאַר דער מענטשלעכער געזעלשאַפט בכלל...

דערצו האָט ר׳ אביגדור אָנגעווענדט אַן עכט־דיפּלאָמאַטישן גאַנג. אין אַלע זיינע פריערדיקע „זשאַלאָבעס״ פלעגט ער אָנרופן די חסידים „קאַרלי־נער״. איצט, אין דער לעצטער „זשאַלאָבע״, האָט ער אָנגעהויבן ריידן וועגן עפּעס אַ כיתה, וואָס גייט אין די וועגן פון שבתי־צבי און יעקב פראַנק. דערמיט האָט ער געוואָלט נאַרן די רעגירונג, אַז ער רעדט וועגן עפּעס אַ שפּאָגל־נייער, שעדלעכער כיתה, און ניט וועגן די „קאַרלינער״, וועלכע זיינען אָנערקענט געוואָרן אָפיציעל ווי אומשעדלעך.

**
*

ר׳ אביגדור איז אויף זיין שטייגער געווען אַ „חכם הרואה את הנולד״. ער האָט באַלד ביי זיין אַרויסטרעטן קעגן חסידים פאַרשטאַנען, אַז סוף כל סוף וועט אים אויסקומען צו לאָדן זיך מיט די חסידים אין די הויכע רעגירונג־קרייזן. וואָס זשע האָט ער געטאָן? ער האָט געפאָלגט די אַלטע עצה: „שלח לחמך על פני המים״. ער האָט געזען צו געווינען דעם צוטרוי פון די הויכע ספערן. עס וועט אַמאָל צונוץ קומען.

האָט ער געשריבן ספרים ספּעציעל געווידמעט דעם קייסער פּאַוועל און דורך זיין געשיקטקייט און ברייטער באַקאַנטשאַפט (ער האָט געהאַט גרויסע פאַרבינדונגען מיט דער פוילישער שליאַכטע און מיט די העכערע רוסישע טשינאָווניקעס), האָט ער פועל געווען, דער צאַר פּאַוועל זאָל ניט נאָר באַקומען זיינע ווערק, נאָר אויך וויסן דעם אינהאַלט זייערן.

וואָס אין יענע ווערק איז געשטאַנען — ווייסן מיר ניט. דאָס, וואָס העסען, און נאָך אים מרדכי טייטעלבוים, שרייבן צו ר׳ אביגדורן די נבואה וועגן נאַפּאָלעאָנס מפּלה, איז אויף גאָרנישט געגרינדעט. לויט אַלע סימנים האָט דער רבֿ, און ניט ר׳ אביגדור, די דערמאָנטע נבואה געשריבן. דאָס וואָס אָט־די נבואה געפינט זיך צווישן די דאָקומענטן, וואָס זיינען נוגע צו ר׳ אביגדורס „זשאַלאָבע״, באַווייזט נאָך ניט, אַז פון ר׳ אביגדורן שטאַמט זי. זי קען אַ סך גיכער געהערן זיין קעגנער — דעם רבֿ. געדענקען מיר נאָך דערצו, אַז דעם רבס שנאה צו נאַפּאָלעאָנען איז ניט געווען קיין צופעליקע און פלאַכע, נאָר אַ גרינטלעכע און אַ מיסטיש־טיפע; געדענקען מיר, אַז דער רבֿ האָט נאַפּאָלעאָנען באַטראַכט ממש פאַר זיין פּערזענלעכן שונא (תכלית שנאה שנאתיו); געדענקען מיר, אַז דער רבֿ האָט געזען אין נאַפּאָלעאָנען דאָס, וואָס ער האָט געהאַסט מער פון אַלץ אין דער וועלט, דעם „אני ואפסי עוד״, דעם „יש״, די „קליפּה״, וואָס וויל מיט איר חוצפּה און גאווה פאַרשטעלן די געטלעכע שיין, — איז גאַנץ מעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַז שוין דענסטמאָל האָט ער פאַרפאַסט אַ נבואה אויף דער מפּלה פון נאַפּאָלעאָנען. די נבואה האָט געקענט בייגעלייגט ווערן צו דער „דיעלאָ״ אַלס באַשטעטיקונג פון רבס פאַטריאָטיזם. אין דער „דיעלאָ״ זיינען דאָך דאָ ניט נאָר ר׳ אביגדורס טענות, נאָר אויך דעם רבס תשובות און אָנווייזונגען...

הכלל, ר׳ אַביגדור האָט געשיקט זיינע ווערק צום צאַר און זייער אינהאַלט איז אונדז ניט באַקאַנט. מ׳קאָן נאָר זיך משער זיין, אַז זיי האָבן באַהאַנדלט די אַלמעכטיקייט און אַליינהערשאַפט פונעם קייסער. מען קען עס דרינגען דערפון, וואָס אויך אין ר׳ אביגדורס „זשאַלאָבע״ פאַרנעמען אָט די חקירות אַ גרויסן אָרט. וואָס, וואָס, נאָר אין דעם ענין פּאַטריאָטיזם זיינען ביידע פייערדיקע שונאים — דער רבֿ און ר׳ אביגדור — איייניק געווען. יעדער איינער צוליב אַנדערע מאָטיוון: דער רבֿ — דער עיקר צוליב מיסטישע אָנונגען, זיין שונא ר׳ אביגדור — צוליב דעם ווילן נושא־חן צו זיין אין די הויכע פענצטער און קריגן זייער הילף אין דער פאַר־ביסענער מלחמה זיינער קעגן חסידות.

ס'איז באַקאַנט דעם רבס תורה אויף „ירא ד' בני ומלך", וואו ער באַמיט זיך אויפצואווייזן, אַז אַן אמתער משפט קען אַרויסגעגעבן ווערן נאָר פון דעם קייסער אַליין און דעריבער בעט ער פונעם קייסער, דאָס נאָר ער אַליין און ניט קיינער פון זיינע יועצים זאָל אים משפטן. אין דעם זעלבן גייסט שרייבט אויך ר' אביגדור זיין „זשאַלאָבע". ער בעט אויך, אַז נאָר דער קייסער פּאַוועל זאָל זיך זיין קריוודע אָננעמען, וואָרום די „שאַבזוס־צוויניקוס" (שבתי־צביניקעס) האָבן אים באַגזלט און באַראַ־בעוועט און נאָך בזיונות אָנגעטאָן און אָט די „שאַבזוס צוויניקוס" זיינען בכלל אַזעלכע רשעים און זינדיקע סיי קעגן גאָט און סיי קעגן דער רעגי־רונג און בכלל קעגן אַלע מענטשן, אַז מען דאַרף זיי עוקר מן השורש זיין...

ציטירנדיק דעם „משפט המלוכה" אין שמואל און באַווייזנדיק אַז קיין העכערן געזעץ פונעם קייסערס קאָן מען זיך נישט פאָרשטעלן און אַז דער קייסער דאַרף זיך ביי זיין משפטן רעכענען נאָר מיט דעם אייגענעם ווילן און ניט מיט קיין שום אַנדער זאַך אין דער וועלט, דריקט ר' אביגדור אויס זיין פרייד, וואָס „דער אַלמעכטיקער האָט אונדז מזכה געווען און האָט באַשטימט צום הערשן איבער אונדז דעם גרויס־מעכטיקן אימפּעראַטאָר פּאַוועל דעם ערשטן, וואָס ער קען הייסן אויך ערשטער און קליגסטער פון אַלע קיסרים און מלכים".

נאָך אָט די חניפהדיקע לויב־געזאַנגען הויבט אָן ר' אביגדור אויסצו־רעכענען די צרות וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פון די „שאַבזוס־צוויניקעס" און דערציילט, אַז „שאַבזוס צווי" איז געווען אַ באַוואוסטער באַטריגער, וועלכן דער סולטאַן האָט אויפגעהאַנגען. דערנאָך האָט זיך זיין חברה פאַר־שפּרייט איבער פּוילן. דאָרט האָבן זיי אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן. פון אָט די „שאַבזוס־צוויניקעס", דערציילט ר' אביגדור, האָבן זיך נאָר דריי אויסגעדרייט פון אָנצונעמען קאַטוליציזם, נעמלעך: ישראל פון מעזשבוז (בעש"ט), בער פון מעזריטש (דער „מגיד") און יעקב פון פּולנאָה (דער „תולדות"). אָט די דריי, וועלכע מען האָט געהאַלטן פאַר מענטשן, וואָס קענען משביע זיין רוחות, האָבן געגרינדעט אַ סעקטע...

אַטאַזוי דערציילט ר' אביגדור געשיכטע. נאָך אַזאַ מין „היסטאָ־ריע" איז ר' אביגדורן שוין לייכט געווען פאַרצושטעלן אַלע חסידים (וועל־כע ער רופט איצט ניט אַנדערש ווי „שאַבזוס־צוויניקוס") ווי אויסוואורפן, פאַרדאַרבער און באַטריגער, בכלל — די ערגסטע און שעדלעכסטע מענטשן אין דער וועלט.

האָט דאָך ר' אביגדור געוואוסט, אַז מען וועט ביי אים ענדלעך פאַ־

דערן ער זאָל באַווייזן אין וואָס זייער שעדלעכקייט באַשטייט. האָט ער זיך אויסגעדרייט מיט אַלגעמיינע אויסדריקן און מיט אַלגעמיינע אָנווייזונגען אויף דעם, אַז זיי, די „שאַבזוס־צוויניקוס״, פאַרדאַרבן די יוגנט און פאַר־פירן זי...

די „שאַבזוס־צוויניקוס״ (ד״ה די חסידים), טענהט ר׳ אביגדור, האַלטן זיך פאַר געטלעך, ממילא האַלטן זיי זיך דאָך פאַר גלייך מיט גאָט, ממילא דאַרפן זיי שוין ניט מורא האָבן פאַר גאָט בכלל... אַ חוץ דעם דערלויבן זיי זיך צו טאָן אַלערליי עבירות, שטיצנדיק זיך אויפן פסוק: „עת לעשות לד׳ הפרו תורתך״. אַזוי אַרום פאַרשפּרייטן זיי פריידענקעריי און פון זיי איז די פריי־דענקעריי אַריבער צו אַלע אַרומיקע פעלקער...

ווייטער — מסרט ר׳ אביגדור — האָבן זיי זיך צעטיילט אויף צוויי כתות: איין כת זאָגט, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, נאָר ער האָט באַשאַפן דעם מענטשן כדי דער מענטש זאָל טאָן וואָס זיין האַרץ גלוסט. דער מענטש דאַרף נאָר זען צו ליבן דעם צווייטן ווי זיך אַליין, דאָס איבעריקע איז — נישט מיט נישט: משה האָט די תורה אויסגעטראַכט. אַ צווייטע כת זאָגט אָבער, אַז ס׳איז גאָר קיין גאָט ניטאָ, נאָר אַלץ אין דער וועלט איז אַנטשטאַנען פון זיך אַליין. זיי ווייזן אַרויס זייער פריי־דענקעריי דערמיט וואָס זיי טוען וואָס זייער האַרץ גלוסט, וויפיל שלעכטס דאָס האַרץ זאָל אין זיך ניט האָבן; זיי טוען גאָר נישט, נאָר זיי פרייען זיך אייביק און האַלטן זייערע עלטסטע פאַר געטער; זיי אַרבעטן מיט אַלע כוחות אויף צוציען צו זיך יונגע לייט. פון דעם אַלעמען קען אַרויסקומען אַ גרויס אומגליק פאַר אַלע אומות־העולם.

נאָך אָט דער המן־אַרטיקער מסירה, ברענגט ר׳ אביגדור אויסצוגן פון די ספרימלעך „צוואות הריב״ש״ און „הנהגות״ פון דעם „מגיד״, צו־געבנדיק צו אָט די אויסצוגן זיינע אייגענע פּרושים און באַמערקונגען. אין די דערמאָנטע ספרימלעך זעט ר׳ אביגדור אַזעלכע יסודות: 1) אַ מענטש דאַרף שטענדיק זיין פריילעך; 2) גלויבן באמונה שלמה, אַז גאָטס חסד איז אין אים (אינעם מענטשן). 3) אַז ער (דער מענטש) זעט גאָט און גאָט זעט אים. וואָס קען מען האָבן צו די ערשטע צוויי פּונקטן? די חסידים הייסן פריש און פריילעך זיין, מאַכט אויף דעם ר׳ אביגדור אַזאַ מין פּירוש: זיי פרייען זיך און טאַנצן און עסן און טרינקען און לאָזן זיך וואוילגיין און טוער וואָס זייער האַרץ גלוסט און דורך דעם קומען זיי צו הפקרות, און צו שטאַרקן דאָס הפקרות מאַכן זיי געהיימע געזעלשאַפטן, „און דאָס קען ברענגען צו דער גרעסטער חציפות און צו שלעכטע מעשים״.

די חסידים זאָגן, אַז דער מענטש דאַרף גלויבן, אַז גאָטס חסד רינגלט אים אַרום פון אַלע זייטן. ממילא דאַרף מען דאָך פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן. דאַרף מען דאָך אויך פאַר „נאַטשאַלסטוואָ" קיין מורא ניט האָבן. ווידער לערנען די חסידים, אַז דער מענטש זעט גאָט און דאָס איז קעגן דעם פסוק: „כי לא יראני האדם וחי". הייסט עס דאָך, אַז די חסידים זיינען כופר אין תורת משה, און אַזוי ווי תורת משה איז אַ יסוד פאַר אַלע אַנדערע אמונות, גייען דאָך די חסידים קעגן אַלע אומות און אַלע אמונות. היינט ווי איז שייך צו שווייגן?

דערצו גיט ר' אביגדור צו סתם בלבולים, אַז די חסידים זיינען מתיר רציחה און גניבה און אַלע מעשים רעים...

דערביי האָט זיך ר' אביגדור פאַרשפּרייט אויך וועגן דעם געלט, וואָס די חסידים שיקן קיין ארץ ישראל. אמת, דער רב האָט אויף דעם געענט־פערט בשעת ער איז צו ערשט אַרעסטירט געוועזן, אַז דאָס איז ביי יידן אַ מנהג פון לאַנג צו שטיצן די אָרעמע יידן, וואָס וואוינען אין ארץ ישראל, לערנען און דאַוונען דאָרט. דאָס איז אָבער קיין תירוץ ניט. ביז איצט פלעגט מען שיקן קליינע נדבות און די חסידים שיקן גרויסע סומעס. נו, מוז דאָך עפּעס זיין אין דעם...

צום סוף, בכדי אַרויסצואווייזן זיין איבערגעבנקייט און צוטרוי צו דעם משפּט פון דער רעגירונג, האָט ר' אביגדור פאָרגעלייגט, אַז דער יידישער בית דין, וואָס דאַרף פונאַנדערקלייבן אַלע סכסוכים צווישן יידן, זאָל באַ־שטימט ווערן פון דער רעגירונג אַליין, ד. ה., אַז די רעגירונג זאָל באַ־שטימען, ווער עס זאָל זיין ביי יידן רב, דיין, בורר, וכדומה, און ווער חבר אינעם בית־דין.

ווייטער קערט זיך ר' אביגדור אום צו זיין ליבלינג־טעמע, אַז נאָר דער קייסער אַליין קען אַנטשיידן דעם משפּט צווישן אים און זיינע שונאים, — די חסידים. דער קייסער נויטיקט זיך ניט, ניט אין קיין עדות און ניט אין קיין באַווייזן און ניט אין קיין שבועה צו געבן דעם אָדער יענעם גע־משפּטן, נאָר ער קען משפּטן ווי עס לייגט זיך אים אויפן שקול הדעת און אָט דער „שקול הדעת" איז בטבע הייליק...

ר' אביגדור האָט פועל געווען, דאָס לעצטע אָבער האָט ער ניט פועל געווען. דער צאַר פּאַוועל האָט ניט געוואָלט אַליין משפּטן, ווער עס איז אין דער מחלוקת צווישן יידן גערעכט און ווער — אומגערעכט. ר' אביגדור האָט, אמת, דערשלאָגן זיך צו אַן אוידיענץ ביים קייסער און האָט אויס־געדריקט זיינע „פּאַטריאָטישע" געפילן. ער האָט אָבער זיין הויפּט־ציל ניט

דערגרייכט. דער קייסער האָט אָפּגעשיקט ר׳ אביגדורס משפט צום גענע־ראַל־פּראָקוראָר, דער גענעראַל־פּראָקוראָר האָט אָפּגעשיקט די „דיעלא״ צום ליטווישן מיליטערישן גובערנאַטאָר קוטוזאָוו, און דער לעצטער האָט גע־ענטפערט, אַז אין זיין געגנט געפינען זיך ניט קיין שום „שאַבזוס־צוויניקוס״...

ענדלעך איז די „דיעלאָ״ אָנגעקומען צום מינסקער גובערנאַטאָר קאר־נעיעוו. דער לעצטער האָט זיך אָפּגערופן גראָד זייער גוט וועגן די „שאַב־זוס־צוויניקוס״: אי שטיל זיינען זיי, אי אָרנטלעך זיינען זיי, אי אין „קאַזנאַ״ צאָלן זיי פּינקטלעך. צו אָט דער מיינונג האָט אויך קוטוזאָוו מסכים געווען.

אַזוי, אָבער, ווי מען האָט דאַן געהאַלטן אין איבערקוקן די גאַנצע יידן־פראַגע אין רוסלאַנד, האָט מען אויך די „דיעלאָ״ איבערגעגעבן אין סענאַט. דאָס האָט געגעבן ר׳ אביגדורן נייע האָפנונגען און ער האָט שוין אָפּן געבעטן, מען זאָל אַרעסטירן דעם אָנפירער פון די חסידים — דעם רב...

האָט מען דעם רב אַרעסטירט אַ צווייט מאָל... ניט ר׳ אביגדורס „זכות״ אַליין איז דערביי געווען, נאָר אויך דער „זכות״ פון דעם באַוואוסטן רוסישן פּאָעט דיערזשאַווין.

# דער הייליקער ייד און דער רוסישער „סאַמאָדור"

דער שרעקלעכער הונגער אין ווייסרוסלאַנד. — די פּריצים, די לייב־אייגענע און דאָס אַרויפוואַרפן די שולד אויף יידן. — דערזשאַווין, דער דיכטער און הויכער צאַרישער באַאַמטער. — זיין נסיעה איבער די הונגער־געגנטן פון ווייס־רוסלאַנד. — אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן יידן און אַנטיסעמיטישע המצאות. — אַנאַליז פון דערזשאַווינס „מניעניע". — צוויי פּראָיעקטן. — דער פּראָיעקט פון ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר. — נתן־נטע שקלאָווער חלומט וועגן יידישע ערד־אַרבעטער. — ווי אַזוי דערזשאַווין האָט פאַרקריפּלט נתן־נטעס פאַרשלאָגן. — דערזשאַווין און די משכילים. — דערזשאַווין וועגן דעם רב מליאַדי. — דער הייליקער ייד און דער צאַרישער „סאַמאָדור".

הונגער איז פון תמיד אָן געווען אַן אָפטער גאַסט אין פאַרשידענע געגנטן פונעם גרויסן רוסלאַנד. צום סוף פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט האָט זיך דער הונגער באַזונדערס געשטאַרקט אין בעלאָראַסיע. אַ סך דערפער האָבן ניין־צען יאָר נאָכאַנאַנד געליטן פון אומגערעטעניש, קרענק, מגפות. איבערהויפּט האָבן געליטן, פאַרשטייט זיך, די פּויערים. די פּריצימשאַפט האָט זיך אירס גע־טאָן: געפּייניקט די פּויערים, אירע קנעכט, ווי זי האָט נאָר געקענט, גע־צוואונגען אַרבעטן אויף זיך ביז יציאת נשמה, געפרעסן, געזויפן, געטאָן אַלערליי מעשי תעתועים און געהולטאַיעט אויף וואָס די וועלט שטייט.

ווען די צענטראַלע רעגירונג, דערוויסנדיק זיך פונעם שרעקלעכן הונגער אין בעלאָראַסיע, האָט זיך געווענדט צו די פּריצים, זיי זאָלן דערקלערן די סבות פונעם הונגער, און בכלל פונעם אומדערטרעגלעכן לעבן פון די פּויערים, האָבן יענע מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן דער פּויערשער קנעכטשאַפט, וועגן דער „קרעפּאָסטניטשעסטוואָ", וועגן דעם, אַז דעם פּויער איז זיין לעבן ניט ניחא און עס ליגט אים ניט אין קאָפּ צו אַרבעטן און צו פאַרבעסערן זיין לאַגע, ווייל סיי־ווי־סיי געהערט ער מיט לייב און לעבן, פאַמיליע און פאַרמעגן צום פּריץ. וועגן דעם אַלעמען האָט דער פּריצישער פּסוק געשוויגן. גערעדט האָט ער נאָר לפנים וועגן דעם, וואָס דער רוסישער פּויער איז פויל און אָפּגעלאָזן און קען די ערד ניט באַארבעטן, און בעיקר — וועגן דעם, וואָס די יידן „באַשווינדלען" דעם פּויער און נאַרן אויס זיין האָב און גוטס.

די אייביקע טאַקטיק פון אַלערליי באַדריקער, פאַלקס־פיינט, תקיפים און דעספּאָטן: צו וואָס זאָל מען זיך מודה זיין אין דער אייגענער שולד און אייגענער זינד, ווען מען קען אַלץ אַרויפוואַרפן אויף דעם יידן ?...

די פּריצים, וואָס דער פּויער פלעגט זיי אָפּגעבן זיין גאַנצע אַרבעט־צייט, זיין קערפּער צום שמייסן און זיין פּנים צום שפּייען אין אים, זיי, וואָס פלעגן אָפּנעמען ביים פּויער אָן שום רחמנות און אָן שום טענות ומענות דאָס לעצטע ביסל פאַרמעגן, וואָס ער פלעגט דערווערבן אַרבעטנדיק אין די זייער ווייניקע שעהן ווען ער פלעגט ניט שקלאַפן ביי זיי, זיי — די פּריצים — האָבן עס אויפגעוויזן, אַז שולדיק אין דעם פּויערס אָרעמקייט זיינען די יידישע אַרענדאַרעס, כאָטש יענע פלעגן קיינמאָל ניט קענען אויס־צאָלן די פּריצים דאָס גרויסע אַרענדע־געלט און האָבן געלעבט אין אָרעמ־קייט און אין דחקות כמעט ניט ווייניקער ווי די פּויערים.

דער רוסישער סענאַט האָט, נאַטירלעך, געגלויבט די „דוואָריאַנעס״. מען האָט זיי געמוזט גלויבן. די פראַגע וועגן פּויערישער קנעכטשאַפט האָט מען דאַן ניט געטאָרט באַרירן. זאָגן, אַז די איינציקע סיבה פון דעם הונגער איז די אָפּגעלאָזנקייט פונעם פּויער, איז אוממעגלעך געווען. מען וואָלט דאָך דאַן געמוזט ענטפערן אויף דער פראַגע: פון וואַנען קומט דעם פּויערס אָפּגעלאָזנקייט ? פון וואַנען קומט זיין אומבאַהאָלפנקייט ? פון וואַנען קומט דאָס, וואָס ער באַנוצט ביים באַאַרבעטן די ערד פּרימיטיווע מיטלען און באַנוצט זיך ניט מיט קיין שום אויסבעסערונגען ? — דאַן וואָלט מען דאָך געמוזט קומען, צווישן אַנדערע ענטפערס, אויך צו דעם ענטפער: א ו מ ־ װ י ס נ ק י י ט. פון וואַנען־זשע שטאַמט די אומוויסנקייט, אויב ניט פון דער אייביקער קנעכטשאַפט ?

מען האָט אויך ניט געקענט באַנוגענען זיך מיט דער איין און איינציקער „הנחה״ וואָס די דוואָריאַנעס האָבן פאַרגעלייגט, דהיינו, אַז מען זאָל דער־לויבן די פּויערים צו פאַרקויפן זייערע תבואות וואָסערן סוחר זיי ווילן און די אַרענדעס זאָלן איבערגעגעבן ווערן אויף אַ לענגערער צייט. מען האָט געמוזט אָנקומען צו אַזאַ „הנחה״, ווייל ביז דאַמאָלט איז געווען איינ־געפירט, אַז דער פּריץ פלעגט צווינגען דעם פּויער, ווען ער פלעגט שוין י אָ האָבן עפּעס צו פאַרקויפן, אַז ער זאָל עס פאַרקויפן נאָר צו זיין, דעם פּריצס, אַרענדאַר, אַזוי, אַז דער פּויער פלעגט פאַר זיין תבואה קיין שום מקח ניט נעמען, וויבאַלד ער האָט קיין ברירה ניט געהאַט און האָט געמוזט פאַר־קויפן נאָר דעם סוחר און ניט קיין אַנדערן. דער רוסישער סענאַט האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז ווען אַט דער מנהג זאָל אַפילו אָפּגעשאַפט ווערן,

זיינען אויך די פויערים כלל וכלל נישט פאַרזאָרגט. אַזוי אָבער ווי די פּריצים האָט מען ניט געטאָרט אָנרירן און זוכן האָט מען געמוזט אַ סאָציאַלע סיבה צו דעם הונגער פון די פויערים, האָט מען זיך צום יידן גענומען: גיי, ישראליק, און לייג אָן מיטן קאָפּ פאַר פּריצישער ווילדקייט, גראָבקייט און רשעות...

אין דעם זין האָט מען די זאַך פאַרגעשטעלט דעם צאַר פּאַוועל דעם ערשטן. אין דעם זין האָט מען עס פאַרגעשטעלט די גובערנאַטאָרן, וואָס האָבן געזאָלט אַרויסזאָגן זייערע מיינונגען וועגן די סבות פונעם הונגער אין בעלאָראָסיע. מען האָט, אין פלוג, געלאָזט די גובערנאַטאָרן אַרויסזאָגן זייער מיינונג וועגן אָט דער פראַגע גאַנץ ברייט, אָפן און פריי. מען האָט אָבער צו אַלע גובערנאַטאָרן פונאַנדערגעשיקט די „זאַפּיסקע" פון דער פּריצימשאַפט מיט איר מיינונג וועגן דעם, אַז נאָר יידן זיינען שולדיק אין דער אָרעמקייט און דעם הונגער פון די פויערים. די גוברענאַטאָרן האָבן גלייך פאַרשטאַנען, וואָס מען וויל פון זיי, און זיי האָבן אַלע געענטפערט אינעם גייסט פון די פּריצים. אייניקע האָבן אַרויסגעוויזן זייער באַזונדערן אייפער און באַזונדערע טריישאַפט דער מאַכט דערמיט, וואָס זיי האָבן אויסגערעדט אויף יידן וואָס אין אַ בייזער קאָרט שטייט.

די ערשטע „זאַפּיסקע" איז געווען פון מינסקער דוואָריאַנעס. בשעת מען האָט פונאַנדערגעשיקט צו די גובערנאַטאָרן די דערמאָנטע אָנפראַגע, האָט מען זי פונאַנדערגעשיקט צו די דוואָריאַנעס פון אַנדערע גובערניעס. די דוואָריאַנעס האָבן געענטפערט נישט בעסער פון די גובערנאַטאָרן און דער סענאַט האָט שוין געהאַט גענוג מאַטעריאַל אויף וואָס צו שטיצן זיך...

מען האָט זיך געווענדט צום דיכטער, דעם סענאַטאָר ג. דערזשאַווין, אַז ער זאָל באַזוכן די גובערניעס פון בעלאָראָסיע און זאָל אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן די סיבות פון דעם דאָרטיקן הונגער. דערזשאַווין איז געווען ניט נאָר אַ באַרימטער פּאָעט, נאָר אויך אַ גרויסער טשינאָווניק און „סלוזשאַקאָ". ער האָט באַלד תופס געווען דעם עסק. ער האָט גלייך פון אָנהויב פאַרשטאַנען, אַז מען מיינט דאָ ניט אַזוי צו דערגיין די אמתע סיבות פון דעם הונגער אין בעלאָראָסיע, ווי צו מאַכן די יידן פאַר די שולדיקע אין דעם. נו, האָט ער געטאָן זיין זאַך בשלימות... כאָטש אָפיציעל האָט עס געהייסן, אַז ער פאָרט אויספאָרשן די סבות פון דער אָרעמקייט און דעם עלנט פון די פויערים, האָט ער דאָך אין זיין באַוואוסטער „מניעניע" געווידמעט דער פויערים־פראַגע סך־הכל פופצן עמודים און דער יידן־פראַגע — גאַנצע מאות עמודים. אויף דעם אָרט פון אַן אויספאָרשונג וועגן דער לאַגע

פון די פויערים, האָט ער אויפגעשטעלט אַ ווילדן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן יידן.

מען האָט דיערזשאַווינען ניט געדאַרפט לייגן קיין פינגער אין מויל. מען האָט אים איבערגעגעבן אָפיציעל אַ פּאַפּיר פון צאַר וועגן דער נויטי־קייט צו זוכן דרכים ווי אַזוי אויסצובעסערן די לאַגע פון די פויערים, דערביי האָט דער דאַמאַלסטיקער גענעראַל־פּראָקוראָר צוגעגעבן אַ פּאָסט־סקריפּטום, אַז דער צאַר איז גענויגט צו זען די הויפּט־סיבה פון דער פויערישע אָרעמקייט אין דער יידישער עקספּלואַטאַציע.

דער פּאָעט דיערזשאַווין איז ניט נאָר געווען אַן אינסטרומענט... מען מוז פאַרשטיין, אַז ער האָט אַליין אויך גענוג געהאַסט יידן און טאַקע אויפן גראָבסטן און געמיינסטן אופן. ער האָט געהאַסט די יידן פּשוט אַלס מענטש מיט די גרעבסטע און נידעריקסטע פאָראורטיילן.

אין זיין „מניעניע״ דערגייט דערזשאַווין ניט נאָר צו עקסטרעמן אַנטי־סעמיטיזם, נאָר אויך צו עקסטרעמן אידיאָטיזם. עס איז פּשוט צו באַ־וואונדערן ווי אַזוי אַ מענטש, וואָס איז סוף־כל־סוף געווען אַ דיכטער „פון גאָטס חסד״, האָט געקענט שרייבן אַזעלכע ווילדקייטן.

מילא, אַז דערזשאַווין נעמט אָן ווי אַן אַקסיאָמע די מיינונג פון איין גובערנאַטאָר, אַז „אין יעדן יידן איז דאָ אַ באַזונדער מין רמאות״ און פון אַזאַ מין „שטאַנדפּונקט״ באַטראַכט ער די יידן־פּראַגע, איז עס נאָך ווי עס איז צו באַגרייפן. ווי קען דען אַ בפירושער יידן־פיינט ווי דערזשאַווין זאָגן אַנדערש?

ער דערגייט אָבער אין זיין ווילדער שנאה צו אַזעלכע מיני „חכמות״:
יידן גייען אין היטלען. צוליב וואָס טוען זיי עס? ווייל יידן זיינען זייער גרויס ביי זיך און האָפערדיק, דעריבער גייען זיי אַלעמען אויף להכעיס אין היטלען. זיי ווילן פאַר קיינעם די היטלען ניט אַראָפּציען...

ווידער אַ „חכמה״:
יידן גייען אָנגעטאָן אַלע אויף אַ גלייכן אופן, בכדי אַז עמעצער פון זיי מאַכט אַ שווינדל, זאָל אים נאַטשאַלסטוואָ ניט דערקענען. דער שווינדלער ווערט אויסגעמישט און פאַרלוירן אין דער מאַסע...

ביי דיערזשאַווינען קומט אויס, אַז יידן הייסן אָדער מאָשעק, אָדער שאול, אָדער לייזער, אָדער חיים, אָדער בערעק. קיין אַנדערע נעמען האָבן זיי ניט. קומט שוין אויך אויס, אַז אַלע הייסן מיט איין און די זעלבע נעמען. צוליב וואָס טוען עס די יידן? — ווידער בכדי צו נאַרן די רוסישע נאַטשאַלסטוואָ. אַזוי ווי אַלע יידן הייסן גלייך, קען מען ניט כאַפּן און

באַשטראָפן דעם שולדיקן, וואָרום ווען מען כאַפּט איין חיים, זאָגט ער, אַז דעם פאַרברעכן האָט גאָר געטאָן אַן אַנדער חיים.

דיערזשאַווין האָט באַמערקט, אַז אַ סך קריסטן גייען גערן פונאַנדער־צונעמען זייערע פּריוואַט־סכסוכים צו רבנים. מאַכט אויף דעם דיערזשאַווין אַזאַ פּירוש: די יידן פּסקנען מיט אַ כיוון ריכטיק און גוט, בכדי אַזוי אַרום אַריינצונאַרן די קריסטן און ברענגען זיי שאָדן...

אָט אין אַזאַ גייסט איז די גאַנצע „מניעניע״ געשריבן.

דאָ האָט אָבער געטראָפן עפּעס באַזונדערס: צייטנווייז האָט אין דיערזשאַווינען אָנגעהויבן ריידן דער פּאָעט און דער טרעגער פון אויפקלערונג. אין יענע מאָמענטן פלעגט ער עפּעס ווי דערפילן, אַז מען מוז זיך פאַרהאַלטן ערנסטער און ערלעכער צו דער זאַך.

בשעת דיערשאַווין האָט זיך גענומען צו דער שיינער אַרבעט פון אַרויפוואַרפן אַלע אומגליקן און חטאים אויף יידישע קעפּ, האָט ער געמיינט, אַז ער וועט עס מאַכן איינס און צוויי. וואָס איז דען דאָ צו צערעמאָניען זיך מיט די „זשידעס״? מיט ווועמען איז דאָ פאַראַן זיך צו רעכענען? וואָס ער וועט זאָגן וועגן זיי — וועט זיין גענזאָגט, וואָס ער וועט הייסן טאָן מיט זיי — וועט מען טאָן. באַטראַכטן ערנסט זייער לאַגע, אַריינדרינגען אין איר, נאָכזוכן און נאָכפאָרשן די סבות פון יידישע אומגליקן — צו וואָס דאַרף מען עס?

ווען דיערזשאַווין האָט זיך אָבער פעסטער גענומען צו דער „אַרבעט״, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז די זאַך איז גאָר ניט אַזוי פּשוט ווי ער האָט געמיינט. ער האָט צוליב זיין „אַרבעט״ געמוזט חוקר ודורש זיין פאַרשידענע יידן און דאָ האָט ער באַמערקט, אַז קודם־כל האָט ער צו טאָן מיט מענטשן פעאיקע און גייסטיק־באַגאַבטע.

וואָלט ער ניט געווען אַזוי יידן־פרעסעריש, וואָלט ער באַשלאָסן, אַז יידן, אַלס מענטשן גייסטיק־באַגאַבטע, קענען ניט זיין אַזוי פאַרדאָרבן און געמיין ווי ער טראַכט וועגן זיי. אַזוי ווי ער האָט אָבער יידן אויף קיין האָר ניט אויפגעהערט צו האַסן, האָט אים זיין איבערצייגן־זיך אין יידישע פעאיקייטן נאָר געבראַכט צו פּראָיעקטן־מאַכעריי און צום דרייען זיך אין אַ פאַרכשופטן קרייז.

דיערזשאַווין, ביי זיין קריסטלעכן פאַנאַטיזם און ווילדע פאַראורטיילן, האָט זיך דאָך, אַלס פּאָעט, געהאַלטן פאַר אַ ליכט־טרעגער און בילדונג־פאַרשפּרייטער. נו, איז אים אויסגעקומען אויף זיין רייזע צו באַקענען זיך מיט יידן, וואָס שטרעבן צו „ליכט״ און גייען אויס נאָך בילדונג. יע־

נע יידן האָבן אים, דירעזשאַווינען, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די דורשט נאָך בילדונג איז ביי יידן גאָר שטאַרק און אַז ווען די רעגירונג וועט יידן אַנטקעגן קומען אין אַט דער שטרעבונג זייערער, וועלן זיי גרויסע נוצן ברענגען דער רוסישער מלוכה.

דאָ האָט דערזשאַווין געמוזט איבערלעבן אַ שטאַרקן אינערלעכן קאַמף: פון איין זייט האַלט ער זיך ביי זיין פּראָגראַם פון „להרוג ולאבד״ און פון דער צווייטער זייט וויל ער זיין אַ בילדונג־פאַרשפּרייטער. וויל מען אָבער בילדונג פאַרשפּרייטן צווישן אַ „מאַסע״, מוז מען זי דאָך פיל־ווייניק ליב האָבן און, לכל הפחות, רחמנות האָבן אויף איר. ווי־זשע זאָל ער, דער גע־טרייער נאָכפאָלגער פון יעליזאַוועטאַ׳ס פּאָליטיק („פון קריסטוסעס פיינט וויל איך קיין שום נוצן ניט האָבן״) ליב האָבן „זשידעס״ צי אַפילו רחמנות האָבן אויף זיי?

דער רעזולטאַט פון אַט דעם אינערלעכן קאַמף זיינען געווען דירער־זשאַווינס פאַרשיידענע פּראָיעקטן ווי אַזוי צו רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן, פּראָיעקטן, וואו ער ווייזט אַרויס זיין טיפסטע שנאה צו יידן און דערביי מאַכט ער זיך כלומרשט פאַר אַ יידן־פאַרזאָרגער, הומאַניסט און בילדונג־פאַרשפּרייטער.

דירעזשאַווין האָט דערביי געטאָן איין קלייניקייט: ער האָט פאַר זיך געהאַט צוויי פּראָיעקטן ווי אַזוי צו רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן. איין פּראָיעקט האָט געהערט דעם ליבעראַלן ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר, פריזעל, און דער צווייטער דעם ייד — נתן־נטע פון שקלאָוו. די ביי־דע פּראָיעקטן זיינען פאַרפאַסט געוואָרן אין דעם גייסט פון רוסיפיצירן יידן, דערביי אָבער איז געווען אין זיי אויך אַן אמתדיקער וואונטש אויס־צובעסערן זייער לאַגע, אויפהויבן זיי עקאָנאָמיש, מאַכן זיי פאַר פול־באַרעכטיקטע בירגער. דערזשאַווין האָט פון די פּראָיעקטן אַרויסגענומען בלויז דאָס רוסיפיקאַטאָרישע; דאָס איבעריקע האָט ער פאַרדרייט אָדער איגנאָרירט. די קליפה האָט ער אויפגעגעסן, דעם תוך — אַרויסגעוואָרפן.

פריזעל האָט געשריבן, אַז מען דאַרף מבטל מאַכן דעם „קהל״. דאָס האָט דירעזשאַווין אָנגענומען. פריזעל האָט געשריבן, אַז מען דאַרף געבן יידן די מעגלעכקייט צו לערנען די רוסישע שפּראַך. פון אַט דער מעג־לעכקייט האָט דערזשאַווין געמאַכט אַ נויטווענדיקייט און ניט נאָר אַ נויט־ווענדיקייט, נאָר אַ צוואַנג מיט די ערגסטע שטראָפן אין פאַל פון ניט פאָלגן. פריזעל האָט געשריבן איבערהויפּט וועגן בילדונג און האָט אַרויס־געזאָגט די בעסטע מיינונגען וועגן יידן. האָט אָבער דירעזשאַווין אונ־

טערגעשטראָכן דאָס רוסיש לערנען מיט גוואַלד און האָט עס מאָטיווירט אַזוי: „אפשר וועלן דאַן אַ טייל יידן ניט אַזוי שטאַרק האָסן די קריסטן", אָדער: „אפשר וועט דאַן אַ טייל יידן ניט אַזוי שעדלעך זיין פאַר דער מלוכה". ווען עס וועלן, הייסט עס, אַפילו איינגעפירט ווערן די „בעסטע" רעפאָרמעס, וועלן אַ טייל „זשידעס" אפשר ניט אַזוי שטאַרק שעדלעך זיין ווי איצט...

אָט ווי ווייט עס איז געגאַנגען דיערזשאַווינס „הומאַניזם".

פריזעל האָט געשריבן, אַז מען דאַרף פאַרשפרייטן צווישן יידן נוצלעכע מלאכות. דערזשאַווין האָט עס אָנגענומען און האָט עס פאַרדרייט צו אַזאַ מין אַבסורד: מען דאַרף איינטיילן יידן אויף קאַטעגאָריעס. יעדע קאַטעגאָריע מוז זיך באַשעפטיקן מיט אַ באַשטימטער מלאכה. הערן יענע יידן אויף עוסק צו זיין אין דער באַשטימטער מלאכה אָדער זיי נעמען זיך צו אַן אַנדער מלאכה, מוזן זיי צום שטרענגסטן באַשטראָפט ווערן. און שטראָף זשאַלעוועט דערזשאַווין ניט. פאַר דעם מינדסטן פאַרברעכן — סיביר, און אויב איר ווילט — טאַקע קאַטאָרגע. עס וואָלט אויסגעקומען לויט דערזשאַווינען, אַז ווען אַ יידישער שוסטער, למשל, ווערט אַ שניי־דער, צי פאַרקערט, מוז מען אים פאַרשיקן הינטער אַלע הרי חושך פאַר אַזאַ מוראדיקן פאַרברעך.

נתן־נטע שקלאָווער האָט געשריבן אין זיין פראָיעקט, אַז מען דאַרף זען צוגעוואוינען יידן צו ערד־אַרבעט. דערביי האָט ער צום שטאַרקסטן אונטערגעשטראָכן, אַז מען טאָר ניט באַנוצן די מינדסטע צוואַנג־מיטלען, נאָר דערקלערן יידן די נוצלעכקייט און נויטיקייט פון ערד־אַרבעט און שטיצן די, וואָס וועלן זיך באַשעפטיקן דערמיט. נתן־נטע האָט אויך באַמערקט, אַז מען דאַרף ניט אַוועקשיקן די יידן, וואָס ווילן באַאַרבעטן ערד, פון די ערטער וואו זיי וואוינען, נאָר געפינען פאַר זיי, ווי ווייט מעגלעך, ערד צו באַאַרבעטן אין די ערטער וואו זיי געפינען זיך. ביי דיערזשאַווינען איז אָט דער געדאַנק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַזאַ מין „זיסן" געזעץ: מען דאַרף נעמען יידן און מיט גוואַלד איבערפעקלען זיי אין ווייטע גובערניעס, וואו זיי זאָלן מוזן באַאַרבעטן פוסטע און וויסטע שטחים אונטער דער השגחה פון פריצים־נאַטשאַלניקעס. די יידן דאַרפן, אמת, זיין „וואָלנע" און ניט „קרעפּאָסטניקעס". ער, דערזשאַווין, גיט אָבער אָט די נאַטשאַלניקעס אַזאַ שליטה איבער די יידן ערד־אַרבעטער, אַז זיי וואָלטן ממילא געוואָרן „קרעפּאָסטניקעס", ממילא געוואָרן דאָס לייב־אייגנטום פון די פריצים. פאַר דעם מינדסטן ניט פאָלגן וואָסער ניט איז פריץ האָט יענער

רעכט צו טאָן מיט דעם ייד ערד־אַרבעטער, וואָס ער וויל נאָר. דער ייד מוז שווייגן. קלאָגן זיך אויף אים האָט ער ניט וואוהין און פאַר וועמען. אַזאַ מין ממשלה האָט זיך דערזשאַווינען געוואָלט געבן די „אויפזעער" אויף דער יידישער אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ לאַגע וואָלט דער ייד געוואָרן דאָס אייגנטום פון דעם „אויפזעער".

נתן־נטע האָט געשריבן, אַז יידן דאַרפן האָבן זייערן אַ באַזונדערן פאַר־שטייער, וואָס זאָל זיין זייער פאַרטרעטער פאַר דער נאַטשאַלסטווא. אויך זאָל ער, אין וויכטיקע אָנגעלעגנהייטן, פאַרשטעלן זיך פאַרן קייסער. נתן־נטע האָט אַזוי געמיינט: דאָס יידישע אַרט לעבן, אַרט גלויבן, דענקען און פילן, איז אַזוי אָפּגעזונדערט פונעם קריסטלעכן אַרט לעבן, גלויבן, דענקען און פילן, אַז די קריסטן איז שווער צו פאַרשטיין די יידן. פון דאַנען קומען אַרויס אַלערליי מעגלעכסטע שקרים און בלבולים. פון דאַנען שטאַמט דער אייביקער אומצוטרוי צו יידן, די אומזיסטע שנאה צו זיי. פון דאַנען שטאַמט אויך דאָס, אַז ווען קריסטן מיינען אַפילו צו טאָן אַ טובה יידן, הויבן זיי ניט אָן צו וויסן וואָס פאַר יידן איז גוט און וואָס שלעכט. נתן־נטע האָט דאַריבער פאַרגעלייגט, אַז די רעגירונג זאָל באַשטימען, מיט דער פולער הסכמה פון דער יידישער באַפעלקערונג, אַ פאַרשטייער, וועלכער זאָל זיין אַ ייד און, געוויינלעך, אַזאַ ייד וואָס וויס אַלץ וואָס ביי יידן טוט זיך, איז קלוג און גענוג געבילדעט, האָט דעם נויטיקן אויטאָריטעט ביי יידן און וויס ווי צו ווירקן.

דערזשאַווין האָט אויך דאָס אָנגענומען. ער האָט אָבער אויך דעם דאָזיקן פאַרשלאַג געגעבן אַן אַנדער ווענדונג: דער פאַרשטייער דאַרף זיין ניט קיין ייד, נאָר אַ קריסט. זיין אויפגאַבע דאַרף זיין ניט פאַרצושטעלן דער רעגירונג די יידישע לאַגע, ווי זי איז, און בכלל צו זיין דער פאַרמיט־לער צווישן דער רעגירונג און יידן, נאָר צו זיין אַ רעוויזאָר, אַכטונג געבן, אַז יידן זאָלן אויפן געזעץ ניט עובר זיין, פאַרשן אַלע זייערע „שווינדלע־רייען", באַשטראָפן זיי אַמשטרענגסטן, פאַרשטעלן דאָס אַלץ דעם קייסער און אָפּהיטן די מלוכה פון דער „שעדלעכער" יידישער ווירקונג.

אַזוי אַרום פאַרדרייט דערזשאַווין אַלע פאַרשלאַגן פון פריזעל און נתן־נטע צום סאַמע האַרבסטן, האַרטסטן און ערגסטן פאַר יידן. שוין דאָס אַליין אָבער, וואָס דיערזשאַווין האָט זיך אַזוי שטאַרק גערעכנט מיט נתן־נטעס פּראָיעקט, שוין דאָס אַליין, וואָס ער האָט פון אים אַלע פאַרשלאַגן אַרויס־גענומען, כאָטש ער האָט זיי פאַרדאָרבן און פאַרדרייט, באַווייזט, וואָס פאַר אַ שטאַרקן איינפלוס דער משכיל נתן־נטע פון שקלאָוו האָט אויף אים געהאַט.

אויסער נתן־נטע פון שקלאָוו האָט דערזשאַווין געהאַט נאָך פריינט צווישן יידן. באַזונדערס האָט ער, קענטיק, גוט געלעבט מיט פּערעצן, ר׳ יהושע צייטלינס איידעם, וואָס האָט אַזוי שטאַרק רודף געווען דעם רב און וואָס האָט געענדיקט מיט שמד. אָט דער פּערעץ, ווי אויך אַנדערע משכּילים פון יענער צייט, האָבן פאַר דיערזשאַווינען היבש אָנגערעדט אויפן רב. גע־דענקען מיר וואָס ר׳ אביגדור האָט געשריבן וועגן רב, און אַז פּערעץ האָט שטאַרק געהאָלפן ר׳ אביגדורן אין זיין „הייליקן" קאַמף, פאַרשטייען מיר שוין גאַנץ גוט פון וואַנען עס שטאַמען דיערזשאַווינס ווערטער:

„עס ווערט דאָ (אין בעלאַרוסיע) געדרימט אין קענען פונאַנדערנעמען אַלערליי סכסוכים, אַפילו פון אויסלענדישע יידן, עפּעס אַ זשיד זלמן באָרו־כאָוויטש, וואָס וואוינט אין שטעטל לאָזני... אין אָט דעם צבוע, וואָס מיר האָט זיך געמאַכט צו זען אים, גלויבן מייסטנס חסידים, וואָס האַלטן אים פאַר זייער פּאַטריאַרך. אָט די חסידים זיינען אַזעלכע ראַסקאָלניקעס אָדער סעקטאַנטן, וואָס האָבן זיך ניט לאַנג אָפּגעטיילט פון די אַלטע (יידישע) מסורות דורך נייע מנהגים. עס איז צו באַמערקן צווישן זיי (מתנגדים און חסידים) אַ גרויסע מחלוקת. די ערשטע (ד. ה. די מתנגדים) קלאָגן זיך אויף די לעצטע, אַז זיי פאַרנאַרן זייערע קינדער, באַזונדערס די קינדער פון רייכע סוחרים, אין זייער סעקטע, נעמען ביי זיי גאָלד און זילבער, און דאָס ווערט פאַרברויכט לויט דער פאַראָרדנונג פון דעם דערמאָנטן צבוע. אַ סך מענטשן זאָגן, אַז דורך אים פירן זיי איבער גאָלד און זילבער קיין פּאַלע־סטינע אויף פרומע זאַכן, וואַרטנדיק אויף משיחן, וואָס זיי גלויבן, אַז ער קען קומען און בויען פון ס׳ניי זייער בית־המקדש".

וואו און ביי וואָסערע אומשטענדן האָט דיערזשאַווין „געזען" דעם רב?

די מעשה איז אַזוי געווען:

מען האָט דיערזשאַווינען דערציילט, אַז אינעם שטעטל לאָזשני טרייבט מען בראָנפן. דערזשאַווין איז גלייך אַוועק אַהין. דאָרט האָט ער אַנטדעקט אַ סך חטאים און האָט געהאַט די געלעגנהייט צו זידלען די „זשידעס", ווי ער האָט נאָר געוואָלט. באַזונדערס האָט ער אָבער יסורים אָנגעטאָן איין אָרעמער יידישע אַלמנה. דער רב האָט דעם רחמנות ניט געקענט צוזען און ער האָט זיך אָנגעהויבן איינשטעלן פאַר דער אַלמנה. נו, האָט דיער־זשאַווין אים מכבד געווען ווי אַן עכטער קאַצאַפּישער „דערזשי־מאָרדו"...

די גאַנצע „באַקאַנטשאַפט" פון דיערזשאַווינען מיטן רב, איז, הייסט עס, באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געגעבן דעם רב צו פילן בחוש, וואָס אַזוינס אַ רוסישער „סאַמאָדור" איז...

**און אויף דעם גרונט פון אָט דער „באַקאַנטשאַפט", ווי אויך אויף דעם**

גרונט פון פּערעצעס מסירה, האָט ער עס זיין „מיינונג״ וועגן דעם רב אַרויסגעזאָגט.

אין פּעטערבורג האָט מען זיך מיט דערזשאַווינס מיינונג שטאַרק גע־רעכנט און נאָך דעם ווי ר׳ אביגדור האָט דעם רב אַזוי שטאַרק פאַר־מסרט — האָט מען דעם רב געבראַכט צום „דאָפּראָס״.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע סדרה צרות — צוליב ר׳ אביגדורן, דעם יאַבעדניק און צוליב דעם רוסישן קלאַסיקער מיט דער שנאה צו יידן און די „ידים ידי עשו״.

# די ניינצן טענות

ר׳ אביגדורס ניינצן טענות קעגן דער „כת״. — די מוראדיקע „חטאים״ פון די „קאַרלינער״. — די מסירה וועגן ארץ־ישראל־געלטער. — דעם רבס ענטפער אויף די טענות אַכצן און ניינצן. — דער ענין פון ידיעה און בחירה. — מורא פאַר גאָט און מורא פאַר מענטשן. — סודות פון דער לידנשאַפט. — דעם איזש־ביצערס „מי־השלוח״. — אַ געדאַנק, וואָס ציט זיין יניקה פון די כתבי־האר״י. — ר׳ אביגדורס זעקסטע טענה. — בלבולים אין דער וועלט אַריין. — חסידות איז נישט קיין סעקטע.

בשעת מען האָט געבראַכט דעם רב צום פאַרהער, האָט מען אים פאַרגעלייגט אַלע שאלות און טענות פון ר׳ אביגדור. ר׳ אביגדור האָט גע־פרעגט אויפן „צוואת הריב״ש״ און חסידים אַ ריי קשיות. די ערשטע צוויי קשיות זיינען אונדז ניט באַקאַנט. משמעות, אַז זיי האָבן געטראָגן אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער: סתם קשיות אויף חסידים.

נאָך די צוויי קשיות גייט אָט וואָס:

ג) אין „צוואת הרי״בש״ שטייט, אַז די זינד פון אַ מענטשן זיינען זיך מתלבש (פאַרקערפּערן זיך) אין אַ חיה רעה צי אין אַ שלעכטן מענטשן. ווען יענער טוט מיר שלעכטס — טוען עס מיר מיינע זינד שלעכטס. ממילא קומט דאָך אויס, אַז דער, וואָס טוט מיר שלעכטס, האָט געמוזט טאָן דאָס שלעכטע (ווייל גאָט האָט אים באַשטימט צו באַשטראָפן דעם זינדיקן) — פאַר וואָס זשע קומט, אויב אַזוי, דעם שלעכטן מענטשן באַשטראָפט צו ווערן ?

ד) עס שטייט דאָרט (אין „צוואת הריב״ש״), אַז אַ מענטש דאַרף פאַר קיינעם קיין מורא נישט האָבן און דאַרף קיינעם נישט ליבן אויסער גאָט ברוך הוא, און דאָס איז דאָך קעגן דעם הייליקן גלויבן, דען מיר געפינען דאָך, אַז אונדזערע עלטערן אברהם, יצחק, יעקב, משה און דוד, האָבן יאָ מורא געהאַט פאַר מענטשן...

ה) עס שטייט דאָרט, אַז ווען אַ מענטש גלוסט זייער שטאַרק צו אַ זאַך, מסתמא דאַרף ער די זאַך האָבן צוליב דעם תיקון פון זיין נשמה, און דאָס איז דאָך געוויס קעגן דער תורה, וואָרעם אַ מענטש גלוסט דאָך אָפט צו עבירות...

ו) די קאַרלינער (די חסידים) באַצייכענען דעם בורא מיט די אויס־דריקן געדאַנק, וואָרט, לעבן, און דאָס איז קעגן דעם יידישן דת.

ז) כאָטש דער רב זאָגט, אַז אַלע מאָל פלעגט מען זאַמלען געלט פאַר די, וואָס זיצן און לערנען אין ירושלים, איז עס אָבער ניט ריכטיק. נעמט מען אַמאָליקע פּנקסים אין האַנט, זעט מען, אַז אַמאָל האָט מען אַפילו אַ הונדערט־חלק ניט געזאַמלט אויף ארץ־ישראל פון דעם, וואָס מען זאַמלט היינט, און מען באַדאַכט זיך גאָר נישט, אַז לויטן יידישן דין דאַרף מען ניין חלקים פונעם צדקה־געלט צעטיילן צווישן די שטאָטיקע אָרעמע לייט און נאָר אַ צענט־חלק אָפּשיקן פאַר די אָרעמע אין ירושלים.

ה) זיי (די חסידים) טיילן זיך בכלל אָפּ פון יידישן דת...

(אין וואָס און ווען — ווייזט ר׳ אביגדור נישט אָן. ער באַנוצט זיך נאָר מיט שאַרפע ווערטער קעגן די מעשים פון חסידים און בעט, אַז מען זאָל באַשטימען אויף אַ וויכוח אַ געוויסע צאָל חסידישע רבנים און אַ געוויסע צאָל מתנגדישע — וועט ער דאַן באַווייזן די „עולות״ פון די חסידים).

ט) דער רב חיימאָוויטש *) און פיל אַנדערע רופן אָן באַרוכאָוויטשן (דעם רב; ר׳ זלמן בר׳ ברוך) און זיינע נאָכפאָלגער מיט דעם נאָמען „קאַרלינער״, ווייל נאָך דעם בעש״ט און ר׳ בער מעזריטשער זיינען ר׳ אהרן און ר׳ שלמה קאַרלינער געווען די ערשטע, וואָס האָבן פאַרגעזעצט זייער טעטיקייט. זיי רופן זיך אַליין „חסידים״, און אַ סעקטע זיינען זיי, ווייל זיי דאַווענען לויט אַ באַזונדער נוסח און טראָגן אַנדערע קליידער: זיי טראָגן ניט קיין וואָלענע מלבושים.

י) די חסידים האָבן געשיקט קיין ארץ־ישראל דריי רבנים: דעם רב פון שעפּעטאָווקע, ר׳ אברהם קאַרלינער און ר׳ אהרן וויטעבסקער. (ר׳ אַביגדור האָט דאָ פאַרמישט די יוצרות: עס זיינען געפאָרן קיין ארץ־ישראל, אויסער דעם שעפּעטאָווקער, ר׳ מענדל וויטעבסקער, ר׳ אברהם קאַליסקער און ר׳ ישראל פּאָלאָצקער. די באַמערקונג פון מרדכי טייטעלבוים, אין זיין בוך וועגן דעם רב, אַז נאָר די דריי זיינען געפאָרן קיין ארץ־ישראל, איז נישט ריכטיק, ווייל אויך ר׳ יעקב שמשון שעפּעטאָווקער איז געפאָרן).

דאָ צעגיסט זיך ר׳ אביגדור און באַווײנט דעם „שלל מיט געלט״, וואָס די חסידים שיקן אַרויס קיין ארץ־ישראל...

יא) אַ שבועה איז ביי חסידים גאָרנישט. פון וואַנען די ראיה? — דערויף ענטפערט ר׳ אביגדור ווי זיין שטייגער איז: אין ווילנע וועט ער

---

*) מען מיינט דערמיט ר׳ אביגדורן אַליין, ווייל דעם רב זיינען די טענות זיינע איבערגעגעבן געוואָרן אין דער דריטער פּערזאָן. די מיינונג פון מרדכי טייטעלבוים, אין זיין בוך וועגן הרב מליאַדי, אַז ר׳ אביגדור מיינט דאָ נטע חיימוביץ (נתן נטע פון שקלאָוו), איז ניט ריכטיק, ווייל ר׳ נטע איז קיין רב ניט געווען.

עס אויפוויזן, נאָר בתנאי אַז די דאָרטיקע ראשי הקהל זאָלן ניט זיין קיין חסידים...

יב) זיי אַכטן ניט פאָטער און מוטער. זיי זאָגן, אַז די עלטערן זיינען אויסן נאָר צו באַפרידיקן זייער אייגענע ליידנשאַפט. בנוגע צו דער מוטער אנערקענען זיי נאָר, אַז מען דאַרף איר זיין דאַנקבאַר פאַר דערציען דאָס קינד.

יב) חסידים גנבענען געלט פון זייערע עלטערן און פרויען און גיבן עס זייערע צדיקים. און לויטן יידישן דין טאָר אַ מענטש, וואָס איז ניט אַלט קיין צוואַנציק יאָר, גאָר ניט שענקען אָן זיינע עלטערנס רשות.

יד) אויף דעם סמך פון דעם אַלעמען האַלט איך די „קאַרלינער", — זאָגט רבי אביגדור, — פאַר שבתי־צביניקעס, וואָס דערלויבן יעדן מענטשן צו טאָן וואָס זיין האַרץ גלוסט.

טו) אויף יעדן יום־טוב פאָרן די מיטגלידער פון דער „כת" קיין לאָזני צו זייער רבין ר' זלמן באַרוכאָוויטש און זייער צאָל דערגרייכט מער ווי טויזנט פינף הונדערט, אַזוי, אַז דער דוחק אין די הייזער איז זייער גרויס, און דאָס איז נישט גוט, וואָס אַזוי פיל מענטשן קומען זיך צונויף, ווייל ווער ווייסט וואָס זיי טוען דאָרטן. אויב זיי וואָלטן אויסן געווען נאָר צו הערן תורה, וואָלטן זיי דאָך גאָר ניט באַדאַרפט צו פאָרן, וואָרעם מען קען דאָך די תורה אויפשרייבן; אויסער דעם פטרן זיי סתם צופיל געלט אויף נסיעות.

טז) בשעת די צדיקים פאָרן אַרום איבער די שטעט, ברענגען די חסידים אויס אַ סך געלט אויף צו מהנה זיין זייערע רביים און צו געבן זיי מתנות.

יז) יעדער, וואָס איז ניט פון דער „כת", ווערט מסכים זיין צו אַלעם דעם, וואָס איז דאָ (אין דער מסירה, הייסט עס) געזאָגט געוואָרן.

יח) אויף דעם אַלעמען קאָנען עדות זאָגן די איינוואוינער פון ווילנע און סלוצק.

יט) איך האָב געהערט, — זאָגט ר' אביגדור, — אַז יעדער איינער, וואָס וויל זיך פאַראייניקן מיט דער „כת", דאַרף פריער פאַרשטעלן זיך דעם צדיק, זיך מתודה זיין אויף זיינע חטאים. דערנאָך גיט ער איבער זיין נשמה דעם צדיק, וועלכער איז מבטיח, אַז אין זיין נשמה ווערן נכלל אַלע, וואָס באַהעפטן זיך אין אים. ווער עס גייט אַריין אין זייער חברה, מוז דעם צדיק געלט געבן אויס מורא... דעריבער טוען די „קאַרלינער" אַלץ, וואָס דער צדיק הייסט זיי. זיי פאָלגן דעם צדיק מער ווי משהן. ווען אַזאַ צדיק ווערט נפטר — פאַרנעמט אַ צווייטער זיין אָרט.

ענדיקן ענדיקט ר׳ אביגדור מיט ווערטער, וואָס קלעפּן זיך גאָר ניט צו די פריערדיקע: „מיט איין וואָרט — ער איז אַ גרויסער עם הארץ״. ווער ער? וואָס ער? און ווי בינדט זיך עס מיט פריערדיקע זאַצן? מעגלעך, אַז דאָ פעלן אייניקע זאַצן.

דער רב האָט געענטפערט אויף אַלע טענות. ביי אונדז איז אָבער געבליבן נאָר איין ענטפער אויף די לעצטע צוויי פונקטן פון דעם מוסר.

דער תוכן פון זיי איז אַזאַ:

צו פונקט 18. אַ ראיה פון ווילנע און פון סלוצק? דאַרט לעבן דאָך די גרעסטע שונאים פון חסידים. וואָס דען וועלן זיי זאָגן, אויב ניט שלעכטס?

צו פונקט 19. דאָס איז אַ בלבול ווי אַלע פינצטערע, שרעקלעכע בלבולים אויף יידן, ווי עלילת־דם וכדומה. וואָס קען מען דען ענטפערן אויף אָפענע שקרים און בלבולים?

כאָטש דעם רבס תשובות אויף די איבעריקע טענות פון ר׳ אביגדור זיינען פאַרפאַלן געוואָרן, איז נישטאָ עפּעס לייכטערס ווי צו ענטפערן אויף זיי. לאָמיר גיין כסדר.

אויף די ערשטע צוויי פראַגן קען מען נישט ענטפערן, ווייל זיי זיינען צו אונדז נישט דערגאַנגען.

בנוגע דער דריטער פראַגע איז לייכט צו באַמערקן, אַז דאָ גייען מיר אַריין אין דעם ענין פון ידיעה ובחירה. ר׳ אביגדורס קשיא אויף „צוואת הריב״ש״ קען מען פרעגן אויף יעדער אמונה. גאָט מאַכט, אַז פרעה זאָל די יידן ניט באַפרייען, און דערנאָך שטראָפט ער אים, פאַרוואָס ער האָט די יידן ניט באַפרייט.

אויף דער קשיא פון „ידיעה ובחירה״ מאַטערן זיך אַלע פילאָזאָפן, טעאָלאָגן און מקובלים פון אייביק אָן, און מיר בלייבן ביים אַלטן ענטפער פון רמב״ם: מיר ווייסן ניט גאָט׳ס וועגן.

באַנוגענען מיר זיך מיט דעם ניט און מיר ווילן דווקא אַריינדרינגען אין די טיפסטע געהיימענישן פון דער גאָטהייט, האָבן די חסידים דאָ זייער פיל טיפע געדאַנקען אַרויסגעזאָגט (זע באַזונדערס סוף כתר שם טוב, „שער הבחירה״ פון דעם מיטעלן רבי, „מאור עינים״ פון רבי נחום טשערנאָבילער).

באַרואיקן קען עס אונדז אָבער אַלץ נישט. סוף כל סוף מוזן מיר דאָך אָנקומען צום אַלטן, אייביקן אמת: „כי לא מחשבותי מחשבותיכם ולא דרכיכם דרכי״. אויף דעם, כידוע, פאַררופט זיך טאַקע דער רמב״ם.

בנוגע צו דער צווייטער פראַגע (מורא אָדער ניט־מורא האָבן פאַר מענטשן)

זאָגט אייגנטלעך דער בע״שט ־דאָס, וואָס עס זאָגט אַלע מאָל די טיפסטע און ריינסטע אמונה: „ד׳ לי לא אירא, מה יעשה לי אדם״...

דער בעש״ט זאָגט נישט מער, ווי דאָס וואָס עס האָט געזאָגט דער „חובת הלבבות״: „בושתי מאלקי שאירא זולתו״.

אָי, מיר זעען ווי די גרעסטע צדיקים האָבן אַמאָל — אין באַשטימטע פאַלן — מורא פאַר מענטשן, פאַר רשעים? נו, איז דער מענטש שוואַך...

אויך דער תלמוד באַטראַכט יעדן פחד פאַר מענטשן ווי אַ סימן פון זינד (זע ברכות ס׳: ההוא תלמידא ־דהוה אזיל בתריה דר׳ ישמעאל בר׳ יוסי חזיה דהוה קא מפחד וכו׳).

אַ סך שווערער איז צו פאַרענטפערן די פינפטע פראַגע פון ר׳ אביגדור, ־די פראַגע וועגן דעם, וואָס חסידות אַנערקענט, אַז ווען אַ מענטשן גלוסט זיך זייער שטאַרק צו האָבן אַ זאַך, איז אַ סימן, אַז ער דאַרף עס האָבן צוליב דעם תיקון פון זיין נשמה. איינער פון דעם רבס ביאָגראַפן, מ. טייטעלבוים, איז אָט די פראַגע מבטל אינגאַנצן, זאָגנדיק, אַז ר׳ אביגדור האָט דאָ איינפאַך מזייף געווען אַ טעקסט פון „צוואת הרי״בש״. ווען מ. טייטעלבוים וואָלט ניט נאָר זייער ערנסט געאַרבעט אויף צו זאַמלען פיל קלייניקייטן (דורכלאָזנדיק אָפטמאָל דווקא כאַראַקטעריסטישע שטריכן און ערנסטע מאָמענטן) און וואָלט ניט נאָר דורכגעזען פיל חסידישע ספרים, נאָר אויך געלערנט זיי, פאַרשטאַנען און געלעבט אין זיי, וואָלט ער געוואוסט, אַז אַזאַ ריכטונג ווי די, וואָס ר׳ אביגדור שילדערט, איז יאָ דאָ אין חסידות. אַמשאַרפסטן און אַמבולטסטן איז אָט די ריכטונג אויסגעדריקט אין ־דעם איזביצערס „מי השלח״ (באַזונדערס אין פּ׳ פנחס: „והנה יש עשר נקודות, וכו׳״). אמת, אָט די ריכטונג האָט אַרויסגערופן קעגן זיך אַ גרויסע פאַרביטערונג צווישן חסידים גופא, די ריכטונג שטאַמט אָבער פון כתבי האר״י (דער „מי השלח״ שטיצט זיך אָפן אויף די „כתבי האר״י״) און פון אייניקע ערטער ביי דעם פאַרגייער פון חסידות — ביי ר׳ חיים בן עטר אין זיין „אור החיים״.

נאָר ווער זאָגט עס, אַז אַזאַ ריכטונג איז קעגן דעם גייסט פון דער תורה? עס ווענדט זיך נאָר ווער עס גלוסט און עס ווענדט זיך אין די אינערלעכסטע מאָטיוון פון אָט דער גלוסטקייט. „צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם״. חסידות רעדט דאָ ניט וועגן געוויינלעכע מענטשן מיט זייערע געוויינלעכע תאוות און אַפילו ניט וועגן געוויינלעכע פרומע, נאָר וועגן דעם ריינסטן מענטשן אין דער וועלט, דער וואָס קען שוין בשום אופן ניט גלוסטן צום שלעכטן און זינדיקן, ווייל ער האָט שוין לאַנג, לאַנג

אויסגעהייליקט אַלע זיינע געדאַנקען, געפילן, חושים, באַוועגונגען. וועגן יענעם האַלטן עס איניקע גרויסע חסידים, אַז ווען אים באַפאַלט פּלוצ־לינג אַ שטאַרקע ליידנשאַפט, מוז אין אַט דער ליידנשאַפט זיין עפּעס געהיימס, געטלעכס.

געוויס איז עס זייער אַ גליטשיקער וועג, און פיל, אַפילו זייער גרויסע, זיינען געשטרויכלט געוואָרן אויף אים, געפאַלן און געבראָכן האַלדז און נאַקן. עס איז שוין אָבער אַן אַלטער כלל: „זכה נעשה לו סם חיים, לא זכה — נעשה לו סם מות...״

ניט אַזוי לייכט איז צו ענטפערן אויך אויף דער זעקסטער פראַגע פון ר׳ אביגדור. אויך אַט די פראַגע איז דער פאַרשער מ. טייטעלבוים מבטל, גלויבנדיק, אַז רבי אביגדור מיינט דאָ דאָס, וואָס די חסידים רופן „מחשבה, דבור ומעשה״. דעריבער מיינט ער, אַז אין דעם טעקסט פון רבי אביגדורס טענות, וואָס העסען האָט אָפּגעדרוקט, איז דאָ אַ גרייז. באמת איז דאָ דער גרייז פון טייטעלבוימס זייט און אין טעקסט איז אַלץ ריכטיק. ר׳ אביגדור מיינט דאָ ניט: „מחשבה, דבור ומעשה״, נאָר ער מיינט דאָ: 1) דאָס, וואָס חסידים רופן „ח כ מ ה׳ (אַזוי ווי דער רב שטרייכט שטענדיק אונטער דעם רמבמס געדאַנק וועגן „הוא המדע, הוא היודע, הוא הידוע איז לייכט געווען ר׳ אביגדורן אויסצוטראַכטן, אַז דער רב רופט אָן גאָט — „חכמה״). 2) דאָס וואָס זיי רופן ניט סתם דבור, נאָר „דבור״ אין זין פון „מלכות״, שכינה תתאה. 3) דאָס וואָס דער רב רופט „חיי החיים א״ס ב״ה״. אַרויסכאַפּנדיק פאַרשידנסטע ערטער און פראַזן האָט ר׳ אביגדור פאַרגעשטעלט די זאַך אַזוי ווי חסידים פאַלן דאָ אַריין אין הגשמה און „אמונת שילוש״.

דער בעסטער ענטפער אויף דעם איז דעם רבס הערה צום צווייטן פּרק פון „תניא״, און דעם רבס באור אויף „איהו וחיוהי ונתמוהי חד״ („אגרת הקודש״).

די איבעריקע טענות זיינען אָפּענע בלבולים. חסידים האָבן ליב ארץ־ישראל און פאַרהייליקן דאָס לאַנד ווי אַלע רעליגיעזע יידן. קיין דין וויפיל צו געבן אויף ארץ־ישראל איז ניטאָ. וואָס מער — אַלץ בעסער. חסידים זיינען ניט קיין „סעקטע״. חסידים פאַרטיפן נאָר דאָס יידישקייט און זיינען מחזיר עטרה ליושנה. וואָלענע קליידער האָבן אַמאָליקע חסידים ניט גע־טראָגן מחמת חשש שעטנז און מחמת אויף „צמר״ בכלל איז, לויט דער קבלה, שולט די קליפה („סודות לר״י גיקטליא״). חסידישע גרויסע רביים זיינען במסירת נפש געפאָרן קיין ארץ־ישראל מחמת טיפער רעליגיעזיטעט. אַז חסידים האַלטן ניט קיין שבועה, היטן ניט קיין כבוד אב, גנבענען

געלט ביי די עלטערן — דאָס זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען סתם בלבולים און אָפּענע שקרים. אמת, פיל יונגעלייט פלעגן דורך דעם עצם אָנערקע־נען דאָס חסידות פאַרשאַפן זייערע עלטערן עגמת נפש (זע קאָטיקס „זכרונות"). אין דעם איז אָבער קיינער נישט שולדיק. יעדער דור האָט זיך זיין „מלחמת האָבות והבנים" און קיינער קען קעגן דעם גאָר נישט מאַכן...

חסידים פאָרן צו זייערע רביים. וואָס פאַר אַ חטא איז אין דעם דאָ? מענטשן ווילן הערן אַ לעבעדיק, הייליק וואָרט. היינט איז עס סתם געוואָרן אַ מנהג, אַזוי ווי אַלץ איז היינט זייער אָפּט אַ „מצות אנשים מלומדה". אַמאָל איז מען אָבער געפאָרן, ווייל מען האָט געפילט אין דעם אַ גרויסע נשמה־באַדערפעניש, ווייל מען האָט געדורשט נאָך אַן אמת וואָרט...

און געפאָרן איז מען טאַקע צום אמתן הייליקן מאַן.

## די צווייטע באַפרייאונג און די תקופה פון ליאַדי

באַפרייאונג מיט אַ תנאי. — דעם רבס ווענדונג צום סענאַט. — דער רב פאָרט אַהיים. — אַ מעשה מיטן צאַר און אַ סוחר פון סטאָלין. — דער רב איז נישט זיכער מיט זיין פרייהייט. — אַלעקסאַנדער דער ערשטער. — פושקין: „דער פרעכטיקער אָנהייב פון די אַלעקסאַנדער־צייטן". — מ'וואַרט אויף ישועות. — „כאַטש איין מענדעלסאָן". — דער רב באַזעצט זיך אין ליאַדי. — דער שטייגער פון „רחובות־הנהר".

דעם צאַר פּאַוועל האָבן, אַ פּנים, ווייניק געאַרט די פראַגן וועגן „אין סוף" און „חכמה עלאה".

אלא מאי, ר' אביגדור האָט עפּעס געלט־טענות צו חסידים און צום רב? — זאָל דער סענאַט זיי פונאַנדערקלייבן. עס איז דעריבער אַרויס אַ באַפעל צום סענאַט: „אונטערזוכן דעם משפט צווישן אביגדור חיימאָוויטש און זלמן באָרוכאָוויטש וועגן ענינים, וואָס זיינען נוגע זייער רעליגיע, און איינפירן אָרדנונג אין די באַציאונגען צווישן חסידים און קהל".

דעם רב באַפרייט מען בתנאי, אַז ער זאָל ניט אָפּפאָרן פון פּעטערבורג ביז זיין משפט וועט ניט באַשלאָסן ווערן ענדגילטיק.

ר' אביגדור שווייגט ניט. ער רייסט קברים. ער שיקט אַ נייע מסירה אויפן רב. דאָס מאָל פאַרמסרט ער איבערהויפּט דעם רבס „תניא". עס העלפן שוין אָבער קיין מסירות ניט. דער רב איז פריי.

דעם רב ווערט נמאס זיך אַרומצוואַלגערן אין פּעטערבורג און וואַרטן אויף אַ משפט, וואָס קען אַרויסקומען ווער ווייסט ווען. דערלאַנגט ער אָנהויב מאַרט 1801 אַ בקשה צום סענאַט, אַז דער סענאַט זאָל וואָס גיכער באַטראַכטן זיין משפט. דערביי שטעלט ער צו אַלע גוטע מיינונגען וועגן אים און די חסידים מצד דער בעלאָרוסישער לאַנד־פאַרוואַלטונג.

דער סענאַט איילט זיך ניט. ער האָט צייט...

1טן מאַרט 1801 ווערט דער קייסער פּאַוועל דערמאָרדעט. צוויי וואָכן שפּעטער, ווען אַלעקסאַנדער דער ערשטער איז אַרויף אויפן טראָן, האָט מען דעם רב דערלויבט צו פאָרן אַהיים.

פאַר וואָס האָט מען דעם רב פּלוצלינג באַפרייט? די ביאָגראַפן שווייגן וועגן דעם. די חסידישע מסורה ווידער האָט דאָ פאַרמישט די יוצרות. לויט דער חסידישער טראַדיציע איז דער רב צום ערשטן מאָל אַרעסטירט געוואָרן דורך ר' אביגדורס מסירה; דאָס צווייטע מאָל איז ער אַרעסטירט געוואָרן

ריין צופעליק. מען האָט דעם רב — לויט יענער מסורה — באַפרייט דאָס ערשטע מאָל בתנאי אַז ער זאָל קיינמאָל קיין פעטערבורג ניט קומען. איז אַמאָל אַ גרויסער יידישער סוחר פון סטאָלין געקומען קיין פעטערבורג. פאַרווילט זיך אים גיין שפּאַצירן אין קייזערלעכן גאָרטן. דער קייסער איז דאַן געגאַנגען שפּאַצירן אַן דער סוויטע און האָט זיך מיט אַ סך מענטשן צונויפגעגרעדט. באַגעגנט ער אויך דעם יידישן סוחר און פרעגט אים: פון וואַנען קומסטו?

— פון סטאָלין.

— קענסטו אפשר אָשר פון סטאָלין?

— אויסגעצייכנט.

— קענסטו אפשר זלמן באָרוכאָוויטש?

— איך האָב אים ניט געקענט. אָבער נעכטן האָב איך אים באַגעגנט דאָ אין פעטערבורג.

פאַלט דער צאַר אַריין אין גרימצאָרן הלמאי דער רב האָלט ניט וואָרט, און גיט אַ באַפעל מ׳זאָל אים תיכף אַרעסטירן. זיצט דער רב אין תפיסה ביז אַלעקסאַנדער דער ערשטער ווערט מלך און אַמנעסטירט די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, צווישן זיי אויך דעם רב.

אַחוץ וואָס דער שמועס פונעם רוסישן קייסער מיטן סטאָלינער סוחר איז אַ ריינע באָבע־מעשה, איז אויך דער עצם יסוד פון דער מעשה ניט ריכטיק. פון די אָפּגעדרוקטע דאָקומענטן (דורך העסען) איז צו זען, אַז ניט ר׳ אביגדור האָט צו ערשט דעם רב געמסרט, נאָר דער גאַנצער ווילנער קהל. בלויז פאַרמעל האָט עס געהייסן, אַז עפּעס אַן אומבאַדייטנדיקע פערזאָן מסרט אים. דאָס צווייטע מאָל איז דער רב אַרעסטירט געוואָרן ניט „צופעליק", נאָר נאָך דער לאַנגער ענערגישער און עקנותדיקער „אַרבעט" פון ר׳ אביגדורן, פון איין זייט, און דורך דעם שטאַרקן איינפלוס פון פערעצן (און נתן־נטע פון שקלאָוו) אויף דערזשאַווינען — פון דער צווייטער זייט. דער רב איז דאָס צווייטע מאָל ניט געזעסן — ווי די מסורה זאָגט — גאַנצע מאָנאַטן אין טורמע, נאָר אַ פּאָר וואָכן, און באַלד דערנאָך איז ער באַפרייט געוואָרן. מען האָט דעם רב דאָס ערשטע מאָל באַפרייט ניט בתנאי, אַז ער זאָל קיינמאָל ניט קומען קיין פעטערבורג, נאָר בתנאי, אַז ער זאָל זיך ווייטער „אָרנטלעך" אויפפירן און די חסידים זאָלן קעגן זיך קיין חשדים ניט דערוועקן. דאָס מאָל האָט מען שוין יאָ דערמאָנט וועגן פעטערבורג, נאָר פונקט פאַרקערט ווי יענע מסורה זאָגט. מען האָט דעם רב ניט געאָסרט צו קומען קיין פע־טערבורג, נאָר אדרבא: מען האָט אים ניט דערלויבט צו פאַרלאָזן פעטער־

בורג. עס איז אויך שווער אָנצונעמען, אַז דער רב איז באַפרייט געוואָרן ענדלעך נאָר בתוקף המאַניפעסט, ווייל, ווי מיר האָבן שוין געזען, האָט מען אין פעטערבורג ניט אָנגענומען דעם רב פאַר קיין „פּאָליטישן״ און מען האָט אים באַפוילן צו בלייבן דאָרט נאָר ביז דער סענאַט וועט פונאַנדער־קלייבן דעם סכסוך צווישן אים און ר׳ אביגדורן, אָדער בכלל צווישן חסידים און מתנגדים, אין אַ געזעלשאַפטלעך־יורידישן זין. איז דער רב, בכן, מתחילה ניט געזעסן איצט אין פעטערבורג אַלס „פּאָליטישער״ — ווי אַזוי זשע האָט מען אים געקענט באַפרייען ווי אַ „פּאָליטישן״ ?...

מיט אַנדערע ווערטער: ווי באַלד מען האָט דעם רב איבערגעלאָזט אין פעטערבורג נאָר צו וואַרטן ביז דער סענאַט וועט אַרויסטראָגן זיין משפט — פאַר וואָס זשע האָט מען אים פּלוצלינג אַהייב געשיקט נאָך איידער דער משפט איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן?

איז דען דאָ אַ טייל אמת אין די בלבולים פון אַ פּאָר „היסטאָריקער״ חטאים־זוכער, אַז דער רב האָט אויסגענוצט צוליב זיינע אייגענע רייך־פּערזענלעכע צוועקן די דאַמאָלטיקע רוסישע פּאָליטיק? געוויס איז אין אָט די ריידערייען ניטאָ אַפילו אַ שאָטן פון אמת.

די בלבולים־זוכער בויען אויף איין פאַקט, וואָס דער רב אַליין, ניט נאָר וואָס ער לייקנט אים נישט אָפּ, נאָר ער רימט זיך מיט אים, דעם פאַקט וועגן דעם, אַז ער האָט נאַפּאָלעאָנען פיינט געהאַט תכלית שנאה און האָט אַן אַקטיוון אָנטייל גענומען אין דעם קאַמף קעגן אים. אָט דעם פאַקט טייטשן זיי אויס אַזוי, ווי דער רב וואָלט עפּעס געהאַט פּערזענלעכע נוצן פון דעם און האָט זיך דערמיט דערוואָרבן זיין פרייהייט.

אַז דעם רבס באַפרייאונג איז אויף קיין איין האָר ניט פאַרבונדן מיט אַזעלכע קאָמבינאַציעס, זעט מען דערפון, וואָס באַלד ווי ער איז אַהיים גע־קומען האָט ער ווידער געשיקט בקשות אין סענאַט, אַז מען זאָל באַטראַכטן זיין משפט. ניט ווייניקער ווי פריער בעט ער זיך אויך איצט, אַז די זאַך זאָל נעמען אַ סוף. פון דער בקשה איז קלאָר צו זען, אַז דער רב איז אויך קיין האָר ניט זיכער געווען מיט זיין „פרייהייט״...

וואָלט ער געווען אַזאַ „מקורב״ צו דער דאַמאָלטיקער רוסישער פּאָליטיק, ווי די מומים־זוכער זאָגן, וואָלט ער דאָך געקענט רואיק זיצן ביי זיך אין שטעטל.

באמת אָבער איז דער רב פון פעטערבורג אָפּגעפאָרן אין מאַרץ און אין מאַי איז ער געצוואונגען געווען ווידער צו בעטן רחמים ותחנונים ביים

סענאַט. וואָס זשע וואָלט ער זיך געדאַרפט אַזוי בעטן און אויפווייזן זיין גערעכטיקייט, ווען ער וואָלט געווען „אויף דינסט״ ?...

נאָך מער: אין אויגוסט 1801 שרייבט דער רב ווידער אַ בקשה פול מיט רירנדיקע ווערטער און טענות, ניט קענענדיק זיך דערשלאָגן, אַז מען זאָל אים סוף־כל־סוף צורו לאָזן. צו וואָס וואָלט ער עס אַלץ געדאַרפט, ווען ער וואָלט זיין דאָרט, אין פעטערבורג, אַן „אייגענער מענטש״ ?...

עס איז, אַלזאָ, קלאָר ווי דער טאָג, אַז מען האָט אין פעטערבורג מיטן רב קיין שום „אונטערהאַנדלונגען״ ניט געפירט און מען האָט מיט אים קיין שום משא־ומתן ניט געהאַט. אויך ניט אַלס פּאָליטישן האָט מען אים באַפרייט דורכן מאַניפעסט, נאָר פשוט, ווייל מען האָט איינגעזען, אַז זיין „חטא״ איז ניט אַזוי שווער אַז ער זאָל ניט טאָרן רירן זיך פון אָרט...

מען דאַרף נאָך עפּעס געדענקען: אַ זאַנפט ווינטל האָט דאַן אין די הויכע ספערן געבלאָזן. מען האָט געטרוימט דאָרט פון ליבע און פון יושר. מען האָט פיל גערעדט וועגן ליכט, וועגן אמת און וועגן הומאַניזם. ווי רופט עס אָן פושקין? „דניעי אַלעקסאַנדראָווסקיך פּרעקראַסנאַיע נאַטשאַלאַ״ (דער פּרעכטיקער אָנהויב פון די אַלעקסאַנדער־צייטן).

פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן האָט גאַנץ אייראָפּע דערוואַרט אַ ניי וואָרט פאַר דער מענטשהייט. ניט נאָר די בעסטע רוסישע פּאָעטן און רוסישע טרוימער, נאָר אויך אייראָפּעאישע גרויסע פּערזענלעכקייטן האָבן אויף אַלעקסאַנדערן געלייגט האָפענונגען. ווירקלעך האָט אַלעקסאַנדער אַרויסגעוויזן אין אָנהויב אַ וואַרעם, פילנדיק האַרץ, אַ ליכטיקן שכל, גרייטקייט צו גרינדן די מלוכה אויף אמת און יושר.

נאָר אָט דער צייטווייליקער מילדקייט און זאַנפטקייט האָט דער רב געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין באַפרייאונג, און נאָר מחמת דאַנקבאַרקייט צו אָט דעם נייעם גייסט פון אַלעקסאַנדערן אין די ערשטע יאָרן פון זיין מלוכה, האָט דער רב זיך אָפּגערופן מיט באַגייסטערונג וועגן דעם נייעם קייסער.

מען דאַרף אויך געדענקען, אַז יידן האָבן גאָר באַזונדערס געהאָפט אויף די חסדים פון אַלעקסאַנדערן. ערשטנס, האָבן עלנטע און פאַרפאַלגטע אַ טבע צו דערוואַרטן ישועות פון יעדן „נייעם קורס״. עס איז גאַנץ נאַטירלעך: ערגער קאָן שוין ניט זיין — לאָמיר האָפן אויף בעסערס. מילא, לאָזט זיך אויס— לא דובים ולא יער. אויף דעם אָרט פון די דערוואַרטע נחמות און ישועות קומען נייע צרות און גזירות, נייע בלבולים און קלעפּ. דאָס, וואָס מען האָט געמיינט, אַז „ערגער קען שוין ניט זיין״, ווייזט זיך אַרויס

ווי אַן אילוזיע. צו „ערגער־זיין״ איז קיין שיעור ניטאָ. ווי שלעכט עס זאָל עמעצן ניט זיין — קען אים זיין נאָך ערגער. ווי שלעכט וואָסער ניט איז צייט זאָל ניט זיין — קען די קומענדיקע צייט נאָך עפּעס ערגערס ברענגען מיט זיך. ווי שלעכט עס איז ניט געווען יידן צום סוף פון 18טן יאָרהונדערט אין רוסלאַנד, איז זיי אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטנס הער־שאַפט נאָך ערגער געוואָרן. מען האָט עס אָבער ניט געקענט פאָראויסזען. האָפן האָט מען געהאָפט אויף גוטס...

צווייטנס האָט אַלעקסאַנדער אַרויסגעוויזן זיך פון אָנפאַנג טאַקע ווי אַ פריינט פון געדרודפטע פעלקער. וועגן יידן האָט מען דאַן אויסערלעך זייער פיל געזאָרגט. מען האָט יידן געוואָלט כלומרשט בילדן, אויפהויבן זיי, איינפירן אָרדנונג אין זייער קהלה־לעבן. אַלעקסאַנדער האָט זיך אַפילו אַזוי אויסגעדריקט: ווען מיר וועט אָפּגילטן אַרויסצוקריגן פון רוסישע יידן כאָטש איין מענדעלסאָן, וועט עס זיין גענוג שכר פאַר מיין מי און זאָרג פאַר זיי.

וואָס זשע איז דאָ זיך צו וואונדערן וואָס דער רב האָט אין יענער צייט געזען אין אַלעקסאַנדערן אַ „מלך־חסד״?

אומקערנדיק זיך אַהיים, האָט דער רב פאַרלאָזט זיין געבורט־שטעטל לאָזני און האָט זיך באַזעצט אין ליאַדי, וואו דאָס חסידישע פייער האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו וואַרעמען און דאָס חסידיש־חבדישע ליכט — העלער צו שיינען.

אויפן נאָמען פון דעם נייעם וואוין־אָרט איז ער אָנגערופן געוואָרן: דער רב מליאַדי.

אין ליאַדי האָט דערווייל דער רב אָנגעהויבן פירן רבישאַפט „ביד רמה״. וועגן גרויס־האַלטן זיך און תקיפות — קען דאָ קיין רייד נישט זיין. ער איז געבליבן דער זעלבער אויסערלעך שטרענגער און אינערלעך ווייכער און גוטער מענטש בתכלית. זיין „יד רמה״ איז געווען צו זען נאָר אין איינס: ביז ליאַדי האָט ער געזאָגט חסידות בסתר, היינט — בפרסום. זאָלן אַלע יידן הערן גאָטס וואָרט...

ביז ליאַדי האָט דער רב געזאָגט זיינע תורות אַזוי, אַז נאָר יחידי סגולה האָבן עס ריכטיק פאַרשטאַנען; פון ליאַדי אָן — ברייטער און קלערער. ביז ליאַדי האָט ער אויפגעדעקט דעם קוואַל פון „חכמה״; פון ליאַדי אָן — „רחובות הנהר״.

אין לאָזני און אין די ערשטע צייטן פון ליאַדי האָט דער רב „געזאָגט״ איבערהויפּט אויף וויפיל עס איז נאָר נויטיק געווען צו „עבודה״; שפּעטער לאָזט ער זיך אַריין — און גראַד אויף דעם „רחובות־הנהר״־שטייגער —

אין די העכסטע מעטאַפיזישע ספּעקולאַציעס. אין לאָזני און אין אָנפאַנג פון ליאַדי, — ווי עס באַמערקט דער גרויסער און טיפער ר׳ זלמן קאַפּוסטער

אין זיין שריפט „האי גננא דעאל לגנתא״, — איז די חב״דישע עבודה געווען אין התגלות הלב, און דערנאָך — איבערהויפּט אין מוח...

קיין ליאַדי פלעגט מען קומען „מקצוי ארץ״. קיינמאָל האָט זיך אָבער דער רב ניט אָפּגעגעבן מיט די ענינים וואָס אַנדערע גוטע יידן גיבן זיך מיט זיי אָפּ. ער האָט נישט געוויזן קיין מופתים און האָט נישט געגעבן קיין רפואות און קיין סגולות. ווען עמעצער פלעגט צו אים ווענדן זיך נאָך הילף, פלעגט ער גלייך אָנווייזן אויף דעם ריכטיקן אַדרעס — גאָט...

דאָס הייסט כלל וכלל נישט, אַז דער רב האָט זיך נישט אָפּגעגעבן מיט אונדזער זינדיקער ערד. אדרבה! זעלטן ווער עס איז נאָך געווען אַזוי פול מיט ליבע צו מענטשן, רחמנות אויף מענטשן, גרייטקייט צו העלפן יעדן איינציקן מיט לייב און לעבן און לעצטן גראָשן, ווי דער רב. ווער איז נאָך געווען אַזוי ענערגיש אין אָט דער בחינה ווי דער רב? ווער האָט נאָך אַזוי פיל צדקה געזאַמלט פאַר אָרעמע לייט ווי ער? ווער האָט זיך נאָך אַזוי אָפּגערופן אויף יעדער צרה, סיי פון פרט און סיי פון כלל? ווער איז אַזוי גרייט געווען יעדע ווייַלע אויף מסירת נפש כדי צו ראַטעווען אַ יידן אַזוי ווי ער?

קומט אַ רוסישער סאַמאָדור (דיערזשאַווין) און באַליידיקט אַן אלמנה, מוז זיך דער רב אַזוי ווייט איינשטעלן ביז דער סאַמאָדור באַוויזט אים זיינע „ידים ידי עשו״...

טרייבט מען יידן פון די דערפער, פאַרלאָזט דער רב דאָס גאַנצע חסידות מיט דעם גאַנצן רבישאַפט און פאָרט פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף, שטעלט אויף קעגן זיך אַלע וואָלינער גוטע יידן, הערט זיי קיינעם נישט, טוט דאָס זייניקע — און זאַמלט צונויף די נויטיקע סומע אויף צו שטיצן די אַרויסגעטריבענע.

ליידן יידן אין ארץ־ישראל הונגער און נויט און די יידן אין חוץ־לארץ זיינען יוצא מיט גראָשנס, ווירקט דער רב אַזוי ווייט ביז עס ווערן געזאַמלט קאָלאָסאַלע סומעס פאַר די ארץ־ישראל־יידן. אמת, אַ היבש ביסל שפּעטער האָט מען דערמיט מיסגעברויכט, וואו זיינען אָבער דאָ אַזעלכע געהויבענע זאַכן וואָס מענטשן זאָלן מיט זיי נישט מיסברויכן?

ליידן יידן, זיינען דאָ געפאַלענע בעלי־בתים, מחוסרי פרנסה, קראַנקע און עלנטע, — פאַר אַלעמען זאָרגט דער רב, הערט נישט אויף מעורר צו

זיין די רייכערע אין יעדער שטאָט, אַז זיי זאָלן געבן, געבן אויך איבער די כחות.

מיינען פיל חסידים, אַז צדקה איז אַ מצווה גלייך מיט אַלע מצוות, אָדער אַז מען טאָר גאָר קיין איבעריקס נישט געבן, ווייל „חייך קודמין״, גיט דער רב צו פאַרשטיין, אַז דער ירושלמי רופט אָן „צדקה״ מיטן נאָמען „מצווה״ סתם, ווייל צדקה איז די כללות פון אַלע מצוות און אַז „חייך קודמין״ איז נאָר שייך, ווען דעם אָרעמאַן פעלן מותרות, אָבער נישט ווען דער אָרעמאַן האָט קיין ברויט נישט. דאַן מוז יעדער איינציקער טיילן מיט אים זיין ביסן.

שרייבט דער רב און שרייבט וועגן אָט דעם ענין צדקה און שרייבט אַמאָל אַזוי שטאַרק, אַז זיינע ווערטער קענען רירן אַ שטיין. די גאַנצע גוט־לעכקייט, דעם גאַנצן זין פונעם מענטשנס לעבן, דאָס גאַנצע שיינע און גוטע צו וואָס אַ מענטש איז זוכה, זעט דער רב איבערהויפט אין צדקה, וועלכע ער באַטראַכט אַלס „אתכפיא״, אַלס איבער־בראָך, אַלס אָפּזאָגן זיך פון זיך, אַלס גאָר נישט לאָזן פאַר זיך און גאָר נישט וועלן פאַר זיך, אַלס איבער־געבן זיך אין גאַנצן דעם רצון העליון.

און אין טאָג־טעגלעכן פאַרקער שטיצט דער רב יעדן איינציקן, טרייסט יעדן געפאַלענעם, שטאַרקט יעדן שוואַכן, שטעלט זיך איין פאַר יעדן באַ־לײדיקטן, זוכט אין אַלץ דעם אמת און די גערעכטיקייט, מאַכט ווייכער די מדת הדין פון דעם אמת דורך רחמנות...

און אויב דער רב פלעגט זיך אָפּזאָגן פון „היילן״ און „בעטן״ און פירן גוט־יידישאַפט אין דעם זין, ווי מען פאַרשטייט עס געוויינלעך, איז עס געווען דערפאַר, ווייל ער האָט צו די חסידים, וואָס זיינען געקומען צו אים, אַז ער זאָל זיין זייער שתדלן פאַרן רבונו של־עולם, טענהן: צו וואָס דאַרף מען זיך אָפּשלאָגן די פיס און גיין אין מרחקים עצות זוכן, ווען מען קען זיך ווענדן צו גאָט מיט הכנעה און מיט אַ צעבראָכן געמיט? ווען אַ דער־באַרמיגער פאָטער שלאָגט זיין קינד, האָט דאָס קינד ניט וואָס צו לויפן רעטונג זוכן, אָדער פאַר זיך אַ מליץ־יושר אָנשטעלן, נאָר עס דאַרף בעטן גלייך ביי אים, ביים פאָטער טאַקע...

דער רב איז דער גרעסטער עניו פון זיין צייט. זיין עניוות איז נישט קיין געמאַכטע און אויך ניט קיין אויסגעאַרבעטע. זיין עניוות שטאַמט פון זיין עצם מהות. וואָס איז דען אמתע עניוות? — נישט אַנדערש ווי אינער־לעכע צעבראָכנקייט און אַן אָפּזאָגן זיך פון דעם אייגענעם יש. כל זמן דער מענטש איז ביי זיך אַ גאַנצער יש, מעג ער איבן זיך אין ענוה וויפיל ער

וויל, וועט ער דאָך תמיד בלייבן אַ בעל גאווה. זיין עניוות גופא וועט זיין ניט מער ווי אַ מין גאווה. עס וועט הייסן אַזוי: זעט וואָס פאַר אַ שלם איך בין, וואָס פאַר אַ פיינער מענטש איך בין. אַלדאָס גוטע און שיינע איז דאָך טאַקע אין מיר: טאָמער וואָלט איך זיך אַמאָל וועלן גרויסן מיט מיינע גוטע מדות, טאָמער האָט מיר נאָך געפעלט די מידה פון ענווה, האָב איך דערוואָרבן אויך אָט די גוטע מידה. די אמתע ענווה הויבט זיך אָבער אָן ערשט דאָרט, וואו דער מענטש — ניט נאָר ער זאָגט: „ואנכי עפר ואפר", נאָר ער האָט דאָס פולע באַוואוסטזיין פון דעם, אַז ער איז אָן דער אלקות ניט מער ווי עפר ואפר; דאָרט וואו דער מענטש איז אינערלעך צעבראָכן ווי אַ צעבראָכענער שאַרבן; דאָרט וואו דער מענטש הויבט באמת נישט אָן צו פאַרשטיין: מיט וואָס איז דען דאָ צו גרויסן זיך? אַלדאָס גוטע, וואָס איז דאָ אין מיר, איז געטלעך; דאָס בייזע און העסלעכע, וואָס איך טו, טו איך אַליין. דאָס גוטע, וואָס איך טו, טוט אין מיר די זון וואָס באַלעבט אַלעמען, דער חסד, וואָס איז אויף אַלעמען גלייך אויסגעגאָסן, די געטלעכע ליבע וואָס שענקט און נעמט פון קיינעם גאָר נישט. מיט וואָס זשע האָט זיך צו גרויסן אַן איינציקער מענטש, אַן אָפּגעטיילטער, אַן אָפּגעזונדערטער, דאָס זעמדל וואָס ווערט פון אַלע ווינטן געטראָגן?

דער רב האָט ניט באַדאַרפט אָנקומען צו קיין באַזונדערער גייסטיקער אָנשטרענגונג כדי פאַרצושטעלן זיך די גאַנצע נישטיגקייט פון אַן עגאָאיסטיש לעבן. זיין נאַטור גופא האָט אים געצויגן צום געטלעכן. די וועלט מיט אַלעם וואָס קומט פאַר אין איר, אָט דער „עולםהעשיה" וואָס איז „רובו רע והרשעים גוברים בו", ווי עס שטייט אין זיין „תניא", דערוועקט דעם גרעסטן צער און טיפסטן טרויער. איז זיין האַרץ שטענדיק געווען אָפּן פאַר דאָס געטלעכע, עכטע און אמתע, ווייל ער איז איין מאָל פאַר אַלע מאָל פול געוואָרן מיט יאוש בנוגע צו אַלעם דעם, וואָס עס קאָן, מ'שטיינס געזאָגט, געבן די וועלט און דאָס וועלטלעכע...

# קנאה, מחלוקת און פאַרשטאַרקטע השפעה

קנאה, דער פועל־יוצא פון פאַרשטאַרקטער השפעה. — די משולחים פון ר׳ אברהם קאַליסקער. — אַן אינטריגע קעגן חב״ד. — די באַציאונגען צווישן ר׳ אברהם קאַליסקער און דעם רב. — ר׳ אברהמס קעגנערשאַפט צו דער שיטה פון „תניא״. — די מורא פאַר „חקירה״. — ר׳ אברהמס בריוו צו ר׳ לוי־יצחק בערדיטשעווער. — ר׳ לוי־יצחקס שאַרפער ענטפער. — דער גרויסער מלמד־זכות רעדט מיט האַרץ קעגן די מחרחרי־ריב. — דער ענטפער פון דעם רב. — דער איבעררייד מיט ר׳ ברוך מעזשיבוזשער. — „טעריטאָריע״ פאַר חב״ד. — ר׳ ברוכס קשיות. — ר׳ פנחס בן־יאיר. — אַ שמועס וועגן חסידישע תוך־זאַכן. — שאול און דוד.

די השפעה פון בעל „התניא״ איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר און חב״ד איז געוואָרן אַ פאַרשפרייטע שיטה אין חסידות. האָט דאָס דערוועקט קנאה און די קנאה האָט געפירט צו מחלוקת. אויסגעבראָכן איז די נייע מחלוקת צוליב די חלוקה־געלטער, וואָס ר׳ שניאור־זלמן און זיינע מענטשן האָבן געזאַמלט פאַר ארץ־ישראל. ר׳ שניאור־זלמן האָט דאָך באַטראַכט צדקה פאַר אַ גרויסן מיסטישן אַקט.

די וועלטן האָבן אַ קיום דורך צדקה, דורך גאָטס חסד מיט זיי. טאָן צדקה הייסט נאָכטאָן די געטלעכע מידה. פאַר ר׳ שניאור־זלמנען איז דאָס ג ע ב ן געווען הייליק, און בפרט דאָס געבן פאַר ארץ־ישראל, פאַר די פרומע יידן, וואָס זיצן אין הייליקן לאַנד, לערנען תורה און ווילן דערוועקן די רחמים פון דער שכינה און דערנענטערן דורך תורה און מצוות די ענדגילטיקע שעת־רצון.

די קנאה האָט אָבער גאַנץ אַנדערש אויסגעטייטשט די מאָטיוון פון דעם רב מליאַדי. אין ווינטער תקס״ג זיינען געקומען צום רב ספּעציעלע משולחים פון ארץ־ישראל, געשיקט פון ר׳ אברהם קאַליסקער, און זיי האָבן אין ר׳ אברהמס נאָמען געפאָדערט פון ר׳ שניאור־זלמנען, ער זאָל צוריקרופן זיינע מענטשן, נישט לאָזן זיי מער זאַמלען די ארץ־ישראל־געלטער און בטל־מאַכן אַלע פריערדיקע מעמדות. זיי, ר׳ אברהמס משולחים, וועלן איינפירן נייע מעמדות, אייגענע. זיי האָבן געזאָגט, אַז ר׳ אברהם קאַליסקער, דער ממונה איבער די חלוקה־געלטער אין ארץ־ישראל, האָט געקראָגן אַ בפירושע הבטחה פון רביים אין וואָלין און אוקראַינע, אַז זיי וועלן אַליין צושטעלן די נויטיקע סומע — און מען דאַרף נישט מהיום והלאה „אָנקומען צו חב״ד״...

ס׳איז באַלד קלאָר געוואָרן, אַז הינטער דער גאַנצער געשיכטע שטעקט אַן אינטריגע, אַז די השפעה און פאַרשפרייטונג פון חב״ד זיינען געוואָרן „גרויס אין די אויגן״ און אַז מען מיינט נישט אַזוי דעם עצם ענין, ווי צו טרעפן חב״ד טאַקע.

פון דעם שאַרפן בריוו. וואָס דער רב מליאַדי האָט וועגן דעם ענין געשריבן צו ר׳ אַברהמען, איז צו זען, אַז ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וואו מען דאַרף זוכן די סיבה פון דעם פלוצלינגן באַפעל וועגן אָפּשאַפן די אַלטע מעמדות. ר׳ שניאור־זלמן באַקלאָגט זיך, הלמאי ר׳ אברהם האָט מקבל געווען לשון־הרע, הלמאי ער האָט געגלויבט די אינטריגע־מאַכער, אַז דאָס, וואָס ער און זיינע מענטשן טוען, איז נישט „לטובת חיזוק הישוב בארצנו הקדושה״, נאָר בלויז כדי צו פאַרשפרייטן חב״ד און די חב״דער השפעה איבער יידישע שטעט און שטעטלעך.

מ׳דאַרף וויסן, אַז ר׳ שניאור־זלמן האָט ר׳ אברהמען באַהאַנדלט לחלוטין אַנדערש. אויף ר׳ אברהם קאַליסקער האָט מען געהאַט אויסגעטראַכט, אַז ער, וואָס איז נאָך דער פטירה פון ר׳ מנחם־מענדל וויטעבסקער געוואָרן דער אויפזעער איבער די חלוקה־געלטער אין הייליקן לאַנד, פירט זיך נישט אויף ווי ס׳דאַרף צו זיין אין דעם אופן, ווי ער טיילט די געלטער פונאַנדער. ר׳ שניאור־זלמן האָט זיך דענסטמאָל שטאַרק איינגעשטעלט פאַר ר׳ אברהמען. ער האָט אים אָנגערופן: הכהן הגדול מאחיו, האָט געריימט זיין אַמאָליקן חבר פון די מעזריטשער צייטן און האָט אויפגעוויזן, אַז מ׳טאָר נישט מקבל־זיין לשון־הרע אויף אַזאַ גרויסן און הייליקן ייד. פרעגט זיך: פאַרוואָס האָט ר׳ אברהם יאָ געגלויבט די רכילות־טרייבער, וואָס האָבן אָנגערעדט אויף ר׳ שניאור־זלמנען?

ר׳ אברהם קאַליסקער האָט דעם רב גענומען פאַר אומגוט זיין שיטה אין חסידות. נאָך פאַר דער געשיכטע מיט די חלוקה־געלטער האָט ר׳ אברהם געשריבן צו ר׳ שניאור־זלמנען, אַז זיין, ר׳ שניאור־זלמנס, דרך איז אַן אָפּווייכונג פון דעם וועג, וואָס אויף אים האָט געפירט זיינע תלמידים דער מעזריטשער מגיד. ביי ר׳ אברהמען איז אויסגעקומען, אַז די שיטה פון „תניא״ איז עלול אָפּצוקילן דאָס פייער פון חסידישער התלהבות. ר׳ אברהם האָט אַלץ געשטעלט אויף רעליגיעזן עקסטאַז און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס, וואָס ר׳ שניאור־זלמן הייסט פאַרטיפן זיך אין אלקות, איז נישט קיין חסידישער גאַנג, נאָר אַ חקירהשער. ר׳ שניאור־זלמן — איז ביי אים אויס־געקומען — וויל מאַכן שבת פאַר זיך. אים גייט נישט אין חסידות, נאָר אין דורכברעכן אַ לחלוטין נייעם וועג, כדי צו שטאַרקן די אייגענע השפעה.

די טענה פון די רכילות־טרייבער, אַז ר׳ שניאור־זלמן איז מיט די מעמדות־געלטער אויסן די השפעה פון חב״ד, האָט ר׳ אברהם אַזוי־אַרום צונויפגעבונדן מיט זיין אייגענעם רושם, — מיט דעם רושם, וואָס ער האָט באַקומען פון דעם „תניא״.

מ׳יר קערן זיך אום צו ר׳ אברהמס שליחים. מ׳האָט ביי די שליחים געפּועלט, אַז זיי זאָלן דעם ענין אָפּלייגן אויף אַ יאָר. די שליחים האָבן מסכים־געווען, האָבן אָבער דערנאָך חרטה געקראָגן און — שוין פון וועג — אַריינגעשיקט אַ שאַרפן בריוו מיט אַן אזהרה, אַז חב״ד־מענטשן זאָלן אויפהערן זאַמלען די ארץ־ישראל־געלטער. זיי האָבן אפילו געסטראַשעט, אַז דאָס געלט, וואָס מ׳וועט געבן די שליחים פון ר׳ שניאור־זלמנען, וועט מען אין ארץ־ישראל נישט אָננעמען. דערווייל האָבן די מענטשן פון רב געטאָן דאָס זייעריקע. זיי האָבן צונויפגעזאַמלט דעם באַשטימטן סכום, נאָר ר׳ אברהם קאַליסקער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דאָס געלט. ער איז איצט אָפן אַרויסגעטראָטן קעגן ר׳ שניאור־זלמנען, האָט אויך אַריינגעשיקט (אין תקס״ה) אַ פאַרביטערטן בריוו קעגן אים צו זיין מחותן — ר׳ לוי־יצחק בערדיטשעווער. אין דעם בריוו האָט ער אויסגעלייגט אַלע טענות, וואָס זיינען צו אים אָנגעקומען מצד די לשון־הרעניקעס, און האָט נאָך צוגעגעבן זיינע טענות קעגן דעם רבס שיטה. באשר, דער עיקר אין חסידות איז מקיים צו זיין דעם „וצדיק באמונתו יחיה״, עס הייסט: אמונה אָן שום חקירה, און דאָ קומט גאָר דער בעל־התניא און פירט איין חקירה. וועט עס נישט פירן צו ביטול־תורה? צו וואָס דאַרף מען עס?

ר׳ לוי־יצחק האָט ר׳ אברהמען געענטפערט קלאָר און שאַרף. ער האָט צעקלאַפּט אַלע טענות מיט קלאָרע ענערגישע ווערטער. הלוואי זאָלן אַלע זיך אויפפירן אַזוי ווי ר׳ שניאור־זלמן, וואָס וויל נאָר איינס: וואָס מער תורה און מצוות. ר׳ שניאור־זלמנס שיטה איז כלומרשט נישט אין הסכם מיטן דרך פון מעזריטשער מגיד? פאַרקערט, ווער עס פירט זיך נישט אויף אַזוי ווי דער רב און זיינע תלמידים — גראָד ער וייכט־אָפּ פון דעם מעזריטשערס דרך. „איך זאָג עדות״ — האָט געשריבן ר׳ לוי־יצחק בערדיטשעווער, — „אַז דער כבוד פון הרב הגאון נ״י (ר׳ שניאור־זלמן הייסט עס) איז אין די אויגן פון אונדזער רבין (דעם מעזריטשער מגיד) געווען גרויס ביז גאָר און אַז ער האָט אים תמיד געריימט ממש אָן אַ שיעור (עד אין שיעור מאד)... לפי דעתי איז דאָס דער וועג פון דעם מגיד און אויף אָט דעם וועג (דעם וועג פון בעל התניא) רוט גאָטס ליכט״...

ר׳ לוי־יצחק, דער גרויסער מלמד־זכות, גייט אַרויס פון זיין גדר

און רעדט מיט האַרץ קעגן די „אנשים רעים בני בליעל", „ריקים בלי דעת ותורה", וואָס האָבן אָנגערעדט פאַר אים, פאַר ר' אברהם קאַליסקער, לשון־הרע אויף דעם בעל־התניא. מכוח די ארץ־ישראל־געלטער איז ר' אברהם דורכאויס נישט גערעכט — די גאַנצע מעשה איז משונהדיק. וואָס פאַר אַ טענות קאָן ער, ר' אברהם, האָבן צום רב? דאָס האָט דאָך ער געשיקט די משולחים, דאָס האָט דאָך ער פאַרפירט דאָס מחלוקת, דאָס האָבן דאָך זיי, די שליחים, געזאָגט אין זיין נאָמען, אַז ער וויל גאַרנישט די געלטער, וואָס די חב"ד־מענטשן קלייבן צונויף, — טאָ פאַרוואָס רעדט ער וועגן אַזאַ גרויסן צדיק גלייך ער וואָלט, חלילה, געווען אַ „מועל בכסף קדשים"?

אינטערעסאַנט איז דאָ דער אופן ווי עס רעאַגירט דער ייד מיטן גרויסן אהבת־ישראלדיקן האַרץ, דער בערדיטשעווער. ער רעדט קעגן די מחרחרי־ריב מיט אַ שפּראַך, וואָס איז אין זיין מויל אומגעוויינטלעך. ער זוכט נישט קיין זכות אויף מענטשן, וואָס ער האַלט זיי פאַר שלעכטס־טוער, און צו ר' אברהמען גופא רעדט ער מיט כבוד, אָבער אָפן און שטרענג.

עס האָט אויך געשריבן צו ר' אברהמען ר' שניאור־זלמן אַליין. ער האָט מקיים געווען דעם „הוכח תוכיח" און האָט ר' אברהמען קלאָר גע־מאַכט, אַז ער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון מוציאי־דיבה, פון בייז־וויליקע רכילות־פאַרשפּרייטער, וואָסריידן אויף אים שלעכטס שוין לאַנגע יאָרן („שננו כחרב לשונם משך שנים רבות").

***

אַ חב"דישע טראַדיציע וויל האָבן, אַז אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן די גדולי־המתנגדים שלום געמאַכט מיט ר' שניאור־זלמנען נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך איבערצייגט, ווי גרויס ער איז אין תורה און יראת־שמים. ס'איז נישט אינגאַנצן קלאָר, פונוואַנען די טראַדיציע נעמט זיך און אויף וויפיל זי פאַרמאָגט אין זיך היסטאָרישן אמת. צווישן די גרויסע מתנגדים, וואָס זאָלן האָבן סוף כל־סוף אָנערקענט די גרויסקייט פון בעל־התניא, זאָל זיך האָבן געפונען אויך ר' יהושע צייטלין, דער „שר" פון אושצע, דער תלמיד פון „שאגת אריה" און קרוב־למלכות. מיר ווייסן, אַז ר' יהושע איז געווען פון די שטאַרקע קעגנער פון דער „כת", ווי מ'האָט גערופן די חסידים, און עס זעט עפּעס אויס צו גוט, צו בשלומדיק. מן־הסתם איז אָבער די טראַדיציע געבויט אויף עפּעס, אַזוי, אַז סתם אָוועקמאַכן זי מיט דער האַנט איז אויך נישט שייך. ס'איז דאָ, למשל, אַ ווערסיע, אַז ר'

משה, ר' יהושה צייטלינס זון, איז שוין געווען אַ חב"דער חסיד, און עס ווערט דערציילט, אַז ער איז געווען אַ שטאַרקער קעגנער פון די גביריש־אַריסטאָקראַטישע מנהגים אין זיין פאָטערס הויז, — מנהגים, וואָס האָבן נישט געשטימט מיט זיין חסידישן דרך.

נאָר ווי מען זאָל זיך נישט באַציען צו דער דערמאָנטער חב"דישער טראַדיציע, וואָס זעט עפּעס אויס צו־אידיליש, קלאָר איז, אַז די לעצטע יאָרן פון דעם רבס לעבן זיינען ווייט געווען פון אידילישער רואיקייט. פאַרקערט, די מחלוקת אַרום די ארץ־ישראל־געלטער, וואָס איז פאַקטיש געווען אַ מחלוקת אויף דער שיטה פון חב"ד און איר באַגרינדער, די ווערטער אין רבס בריוו וועגן דעם, אַז „שננו כחרב לשונם משך שנים רבות", אַפילו דער עפּיזאָד מיט ר' ברוך מעזשבוזשער, וואָס מיר וועלן דערציילן ווייטער, די יסורים און די טלטולי־הדרך בעת דער מלחמה צווישן רוסלאַנד און נאַפּאָלעאָנען, — דאָס אַלץ זאָגט נישט קיין עדות וועגן אַ רואיקער קרוינונג פון אַ גרויס גייסטיק לעבן.

מיר האָבן שוין געזען, אַז די פאַרשפּרייטונג פון חב"ד האָט אַרויס־גערופן קנאה און אינטריגע. נישט אומזיסט האָבן די משולחים פון ר' אברהמען דערמאָנט רביים פון וואָלין און אוקראַינע, וואָס האָבן צוגע־זאָגט צוצושטעלן דאָס נויטיקע מעמדות־געלט, אַבי חב"ד זאָל שטיין פונדערווייטן.

מיט דעם רבין ר' ברוך איז די געשיכטע געווען אַזאַ.

אויף אַ באַפעל פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן זיינען די שענק־הייזער אין די דערפער געשלאָסן געוואָרן און ס'איז געקומען צו אַ גירוש פון אַ סך יידישע משפחות, וואָס האָבן געצויגן פון די שענקען זייער אָרעמע חיונה. די פאַרטריבענע ישובניקעס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט בעירים ובחוסר־כל און זייער ביטערע נויט האָט אויפגערודערט דעם בעל־התניא. ער האָט גענומען אויף זיך צו זאַמלען געלט פאַר די היימלאָזע פאַרהונגערטע משפחות, וואָס זיינען געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. ווידער איז עס געווען דער מיסטישער אַקט פון צדקה, וואָס האָט גערופן ר' שניאור־זלמנען צו טאָן, צו ראַטעווען — שוין אָפּגערעדט פון דעם רחמנות־געפיל און דעם באַוואוסטזיין פון „כל ישראל ערבים". און ווידער איז אים אויסגעקומען צו באַקעמפן אַ חשד, אַז ער מיינט נישט אַזוי די מצווה, ווי איינצונעמען „טעריטאָריע" פאַר חב"ד.

ר' שניאור־זלמן איז אַליין אַרומגעפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך,

מעורר צו זיין דעם עולם און אָרגאַניזירן די הילף פאַר די פאַרוואָגלטע משפחות פון די ישובניקעס. אַז ער איז געקומען קיין טולטשין, וואו דעם בעל־שמס אייניקל, ר׳ ברוך מעזשיבוזשער, איז געווען רבי, האָט ר׳ ברוך געזען אין דעם חב״דישע „פאַרכאַפּונגס־פּאָליטיק״. ער האָט אים אָפּן געפרעגט: נאָך וואָס זייט איר געקומען אין מיין מדינה? דער ענטפער איז געווען: לד׳ הארץ ומלואה — צו גאָט געהערט אַלץ, נישט שייך „מיין״ און „דיין״, והשנית — כ׳האָב נישט געקאָנט צוקוקן דעם צער פון די ישובניקעס... אַ וואָרט צו אַ וואָרט — און ס׳איז קלאָר געוואָרן: ר׳ ברוך, אַ פריערדיקער גוטער־פריינט, האָט זיך געלאָזט אַנריידן פון דעם רבס באַריידער און באַשמוצער.

דער גאַנצער איבעררייד איז געווען עפּעס ווי אַ שטרענגער פאַרהער מצד ר׳ ברוכן. מאָדערנע שרייבער איבער חסידות שילדערן ר׳ ברוכן נעגאַטיוו. זייער צוגאַנג איז אַ פאַלשער. ר׳ ברוך, דאָס אייניקל פונעם בע״שט, האָט אויף זיך געקוקט ווי אויף אַ פירשט, וואָס הערשט איבער דער מדינה פון חסידות און דאַרף אַכטונג געבן, אַז דעם זיידנס ירושה זאָל נישט ווערן פאַרטאַכלעוועט. דאָס האָט געקאָנט זיין נאַאיוו, ס׳איז אָבער פאַלש אַריינצוטייטשן אין דעם אַזש „דעספּאָטיזם״.

ווען מיר פאַרטראַכטן זיך אַביסל איבער דעם גאַנג פונעם שמועס צווישן ר׳ ברוך מעזריטשער און דעם רב מליאַדי, — און דעם שמועס האָט איבערדערציילט דער רב מליאַדי אַליין, מחמת עס זיינען וועגן דעם ענין פאַרשפּרייט געוואָרן פאַלשע שמועות דורך ר׳ ברוכס חסידים („אונ־דזער רבי האָט אים מנצח געווען״), — ווען מיר פאַרטראַכטן זיך איבער דעם, ווערט אונדז אַביסל קשה, פאַרוואָס ר׳ שניאור־זלמן האָט זיך גאָר לכתחילה געלאָזט אַזוי אויספרעגן דורך ר׳ ברוכן.

עס זעט אָבער אויס, אַז ר׳ שניאור־זלמן האָט ערגעץ־וואו אַנערקענט דאָס רעכט פון ר׳ ברוכן צו שטעלן פראַגן אין ענינים, וואָס האָבן צו טאָן מיט זיין זיידנס גייסטיקער ירושה. אמת, ר׳ שניאור־זלמן האָט געהאַלטן — און געזאָגט — אַז ר׳ ברוך איז נאָר אין גוף דעם בעל־שמס אייניקל, בעת ער, ר׳ שניאור־זלמן, איז דעם בעש״טס אייניקל אין גייסט. אָבער מחמת יראת־הרוממות פאַר אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיטן בעל־שם־טוב, האָט ר׳ שניאור־זלמן געדולדיק, הגם שאַרף, געענטפערט ר׳ ברוכן אויף אַלע זיינע טענות און קשיות.

דער הויפּט־שטריך פון ר׳ ברוכס קשיות איז געווען — חשד. ס׳איז אים דער עיקר פאַרדעכטיק געווען דאָס קומען אין זיין טעריטאָריע, און

אַפילו אַז ער האָט שוין געקראָגן אַן ענטפער פון ר׳ שניאור־זלמנען, נאָכ־וואָס ער פאַרט אַרום און וואָס פאַר אַ גרויסע מצווה ער האָט אויף זיך גענומען, האָט ער זיך אַלץ נישט באַרואיקט. פאַרוואָס טוט איר דאָס אַליין? — האָט ער געוואָלט וויסן. — איז עס פאַר אייער כבוד זיך אַרומ־צואוואַלגערן איבער שטעט און שטעטלעך? ווידער אַמאָל האָט דאָ גע־רעדט דער פירשט... ס׳איז עפּעס נישט קיין כ ב ו ד אַזוי!... דעם רבס ענטפער איז געווען — אַן אַנטי־יחסנדיקער. איך בין דאָך נישט, — האָט ער געענטפערט, — קיין גרעסערער מיוחס ווי ר׳ פּנחס בן־יאיר, וואָס פלעגט אַרומפאָרן אויף זיין אייזל פון אָרט צו אָרט פון פדיון־שבויים וועגן.

ס׳איז אויך געקומען צו רייד וועגן חסידישע תוך־זאַכן. ווען ר׳ שניאור־זלמן האָט דערמאָנט, אַז די צווייטע מאָל, וואָס ער איז געווען אין פּעטערבורג, האָט ער פאַרטיידיקט פאַר די שררות די שיטה פון זיין, ר׳ ברוכס, זיידן, דעם בעש״ט, און אַז ער, ר׳ ברוך, מעג דאָס געדענקען, האָט ר׳ ברוך אַרויסגערוקט אַ טענה, אַז אין תוך דאַרף מען גאָר „די אַלע זאַכן״ נישט האָבן. צו־וואָס? אַ צדיק קאָן דאָך אָפּרופן גזירות און ממתיק־זיין דינים דורך אַ „פּשוטן״ דורכפירן די האַנט איבערן שטערן און פּנים. ר׳ ברוך האָט דאָס געפּרעגט אין טיפער תמימות און מיט יענעם גלויבן פון „צדיק באמונתו יחיה״, וואָס אויך ר׳ אברהם קאַליסקער האָט אים געזען ווי דעם אמתן יסוד פון חסידות. וואָס האָט געענטפערט ר׳ שניאור־זלמן?

דער ענטפער איז געווען, אַז מ׳דאַרף האָבן ביידע זאַכן: אי די אמונה, אי די האַנדלונג, די טואונג. דער ביישפּיל איז געווען יעקב אבינו. יעקב אָבינו, — האָט דער רב געזאָגט, — האָט דאָך אוודאי געוואוסט דעם סוד ווי אַזוי ממתיק צו זיין דינים; פונדעסטוועגן האָט ער געזאָגט: אכפרה פניו. ער האָט געבראַכט עשון אַ מתנה. הייסט עס: מען דאַרף די דינים ממתיק זיין, און מען דאַרף — אין דער זעלבער צייט — טאָן עפּעס.

אין חב״ד איז תמיד געווען אָט דער עלעמענט פון טאָן, פון מעשים, פון משתדל זיין זיך, פון אָפּשרייען גזירות נישט נאָר אויפן וועג פון מיסטישע אַקטן אַליין. כביכול — מ׳דאַרף העלפן גאָטס חסדים, זיי זאָלן זיך קאָנען אַרויסבאַווייזן. פון איין זייט — פאַרטיפונג אין אלקות, יענע פאַרטיפונג, וואָס האָט ביי ר׳ אברהם קאַליסקער אויסגעזען ווי סתם חקירה, און פון דער צווייטער זייט — מעשים. דאַרף מען — מוז מען איינטענהן מיט עשון אויך. דער ענין פון „אכפרה פניו״ איז, אגב, געווען אַ רמז אויף דעם, וואָס אין פּעטערבורג האָט מען געמוזט אָנקומען צו געלט, כדי צו פאַרלייכטערן דעם רבינס גורל און צו פאַרשנעלערן די אויספאַרשונג. ביי

ר׳ ברוכן איז, משמעות, אויסגעקומען, אַז דער רבי האָט געדאַרפט זיך באַפרייען דורך אַ מופת, איינס־צוויי — און פטור.

אינטערעסאַנט איז אויך אין יענעם איבעררייד די שאול־און־דוד פּאַראַלעל. ר׳ שניאור־זלמן האָט געזאָגט ר׳ ברוכן, אַז ער, ר׳ ברוך מעזשיבוזשער, האָט מקבל געווען אויף אים לשון־הרע, פּונקט ווי שאול המלך האָט מקבל־געווען לשון־הרע אויף דודן, מוז ער דעריבער זאָגן מיט דודס לשון: ישפּוט השם ביני ובינו. אַחוץ דעם פּשוטן פּשט איז דאָ געלעגן אַ טיפערע זאַך, אַ רמז — אפשר אַן אונטערבאַוואוסטזיניקער — אויף ר׳ שניאור־זלמנס ראָליע אין דער אַנטוויקלונג פון חסידות. ר׳ ברוך רעפּרעזענטירט די אָנהויב־פּאַזע, די שאול־פּאַזע. דוד — ר׳ שניאור־זלמן — איז דער נייער אויסדערוויילטער, דער, וואָס גאָט האָט אין זיין האַנט איבערגעענטפערט דעם נצחון און וואָס דאַרף גרונטפעסטיקן די מדינה.

# די מלחמה פון 1812 און דעם רבס פטירה*)

באַנאַפּאַרטעס נצחון וואָלט געווען אַן אומגליק פאַר יידן. — דער רב קעגן נאַפּאָלעאָנען. — די קליפה פון „אני ואפסי עוד". — די אומגעזעענע אַרמיי פון דעם רבס אַנטי־נאַפּאָלעאָנישע תפילות. — דאָס לויפן פאַר נאַפּאָלעאָנען. — אַ סדרה וואָגלענישן. — אין לאַגער פון גענעראַל טאָלסטאָי. — דער רב ווערט מסוכן־קראַנק. — „סובב כל עלמין" און „ממלא כל עלמין". — דאָס ליכט און דער באַלקן. — די לעצטע תורה. — די וועלט פון שקרים און חסדים. — דעם רבס פטירה.

מיר האָבן געהערט, אַז ר' שניאור־זלמן האָט געגעבן צו פאַרשטיין ר' ברוכן דעם ענין פון „אכפרה פניו".

פאַראַן אָבער אַן עשו, וואָס איינטענהן מיט אים איז נישט שייך. עס איז נישט קיין פראַגע פון „אכפרה פניו", נאָר אַ פראַגע פון קאַמף. מ'מוז קעגן אים פירן אַ מלחמה. אַזאַ „עשו" איז אין דעם רבינס אויגן געווען נאַפּאָלעאָן.

ווען נאַפּאָלעאָן איז אין תקע"ב (1912) באַפאַלן רוסלאַנד — האָט ר' שניאור־זלמן געזען אין דער מעגלעכקייט פון נאַפּאָלעאָנס נצחון אַן אומגליק פאַר יידן. ער האָט מתפלל געווען, אַז נאַפּאָלעאָן זאָל פאַרשפּילן. דעם ערשטן טאָג ראש־השנה פאַר מוסף, — שרייבט ער אין אַ בריוו פון יענער צייט, — האָט מען מיר באַוויזן: אויב ס'וועט מנצח זיין באָנאַפּאַרטע — וועט זיך שטאַרקן די עשירות ביי יידן און זייער כבוד וועט געהויבן ווערן. אָבער דאָס האַרץ זייערס וועט דערווייטערט ווערן פון זייער פאָטער אין הימל; אויב אָבער ס'וועט מנצח־זיין אַלעקסאַנדער, איז כאָטש עס וועט זיך שטאַרקן דאָס אָרעמקייט צווישן יידן און זיי וועלן זיין דערנידעריקט, וועלן פונדעסטוועגן די הערצער זייערע זיך אָנקניפּן אַן זייער פאָטער אין הימל — און אָט האָסטו אַ באַוויז: מ'וועט אָנהויבן נעמען סאָלדאַטן פון צווישן אחינו־בני־ישראל.

ר' שניאור־זלמן האָט, הייסט עס, געוואוסט, אַז קיין מאַטעריעלע

*) דאָס דאָזיקע קאַפּיטל האָט צוגעשריבן אהרן צייטלין.

גליקן קאָנען יידן פון אַלעקסאַנדערן נישט דערוואַרטן. פאַרקערט, יידן וועלן זיין אָרעם און דערנידעריקט. אָבער אַט די אָרעמקייט וועט זיין בעסער פאַר יידישקייט איידער די רייכקייט און די שפע, וואָס אויף איר קאָנען זיך יידן ריכטן אין פאַל פון נאַפּאָלעאָנס נצחון. יידן וועלן טאַקע ווערן גלייכבאַרעכטיקטע בירגער, מיט זייערע פעאיקייטן וועלן זיי מאַטעריעל ווערן אויפגעריכט, אָבער זיין וועט דאָס אַ „מיתת־נשיקה" פאַר דער אמונה. די הערצער וועלן דערווייטערט ווערן פון דעם פאָטער אין הימל. „וישמן ישורון ויבעט". נאַפּאָלעאָנס טובות וועלן זיין גזירות. מ'וועט אויך אָנהויבן נעמען סאָלדאַטן פון יידן — ווי אַ פּועל־יוצא פון דער גלייכבאַרעכטיקונג — און אויך דאָס וועט די אמונה נישט שטאַרקן. (אין רוסלאַנד איז נאָך דאַן קיין מיליטער־דינסט פאַר יידן נישט געווען).

ר' שניאור־זלמן האָט געזען אין נאַפּאָלעאָנען אַ שטיק פאַרקערפּערונג פון דער טומאה. העלפן רוסלאַנד אין דער מלחמה קעגן נאַפּאָלעאָנען איז געווען דאָס זעלבע, וואָס העלפן מנצח זיין די קליפּה. נאַפּאָלעאָן — דאָס איז דער סימבאָל פון הערשער־גאווה, פון „אני ואפסי עוד". דאָ, אויף דער אונטערשטער וועלט, שטאַרקן זיך תמיד די ערגסטע, די ביטערסטע קליפּות, אָבער דערויף איז מען אַ ייד, אַז מען זאָל העלפן זיי פאַריאָגן, קיין זאַך האָבן די קליפּות אַזוי נישט פיינט, ווי קדושת־ישראל.

נאַפּאָלעאָן איז אַריבער דעם ניעמאַן און האָט געוואָרפן זיינע חיילות אויף דער רוסישער אימפּעריע. דער רב מליאַדי האָט בשום אופן נישט געוואָלט לעבן אונטער נאַפּאָלעאָנען. בעסער, האָט ער געזאָגט, שטאַרבן, איידער זען נאַפּאָלעאָנס נצחון. איז ער אַנטלאָפן פון נאַפּאָלעאָנען — אין די שפּורן פון דער אָפּטרעטנדיקער רוסישער אַרמיי. פון אַכט און צוואַנציק נפשות איז באַשטאַנען זיין משפחה אין ליאַדי: ווייב, זין, טעכטער, איידעמס, קינדער און קינדס־קינדער. מ'איז איינגעזעסן אין וועגענער און געלאָפן. מ'האָט איבערגעלאָזט דאָס האָב און גוטס, מיטגענומען בלויז לייכטע חפצים און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אַ קינד איז פאַרלוירן געגאַנגען אויפן וועג, האָט מען זיך געמוזט אומקערן און זוכן. געזוכט, געזוכט, געפונען דאָס קינד ערגעץ נישט ווייט פון ליאַדי — ס'איז געשטאַנען און האָט געוויינט — און געפאָרן ווייטער... וואָס ווייטער פון נאַפּאָלעאָנען!

ס'איז דאָ אַ גראַנדיעזע סימבאָליק אין דעם רבס אַנטלויפן. צוויי אַרמייען זיינען דאָ צוריקגעטראָטן, כדי צו געווינען: די רוסישע אַרמיי —

און די אומגעזעענע אַרמיי פון ר׳ שניאור־זלמנס אַנטי־נאַפּאָלעאָנישע תפילות, כוונות, יחודים...

אָנגעקומען איז מען צוערשט קיין קראַסני, וואו עס זיינען געשטאַנען די גענעראַלן ניעווערעאָווסקי און אוליאַנאָוו. אוליאַנאָוו האָט ר׳ שנואר־זלמנ־ען געקענט פון ליאַדי, וואו ער איז געהאַט איינגעשטאַנען מיט זיין לאַגער. ער ער איז געווען איינקוואַרטירט אין רבינס הויז טאַקע — און ער האָט גע־וויאוסט, אַז ר׳ שניאור־זלמן איז אַ הייליקער מענטש און אַז ער איז אַ גרויסער קעגנער פון דעם קאָרסיקאַנער. איצט האָט ער אים פאַרגעשטעלט פאַר דעם צווייטן גענעראַל, פאַר ניעווערעאָווסקין. דערווייל איז מען דער־גאַנגען, אַז נאַפּאָלעאָן גייט אויף קראַסני, וואָס איז אויפן וועג קיין סמאָ־לענסק, און ניעווערעאָווסקי, וואָס אויך אויף אים האָט דער „סטאַריק" גע־מאַכט אַ טיפן רושם, איז געקומען צום „אַלטן" און אים געוואָרנט, ער זאָל מיט זיין משפחה תיכף פאַרלאָזן קראַסני און זיך פאַרנעמען קיין סמאָלענסק. אויסגעשטאַט מיט ספּעציעלע צייגנישן און דורכלאָז־פּאַפּירן פון די צווי גענעראַלן, איז ר׳ שניאור זלמן מיט דער גאַנצער משפחה אַוועק קיין סמאָ־לענסק, אָבער אויך פון דאָרט האָט מען געמוזט אַנטלויפן, ווייל די פראַנ־צויזן זיינען שוין געווען גאָר נישט ווייט. אַריינפאַלן צו נאַפּאָלעאָנען, וואָס ער האָט אים באַטראַכט כמעט פאַר אַ פּערזענלעכן שונא, האָט ר׳ שניאור־זלמן נישט געקאָנט און נישט געוואָלט. ס׳איז געווען אַ צושטאַנד פון פּיקוח־נפש — איז מען פּרייטאָג־צו־נאַכטס געלאָפן ווייטער, געלאָפן פון נאַפּאָלעאָנס מאַרשירנדיקע חיילות, אָפּגעקומען אַ שווערע פיינלעכע נאַכט, צומאָרגנס אָנגעקומען אין לאַגער פון גענעראַל טאָלסטאָי, — אויך ער האָט געוואוסט, ווער דער רב מליאַדי איז, — און אַזוי ווי דער גענעראַל האָט באַשלאָסן זיך צוריקצוציען מיט זיין אַרמיי — איז מען געלאָפן צוזאַמען. צוערשט קיין וויאַזמע, דערנאָך — קיין מאָזשאַיסק, פון מאָזשאַיסק — קיין טראָיצאַ־סערגיאַ. ס׳איז געווען סוף חודש אלול, האָט ר׳ שניאור־זלמן באַשלאָסן צו בלייבן דאָרט מיטן בני־בית ביז איבער ראש־השנה. פון דאָרט איז מען אַוועק קיין מאַריעוו־פּאָלסקי. פון מאַריעוו־פּאָלסקי איז מען — ערב יום־כיפור — אָנגעקומען קיין וולאַדימיר. נאַפּאָלעאָנס סאָלדאַטן האָבן כסדר מאַרשירט, ר׳ שניאור־זלמן איז כסדר צוריקגעטראָטן — און אויפן וועג נישט אויפגעהערט צו פירן זיין אייגענע, זיין תפילהדיקע מלחמה. ער האָט געפירט אומגעזעענע שלאַכטן...

לאַנג האָט מען אין וולאַדימיר נישט געקאָנט בלייבן. דער „ויחנו" איז אומעטום געווען זייער קורץ — דער „ויסעו" האָט נישט אויפגעהערט.

באַלד נאָך יום־כיפּור האָט מען געוואָנדערט ווייטער. מ׳איז אָוועק קיין אַקאַ, פון דאָרט קיין ריאַזאַן, קיין טאַמבאָוו, קיין אָריאָל... די גאַנצע צייט האָט מען געליטן מוראַדיקע נויט, הונגער, דאָרשט, קעלט, באַליידיקונ־גען. מ׳האָט זיך געוואַלגערט, געגעבעטיקט אין דאָרפישע כאַטעס, אויף דער ערד, וואו עס האָט זיך געלאָזט. די פּויערים האָבן די „זשידעס" נישט געשאָנעוועט, געזידלט, געשאָלטן. וואָס שלעפּן זיי זיך אַרום, די „וראַגי כריסטאָווי" (קריסטוסעס שונאים)? און וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ מאָדנער „סטאַריק" — אָט דער מיט דער גרויסער ווייסער באָרד, מיט די אויגן, וואָס קוקן פאַרביי און אַריבער? עפּעס מורמלט ער „זשידאָווסקע מאָליט־ועס" אַזעלכע.

ס׳האָט זיך געשטעלט אַ מוראַדיק קאַלטער ווינטער. פּופצן טעג אין כיסלו האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אין עפּעס אַ העק, אַ דערפל פּריאָוני אין קורסקער גובערניע, סומסקער אויעזד. דערווייל איז ר׳ שניאור־זלמן פון די אַלע וואַגלענישן מסוכנדיק־קראַנק געוואָרן אויף דער גאַל. ער איז געלעגן ערגעץ אין אַ כאַטע, האָט געוואוסט, אַז זיינע שעהען זיינען געציילטע, זיך געגרייט אין וועג אַריין — אַ וועג נישט קיין ערדישן. די ערדישע וועגן לאָזט ער איבער — אין וועמעס הענט? אין נאַפּאָלעאָנס? ניין. נאַפּאָלעאָן וועט פאַלן. אָט די קליפה איז שוין אַ צו־שטאַרקע, אַז די אַנדערע קליפות זאָלן זי לאָזן צופיל קריכן איבערן קאָפּ...

די בני־בית זיינען געשטאַנען אַרום אים פאַרלוירענע. ער האָט זיי געזען און נישט געזען. ער האָט אויך די ביטערע ווייטיקן פונעם גוף עפּעס יאָ געשפּירט און נישט געשפּירט. ער האָט אַרויפגעקוקט צו אַ באַלקן, — אָבער געזען האָט ער עפּעס אַנדערש. געזען האָט ער דאָס חיות, וואָס האַלט אויף דעם באַלקן, דאָס ליכט פון דעם „סובב כל עלמין" און „ממלא כל עלמין". ער האָט צוגערופן דאָס געליבטע אייניקל זיינס, מנחם־מענדל, דער, וואָס איז געוועזן דער דריטער נאָך אים אין חב״ד (דער „צמח צדק"; דער צווייטער — דער מיטעלער רבי — איז געוועזן זיין זון ר׳ דוב־בער) — און האָט אים אָנגעוויזן אויפן באַלקן. דאָס אייניקל האָט זיך געוואונדערט. וואָס ווייזט ער אים, דער זיידע?

— דו מיינסט דאָך, אַז ס׳איז אַ באַלקן, — האָט דער רבי שטיל גערעדט. — און איך זע נאָר דאָס רוחניות דערפון... דעם חיות... דער אור־אין־סוף...

ר׳ שניאור־זלמן האָט זיך געהייסן דערלאַנגען אַ שטיקל פּאַפּיר און

האָט פאַרצייכנט אַ תורה — די לעצטע תורה. ער האָט קורץ און מיט רמזים פאַרשריבן זיין לעצטע, זיין העכסטע דערקענטעניש. די אונטערשטע וועלט האַלט זיך דאָך אויף חסדים, אָבער וואָס זיינען חסדים? כביכול קוקט דורך די פינגער... אין די דורות הראשונים איז דער חסד געווען נכלל אין אמת. זינט אָבער סוכת־דוד איז געפאַלן צו דער ערד ממש, איז די תורה — אַפילו פון די גרויסע — אין דער בחינה פון עקביים, פון פיאַטע, כאַמע אונטן, און חסד איז שוין נישט מער אַ טייל פון אמת ווי אַמאָל, — אדרבא, חסד איז פאַרשקרט געוואָרן, אַנישט וואָלט די גופניותדיקע וועלט גאָר קיין קיום נישט געקאָנט האָבן פון זינט סוכת־דוד איז אַזוי געפאַלן און תורת־אמת איז געוואָרן עקבדיק ביי די גרויסע אַפילו... די וועלט איז געוואָרן אינגאַנצן „שקרים וחסדים״, ליגנס און חסד, עס הייסט: חסד אָן אמת... דער תכלית איז אָבער דער אמת, — יענער אמת, וואָס דער חסד איז אַ טייל פון אים, איז ניכלל אין אים. גיין דאַרף מען צום אמת, נאָר צום אמת, און וויסן דאַרף מען, אַז אַפילו חסד איז דאָ, אויף אָט דעם עולם, שקר געוואָרן.

אָט דאָס איז געווען די לעצטע תורה פון דעם רב מליאַדי, געצייכנט מיט דער ציטערדיקער האַנט פון אַ שכיב־מרע ערגעץ אין אַ פויערישער כאַטע אין אַ פאַרוואָרפן דערפל פון קורסקער גובערניע.

מיט אָט דער תורה — מיט אָט דער דערקענטניש זיינער — האָט ר׳ שניאור־זלמן זיך געזעגנט מיט דעם אונטערשטן עולם, וואָס איז „כולו שקרים וחסדים״ — אינגאַנצן ליגנס און גנאָדן...

ס׳איז געווען מוצאי־שבת. ר׳ שניאור־זלמן האָט געדאַוונט מעריב, האָט מיט דביקות געמאַכט הבדלה. המבדיל בין קודש לחול.... בין יום השביעי לששת ימי המעשה... ס׳איז צוגלייך געווען אַ הבדלה צווישן וועלט און וועלט — צווישן דער אונטערשטער וועלט און דער אויבערשטער, וואָס צו איר איז ער געגאַנגען.

די וואָך איז געקומען, נאָר פאַר ר׳ שניאור־זלמנען האָט זיך אָנגעהויבן נייער שבת. וואָרעם יענעם מוצאי־שבת (פרשת שמות, כ״ד טבת, תקע״ג) האָט ער פאַרלאָזט די וועלט פון „שקרים און חסדים״ און איז אַוועק אין דער וועלט פון אמת, פון לויטער אמת...

ער איז אַלט געווען זעקס און זעכציק יאָר. צו קבורה האָט מען אים געבראַכט אין האַדיאַטש, אַן אויעזדנע שטאָט אין פּאָלטאַווער גובערניע, און אויף זיין מצבה זיינען אויסגעקריצט געוואָרן די ווערטער:

„פה נגנז ארון הקדש, הרב הגאון אלקי, חסיד ועניו, קדוש וטהור, ראש גולת אריאל, כתר תורה, מעין החכמה, צדקת ד׳ עשה ומשפטיו עם ישראל ורבים השיב מעוון, אדמו״ר שניאור זלמן במוהר״ר ברוך נ״ע. נכסף אל קדושו ושבה אל ד׳ נפשו״.

דער „בעל־התניא״ איז אַוועק, אָבער דאָס ליכט פון חב״ד איז געבליבן.

אין וואָס באַשטייט עס, דאָס ליכט פון חב״ד, און וואָס איז דער תוך פון אָט דער לערע?

* * *

איידער דער לייענער גייט אַריבער פון דעם רבס ביאָגראַפיע צו די שמועסן וועגן דעם וועג פון חב״ד, דאַרף מען נאָך קלאָר מאַכן אַ פּונקט בנוגע דעם סאַמע לעצטן קאַפּיטל פון דעם רבס לעבן. אין דער זעלבער צייט וואָס דער רב האָט אויף אַ מיסטישן שטייגער געפירט זיין אייגענע מלחמה קעגן דעם „נבל״, — נבל, האָט דער רב געטייטשט, איז ראשי־תיבות פון: נאַפּאָלעאָן בן לעטיציאַ, — האָט ער מעורר־געווען די מקורבים, זיי זאָלן אויך מיט אַלע ערדישע מיטלען און כוחות זען העלפן אין דער מלחמה קעגן דעם מענטש, וואָס איז אין זיינע אויגן געווען די פאַרקערפּערונג פון סיטרא־אחראדיקע גאווה. די חבדישע מסורה וויס צו דערציילן וועגן אַ חסיד פון דעם „תניא״, וואָס האָט זיך ווי אַ מיליטערישער דאָקטאָר אַריינבאַקומען אין דער פראַנצויזישער אַרמיי און ס׳איז געפאַלן אויף אים אַ חשד, אַזוי, אַז נאַפּאָלעאָן אַליין האָט אים פּלוצלינג גענומען אויף אַ פאַרהער. כאָטש דאָס איז פאַרגעקומען אַזוי אומגעריכט, האָט זיך דער דאָקטאָר נישט פאַרלוירן, געוואוסט וואָס צו ענטפערן און זיך נישט פאַרראַטן מיט דער מינדסטער באַוועגונג. וואָרום חב״ד האָט אים קודם־כל געלערנט ווי אַזוי מען איז משליט איבער די עמאָציעס און מידות פון חכמה, בינה און דעת. ער פלעגט דערנאָך טאַקע זאָגן, אַז אים האָט געראַטעוועט — דער אַלף פון חב״ד.

דער רב איז אַוועק פון דער אונטערשטער וועלט מיט דער זיכערקייט, אַז נאַפּאָלעאָן וועט פאַלן. לויט דער מסורה איז אים אַ קורצע צייט פאַר דער פּטירה געוויזן געוואָרן נאַפּאָלעאָנס מפּלה („ובאחריתו יהיה נבל״). מיר דאַרפן אָבער ענטפערן אויף דער פראַגע, צי איז נישטאָ קיין סתירה צווישן דעם רבס מיסטישן געראַנגל און זיין גלייכצייטיקן מעורר־זיין צו אַ קאַמף קעגן נאַפּאָלעאָנען גראָד מיט ערדישע מיטלען און כוחות. דער ענטפער איז: ניין. נישטאָ דאָ קיין שום סתירה. די לערע פון חב״ד האָט תמיד פאַר־בונדן אויבערשטן רצון מיט אונטערשטער טואונג. דאָס וועט, צווישן אַנדערע זאַכן, טאַקע קלאָר ווערן פון די שמועסן וועגן דעם פון חב״ד.

# דער וועג פון חב״ד

(שמועסן איבער דעם חב״דישן וועלט-באנעם)

## שמועסן איבער דעם חב"דישן וועלט־באַנעם

## ערשטער שמועס — דער שורש פון יידישע נשמות

וווען עס ציט צוריק צום שורש. — דער סוד פון מסירת־נפש. — די באַהאַל־טענע ליבשאַפט. — די ירושה פון אברהם, יצחק און יעקב. — „די אבות זיינען די מרכבה". — חסד, גבורה, תפארת. — וואָס אַזוינס די אבות האָבן ממשיך־געווען אויף יידישע נשמות. — די חכמה, וואָס אין איר איז מלובש דער אין־סוף.

שבת נאָכמיטאָג אין אַ בעל־הבתיש הויז. עס זיצט אויבן אָן דער פאָטער, ר' אברהם. אַ ייד פון אַ יאָר פינף און פופציק מיט אַ הויכן למדנישן שטערן, נאָנט צו די אויגן דורכגעאַקערט מיט טיפע קנייטשן. קענטיק אַ סך צרות איבערגעליטן. אויגן — גוטע, מילדע, מיט אַ באַ־האַלטענעם טרויער אין זיי. פון צייט צו צייט ווערן די אויגן דורכגעשטראַלט פון אַן אינווייניקסטער ליכטיגקייט, אַנגעצונדן און אויפגעפלאַקערט פון שמחת־שבת. ביי ר' אברהמס רעכטער האַנט זיצט זיין פרוי שרה אסתר. די שבת־פרייד גלייכט אויס אירע קנייטשן און פון אירע אויגן קוקט אַרויס ליב־שאַפט צו איר מאַן און קינדער. מיט באַזונדערער ליבשאַפט קוקט זי אויף איר עלטערן זון, וואָס זיצט איר אַנטקעגן ביי דער לינקער האַנט פון מאַן. דער עלטערער זון אירער, וואָס האָט פון קינדוויז אָן געהייסן וועלוועלע מתמיד, איז איצט געקומען פון אַ גרויסער ליטווישער ישיבה, וואו ער האָט געלערנט דריי יאָר און האָט געבראַכט במזומנים פינף הונדערט בלאַט גמרא מיט תוספות אויף אויסווייניק, אויסער דעם ערשטן חלק יורה דעה און פלפול־ספרים.

האַרט ביי וועלוועלע מתמיד זיצט זיין קלענערער ברודער, פנחסל, וואָס האָט קיין גמרא נישט געוואָלט לערנען, נאָר האָט פון קינדוויז אָן זיך געריסן קיין ארץ־ישראל. קעגן דעם ווילן פון פאָטער און מוטער האָט ער זיך פאַרשריבן אין אַ הכשרה־פונקט פון חלוצים. וויפיל זיינע עלטערן האָבן זיך נישט באַמיט אָפּצואווענדן אים פון אָט דעם דרך, איז ער, פנחסל, געבליבן ביי דאָס זייניקע. וויפיל מען האָט אים נישט אָנגעוויזן אויפן עלטערן ברודער: „זע, פון דיין ברודער וואַקסט אַ לייט; ער וועט, אם ירצה השם, זיין אַ גדול

בישראל. און וואָס וועט פון דיר ווערן? — אַ ציגל־טרעגער אין תל־אביב...״ — האָט ער דאָך נישט אויפגעהערט צו גיין אויף זיין האַרטן און שווערן וועג. אַ וואויל בחורל, אַ שטילער, אַן איידעלער, פאַר טאַטן און מאַמען — אין פייער און וואַסער. אין דעם פונקט פון ארץ־ישראל איז ער אָבער שטאַרק פאַרעקשנט געווען, און די עלטערן, זעענדיק, אַז אַלע זייערע רייד זיינען אַרויסגעוואָרפן, האָבן אים געלאָזט גיין זיין וועג, טרייסטנדיק זיך דערמיט, וואָס, להיפוך פון פיל אַנדערע חלוצים, היט ער שבת, דאַוונט דריי מאָל אַ טאָג, לייגט תפילין... אין פרייע מינוטן קוקט ער שטענדיק אַריין אין אַ ספר, און כאָטש ער איז נישט קיין בעל־גמרא, ווייל ער האָט וויניק געלערנט, רייסנדיק זיך תמיד צו חלוצישער אַרבעט, האַלט ער אָפט, ווען ער איז פריי, אַ תנ״ך, אַן עין־יעקב, אַ מדרש, אַ מוסר־ספרל.

„נישט ווי דער ברודער״, — טראַכט די מוטער וועגן אים, — „גאַנץ ווייט פון וועלוולען... פון אים וועט שוין קיין למדן נישט אַרויסקומען, אָבער אַן אָרנטלעך קינד איז ער. ער זאָל נאָר דאָרט, ווייט פון דער היים, נישט קאַליע ווערן״.

ביי דער זייט פון דער מוטער זיצט איר צוואַנציק־יאָריקע טאָכטער, אַ סטודענטין, אין פאָטער איינגעגעבן. פאַרזאָרגט־פאַרטראַכטע אויגן, איידעלע שטריכן פון פנים, אַ סך געלערנט, וויניק גערעדט, שטאַרק איינגעעקשנט אינעם פאַרענדיקן דעם שטודיום. פאָטער און מוטער האָבן זי געוואָלט דערציען ווי אַ געוויינלעכע יידישע טאָכטער, געבן איר נדן, חתונה מאַכן פאַר אַ יונגן מאַן אַ תלמיד חכם. זי האָט אָבער אויסגעקליבן דעם וועג פון לאַנגן שטודירן, זיך פאַרקוקנדיק אויף אירע חברטעס, וואָס האָבן געלערנט, געענדיקט און באַקומען דיפּלאָמען. פון צייט צו צייט פלעגט זי זיך שטאַרק פאַרטראַכטן איבערן זין פון לעבן בכלל און איבערן זין פון איר אייגן לעבן באַזונדערס. צו וואָס, פלעגט זי טראַכטן, לעבט בכלל אַ מענטש אויף דער וועלט? צו וואָס לערנט זי אַליין אַן אויפהער, פאַרלירט כחות ניט וויסנדיק צו וואָס מען דאַרף עס האָבן? אומזיסט האָט זי געזוכט אַן ענטפער אין די אַלע ביכער, וואָס זי האָט געלעזן, אין די וויסנשאַפן, וואָס זי האָט שטודירט. ריידן רעדט מען דאָרט אַ סך, קיין ריכטיקן ענט־פער באַקומט מען אָבער נישט. האָט זי זיך שוין לאַנג געקליבן צו פאַר־פירן אַ שמועס מיט דעם פאָטער אירן, וואָס האָט, אַחוץ גמרא און פוסקים, געלערנט קבלה און חסידות און האָט אַליין אויך פיל געטראַכט וועגן די אייביקייט־פראַגן. דער פאָטער איז אָבער שטענדיק פאַרנומען מיט לערנען, דאַוונען און — פרנסה פאַר דער פאַמיליע.

זי האָט געפּרואווט טיילמאָל אָנקניפּן אַ שמועס מיטן פאָטער וועגן די הויכע, גאָר הויכע ענינים, איז פונעם שמועס ווייניק וואָס אַרויסגעקומען. זי האָט פאַרן פאָטער קיין שפּראַך ניט און דער פאָטער האָט פאַר איר קיין שפּראַך ניט. אמת, ר׳ אברהם איז נישט סתם אַ חסיד; ער האָט אויך וועלט־לעך וויסן, באַנוצט אַמאָל נייע אויסדרוקן... עפּעס האָט ער גערעדט וועגן „העלאת ניצוצין״, וועגן „בירורים״, וועגן „מלכין קדמאין דמיתו״, וועגן „תהו״ און וועגן „תיקון״. זי האָט פון דעם אַלעמען זייער ווייניק פאַרשטאַנען. געבליבן איז זי דעריבער ביי אירע ספיקות און ביי איר אומעט.

דאָס מאָל האָט זיך ביים טיש אָנגעקניפּט אַ שמועס וועגן דעם, וואָס אין וואַרשעווער ראַבינאַט קומען אָפטמאָל משומדים און בעטן דורכפירן אַלע נויטיקע פאָרמאַליטעטן אויף צו ווערן צוריק יידן.

וואָס טרייבט אָט די מענטשן, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט פון יידישקייט, צוריק צום מקור?

— איך בין דאָך אַ פּראָסטע יידענע, — האָט זיך אָפּגערופן שרה אסתר. — וואָס וויים אַזאַ יידענע ווי איך? איך האַלט אָבער, אַז יעדער איינער פון אָט די משומדים דערמאָנט זיך, אַז ער האָט געהאַט אַ יידישע מוטער, וואָס האָט אים מיט איר בלוט און טרערן געהאָדעוועט, נעכט ניט געשלאָפן, געהאַנגען איבער זיין וויגעלע, געוויינט, געיאָמערט, קברים איינגעריסן ווען ער האָט געפּאָקט, ווען ער האָט געמאָזלט. עס דערמאָנט זיך אַזאַ איינער וויפיל צרות זיין מאַמע איז פון אים אויסגעשטאַנען, מיט וואָס פאַר אַ יסורים מען האָט פאַר אים געשאַפן עסן, טרינקען, אַ בגד אָנצוטאָן, ווי שווער עס איז געווען צו צאָלן פאַר אים שכר־למוד, מיט וויפיל מי און מאַטערניש עס איז אָנגעקומען זיינע עלטערן צו באַפריי־דיקן אַלע זיינע הצטרכותן. ווען אַזאַ איינער דערמאָנט זיך אין דעם, קאָן ער שוין ניט איינזיצן רואיק. ער דערמאָנט זיך ווי זיין מאַמע האָט געבענטשט ליכט, ווי זיין מאַמע איז געלאָפן אין שול אַריין דאַוונען, ווי זיין מאַמע האָט אָנגעצונדן יום־כפור ליכט, ווי זיין מאַמע האָט אים געבענטשט און אים געוואונטשן, ער זאָל זיין אַן ערלעכער ייד, און זיין האַרץ ווערט צעבראָכן.

— ביסט גערעכט, שרה אסתר, — האָט ר׳ אברהם געענטפערט. — אוודאי העלפט דאָס. עס קערן זיך אָבער אום צום יידישקייט אויך אַזעלכע, וואָס זייערע עלטערן זיינען געווען אָן שבת און אָן יום־טוב, אָן טהרת משפחה און אָן כשרות, כמעט גויים גמורים. אויך זיי, קינדער פון אַזעלכע יידן, ציט צוריק. עס ציט זיי צוריק צום שורש...

— און איך זאָג, — פּרוּווט די סטודענטין אויך אַרויסזאָגן איר מיי־נונג, — איך זאָג אַז דאָ ווירקט דאָס געזעץ פון אַטאַוויזם.

איר ווייסט דאָך דעם טייטש דערפון, וואָס?

אַלע אייגנשאַפטן, סיי פיזיאָלאָגישע, סיי פּסיכישע, גייען איבער פון דור צו דור. דעם ייד ציט צו די אייגנשאַפטן פון זיינע פאָרגייער. עס ציט אים דעריבער אויך צו די גלויבונגען און פאָרשטעלונגען זייערע. די אייגנ־שאַפטן, וואָס ווערן איבערגעגעבן פון דור צו דור, זיינען פון דרויסן ניט קענטיק אין איין דור און גראָד אין אַ קומענדיקן דור ווייזן זיי זיך אַרויס. מען ירשנט ניט נאָר פון עלטערן, נאָר אויך פון עלטער־עלטערן, פון ווייטע דורות.

— דו וואָלסט זיין גערעכט, ענטפערט ר׳ אברהם, ווען דאָ וואָלט זיך האַנדלען וועגן אַ לייכטן קרבן. אָבער ניט ווען עס האַנדלט זיך וועגן איבער־אַנדערשן אַ לעבן, וועגן מקבל זיין אויף זיך יסורים באהבה. דו פאַרגעסט, גיטל, אַז ס׳זיינען דאָ צווישן די צוריקגעקערטע, וואָס זיינען שוין צענד־ליקער יאָרן געשמדט, מענטשן איינגעפונדעוועטע, באַפעסטיקטע. מיטן צוריקקערן פאַרלירן זיי זייער גאַנצע חשיבות אין דער געזעלשאַפט. קיין יידישע דערציאונג האָבן זיי ניט באַקומען, זייערע עלטערן זיינען געווען שטיקער גויים, און אָט האָט אין זיי מיט אַ מאָל אַ רעד געטאָן דער אלקי ישראל. זיי האָבן פאַרלאָזט אַלץ מיט אַן־אַנדער, כדי צו לעבן אין נויט און דחקות, אָן אַ פעסטער פּרנסה, אָן אַ מעמד, געדרודפטע צווישן גערודפטע. ווי פאַרשטייט מען דאָס?

דאָס, וואָס דו זאָגסט וועגן גייסטיקע אייגנשאַפטן, וואָס גייען אַריבער בירושה פון דור צו דור, איז ריכטיק. דו רעדסט וועגן אייגנשאַפטן, וואָס גייען איבער צו קינדער פון גאָר אַלטע דורות, אויסמיידנדיק די מיטן־דורות — ביסטו אויך גערעכט. אָט דאָס געזעץ איז שוין מיט הונדערטער יאָר צוריק באַוואוסט געווען דעם בעל הכוזרי. בנוגע יידישקייט באַ־דאַרף מען עס אָבער פאַרשטיין גאַנץ אַנדערש. דאָ גייען נישט אַריבער סתם „פּסיכישע אייגנשאַפטן״ און „נייגונגען״, ווי דו מיינסט. נאָר אַ הייליקער אוצר, וואָס איז אַריינגעגעבן געוואָרן אין אונדזערע נשמות, אַן אוצר, וואָס מען דאַרף און מען מוז מקריב זיין צוליב אים — ווען עס ווערט געפאָדערט — דאָס גאַנצע לעבן, ליידן די גרעסטע יסורים און ענויים אין דער וועלט.

דער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן אויף אַ ווײַלע. מ׳האָט גע־

שמועסט וועגן היימישע ענינים, ביז מען איז ווידער אַרויף אויף דער טעמע וועגן דעם טיפּ פון אַ פרייען יידן, וואָס טוט כל דבר אסור, נאָר אַז עס קומט צום רעכטן עיקר, ווען עס ווערט פון אים געפאָדערט צו ווערן אויס ייד לגמרי, איז ער גרייט זיין לעבן און פאַרמעגן מקריב צו זיין, אַבי נישט אָפּגעריסן צו ווערן לחלוטין.

ר׳ אברהם האָט דערציילט דאָס, וואָס ער האָט אַליין מיט זיינע אויגן געזען בשעת מען האָט אַרויסגעטריבן יידן פון מאָסקווע. אַ סך רייכע יידן, וואָס האָבן זיך געפירט ווי גויים גמורים, האָבן פאַרלאָזט אַלע זייערע עסקים און זיך געלאָזט — אַ טייל שטאַרק רואינירט און אַ טייל טאַקע פשוט בעירום ובחוסר כל — זיך וואַלגערן איבערן אַמאָליקן רוסישן תחום־המושב, אין דער צייט, וואָס זיי האָבן געקאָנט זייער לייכט פאַרבלייבן אין מאָסקווע און פירן ווייטער זייערע גרויסע עסקים, ווען זיי וואָלטן נאָר אַרויסבאַקומען געוויסע צעטלעך...

ווען ר׳ אברהם האָט פאַרענדיקט, האָט ער באַמערקט אַ לייכטע באַוועגונג ביים עק טיש. זיין יינגסטער זון, דער חלוץ, וויל עפּעס זאָגן, נאָר ער דערוועגט זיך נישט. ער האַלט זיך פאַר אַנ׳עם הארץ אַנטקעגן זיין טאַטן און זיין עלטערן ברודער. עס ווילט זיך אים אָבער עפּעס זאָגן, דרייט ער זיך אומרואיק אויפן שטול.

— איך זע, — רופט זיך ר׳ אברהם אָן, — איך זע אַז עס ווילט זיך דיר עפּעס זאָגן. עפּעס טראַכסטו אַנדערש וועגן דעם ענין, וואָס מיר שמועסן דאָ. זאָג, שעם זיך ניט...

— חלילה וחס, — רופט זיך פּנחס אָפּ, — ווי קום איך צו זאָגן אַנדערש? וואָס האָב איך דען געלערנט? וואָס ווייס איך? מיר דאַכט זיך, אָבער, אַז מען דאַרף די זאַך פאַרשטיין אַ סך פראָסטער. די אַלע משומדים, וואָס ווערן צוריק יידן, ווי אויך די מאָסקווער, וואָס זיינען רואינירט געוואָרן און האָבן ניט געוואָלט בייטן דאָס רענדל, פאַרמאָגן אין זיך דאָס פּינטעלע ייד. זיי האָבן אַ שטאַרק נאַציאָנאַל געפיל.

— דערין רעדסטו נאָך, מיין קינד, די ביכלעך און בראָשורן, וואָס דו לייענסט. ווייסטו וואָס איז אַזוינס פאָלק און מיט וואָס איז ישראל פאָלק און נאַציע? לאַנד און שפּראַך מאַכן נאָך ניט פון אַ סך איינצלנע מענטשן אַ פאָלק. אין איין לאַנד קאָנען וואוינען איבער הונדערט פאַרשידענע פעל־קער: גרויס־רוסן, קליין־רוסן, ווייס־רוסן, יידן, פּאָליאַקן, דייטשן, טאָ־טערן... מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער קאָנען ריידן איין שפּראַך. עס

זיינען דאָ, למשל, ענגליש־ריידנדיקע, וואָס געהערן צו פאַרשידענע אומות. דער נאַטירלעכסטער, וויכטיקסטער סימן איז — אָפּשטאַמונג. אָפּשטאַמונג אַליין מאַכט אָבער נאָך אויך ניט קיין פאָלק; רוסן און פּאָליאַקן, למשל, געהערן צו איין שטאַם (סלאַוון) און פאַרט זיינען זיי צוויי גאַנץ באַזונדערע פעלקער. וואָס עס מאַכט פון פאַרשידענע משפחות אַ פאָלק איז נאָר דאָס, וואָס איר רופט אָן קולטור פונעם פאָלק: שפּראַך, ליטעראַטור, מנהגים, דעות, כאַראַקטער, באַזונדערער קוק אויף דער וועלט. האָט טאַקע ר׳ סעדיה גאון געזאָגט אין זיין „האמונות הדעות״: „אין אומתנו אומה אלא בתורותיה״. דאָס יידישע פאָלק, צעזייט און צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט, אין פיל און פאַרשידנסטע לענדער, מיט פיל און פאַרשידנסטע שפּראַכן, איז נאָך מער ווי אַנדערע אומות אַ פאָלק נאָר מיט דעם, וואָס איר רופט אָן יידישע קולטור. איר קאָנט נישט זאָגן גענוי אין וואָס עס באַשטייט אָט די יידישע קולטור, און מיר זאָגן, אַז קיין אַנדער יידישע קולטור ווי די תורה פאַרמאָגן מיר ניט. אין מצרים זיינען יידן געווען אַ פאָלק, ווייל זיי האָבן דאָרט נישט משנה געווען זייער שפּראַך, זייערע נעמען וכו׳, ווי עס זאָגט דער בעל־הגדה: „ויהי שם לגוי מלמד שהיו ישראל מצוינים שם״ (יידן זיינען געווען אין מצרים אויסגעצייכנט, אָפּגעזונדערט, אָפּגעטיילט). אַן אמתדיק פאָלק זיינען זיי אָבער געוואָרן ערשט דאַן, ווען זיי האָבן מקבל געווען די תורה. ווי עס שטייט געשריבן: „היום הזה נהיית לעם לה׳ אלקיך״. יענע יידן אָבער, וואָס האָבן קיין תורה נישט געלערנט, קיינמאָל קיין תורה־לעבן נישט געפירט, און דערצו ס׳גאַנצע לעבן זייערס געלעבט צווישן גוים — פון וואַנען קומט צו זיי פאַרט דאָס מסירות־נפש פאַר יידישקייט? מיטן בלויזן אויסדרוק פינטעלע ייד און מיט בלויז „נאַציאָנאַל געפיל״ קאָן מען די זאַך נישט אויסטייטשן. די אמתע סיבה פון אָט דער גרייטקייט צו מסירת־נפש איז אַ שלא בערך העכערע, אַ שלא בערך טיפערע, ווי מען שטעלט זיך פאָר.

— וואָס איז עס פאַר אַ סיבה? — האָט פנחסל געוואָלט וויסן.

— זי איז גענוי דערקלערט אין תניא פרק י״ט. עס איז דאָ אַ באַהאַל־טענע ליבשאַפט צו השם יתברך אין יעדן איינציקן יידן, ווער און וואָס ער זאָל ניט זיין. אָט די באַהאַלטענע ליבשאַפט („אהבה מסותרת״) איז אַ סך מאָל דעם יידן אַליין ניט קלאָר. דער זינדיקער ייד ווייסט פון איר לגמרי ניט, ווייל זי איז ביי אים בבחינת שינה: זי איז איינגעשלאָפן ערגעץ טיף אין אים און ווערט ניט אויפגעוועקט. ווען עס קומט אָבער צו אַ נסיון אין עקרי האמונה, ווען עס ווערט פון אים, פונעם זינדיקן, געפאָדערט, ער זאָל בפירוש

לייקענען אין אלקי ישראל, ווערט אין אים אויפגעוועקט די באַהאַלטענע אהבה, ווי עס שטייט: „ווייקץ כישן ד׳״. די, וואָס שמדן זיך און האָבן דערויף חרטה, נאַרן זיך אָפּ בשעתן שמד. זיי מיינען, אַז צוליב פּרנסה מעג מען אַלץ, אָדער, אַז זיי וועלן באַלד צוריק ווערן יידן.*)

די באַהאַלטענע אהבה צו השם יתברך האָט יעדער איינציקער ייד בירושה פון די אָבות — אברהם, יצחק ויעקב — וואָס האָבן ממשיך געווען נפש, רוח ונשמה צו זייערע קינדער און קינדס קינדער ביזן סוף פון אַלע דורות, — האָט ר׳ אברהם גערעדט ווייטער. — מיט וואָס פאַר אַ כח און מיט וואָס פאַר אַ זכות האָבן זיי ממשיך געווען אַזאַ טייערע גאָב? „האבות הן הן המרכבה״. די אבות זיינען אַליין געווען די מרכבה צו אלקות. אברהם — צו דער מדה פון חסד. די מרכבה צו חסד איז ער, וואָס הייסט אַ „מרכבה״? אַ „מרכבה״ (רייטוואָגן) ווערט אינגאַנצן בטל צום „רוכב״ (רייטער). אברהם אבינו ע״ה האָט ניט נאָר געהאַט אין זיך די מדה פון חסד. ער האָט ניט נאָר געלעבט אין אָט דער מדה, — ער איז געווען אין גאַנצן בטל ומבוטל צו איר. דאָס זעלבע — יצחק צו גבורה, יעקב — צו תפארת. מיט אָט דעם כוח האָבן זיי צו אַלע יידישע דורות נאָך זיי ממשיך געווען נפש, רוח ונשמה פון די „עשר ספירות דקדושה״, וואָס זיינען דאָ אין די ארבע עולמות: אצילות, בריאה, יצירה, עשיה. זיי האָבן עס ממשיך געווען צו יעדן איינציקן יידן נאָך זיין מדרגה נאָך, אַפילו צום קל שבקלים און פושעי ישראל (תניא, פרק י״ח). אַפילו דער גרויסער זינדיקער, וואָס די קליפּות האָבן זיך איבער אים געשטאַרקט כל ימיו (ווי די חז״ל זאָגן: „רשעים ברשות לבם״), ווען ער קומט צו אַ נסיון אין דער אמונה, אין ד׳ אחד, וואָס זי קומט אַרויס פון „הררי קודש״, פון דער ח כ מ ה, וואָס געפינט זיך אין דער נפש אלקית און וואָס אין איר (אין אָט דער חכמה) איז מלובש דער אור אין סוף, ווערן אַלע קליפּות בטל ומבוטל. אַפילו ער ווערט, דעריבער, ממש נישט מיט נישט פאַרן אויבערשטן, ווי עס שטייט: „כל הגויים כאין נגדו״ און ווי עס שטייט: „כהמס דונג מפני אש יאבדו אויביך ד׳״ (ווי וואַקס צעגייט פאַר אַ פייער, אַזוי גייען פאַרלוירן דיינע פיינד, השם) און ווי עס שטייט: „הרים כדונג נמסו מלפני ד׳ מלפני אדון כל הארץ״ (בערג זיינען ווי וואַקס צעגאַנגען פאַר השם, דעם האַר פון גאַר דער וועלט).

אָט דאָס איז דער טייטש ייד, מיינע ליבע קינדער.

---

*) בימי הרב זצ״ל האָט אפילו אַ קל שבקלים ניט געוואָלט כופר זיין אפילו באמירה בעלמא, היינטיקע „קלים שבקלים״ מיינען אָבער, אַז זאָגן איז גאָרנישט...

## צווייטער שמועס — קליפּת־נוגה און די צוויי נפשות

די נפש־ספּערע איז אַ צווייאיקע. — ווען דער מענטש זאָל פאַרמאָגן נאָר אַ נפש אלקית וואָלט ער נישט געקענט זינדיקן. — די געטלעכע זעל און די נאַטור־זעל. — נאַטור־זעלן, וואָס שטאַמען פון קליפּת־נוגה. — גוטס געמישט מיט שלעכטס. — דאָס געראַנגל צווישן די צוויי נפשות. — דער ענין פון אתהפכא. — אומוואַנדלונג פון דער נפש־הטבעית.

יעדער פון די שמועסנדיקע איז אַוועק אין זיין ווינקעלע און זיך פאַר־טראַכט. ר׳ אברהם אַליין האָט גענומען מעיין זיין אין חסידות; וועלוול דער מתמיד האָט מהרהר געווען וועגן דעם ענין פון „אף על פי שחטא ישראל הוא״ און וועגן „פושעי ישראל מלאים מצוות כרמון״. דער יונגער חלוץ האָט פאַר זיך אָנגעהויבן רעווידירן זיינע השקפות אויף נאַציאָנאַליזם, וואָס ער האָט אויף באַרג גענומען פון פאַרשידענע בראָשורן און ביכלעך. מער פון אַלעמען האָט זיך פאַרטראַכט גיטל. דאָס, וואָס זי האָט געהערט פון איר טאַטן, איז געווען פאַר איר זייער ניי. עס האָט איר געאַרט דערביי אַ שטאַרקע קשיא:

אויב יעדער איינציקער ייד פאַרמאָגט אַזאַ ירושה, ווי אַזוי זינדיקט ער פאַרט? ווי אַזוי קאָן ער גאָר זינדיקן? יידישע יונגע לייט זיינען מחלל שבת, לייגן ניט קיין תפילין, טראָגן נישט קיין ציצית, רעדן געמיינע מיאוסע רייד, טוען אַלע גרויסע און קליינע עבירות. אויך די עלטערע יידן זיינען נישט אַלע אָפּגעהיט. איבערהויפּט איז מען אין מסחר גאָר נישט ערלעך. מען דרייט, מען שווינדלט, מען זאָגט ליגנס. עס זיינען דאָ אויך אַזעלכע, וואָס מסרן איינע די צווייטע. מען האָט פיינט איינע די צווייטע, מען שטעלט אונטער אַ פיסל און מען איז צופרידן, ווען דעם צווייטן גייט נישט גוט... ווי זשע קומט דאָס אַלץ צו די קינדער פון אברהם, יצחק ויעקב, וואָס וועגן זיי האָט דער פאָטער געזאָגט, אַז זיי זיינען „מרכבות״ און אַז זיי האָבן ממשיך געווען זייערע גרונט־אייגנשאַפטן צו אַלע יידישע דורות נאָך זיי? וואו זעט מען דאָ דעם דאָזיקן סאָרט אַטאַוויזם, דעם מיסטישן?

מען זאָגט שטענדיק: אַ מענטש האָט אַ יצר הרע... מען איז דאָך

נישט מער ווי אַ בשר ודם... דאָס גופא איז דאָך, אָבער, גאָר נישט באַגרייפלעך: פון וואַנען קומט ער, דער יצר הרע? פון וואַנען קומט ער איבערהויפּט צו אַ יידן, צו דעם, וואָס זיינע עלטערן זיינען געווען, ווי דער טאַטע האָט דערקלערט על פי „תניא", אַן אייביקע מרכבה צו געטלעכקייט, אַזוי, אַז נישט נאָר אין זייערע נשמות, נאָר אויך אין זייערע גלידער האָט געטלעכקייט גערוט? און טאַקע דאָס גופא איז אַ קשיא: אַט די, וואָס רייסן איין וועלטן אויף צו ווערן צוריק יידן, — פאַרוואָס האָבן זיי גאָר מתחלה אויפגעגעבן זייער יידישקייט? וואו האָבן זיי גאָר מתחלה אַהינגעטאָן דעם גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב, וואָס האָט געלעבט אין זייערע נשמות? ווי האָבן זיי גאָר מתחלה געלאָזט זיך אָפּנאַרן? וואו איז דאַן אַהינגעקומען די „חכמת אלקית שבנפש", וואָס בערג פון זינד צעגייען פאַר איר ווי וואַקס?

גיטל האָט צו קיין טאָלק נישט געקאָנט קומען. איז ביי איר געבליבן: איבעראַכטאָג, ווען דער טאַטע וועט זיך זעצן צום טיש און וועט אַראָפּוואַרפן פון זיך די וואָך־דאגות, וועט זי אים פרעגן.

מיט אומגעדולד האָט גיטל געוואַרט אויפן קומענדיקן שבת. זי האָט זיך דערוואַרט.

ווי דער פאָטער האָט אָפּגעזונגען דעם „אסדר לסעודתא", האָט זי באַמערקט אַ רואיקן, אויפגעלייגטן מאָמענט ביי אים און זי האָט אים געפרעגט איר קשיא.

— אויף דיין קשיא, — האָט איר ר' אברהם געענטפערט, — איז גאָר־נישט אַזוי לייכט צו געפינען דעם ריכטיקן תירוץ. נאָר עס איז דאָ אַ שיינע מעשה, ווי אַזוי דער אַלטער רבי זצ"ל, דער בעל התניא, האָט אַמאָל, זייענדיק ביים מעזריטשער מגיד, איבערגעלעבט אַ שרעקלעכן עגמת־נפש. ער האָט געוואוינט ביי אַן אָרעמער אלמנה, וואָס האָט געהאַט אַן איינציקן זון, אַ וואויל־לערנער און אַ ירא שמים. איז אין אים אַריין אַ רוח אחרת, ר"ל, און ער איז געלאָפן אין אַ מאָנאַסטיר זיך שמדן. די מוטער האָט גענומען ברעכן די הענט, יאָמערן און קלאָגן. האָט איר דער אַלטער רבי געעצהט אַרויפצוגיין צום מגיד און אים דערציילן וועגן דעם פינצטערן אומגליק אירן. ווען דער מגיד האָט דאָס דערהערט, איז ער פאַרציטערט געוואָרן. ער האָט גענומען לויפן איבער אַלע חדרים הין און צוריק, שרייענדיק אויפן קול די ווערטער פונעם זוהר הקדוש אויפן פּסוק „ונפש כי תחטא": וויי, וויי געשריען! גוואַלד! ווי קומט גאָר אַ נשמה צו זינדיקן?

„ושמעה קול אלה״. זי האָט דאָך נאָך געהערט די שבועה, וואָס מען האָט זי באַשוואָרן ביים אַראָפּנידערן אויף דער ערד: „תהא צדיק ואל תהא רשע״, והוא עד — און ער אַליין — השם יתברך — איז דאָך אַן עדות, היינט ווי קאָן גאָר דער מענטש זינדיקן?

די ווערטער פונעם מגיד זיינען געזאָגט געוואָרן מיט גרויס אימה און גרויס מרירות און זיי האָבן געפּועלט איבער יעדן מרחק און איבער יעדער מחיצה. זיי האָבן אַריינגעבראַכט געוואַלדיקע הרהורי־תשובה אינעם פאַר־פירטן יונגן מאַן. ער האָט דערפילט, אַז ער מוז אַנטלויפן אפילו ווען עס וועט אים קאָסטן דאָס לעבן.

געווען איז עס אין מיטן נאַכט. די טירן פון זיין צעל זיינען ניט געווען פאַרשלאָסן, די טויערן פון מאָנאַסטיר זיינען אָבער געווען פעסט פאַרהאַקט און אַרומגעצוימט איז ער געווען מיט אַ הויכער מויער. האָט זיך דער יונגער מאַן אַרויפגעדראַפּעט אויפן שפּיץ און איז פון אים אַראָפּגע־שפּרונגען. וועט ער לעבן — וועט ער מתקן זיין זיין חטא, וועט ער גע־הרגעט ווערן — טאָ זאָל זיין טויט זיין אַ כפרה. האָט אים דער אויבערשטער זיין הילף צוגעשיקט: אַ שטאַרקער ווינט האָט אים פונעם מויער אַראָפּ־געטראָגן און אים צו זיין מוטערס הויז צוגעפירט.*)

פאַר אונדז איז דאָ וויכטיק די שטעל פון זוהר. די קשיא בלייבט דאָך אַ קשיא: פאַרוואָס זינדיקט פאָרט דער מענטש?

דער ענטפער דערויף איז געגעבן געוואָרן אין רבי חיים וויטאַלס „שער הקדושה״ און דער גאַנצער ענין איז ברייט און טיף אַרומגערעדט געוואָרן אין „תניא״ פרק ב׳ און אין אַנדערע פרקים דאָרט.

ווען דער מענטש וואָלט אין זיך פאַרמאָגט נאָר איין נפש — די נפש אלקית, וואָלט ער טאַקע ניט געקאָנט זינדיקן! דער מענטש פאַרמאָגט אָבער אין זיך צוויי נפשות: אַ נפש הטבעית און אַ נפש אלקית.

דאָ ווערט נאָך ניט גערעדט וועגן די ג א ר הויכע ספערן פון דעם מענטשנס אינערלעכקייט, ווי „רוח״, „נשמה״, „חיה״, ״יחידה״, נאָר וועגן דער ספערע, וואָס הייסט „נפש״. ווילן די מקובלים האָבן, אַז אויך אָט די נ י ד ע ר י ק ע ספערע, די זעלישע, וועגן וועלכער אַלעריידן, איז באמת ניט איינע, נאָר צוויי ספערן. נפש הטבעית (אָדער נפש הבהמית), איז די נאַ־

*) די זעלביקע מעשה, דערציילט אַביסל אַנדערש און מיט מער גענויקייט — אינעם פרק וועגן מעזריטשער מגיד (זע די ביאָגראַפיע פונעם רב).

טירלעכע אָדער בהמישע זעל, די זעל וואָס יעדער בעל חי פאַרמאָגט אין זיך, און „נפש אלקית" איז די געטלעכע זעל.

די נאַטירלעכע זעל רוט אין דעם מענטשנס בלוט און איז אָפּהענגיק פון מענטשנס פיזישן לעבן. די געטלעכע זעל אָבער רוט נאָר אין מענטשנס גייסט. די נאַטירלעכע זעל איז צונויפגעוואַקסן מיטן קערפּער און איז איינגעוואָרצלט אין אַלע געוויינלעכע לעבנס־פּראָצעסן. לויט איר אָפּשטאַם, נייגונגען, סימפּאַטיעס, איז זי דורכאויס ערדיש. דערביי איז זי גאָרניט, ווי עס מיינען אַ סך, נאָר נידעריק, שלעכט און זינדיק. אדרבה, זי קאָן אין זיך האָבן אויך גוטע און שיינע אייגנשאַפטן: אַ סך ליבע, פריינטשאַפט, רחמנות וכדומה. עס זיינען דאָ בפירוש פינצטערע און שלעכטע זעלן, וואָס שטאַמען, לויט דער קבלה, פון די שלש קליפות הטמאות (דריי אומריינע ספערן): רוח סערה, ענן גדול ואש מתלקחת (שטורם־ווינט, גרויסער וואָלקן און בראַנדפייער). עס זיינען אָבער דאָ אויך אַזעלכע נאַטירלעכע זעלן, וואָס שטאַמען פון קליפת נוגה. וואָס איז קליפת נוגה? נאָכדעם ווי יחזקאל האָט אויסגערעכנט די דריי אומריינע ספערן: „רוח סערה, ענן גדול ואש מתלקחת", האָט ער דערמאָנט: „ונגה לו סביב". אָט די קליפה, ווי עס ווייזט שוין איר נאָמען „נוגה" (שיין), האָט אין זיך אי גוטס אי שלעכטס, — „טוב מעורב ברע". די נפשות, וואָס קומען פון נוגה, קאָנען אין זיך האָבן פיינע מדות, און דעריבער פאַרמאָגט אין זיך יעדער ייד — לויטן תניא — איינגעבוירענע רחמנות, שטרעבונג צו גמילות חסדים, וכדומה. מען איז אָבער מיטן גוטן אין זיי ניט זיכער; עס קאָן קומען דאָס שלעכטע און פאַרווישן דאָס גוטע. עס קומען תאוות: גאוה, כעס, וכדומה, און פאַר־טונקלען די ליכטיקע שיין.

אַנדערש איז מיט דער נפש אלקית, וואָס איז דאָ אינעם מענטשן. די נפש אלקית וועט שוין פונעם גוטן, פון רעכטן וועג קיינמאָל נישט אָוועקגיין, וועט זיך שוין פון קיין זאַך אין דער וועלט נישט לאָזן פאַרפירן. זי איז לויט איר טיפסטן מהות ריינע געטלעכקייט, היינט ווי אַזוי קאָן זי זינדיקן?

אָט דער קוק פון די מקובלים, ווי ער איז באַזונדערס פאַרברייטערט און פאַרטיפט געוואָרן דורכן אַלטן רבין זצ״ל אין „תניא", שטימט באמת מיט דעם איינפאַכן און קלאָרן זין פון דער תורה. פון איין זייט זעט מען אין דער תורה דאָס, וואָס מ׳וואָלט היינט גערופן „מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג" פון „נפש". „כי הדם הוא הנפש", „נפש כל בשר בדמו הוא". פון דער צווייטער זייט זעט מען אָבער, אַז די תורה שטיצט אַלע אירע מצוות אויף דעם „כי בצלם אלקים עשה את האדם". וואָס־זשע מיינט מען מיט דעם צלם אלקים?

מיינט מען דערמיט די אויסערלעכע געשטאַלט פון מענטשן? באַטראַכט דען די תורה די געטלעכקייט ווי אַ געשטאַלט? וואו איז דער „לא ראיתם כל תמונה״? (איר האָט קיין געשטאַלט נישט געזען). צלם איז אָבער דאָס געטלעכע אינעם מענטשן (זע די ערשטע פרקים אין „מורה״, זע אויך „דרך אמונה״ פונם „צמח צדק״ זצ״ל אויפן וואָרט „צלם״). די תורה רעדט, הייסט עס, וועגן צוויי נפשות: איינע, וואָס איז אַ ריין אָרגאַנישע, אַ וועגעטאַטיווע און אַנימאַלישע, וואָס לעבט אינעם מענטשנס בלוט, אין זיין טעמפעראַמענט, און אַ צווייטע, וואָס איז אַ ריין געטלעכע, רוט אינעם מענטשנס העכערע מדות („עשר ספירות הנפש: ג׳ שכליים ושבע מדות״), לייטערט אים, רייניקט און הייליקט זיין בלוט, הויבט אים העכער און העכער און פירט אים צום אין־סוף.

נו, קומט פאַר אַן אייביק געראַנגל צווישן אָט די צוויי נפשות. דאָס איז נישט נאָר דאָס, וואָס מען רופט קאַמף צווישן דעם אָרגאַנישן און דעם געטלעכן. די ריין־אָרגאַנישע זעל קאָן אויך פאַרמאָגן אין זיך פיל גוטס, דאָך קעמפט מיט איר די געטלעכע זעל אָן אַן אויפהער. פאַרוואָס? ווייל די „נפש אלקית״ שטרעבט צו פאַרוואַנדלען דאָס בלוט — אין מוח, מוח — אין שכל, שכל — אין געטלעכקייט. זי דערגרייכט איר גאָר לעצטן ציל ניט דאַן, ווען זי איז מנצח דעם יצר הרע („אתכפיא״), נאָר ווען זי איז אים אינגאַנצן מסלק („לבי חלל בקרבי — שהרגו דוד ליצר הרע בתענית״), ווען זי פאַרוואַנדלט דעם גאַנצן דם הגוף מיט דער נפש הטבעית צוזאַמען אין „מהות נשמה עליונה״ („אתהפכא״), אין פולער הייליקער גייסטיקייט...*).

*) פאַרגל. אויבן דאָס קאַפּיטל וועגן „תניא״.

# דריטער שמועס — וואָס איז יצר־הרע?

וואָס איז יצר־הרע? — צוויי שיטות אין דעם ענין פון יצר־הרע און יצר־טוב. — די שיטה פון דעם „תניא“. — ווי קאָן מען דינען גאָט מיטן יצר־הרע, אויב דער יצר־הרע איז כולו שלעכטס? — אַ טייל גוטע מידות, וואָס קומען פון דער נפש הטבעית. — אויסברייטערונג פון דעם באַגריף סיטרא אחרא. — סיטרא אחרא לויטן „תניא“. — וואָס ר׳ הלל פאַריטשער האָט געזאָגט וועגן דעם ענין. — מ׳דאַרף אַ היפש ביסל האָרעווען ביז מען ווערט אַ פּראָסטער „בינוני“. „האָדיע צדיק! גענוג כאָטש בינוני“... — צוויי משלים. — די דערלויבטקייטן (דברים המותרים), וואָס גייען אַרויס פון די דרויסנדיקע היכלות און טרעטן אַריין אין דער קדושה.

וועלוועלע מתמיד איז אַוועק פון טיש אַ צערודערטער. די מוטער מיט דער שוועסטער און יינגערן ברודער האָבן דעם שמועס וועגן די צוויי נפשות אינעם מענטש אָנגענומען אָן קשיות. וועלוועלען האָבן דאָ אָבער געאַרט עטלעכע זאַכן. ער האָט ניט געקאָנט צוזאַמענברענגען דאָס, וואָס ער האָט אָקאָרשט געהערט פון פאָטער בשם „התניא“, און דאָס, וואָס ער האָט געלערנט אין דער גמרא און אין מוסר־ספרים וועגן יצר־הרע און יצר־טוב. לויט ווי ער, וועלוועלע, פאַרשטייט וואָס ער האָט געלערנט, איז דער יצר־הרע דורך און דורך שלעכטס. זיבן נעמען האָט דער יצר־הרע: איין נביא האָט אים גערופן „מכשול“, אַ צווייטער האָט אים גערופן „צפוני“, און אַזוי כסדר. נישט קיין אַנדערער ווי דער אויבערשטער אַליין האָט אים גערופן „רע“ (כי יצר לב האדם רע מנעוריו), און ווען דער, וואָס האָט דעם יצר־הרע געשאַפן, רופט אים אָן „רע“, וואָס פאַר אַ גוטס קען זיך שוין אין אים געפינען? דער טאַטע זאָגט, אַז אויך די מדות טובות, וואָס אַ ייד האָט בטבע, ווי רחמנות און גמילות־חסדים, אײדער זיי ווערן ביי אים איבערגעאַרבעט פון דער נפש אלקית, קומען פון דער „נפש הטבעית“. וואָס איז זי אָבער, אָט די „נפש הטבעית“? איז זי עפּעס אַנדערש פון „יצר־הרע“?

וועלוועלע האָט אַליין גענומען דעם „תניא“ און האָט מעיין געווען אין אַלע ערטער פונעם ספר, וואו עס רעדט זיך וועגן דער „נפש הטבעית“. האָט ער דערזען, אַז „נפש הטבעית“ און „יצר הרע“ זיינען פאַרט איינס און דאָס זעלבע... עס שטייט דאָך דאָרט בפירוש, אַז די „נפש הטבעית“ איז זיך

„מתלבש בדם שבלב האָדם שבחלל השמאלי״, און אַז אַלע מדות רעות קומען פון איר. היינט פון וואַנען קאָנען קומען מדות רעות, אויב ניט פון יצר־הרע?

וועלוועלע האָט אין דער ישיבה געלערנט נאָר גמרא. אין אַנדערע ספרים, אויסער מפרשי הגמרא און ספרי פלפול, האָט ער קיין צייט ניט געהאַט מעיין צו זיין. דער מנהל פון דער ישיבה האָט אים געזאָגט: אין דער גמרא איז דאָ אַלץ: אי תורה, אי חכמה, אי מוסר, אי חסידות, אי קבלה. און דער מנהל איז גערעכט. פעלט עפּעס אין דער גמרא? וואָס מער ער, וועלוועלע, האָט געלערנט גמרא, אַלץ מער האָט ער איינגעזען, אַז דער מנהל איז גע־רעכט. דאָס, וואָס עס שטייט אין פּרקי אבות: „הפך בה והפך בה דכולא בה, ובה תחזי וסיב ובלה מינה, ודע לך שאין מדה טובה הימנה״ (קער און קער נאָר אין איר, וואָרעם אַלץ איז אין איר, און אין איר וועסטו אַלץ דערזען, און גרוי און אַלט זאָלסטו ווערן נאָר פון איר, און וויסן זאָלסטו, אַז קיין בעסערע מדה פון איר האָסטו נישט), גייט געוויס נאָר אויף דער גמרא. אַי פאַרוואָס געפינען זיך מענטשן וואָס לערנען אויך אַנדערע ספרים, ווי מדרשים, זוהר, ספרי מוסר, חסידות וכו׳ און זיי שעפּן פון יענע ספרים גרויס חיות? איז עס דערפאַר, מן הסתם, וואָס עס פעלט זיי די נויטיקע התמדה, אָדער די נויטיקע העמקה, אין דער גמרא. ער, וועלוועלע, גע־פינט, ברוך השם, אַלץ אין דער גמרא און נויטיקט זיך ניט אין עפּעס אַנדערש, ווי הייליק און גרויס עס זאָל ניט זיין.

אַרן אַרט אים אַפילו, וועלוועלען, וואָס דער מנהל אַליין באַנוגנט זיך אויך ניט מיט דער גמרא אַליין. אָט פירט ער דאָך מיט די תלמידי הישיבה איין מאָל אין דער וואָך (און ווען ניט — איז אויך צוויי מאָל און דריי מאָל) מוסר־שמועסן. אין אלול־טעג — איבער אַ טאָג, אין ימים־נוראים — טאָג־טעגלעך. מען הייסט אויך לערנען אין דער ישיבה, אַ האַלבע צי אַ גאַנצע שעה אין טאָג, מוסר־ספרים: מסילת ישרים, שערי תשובה לרבנו יונה, וכדומה. מען הייסט לערנען „אגרת המוסר״ פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער. ער, וועלוועלע, האָט טאַקע זייער ליב צו לערנען „אגרת המוסר״, ער שפּירט אין איר אַ טעם ווי אין אַ שאַרפן תוספות פון „תגרי לוד״, צי אין אַ סוגיא פון „מיפק והזמה״. מסתמא איז עס אָבער אַלץ פאַר די, וואָס זיינען נאָך ניט דערגאַנגען צו דער מדרגה פון שעפּן אַלדאָס בעסטע פון דער גמראָ אַליין.

וועלוועלע, כאָטש ער מיינט, אַז ער איז אַ גאַנצער למדן, איז ער נאָך אויך צו אַזאַ מדרגה ניט דערגאַנגען. מוז ער דעריבער הערן שעורים אין מוסר און מוז לערנען „מסילת־ישרים״ צי „שערי־תשובה״. היינט פאַר

וואָס ניט לערנען אויך מדרש און זוהר און כוזרי — און טאַקע אויך „תניא״, וואָס איז, ווי דער טאַטע זאָגט תמיד, דער גרעסטער אור, וואָס איז נתגלה געוואָרן אין די צייטן פון „עקבתא דמשיחא״? ער, וועלוועלע, געדענקט אָבער דעם מאמר: „המהרהר אחרי רבו כמהרהר אחרי השכינה״. טוט ער דאָס, וואָס מען האָט אים געהייסן, און טראַכט ניט איבער.

איצט מוז ער אָבער פּאַרט מעיין זיין אין „תניא״. ער איז אַ בחור וואָס האָט פיינט זיך אָפּצונאַרן. אַזוי ווי ער וויל זיך ניט נאַרן אין אַ האַרבער סוגיא פון ש״ס, אַזוי וויל ער זיך אויך ניט נאַרן אין דעם ענין פון די צוויי נפשות, וואָס דער טאַטע האָט דערפון גערעדט. דערמאָנט ער זיך דאָ, אַז רבי ישראל סאַלאַנטער אין זיין „אגרת המוסר״ זאָגט, אַז ס׳זיינען דאָ צוויי שיטות אין דעם ענין פון יצר הרע און יצר טוב. איין שיטה האַלט, אַז דער גוף פונעם מענטשן מיט אַלע זיינע חושים, כוחות, תאוות און מדות — דאָס איז אייגנטלעך דער יצר הרע, און דער געטלעכער שכל, וואָס איז אַריינגעגעבן געוואָרן אינעם מענטשן, אָדער די נשמה, דאָס איז דער יצר טוב. אַ צווייטע שיטה איז, אַז דער יצר הרע איז אַ באַזונ־דערער כוח, אַ בייזער גייסט, אַ מלאך רע, וואָס איז אַריינגעגעבן געוואָרן אינעם מענטשן אָנצורייזן אים צום בייזן, דערוועקן אין אים אַלע תאוות, פאַרפירן און פאַרפינצטערן אים, שטויסן אים אין אַלע שערי טומאה און אים מאַכן ירשנען דעם גיהנם. דער יצר טוב, ווידער, איז אַ באַזונדערער מלאך טוב, וואָס איז אַריינגעגעבן אינעם מענטשן אים אָפּצוהיטן פון אַלעם בייזן, ניט צו דערלאָזן אים פאָלגן דעם יצר הרע, דורכלויכטן אים מיט דעם ליכט פון דער תורה, אים אָפּראַטעווען מדינה של גהינם, אויפהויבן און לייטערן אין קדושה וטהרה, טראָגן אים, איבער אַלע מכשולים און איינריידענישן פון דער וועלט, צו זיין שטול אין גן־עדן.

די שיטה פונעם „תניא״ זעט אים, וועלוועלען, אויס „לא כהני תנאי ולא כהני תנאי״. אין פלוג איז די שיטה פון „תניא״ נאָענט צו דער ערשטער שיטה, וואָס ר׳ ישראל סאַלאַנטער זצ״ל דערמאָנט. רעדט דאָך אָבער דער „תניא״ ניט וועגן דעם גוף אַליין, נאָר וועגן אַ נפש, וואָס איז זיך „מתלבש בדם האדם״. הייסט עס דאָך: עפּעס, וואָס ווערט אַריינגעגעבן אינעם גוף. איז עס שוין ווידער ענלעך צו דער צווייטער שיטה, — וועגן אַ מלאך רע, וואָס ווערט אַריינגעגעבן אינעם מענטשן. מען קאָן אָבער ווידער ניט ריידן וועגן אַ ספּעציעלן מלאך רע, וואָס ווערט אַריינגעגעבן אינעם מענטשן וויבאַלד דער „תניא״ זאָגט, אַז אַ טייל מדות טובות, וואָס זיינען דאָ אין אַ יידן בטבע, קומען אויך פון דער נפש הטבעית...

בשעת װעלװועלע האָט געלערנט אין דער ישיבה האָט ער קיין צייט ניט געהאַט מעיין צו זיין אין אַזעלכע ענינים. פאַר אים איז גענוג געװען צו װיסן, אַז מען דאַרף אַנטלױפן פון יצר הרע װי פון פייער. מסתמא איז ער, דער יצר הרע, אַזױ שלעכט, אַז קיין ערגערס פון אים איז נישטאָ, װי עס שטייט אין „חובת הלבבות״ (פון צייט צו צייט פלעגט מען אין מוסר־שעהן לערנען אין דער ישיבה, „חובת הלבבות״) ; „ודע כי שונאך היותר גדול הוא יצרך המעורב במזג רוחך, וכו׳, ואתה ישן והוא ער לך, לבש לו את בגדיו החמודות, וכו׳״, און די גמרא זאָגט דאָך בפירוש, אַז דער יצר הרע איז איינער פון די דריי, װאָס ער אַליין, דער בורא כביכול, האָט חרטה װאָס ער האָט זיי באַשאַפן. איצט, װען ער איז געקומען אַהיים אָפּצורוען זיך און ער האָט אַביסל צייט צו כאַפּן אַ שמועס מיטן טאַטן, איצט, װען ער האָט זיך אַריינגעטראַכט אין אַלעם דעם, װאָס ער האָט געהערט פון טאַטן װעגן צװיי נפשות, און האָט אויך מעיין געװען אין „תניא״, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אייגנטלעך איז דאָך דאָ אַ בפירושער מאמר : „בכל לבבך — בשני יצריך : ביצר טוב וביצר רע״. אויב אָבער דער יצר־הרע איז, װידער, װי ער האָט אַלע מאָל געמיינט, נאָר „רע גמור ומוחלט״, דורכאויס שלעכטס, פון װעלכן עס קאָן גאָר קיין גוטס ניט אַרויסקומען, — װי אַזױ זשע קאָן מען מיט אים גאָט דינען ? איז דאָך שוין װידער דער „תניא״ גערעכט. װי זשע קריכט מען דאָ אַרויס פון פּלאָנטער ? מען קאָן מיטן יצר הרע אויך גאָט דינען — און דאָך רופט אים דער אויבערשטער אַליין אָן „רע״ און איז „מתחרט עליו שבראו״, האָט חרטה װאָס ער האָט אים באַשאַפן !

װאָס מער װעלװועלע האָט געטראַכט װעגן דעם ענין, אַלץ מער האָט ער זיך פאַרדרייט און אַלץ פעסטער איז געבליבן ביי אים צו ברענגען זיינע ספיקות פאַרן טאַטן. ער װייסט דאָך, אַז זיין פאָטער איז יונגערהייט געפאָרן קיין ליובאַװיטש און איז דאָרט געװען פאַררעכנט צװישן די משכילים אין חסידות. איצט איז ער פאַרטאָן אין מסחר ; ער פאַרפעלט אָבער אויך איצט ניט צו לערנען אַ פרק „תניא״ יעדן טאָג, און „לקוטי תורה״, „תורה אור״ — יעדן שבת. ער דאַװנט אין ליובאַװיטשער שטיבל און איז דאָרט שטאַרק חשוב פאַר זיין חסידות, יראת שמים און למדנות. ער, װעלװועלע, װעט זיך דעריבער װענדן צו אים מיט זיינע ספיקות.

איינמאָל, װען ר׳ אברהם איז געװען אַביסל מער אויפגעלייגט נאָכן אָפּלערנען אַ פרק „תניא״, איז װעלװועלע צו אים צוגעקומען און אים געשטעלט זיינע פראַגן.

ר׳ אברהם האָט זיך אַ װיילע פאַרטראַכט און דערנאָך האָט ער געזאָגט :

— דו נעמסט דעם ענין פון „יצר הרע״ און „נפש הטבעית״, ווי אויך דעם ענין פון „יצר טוב״ און „נפש האלקית״, צו גשמיותדיק, דרויסנ־דיק, און ממילא — אָן „עומק השגה״ נאָר „בבחינת מקיף דמקיף״. ממילא פאַרשטייסטו נישט די מדרגות, וואָס זיינען דאָ סיי אין טוב, סיי אין רע. דו מיינסט, אַז „רע״ איז נאָר דאָרט, וואו ס׳איז דאָ אַ גראָבע, פינצטערע טומאה, קאָנסטו נישט משיג זיין, ווי אַזוי קאָן די „נפש הטבעית״, וואָס איז דאָ אין יעדן יידן, די נפש הטבעית, וואָס קומט ביי אים פון קליפת נוגה, אויך האָבן אין זיך גוטע מידות בתולדה (פון געבורט אָן). דו קאָנסט ניט פאַרשטיין ווי אַזוי „נפש״ קאָן אין זיך אויך האָבן שלעכטע מדות און זיך שטאַרק פאַרזינדיקן פאַרן רבונו של עולם.

בעצם איז אָבער די זאַך גאַנץ אַנדערש. „רע״ איז ניט דווקא בלויז דאָרט, וואו ס׳איז פינצטערע טומאה, וואָס קאָן קיין תיקון ניט האָבן... יעדע איינציקע זאַך, אַפילו יעדע מינדסטע קליינינקייט, אין וועלכער ס׳איז גאָר ניטאָ קיין איסור און קיין טומאה, נאָר זי איז נישט צו גאָט, ניט „לד׳ ולתורתו״, הייסט עס שוין „רע״ — שלעכטס.

אַזוי, — האָט ר׳ אברהם גערעדט ווייטער, — שטייט בפירוש אין זעקסטן פרק פון „תניא״: „ופירוש סטרא אחרא — צד אחר שאינו צד הקדושה״, און פריער דאָרט: „והן הן כל המעשים אשר נעשים תחת השמש אשר הכל הבל ורעות רוח כמ״ש בזוהר בשלח, שהן תבירין דרוחא וכו׳, וכן כל הדבורים וכל המחשבות אשר לא לד׳ המה ולרצונו ולעבודתו״. הער זיך גוט איין! דאָ רעדט זיך וועגן אַלץ וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט, וועגן אַלעם דעם, וואָס מענטשן טראַכטן. אויב ס׳איז נאָר ניט „לד׳ לרצונו ולעבודתו״, מעג אַפילו אין דעם ניט שטעקן קיין שום באַזונדערער איסור, אָדער טומאה, הייסט עס אַלץ — סטרא אחרא.

— און וואָס איז טוב? — האָט וועלוועלע אַ פרעג געטאָן.

— טוב איז ניט עפּעס אַנדערש ווי דאָס, וואָס איז אינגאַנצן בטל ומבוטל צום אייבערשטן, צו זיין רצון, וואָס איז נתגלה געוואָרן אין דער תורה הקדושה, און צו עבודת השם. ווי עס שטייט דאָרט ווייטער אין „תניא״: „יצר הקדושה אינו אלא השראה מקדושתו של קב״ה ואין הקב״ה שורה אלא על דבר, שבטל אצלו ית׳, בין בפועל ממש כמלאכים עליונים, בין בכח בכל איש ישראל, שבכחו להיות בטל ממש להקב״ה״ (צד הקדושה איז ניט אַנ־דערש ווי דאָס, וואָס הקדוש ברוך הוא רוט אויף דעם, און הקדוש ברוך הוא רוט נאָר אויף דאָס, וואָס ווערט בטל צו אים בפועל ממש, ד״ה צו יעדער צייט, אין יעדן אויגנבליק, אָדער בכוח (אין מעגלעכקייט) ביי איטלעכן

יידן, ווייל ער האָט שטענדיק די מעגלעכקייט בטל צו ווערן פאַר הקדוש ברוך הוא.)

ר׳ אברהם דער חב״דניק האָט דאָ שאַרף אָנגעקוקט זיין זון דעם למדן.

— פאַרטיף זיך גוט אין אָט די ווערטער! מיין ניט, אַז דו פאַרשטייסט זיי שוין. באַדאַרפסט וויסן, אַז אַזאַ גרויסער צדיק און מעמיק אין קבלה און חסידות, ווי רבי הלל פאַריטשער זצ״ל, האָט געזאָגט, אַז אָט די ווערטער פון „תניא״ האָבן אינגאַנצן איבערגעבראָכן און איבערגעאַנדערש זיין מהות. רבי הלל פאַריטשער איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטעלע כאָלמעטש (מינסקער גובערניע), וואָס יידן פלעגן רופן חיימעטש. איז אַמאָל דער מיטעלער רבי זצ״ל דורכגעפאָרן אָט דאָס שטעטעלע און האָט דאָרט דערזען רבי הללן, אַ תלמיד פון רבי אברהם דוב פון אַווורוטש זצ״ל, וואָס האָט מחבר געווען דעם ספר „בת־עין״, אַ גרויסער קדוש. ר׳ אברהם דוב האָט די וואָכעדיגקייט פון חוץ־לארץ ניט געקאָנט אַריבערטראָגן און ער איז מיט מסירות־נפש אָפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל, איבערלאָזנדיק אַ סך חסידים. פון חב״ד האָט ר׳ הלל ווייניק געוואוסט. ווען דער מיטעלער רבי האָט אים דערזען האָט ער צו אים אַ זאָג געטאָן: „מי שאמר לשמן וידליק, הוא יאמר לחיימיטש וידליק״... פון דאַן אָן האָט רבי הלל אָנגעהויבן אַזוי ברענען אין חב״ד, אַז ער האָט נאָר אין חב״ד געלעבט און געאָטעמט און איז געוואָרן איינע פון די שטאַרקסטע חב״ד־זיילן. ווען רבי הלל איז אַריין אין די טיפקייטן פון חב״ד האָט ער געזאָגט: „איידער איך האָב געלערנט „תניא״, האָב איך געמיינט, אַז סטרא אחרא איז ווער ווייסט וואָס פאַר אַ פינצטערע טומאה; אַזוי ווי איך בין דאָך, ב״ה, זייער ווייט פון אָט דער גראָבער פינצטערער טומאה, בין איך דאָך שוין אַן ערלעכער ייד, און אַזוי ווי איך בין זיך מתנהג בדרכי החסידות בין איך אַ חסיד... נו, און אַז אַן ערלעכער ייד בין איך און אַ חסיד בין איך, וועל איך מיר אַ ביסל צוהאָרעווען און ווערן אַ צדיק אויך. אַז איך האָב אָבער אָנגעהויבן צו לערנען „תניא״, האָב איך דערזען, אַז אַפילו ווען מען טראַכט איין מחשבה ניט „לד׳, לרצונו ולעבודתו״, ווערט מען אַ לבוש צו סטרא אחרא ח״ו... האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף אַ היבש ביסל פאַרשוויצט ווערן און האָרעווען, ביז כ׳וועל ווערן אַ פּראָסטער בינוני, אַ מיטעלער״...

עס ווערט אויך וועגן אים דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל געזאָגט: „יונגערהייט האָב איך געלערנט מיט אַ חבר אַ גאַנצע וואָך נגלה, און ווי עס

פלעגט קומען שבת־קודש — פלעגן מיר זיך אָנטאָן אין טליתים, פאַר־שליסן זיך אין אַ חדר און לערנען קבלה. מיר האָבן געמיינט, אַז מיר זיינען פאַרטיקע צדיקים. ווען מיר האָבן אָבער אָנגעהויבן לערנען „תניא״, האָבן מיר דערזען, אַז מיר זיינען נאָך קיין בינונים אויך ניט, האָבן מיר אויסגעטאָן די טליתים און געעפנט דאָס יחידות־שטיבל. האַדיע (געגנוג צדיק! הלוואי כאָטש בינוני״...

אויב אָבער אַפילו אַ מחשבה, וואָס איז ניט „לד׳, לרצונו ולעבודתו״ איז „רע״ און „סטרא אחרא״, איז דאָך — „לא שבקת חיי לכל בריה״. ווי איז דאָס מעגלעך ביים דורכשניט־מענטשן, און אפילו ביים גרויסן ערלעכן יידן, ער זאָל גאָרניט טאָן קיין שום מעשי־רשות און זאָל קיינמאָל ניט אַ טראַכט־טאָן אַ מחשבת־רשות? ווי אַזוי קאָן מען טאַקע צוקומען צו דער מדרגה פון אַ בינוני, צו וועלכער יעדער ייד קאָן, לויטן „תניא״ צוקומען? — דאַרף מען וויסן, אַז זאַכן, וואָס זיינען ניט אסור על פי התורה, נאָר זיי זיינען אויך ניט נתקדש געוואָרן בקדושת המקום, זיינען ביי דער סטרא אחרא נאָר „בבחינת גלות ושביה״ (בסוד „גלות השכינה״), אָבער ווי נאָר מען איז אָט די זעלבע זאַכן מעלה, מ׳דערהויבט זיי, גייען זיי אַרויס פון אָט דער געפאַנגענשאַפט און פון אָט דעם גלות. וואָרעם וויבאַלד עס איז קיין איסור אין די דערמאָנטע זאַכן ניטאָ, גייען זיי אַריין אין „היכלות החצוניים דסטרא אחרא״ און „קליפת נוגה״ און מיט דעם כח התורה גייען זיי פון דאָרט אַרויס, ווערן דורגעלייטערט, דורכגעלויכטן און ווערן נכלל אין דער קדושה.

ר׳ אברהם דער חב״דניק האָט עס זיין זון דעם למדן מסביר געווען מיט אַ משל.

איינער עסט, למשל, כשר׳ע זאַכן, עסט זיך סתם אַזוי. ער עסט ניט קיין אַכילה גסה, ער פרעסט ניט, ער האָט אָבער אויך ניט די כוונה „כדי שיהיה הגוף בריא וחזק״, וכו׳ (כדי דער קערפּער זאָל געזונט און שטאַרק זיין צום אויבערשטנס דינסט). אַ פשיטא שוין, אַז ער האָט ניט אין זינען די העכערע „כוונת האכילה״ לויט קבלת האר״י... ער עסט פשוט ווייל עס ווילט זיך אים עסן. כל זמן ער בלייבט ביי אָט דער אכילה, בלייבט עס ערגעץ וואו שטעקן אין חצוניות העולם, אין דער דרויסנדיקייט פון דער וועלט, ווייל עס איז ניט „לד׳, לרצונו ולעבודתו״. ווען מען נעמט אָבער לערנען מיטן כח פון אָט דער אכילה, און דאָס לערנען איז לשמה, — ווערט די אכילה,

*) די דרויסנדיקע היכלות פון דער טומאה.

אָדער דאָס ביסל בלוט, וואָס קומט צו דורך דער אֲכילה, נכלל אין דער קדושה. נאָך אַ משל: אַ מענטש רעדט אין געשעפט און טוט אין געשעפט. ער רעדט ניט קיין דבורים האסורים, ווי לשון הרע, רכילות, נבול פה, ליצנות, וכו׳, אויך ניט קיין פוסטע דבורים אין דער וועלט אַריין, נאָר, דהיינו, ווי אַזוי אויסצובעסערן דאָס געשעפט, פאַרקלענערן די הוצאה און פאַרגרעסערן די הכנסה. כל זמן מען מיינט מיט אָט די דבורים נאָר געשעפט — אַפילו ערלעך געשעפט, אָן שקרים און אָן שווינדל — זיינען אָט די דבורים נאָר אין „היכלות דנוגה״. ווען מען האָט אָבער די כוונה ביי אָט די דיבורים, אָדער אַפילו נאָך זיי, מקיים צו זיין דעם „עושה צדקה בכל עת — זה המפרנס אשתו ובניו״, מגדל צו זיין קינדער לתלמוד תורה און קיום המצוות און געבן צדקה עד החומש ווי דער דין איז און אַפילו מער ווי מען איז ביכולת, אויב דעם אָרעמאַן פעלט הכרחיות (זע „אגרת הקודש״: אהובי אַחי ורעי וכו׳), גייען אָט די אַלע דבורים המותרים*) אַרויס פון די היכלות החיצונים און ווערן נתגלה און נכלל אין קדושה.

דאָס איז אַלץ גערעדט געוואָרן ביי „דברים המותרים״. „מותר״ איז טייטש: אָפּגעבונדן, פריי, אַ זאַך, וואָס קאָן אויסגעלייטערט און אויפגעהויבן ווערן. פאַרבאָטנקייטן, דברים האסורים, קאָנען אָבער קיינמאָל ניט נתעלה ווערן. „אסור״ איז טייטש: פאַרקניפּט, אין קייטן געבונדן ביי דער „סטרא אחרא״. ווען איינער עסט, למשל, דברים האסורים און דערנאָך לערנט ער תורה מיט אָט דעם כח האֲכילה, מעג עס זיין אַפילו תורה לשמה, קאָן אָט דער כח ניט נתעלה ווערן אין קדושה. דאָס קאָן אַפילו הייסן: „ולרשע אָמר אלקים, מה לך לספר חוקי״... דברים האסורים קאָנען באַקומען אַ תיקון נאָר דורך „יסורים ובטושים״, ווען מען איז זיי מקבל באהבה, אָדער דורך גרויס תשובה, ווי דער אַלטער רבי זצ״ל לערנט אין „אגרת התשובה״ און דער מיטעלער רבי זצ״ל אין „שערי התשובה״.

הכלל, מיין זון, לויטן „תניא״, לויט חב״ד בכלל, איז אַפילו דאָס, וואָס איז מותר, וואָס איז דערלויבט, נאָר עס ווערט נישט געטראַכט, אָדער געטאָן, פון גאָט וועגן, כדי מקיים צו זיין די העכערע געבאָטן, — אָט דאָס אַלץ איז חיצוניות, דרויסנדיקייט, עפּעס, וואָס איז אויסער דער קדושה, עפּעס, וואָס איז געפאַנגען ביים שלעכטן און איז אין גלות ביי דער קליפּה.

---

*) דערלויבטע רייד.

# פערטער שמועס — סיטרא אחרא און סיטרא דקדושה

ר׳ ישראל סאַלאַנטערס זאָג: חסידות פאַרדעקט און מוסר רוימט־אויס. — איז עס אמת? — אויף רחמנות איז, לויטן תניא, נמשך פון קליפת־נוגה. — ווי זאָל מען דאָס פאַרשטיין? — די דעות פון דעם „תניא" וועגן סיטרא אחרא און סיטרא דקדושה האָבן זייער יסוד אין דער שיטה פונם בעש״ט. — וואָס איז עבודה זרה? — דער באַגריף פון „עבודה זרה בטהרה". — אַ לובאַוויטשער מילתא דבדיחותא, וואָס איז מסביר דעם ענין. — „די סיטרא אחרא איז דער מענטש אַליין אין די בינונים". — הארת־פנים און הסתרת־פנים. — ווי אַזוי דאָס גוטע אין „נוגה" קאָן דורך הייליקן דעת פאַרוואַנדלט ווערן אין אַבסאָלוטן גוטס. — דער צמח צדק פרעגט ביי זיין זיידן, דעם „תניא": וואָס איז חסידות? — דעם רבס ענטפער. — חבד״ער חסידות וויל איבערשאַפן דעם מענטש דורך אָפּשאַפן נאַטור. — מ׳דאַרף זיך אויפהייבן אפילו איבער דעם גוטן עלעמענט אין „נוגה". — דער באַזונדערער דרך פון חב״ד.

ווען וועלוועלע איז געבליבן אַליין, נאָכן שמועס מיטן פאָטער, האָט ער געמאַכט אַ חשבון הנפש. ער האָט כל ימיו געלערנט מיט התמדה און איז געווען אַ בורח מן העבירה. ער איז פרום געווען בטבע. דער חדר, וואו ער האָט געלערנט, די גוטע חברים זיינע מיטן מלמד, אַ גרויסער למדן און ירא שמים, די השגחה פון פרומע עלטערן, די ליטווישע ישיבה, פון וועלכער ער איז אָט ערשט געקומען, וואו ער האָט געלערנט דריי יאָר מיט גרויס חשק און זיך דאָרט אָנגעהערט אַזוי פיל מוסר — דאָס אַלץ האָט פאַר־שטאַרקט זיין איינגעבוירענע פרומקייט. געמיינט האָט ער דעריבער, אַז ער איז שוין פאַרטיק מיט אַלץ.

ער ווייסט, אמת, אַז אַ מענטש טאָר זיך ניט האַלטן פאַר אַ צדיק, ווייל „אין אדם צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא" (עס איז גאָר נישטאָ קיין צדיק אויף דער ערד, וואָס זאָל אייביק נאָר גוטס טאָן און קיינמאָל נישט זינדיקן). עס שטייט: „ואפילו העולם כולו אומרים לך צדיק אתה, היה בעיניך כרשע" (ווען אַפילו די גאַנצע וועלט וועט אויף דיר זאָגן: ביסט אַ צדיק — זאָלסטו אין דיינע אויגן אויסזען ווי דו וואָלסט געווען אַ רשע). ער ווייס, אַז אַפילו דער אדון הנביאים איז נכשל געוואָרן אין מי מריבה און איז דערפאַר נענש געוואָרן, ער זאָל נישט אַריינקומען קיין ארץ־ישראל און אַהין ניט אַריינפירן זיין פאָלק, וואָס פאַר אים האָט ער זיך אַזוי פיל מוסר נפש געווען; ער ווייס, אַז אַ ייד טאָר זיך ניט גרויס האַלטן מיט דעם, וואָס ער

האָט אַ סך געלערנט, ווייל עס שטייט: „אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך, כי לכך נוצרת״ (ווען דו האָסט תורה געלערנט זאָלסטו ניט מיינען אַז עס קומט דיר אַ דאַנק פאַר דעם, מחמת צוליב דעם ביסטו באַשאַפן געוואָרן). ער טאָר זיך אויך ניט גרויס האַלטן מיט דעם, וואָס ער איז מקיים מצוות, ווייל דער קיום פון מצוות איז דאָך דער ערשטער הייליקסטער חוב פון יעדן יידן. און דערצו — „מי יאמר זכיתי לבבי, טהרתי מחטאתי״. ווער קאָן עס זאָגן: איך האָב מיין האַרץ קלאָר געמאַכט, בין פון מיין זינד ריין געוואָרן? מיט וואָס קאָן זיך בכלל גרויסן דער מענטש, דער עפר ואפר?

דערצו האָט וועלוועלע געלערנט די גמרא סוטה, וואו עס רעדט זיך אַזוי פיל וועגן דעם גרויסן איסור פון גאוה. רבי שמעון בן יוחאי זאָגט דאָרט, אַז גאוה איז אַזוי האַרב ווי עבודה זרה. עס ווערט דאָרט אויך געזאָגט, אַז אַ בעל־גאוה איז ווערט, מען זאָל אים אונטערהאַקן ווי אַן אשרה. און האָט, ער, וועלוועלע, פאַרגעסן, חלילה, אַלץ וואָס עס רעדט זיך וועגן דער שעד־לעכקייט און שאַנד פון גאוה אין „חובת הלבבות״, אין „ארחות צדיקים״, אין „מסילת ישרים״, אין אַלע ספרי מוסר?

וואָס זאָל ער אָבער טאָן, אַז ער זעט אין זיך פאָרט ניט קיין עבירות? ער ווייסט, אַז ער לערנט אַ סך, דאַוונט אַ סך, היט אָפּ די מחשבה, רעדט ניט קיין דבור אסור, איז מקיים אַלץ, וואָס ס׳שטייט אין שולחן ערוך און טוט נאָך אַ סך זאַכן לפנים משורת הדין צוליב וואָס ער קאָן הייסן אַמאָל אויך חסיד. זאָל ער זיך אַליין איינשמועסן: ניין, איך בין יאָ זינדיק, איך טו יאָ עבירות? הייסט דאָס אויך ניט — שקר? הייסט עס ניט צביעות? הייסט עס ניט געמאַכטע עניוות?

איצט, נאָכן שמועס מיטן טאַטן, זעט ער, אַז ער דאַרף נאָך גאָר אַ סך האָרעווען, ניט אויף צו ווערן אַ בעל מדרגה, נאָר אויף צו ווערן אַ בינוני, אויף צו ווערן אַ פּראָסטער ערלעכער ייד. ווייל ניט נאָר ווען מען טוט בפירוש אַן עבירה, נאָר אויך ווען מען טוט אַ דערלויבטע זאַך, אַ דבר המותר, אויב עס איז ניט „לד׳, לרצונו ולעבודתו״, ווערט מען שוין בשעת מעשה אַ מרכבה צו דער סטרא אחרא, און נאָר מיט אַרבעט אין קדושה ציט מען אַרויס דאָס אָפּגעטאָנענע, צי דאָס אָפּגעטראַכטע, פון די פינצטערע מקומות, השם יצילנו. ווער ווייסט אָבער, צי איז עס אַזוי? אפשר איז עס נאָר אַן אָפּשרעקעניש פונעם בעל התניא, צו דערווייטערן אַ יידן פון יעדער מינדסטער מעגלעכקייט צו זינדיקן... אפשר איז עס אַ דעת יחיד פונעם בעל התניא און ניט קיין דעה פון אַנדערע גדולי־התורה?

וואָרום צוריק גערעדט, אויב עס איז טאַקע אַזוי בפועל ממש, איז דאָך ניט נאָר ער, וועלוועלע, גאַנץ ווייט פון צו זיין אַ בינוני, נאָר אַפילו דער מנהל פון דער ישיבה, און דער ראש־ישיבה און אַלע גאונים וגדולים, פון וועלכע ער האָט געהערט, זיינען נאָך ווייט פון צו זיין אַפילו בינונים. אָבער וואָס קאָן שוין זיין הייליקער, ריינער, בעסער פון זיי? זיי זיינען דאָך אמת׳ע צדיקים.

ער, וועלוועלע, געדענקט אויסגעצייכנט דעם „קדש עצמך במותר לך״, וואָס עס הייסט, אַז אַפילו אין זאַכן, וואָס זיינען כשר, דאַרף מען שטאַרק אָפּגעהיט זיין, פּורש זיין פון זיי ווי ווייט מען איז ביכולת, און דאָס, וואָס מען געברויכט אַפילו, באַנוצן נאָר באימה וביראה, כדי מען זאָל חלילה ניט נכשל ווערן אין אַ דבר איסור; ער ווייסט אויך, אַז לויטן רמ״בן איז דער „קדש עצמך במותר לך״ אַ בפירושע מצוות־עשה אין דער תורה: „קדושים תהיו״... ער ווייס אויך די רייד פון רמ״בן אין פרשת קדושים, אַז ווען מען וואָלט דערלויבט איינעם צו טאָן אַלץ, וואָס זיין האַרץ גלוסט, אויב נאָר דאָס איז כשר און מותר על פי דין, דהיינו, עסן אָן מאָס, טרינקען אָן מאָס און נאָכגעבן אַלע זיינע דערלויבטע תאוות, וואָלט ער געווען „אַ נבל ברשות התורה״. איז דאָך דאָס אַלץ גערעדט געוואָרן וועגן איבערכאַפּן די מאָס, פרעסן, זויפן, נאָכגעבן תאוות, אָדער אַפילו באַנוצן דאָס נויטיקסטע אויף אַ גראָבן, געמיינעם אופן. דאָס איז, אָבער, נישט שייך דאָ, ווען מען באַנוצט דאָס נויטיקסטע און אומפאַרמיידלעכסטע אין אָט די דברים המותרים און דערביי אויף אַ שיינעם, איידעלן שטייגער. לויטן „תניא״ קומט דאָך אָבער אויס, אַז ווען איינער זאָל זיך אַפילו פירן אַזוי ווי עס שטייט אין פרקי אבות: „כך דרכה של תורה: פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן וחיי צער תחיה״ (אַזוי איז דער וועג פון דער תורה: ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן און וואַסער מיט אַ מאָס זאָלסטו טרינקען און אויף דער ערד זאָלסטו שלאָפן און אַ פּיינלעך לעבן זאָלסטו לעבן), נאָר עסן זאָל ער סתם אַזוי, ווייל עס ווילט זיך אים, און טרינקען זאָל ער אויך סתם אַזוי, ווייל עס ווילט זיך אים טרינקען, — איז ער שוין בשעת מעשה נכלל אין קליפּת נוגה און ממילא אויך אין סטרא אחרא, ווען ער לערנט דערמיט און דאַווענט דערמיט. מוז מען דאָך צו יעדער איינציקער מינוט שטיין ווי אַ זעלנער אויף דער וואַך, ניט פאַרגעסן אַפילו קיין איין רגע אָן „רצון ד׳ ועבודתו״. און אויב יאָ אָפּגעטאָן אַ דבר מותר אָן דער געהעריקער כוונה, וואָס שנעלער מעלה זיין, מתקן זיין. אויב, ווידער, מען איז נכשל געוואָרן אין אַ דבר איסור, אַפילו אין אַן איסור קל מדברי סופרים, דאַרף מען שוין תשובה טאָן אויף

דעם בכל חומר הדין. איז אָבער מעגלעך פאַר אַ בשר ודם, מעג ער אַפילו זיין ווי פרום בטבע און ווי אָפּגעהיט, אַזוי שטרענג צו לעבן, אַזוי צו ציטערן איבער איטלעכער זאַך?

וועלוועלע האָט זיך דערמאָנט דאָס, וואָס ער האָט געהערט, ווען ער האָט געלערנט אין דער ישיבה, אַז רבי ישראל סאַלאַנטער זצ״ל זאָל האָבן געזאָגט: „חסידות פאַרדעקט און מוסר רוימט אויס". דאָס זאָל הייסן, אַז חסידות איז מסלק דאָס שלעכטע נאָר פונעם שטח, אָבער אינערלעך בלייבט עס, אין דער צייט, וואָס מוסר רייסט אויס דעם רע מיטן וואָרצל. ווי ער זעט איצט, האָט רבי ישראל גאַרניט געקאָנט זאָגן אַזוינס, סיידן ער, ר' ישראל, האָט דעם „תניא" קיינמאָל ניט געזען, אָדער, אויב ער האָט אים יאָ געזען, אין אים טיף ניט מעיין געווען. ווי ער, וועלוועלע, זעט, איז חסידות גאָר אַ סך האַרבער פון מוסר און רוימט אויס דער רע שאַרפער און גרינטלעכער פונעם מוסר. אַזוי, אַז מען קאָן זאָגן, אַז חסידות הויבט ערשט אָן דאָרט, וואו מוסר האָט שוין געענדיקט.

וועגן דעם אַלעמען דאַרף מען נאָך זיך דורכשמועסן מיטן טאַטן. דאַכט זיך, אַז אַזאַ לעבן ווי עס פאָדערט דער „תניא", דאַרף אַריינפירן אין עצבות, אין מרה שחורה. ס'איז דאָך כמעט אוממעגלעך צו לעבן טאָג ווי נאַכט אין „מחשבות אלקות". און — אַ שטיק פלא! אין דער זעלבער צייט הייסט דער „תניא" דאָך לעבן נאָר בשמחה, דינען דעם אויבערשטן מיט פרייד, „בגילה ורנן", „שמחה כפולה ומכופלת"...

דער ענין פון „ טוב ורע" איז אים, וועלוועלען, נאָך אויך ניט אינ־גאַנצן קלאָר. כאָטש דער פאָטער האָט אים געענטפערט אויף זיין עיקר קשיא: ווי אַזוי קאָנען קומען אויך מדות טובות פון דער נפש הטבעית? דער תמצית פונעם טאַטנס תירוץ איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ס'זיינען דאָ אַ סך מדרגות אין „רע": פאַראַן „רע" אין נפש, וואָס קומט פון די „שלוש קליפות הטמאות", און פאַראַן „רע", וואָס קומט פון קליפת נוגה. ס'זיינען דאָ צווישן אָט די צוויי מינים פון „רע" אַ סך צווישן־שטופן. אַזוי, אַז עס זיינען אַפילו פאַראַן שטופן פון רע, וואָס זיינען גאָר, גאָר נאָענט צו טוב, און קאָנען אַפילו אויסזען אינגאַנצן ווי טוב, און דאָך געהערן זיי צום „רע", אין בעסטן פאַל — צום „טוב שבנוגה", ווייל טוב גמור איז נאָר דאָס, וואָס ווערט אינגאַנצן נכלל און אויפגעלייזט אין דער קדושה.

אים, וועלוועלען, איז עס אָבער נאָך אַלץ שווער תופס צו זיין. אָט שטייט בפירוש אין „תניא" פרק א', אַז אַפילו „מדות טובות שיש בכל נפש מישראל, כגון רחמנות, גמשכות ממנה"; קומט דאָך אויס, אַז ווען

אַ ייד זעט אַ הונגעריקן, קריגט אויף אים רחמנות, ברענגט אים צו זיך אין שטוב, גיט אים עסן און טרינקען, און דערצו נאָך אַ שיינע נדבה, זאָל עס אויך גאָר קומען נאָר פון דער „נפש הטבעית״, ניט פון דער „נפש האלקית״.

דער ייד האָט דאָך אָבער פאַרט געטאָן אַ דבר טוב, האָט פאַרט מקיים געווען די מצוה פון צדקה און די מצוה פון הכנסת אורחים, כאָטש ער האָט גאָר ניט געהאַט אין זין מקיים צו זיין אַ מצוה, נאָר עס איז אין אים דערוועקט געוואָרן דאָס נאַטירלעכע רחמנות-געפיל.

אין אַזעלכע מחשבות האָט וועלוועלע אָפּגעלעבט עטלעכע טעג. ווי דאָס פריערדיקע מאָל, אַזוי האָט ער אויך דאָס מאָל צוגעהיט אַ פּאַסיקע מינוט. ער האָט באַמערקט ווי דער פאָטער האָט געדאַווענט מיט אַ באַזונדערער כוונה און דערנאָך געלערנט אַ פּרק „תניא״ מיט אַ באַזונדערער פאַרטיפונג (ר׳ אברהם פלעגט לערנען זיין פּרק „תניא״ אַמאָל פאַרן דאַווענען, אַמאָל נאָכן דאַווענען), איז ער צו אים צוגעקומען און מיט אים פאַרפירט ווידער אַ שמועס וועגן „נפש הטבעית״ און „נפש האלקית״ — און מענין לענין האָט ער דעם פאָטער אויסגעפרעגט וועגן אַלע ענינים, וואָס באַאומרואיקן אים.

עס געפעלט מיר, מיין קינד, — האָט אים ר׳ אברהם געענטפערט, — וואָס דו ווילסט זיך ניט לאָזן נאַרן. דו וועסט זיין אַ גוטער חב״דניק. דו ווייסט דאָך, אַז חב״ד איז ראשי תיבות: חכמה, בינה, דעת. דאָרט וואו עס איז דאָ אי חכמה, אי בינה, אי דעת, קאָן קיין שום אָרט ניט זיין פאַר אָפּנאַרעריי. אונדזערע רביים, זצ״ל, און אַלע אונדזערע גדולי החסידים פלעגן איבערהויפּט מזהיר זיין יעדן יונגן מאַן, וואָס טרעט אַריין אין עבודת השם, ער זאָל ניט זיין געגנאַרט ביי זיך אויף קיין איין האָר. איין גרויסער רבי האָט געזאָגט: „לא תונו איש את עמיתו״ — איר זאָלט ניט אָפּנאַרן איינער דעם צווייטן; אַ חסיד דאַרף אָבער טאָן לפנים משורת הדין, ער טאָר זיך אַליין אויך ניט אָפּנאַרן. און אַ צווייטער גרויסער רבי האָט געזאָגט: „לא תונו איש את עמיתו״ — דער „עין״ פון „עמיתו״ קאָן אויך געלייענט ווערן ווי אַלף — את אמתו: קיינער פון אייך זאָל זיין אייגענעם אמת ניט אָפּנאַרן... וואָרום אינעם אמת גופא זיינען פאַראַן זייער אַ סך מדרגות, און ביז וואַנען מען קומט צו צו דער נקודת האמת, צום סאַמע לעצטן פונקט פון „אמת לאמתו״, דאַרט געניטונג אויס דער מח. פרייט מיר דעריבער וואָס דו בלייבסט נישט שווימען איבערן שטח, נאָר דו ווילסט דווקא צוקומען צום תוך. „חכם בני וישמח לבי גם אני״. האָסט אָבער אַ טעות, ווען דו מיינסט, אַז די דעה פונעם אַלטן רבין זצ״ל וועגן „סטרא אחרא״ און „סטרא דקדושה״ איז אַ דעת

יחיד. באמת איז אָט די דעה אַ יסוד היסודות אין דער שיטה פון בעש״ט. דער בעש״ט פלעגט שטענדיק זאָגן: „כי לא מחשבותי מחשבותיכם ולא דרכיכם דרכי״ — ווי נאָר „לא מחשבותי מחשבותיכם״, ווען איר האָט נאָר איין מחשבה, וואָס איז ניט וועגן מיר, איז שוין „ולא דרכיכם — דרכי״, קערט איר שוין אָפּ פון מיינע וועגן. טראַכט זיך איין אין אָט די ווערטער פונעם בעש״ט, ועסטו דערזען, אַז אין דעם ליגט שוין דאָס, וואָס דער אַלטער רבי האָט געזאָגט, דהיינו, אַז יעדע זאַך, יעדע מחשבה, יעדער דבור און יעדע טואונג, וואָס איז ניט „לד׳, לרצונו ולעבודתו״, געהערט ממילא צו דער „סטרא אחרא״. דו האָסט אַ גרויסן טעות, ווען דו מיינסט, אַז אין אָט די ווערטער איז דאָ „הפלגת החסידות״, בכדי „להרחיק אדם מן העבירה״, און ס׳איז ניט קיין דבר שוה לכל נפש, ווייל באמת שטייט עס אין דער תורה לויטן פירוש פון ספרי און ענלעך צו דעם — אין רש״י פרשת עקב (דברים י״א ט״ז): וסרתם — לפרוש מן התורה, ומתוך כך — ועבדתם אלהים אחרים, שכיון שאדם פורש מן התורה הולך ומדבק בעבודת כוכבים״. דער אַלטער רבי האָט נאָר פאַרברייטערט און פאַרטיפט דאָס, וואָס איז מפורש אין ספרי און פלעגט אָפט געהערט ווערן פונעם בעש״ט. און די העמקה אין אָט דעם ענין איז זייער נויטיק, ווייל אין פשטות איז עס גאָר ניט צו באַגרייפן, ווי אַזוי מיט איין אָפּקער פונעם אויבערשטן דינט מען שוין עבודה־זרה. לויטן ברייטן און טיפן הסבר פונעם אַלטן רבין זצ״ל אין „תניא״ איז עס אָבער באַגרייפלעך. וואָס איז דען עבודה זרה? עבודה צו פרעמדע כחות, גראָבע, פינצטערע, עבודה צו כחות הטומאה ר״ל. פאַראַן, אָבער, מער איידעלע עבודה זרה. עבודה זרה, פאַר וועלכער מען ווערט ניט נענש, ווי פאַר אָפּענעם דינסט צו די כחות הטומאה. דאָך הייסט עס אויך „עבודה זרה״ (ווי: „כל הכועס כאילו עובד עבודה זרה״). און פאַראַן אַ גאָר איידעלע עבודה־זרה, אַזוי ווייט איידל, אַז זי הייסט „עבודה זרה בטהרה״ (ישראל שבחוץ לארץ עובדי עבודה זרה בטהרה הם), דאָך איז עס אויך עבודה זרה, ווי רש״י זאָגט אויפן אָרט. און היות ווי יעדע מחשבה, יעדער דבור און טואונג, וואָס איז ניט „לד׳, לרצונו ולעבודתו״ געהערט צו סטרא אחרא, ווייל דער רוח הקדושה רוט נאָר אויף יעדער זאַך, יעדער אינעווייניקסטער און אויסנווייניקסטער באַוועגונג, וואָס ווערט בטל בתכלית הבטול צו דער געטלעכקייט, איז שוין קלאָר פאַר אונדז די באַהויפּטונג פונעם „ספרי״: „שכיוון שאדם פורש מן התורה הולך ומתדבק בעבודה זרה״. איך וועל דיר באַווייזן נאָך עפּעס אין אָט דעם ענין. בכדי דיך ניט אַריינברענגען אין עצבות און מרה שחורה (ווייל עצבות ווערט אויך נמשך פון סטרא אחרא, וואַרום ביי קדושה שטייט:

„עוז וחדוה במקומו" — „תניא"), וועל איך דיר דערציילן אַ מילתא דבדיחותא. אין אייערע ישיבות האַלט מען ניט פון אַ וויץ, פון אַ גלייכווערטל, פון אַ פריילעכן איינפאַל; מיר, חסידים, האַלטן אָבער יאָ דערפון, ווי רבה פלעגט זאָגן אַ מילתא דבדיחותא אידער ער פלעגט אָנהויבן לערנען אַ הלכה (זע שבת ל׳ ע"ב, און זע אויך „תניא" פרק י"ב, ווי אַזוי די מלתא דבדיחותא אַליין ווערט נתעלה און נכלל אין קדושה, ווען זי ברענגט צו הרחבת הלב בעתן לערנען). איך האָב איין מאָל, בעת איך בין געפאָרן קיין ליובאַוויטש, געהערט, ווי אַן עלטערער חסיד חוזקט גוט־ברודעריש פון אַ יינגערן חסיד, וואָס האָט פאַר אים געזאָגט עפּעס אַ דבר־שטות:

— דו הערסט שטענדיק ווי מען זאָגט אַלץ: אַ נאַר, אַ נאַר.... מיינסטו, אַז אַ נאַר איז עפּעס אַ בריה משונה, מיט הערנער... אין דער אמתן ביסטו טאַקע אַליין, דו אַליין בכבודך ועצמך — אַ נאַר...

דו מיינסט אויך, קינד מיינס, אַז „סטרא אחרא" איז עפּעס אַ שרעקלעכע חיה, וואָס איז ווייט פון מיר און פון דיר און פון אונדז אַלעמען... האָסט שוין אַפילו גוט דורכגעטראַכט דאָס, וואָס דער „תניא" שרייבט אין פרק ו׳; דו ווייסט אָבער נאָך אַלץ ניט, אַז ניט נאָר אַלע מחשבות, דבורים און מעשים אונדזערע, וואָס זיינען ניט „לד׳, לרצונו ולעבודתו", געהערן צו דער סטרא אחרא, כל זמן זיי ווערן ניט אַרויסגעצויגן פון קליפּת־נוגה און ווערן ניט נתעלה און נכלל אין קדושה, נאָר די גאַנצע וועלט, וואָס מיר לעבן און אָטעמען אין איר אין אונדזער וואָכעדיקן, טאָג־טעגלעכן לעבן, ובתוך זה טאַקע אויך איך און דו און מיר אַלע, כל זמן זי, די וועלט, און מיר אין איר ווערט ניט „דבוק בחיי החיים, אור אין סוף ב"ה"*), איז די סטרא אחרא... פאַרשטייט זיך: ניט די סטרא אחרא, וואָס האָט זייער שווער אַן עליה און אַ תיקון, נאָר די קליפּת נוגה, וואָס קאָן יאָ האָבן אַן עליה און אַ תיקון, אָבער כל זמן אָט די עליה און אָט דער תיקון זענען ניטאָ, איז זי משוקע אין דעם „לעומת זה" — פאַרטאָן און איינגעזונקען אין דער קעגן־זייט...

עס שטייט מפורש אין „תניא" פרק כ"ט: „הסטרא אחרא היא האדם עצמו בבינונים, שנפש החיונית המחיה את הגוף היא בתקפה כתולדתא בלבו. נמצא היא היא האדם עצמו, ועל נפש האלקית שבו נאמר: „נשמה שנתת בי טהורה היא, דייקא, מכלל שהאדם עצמו איננו הנשמה הטהורה, וכו׳. און אין פרק ל"ז: „כללות קליפות נוגה, שהיא כללות החיות של העולם הזה, הגשמי והחומרי".

---

*) באַהאַפטן אינעם לעבן פונעם לעבן, אין דעם ליכט פון דעם אין־סוף ברוך הוא.

און כאָטש עס שטייט דאָך: „ואתה מחיה את כולם״, און „מחיה״ איז אַזוי ווי „מהוה״, ווייל דער אור אלקי איז „מהוה מאין ליש״ אין יעדער איינציקער רגע אַלע עולמות פון די העכסטע שבהעכסטע, ביז די נידעריקסטע שבנידעריקסטע, פון די ליכטיקסטע ביז די פינצטערסטע שבפינצטערסטע (זע: שער היחוד והאמונה פרק א׳ און ב׳), און ווי עס שטייט: „מלא כל הארץ כבודו״ און עס איז מפורש אומעטום אין „תניא״, אַז עס ווערט דערמיט געמיינט כ ב ו ד ו מ מ ש, איז אָבער זייער אַ גרויסער אונטערשייד אין דער השראה, אין דער הלבשה און אינעם גלוי... אויף וויפיל יעדער עולם איז מבטל זיין יש און ווערט באַהאַפטן אין אלקות אַלץ מער, איז אויף אים שורה אלקות בגילוי*) און אַלץ מער ווערט ער נכלל אין דעם אור האלקי. וואָס מער אָבער ער ווערט אָפּגעריסן פון השגת אלקות, אַלץ מער און מער קריגט ער זיין חיות ניט פון הארת פנים, נאָר בדרך הסתרת פנים**), און ווען ער ווערט אין גאַנצן דערווייטערט פון השגת אלקות איז ער מקבל זיין חיות פון בחינת „אלקים אחרים״, ד. ה. פון אַזעלכע ערטער, וואָס זיינען מקבל זייער שפע פון דער אלקות „כמאן דשדי לאויבו בתר כתיפיה״ (ווי איינער וואַרפט עפּעס צו זיין פיינט פון הינטערן אַקסל). אָט די פאַרפרעמדטע עולמות הויבן אָן צו מיינען, אַז זיי לעבן אין גאַנצן מיט זייער אייגענעם כח, אָן כח אלקות. דער מענטש, וואָס לעבט אין אַזעלכע עולמות, זאָגט: „מי ד׳ אשר אשמע בקולו״. אָדער גאָר: „אני ואפסי עוד״, ביז עס קומט אַריין פון ערגעץ־וואו אַ הארה אין יענע עולמות דורך דער תשובה פונעם מענטשן (ווייל אַ מענטש איז דאָך תמיד אַ בעל־בחירה) און עס קומט דער תיקון (אָדער דורך גרויסע יסורים וביטושים, ח״ו, אָדער דורך זייער גרויסער תשובה מאהבה). דעריבער דאַרף טאַקע דער מענטש וויסן, אַז יעדע מינוט, בכל רגע ורגע ממש, גייט ער איבער אָפּגרונטן: איין האָר, איין קער ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין — און מען פאַלט אַריין. אויב מען כאַפּט זיך באַלד, קאָן מען זיך נאָך אויפהויבן; ווען מען לאָזט זיך אָבער טיפער און טיפער, קאָן מען נאָך אַריינפאַלן אין נוקבא דתהומא רבה, ח״ו — אין גרויסן אָפּגרונט פון דער טומאה.

ווי דו זעסט, מיין קינד, באַדאַרף דער פּחד פאַר יעדער מינדסטער עבירה און פאַר יעדן מינדסטן אָפּנויג פון דביקות אין בורא, זיין שלא בערך גרעסער און שטאַרקער ווי ער איז אַפילו ביי די בעסטע צווישן אונדז. עס דאַרף טאַקע

---

*) רוט אויף אים די געטלעכקייט אָפּן.

**) אומדירעקט, אין דער בחינה פון גאָטס „אָפּגעקערטקייט״.

זיין — „סמר מפחדך בשרי״, עס ציטערט מיין לייב פון שרעק פאַר דיר, נישט סתם אַזוי, בדרך מליצה, נאָר בפועל ממש.

און דאָך, מיין קינד, איז נישטאָ קיין שום אָרט פאַר עצבות און מרה שחורה, און אַ פּשיטא שוין — פאַר יאוש חס ושלום. דען מען באַדאַרף געדענקען, אַז עס איז אינעם מענטשן אַריינגעגעבן, אויסער דער נפש הטבעית, אויך אַ נפש אלקית... וויבאַלד די נפש אלקית איז דאָ, הייסט עס דאָך, אַז דער אויבערשטער אַליין איז דאָ בגילוי ממש, און וויבאַלד אַז ער איז דאָ — ווערט דאָך אַלץ „בטל ומבוטל קמיה״, ווערט אַלץ גאָרנישט אַקעגן אים...

אמת, אין דער נפש החיונית איז אַריינגעגעבן געוואָרן אַ גרויסער כח. דער כח פון דער נפש אלקית איז אָבער פיל שטאַרקער אפילו בטבע, ווייל די הויפּט־הערשאַפט פון דער נפש הטבעית (אָדער „נפש החיונית״) איז אין „חלל השמאלי שבלב״, אין דער צייט וואָס די ליכטיקייט פון דער „נפש אלוקית״ איז אין מח, און — „מח שליט על הלב בתולדה״, דער מוח הערשט איבערן האַרץ בטבע, און „כשם שמעט מן האור דוחה הרבה מן החושך, כך מעט מאור הנפש האלקית דוחה הרבה מן החושך של הקליפות והסטרא אחרא, וכו׳ ״ *). און נאָך מוזסטו געדענקען: דער אויבערשטער לאָזט ניט איבער דעם מענטשן אויף זיינע אייגענע כחות. צו יעדער צייט קומט אַ הילף פון עמעצן, אויב דער מענטש שטרענגט אָן אַלע זיינע כוחות און קאָן פאָרט ניט ביישטיין די פינצטערקייט פון דער וועלט, ווי עס שטייט אין „תניא״ פּרק י״ג: „היצר הרע אומר דעתו בחלל השמאלי שבלב, ומהלב עולה אל המח להרהר בו, ומיד חולק עליו השופט השני, שהוא הנפש האלקית שבמח, המתפשט בחלל ה י מ י נ י שבלב, מקום משכן היצר טוב, והלכה כדברי המכריע, הוא הקב״ה, העוזרו ליצר טוב, כמארז״ל: אלמלא הקב״ה עוזרו אינו יכול לו, והעזר היא ההארה, שמאיר אור ד׳ על נפש האלקית להיות לה כיתרון ושליטה על סכלות הכסיל ויצר הרע כיתרון האור מן החושך״. אויסער דעם געדענקסטו דאָך געוויס דעם מאמר: „בראתי יצר הרע — בראתי לו תורה תבלין, וכל זמן שאתם עוסקים בתורה אין אתם נמסרים בידו״. וואָס טוט מען אָבער, אַז עס לערנט זיך ניט, אָדער אַז דאָס לערנען איז ניט לשמה? אמת: „לעולם ילמד אדם אפילו שלא לשמה, שמתוך

---

*) פונקט ווי אַביסל ליכטיקייט פאַריאָגט אַ סך פונעם פינצטערניש, אַזוי פאַר־יאָגט אַביסל ליכטיקייט פון דער געטלעכער זעל אַ סך פינצטערניש פון די קליפּות און פון דער סיטרא אחרא.

שלא לשמה בא לשמה" — וואס טוט מען אבער ביז דער צייט, ווען מען קומט צו צום „לשמה"? דערצו איז דאך אין דעם לשמה גופא פאראן פארשידענע חלוקים און מדרגות. פאראן דאך אזא מין „שלא לשמה", וואס איז „נוח לו שתתהפך שליתו על פניו". און דער עיקר: דער מענטש, אפילו דער בעסערער, איז ניט אלע מאל אין איין מצב. אמאל איז מען לייכט מנצח דעם יצר הרע; אמאל אבער איז ער, דער יצר הרע, נדמה כהר — ווי א ריזיקער בארג זעט ער אויס — און נאר מיט מוראדיקע כוחות קאן מען אים מנצח זיין. אמאל איז דאס הארץ אפן פאר דעם אויבערשטן, אמאל איז עס פול עצבות און אמאל „מטומטם כאבן", פאר־טעמפט ווי א שטיין. דעריבער האט דער אויבערשטער אראפגעשיקט דעם הייליקן בעש״ט זצ״ל, דעם הייליקן מגיד זצ״ל און באזונדערס דעם עיר וקדיש מן שמיא נחית, דעם אלטן רבין זצ״ל, הרב מליאדי, וואס האט אין זיין „לקוטי אמרים" אונדז געגעבן אלערליי עצות ותחבולות, ווי אזוי מען זאל קאנען אפשלאגן אטאקעס פונעם יצר־הרע און מען זאל אים נאך קאנען באפאלן, ביז מען זאל אלע זיינע כלי־זין און אלע זיינע פעסטונגען צו־נישט מאכן. ס׳איז אן ארבעט וואס ציט זיך דורי־דורות און פארענדיקט וועט זי ערשט ווערן, ווען עס וועט קומען דער לעצטער בירור, דער לעצטער תיקון. „והאבן גדולה על פי הבאר" — דער שטיין, וואס פארשטעלט דעם אור אלקי פון וועלט און מענטש, איז זייער שווער. „ונאספו הרועים וגללו את האבן מעל פי הבאר" — עס קומען די נביאי האמת און צדיקי האמת פון אלע דורות און קייקלען דעם שטיין אראפ. ווען דער שטיין וועט אינגאנצן אראפ־פאלן, וועלן אלע עדרים, אלע סטאדעס, אלע נשמות, קומען אנשעפן געטלעכקייט פון אויבערשטן ברונעם.

בנוגע דיין פראגע וועגן דעם יידן, וואס טוט צדקות און גמילות חסדים נאר דורך מידות טובות, וואס די נפש הטבעית האט אין זיך צוזאמען מיט די נישט־גוטע מידות, איז א היבשער חילוק צווישן דעם און די „דחילו ורחימו שכליים". דערווייל מוז איך דיר זאגן, אז דו ביסט נאך אלץ ניט צוגעקומען צו דער ריכטיקער הבנה פון דער „נפש הטבעית" און דו מישסט זי נאך אלץ צונויף מיט דעם, וואס חז״ל רופן אן יצר הרע. אויב נפש הטבעית איז נאר יצר הרע, איז טאקע זייער שווער צו פארשטיין פון וואנען עס קומען צו איר, צוזאמען מיט מדות רעות, אויך „מדות טובות בתולדה", און ס׳איז טאקע א קשיא: וואס ווערט פון די מעשים טובים, וואס א ייד טוט בלויז לויט די אנווייזונגען פון זיין „נפש הטבעית"? לויט דעם, וואס איך האב דיר געזאגט, גלויב איך ,אז דו וועסט עס שוין בעסער פארשטיין. „נפש

הטבעית״ איז ניט דער ספעציעלער יצר הרע, וועלכער איז באמת אַ מלאך אָדער אַ כח, וואָס ווערט אַריינגעגעבן אינעם „חלל השמאלי שבלב״ צו אָנריידן דעם מענטשן צו אַלעם בייזן, כדי דער מענטש זאָל אים מנצח זיין און זאָל דורך דעם געהייליקט ווערן, נאָר זי, די „נפש הטבעית״, איז נישט אַנדערש ווי דער מענטש גופא, דער מענטש מיט אַלע זיינע ליידן און פריידן, מיט אַלע זיינע חפציות און שטרעבונגען, דער מענטש אויף וויפיל ער איז נאָך ניט דערגאַנגען צו דער מדרגה פון צדיק, איך מיין די מדרגה, ווען די נפש האלקית ווערט שוין דער מענטש אַליין, ווי איך האָב שוין דיר פריער דערקלערט לויט „תניא״ פרק כ״ט.

לערנט אונדז דער רבי אין „תניא״, אַז ביי יידן קומט אָט די „נפש הטבעית״ פון קליפת נוגה, אין וועלכער ס׳איז דאָ די אויסמישונג פון טוב ורע. ממילא קומען פון איר אַרויס אי מדות טובות, אי מדות רעות: די מדות טובות אירע קומען אַרויס פון טוב שבנוגה און די מדות רעות — פון רע שבנוגה. ווען אַ ייד גייט נאָכן „רע שבנוגה״, וואָס איז דאָ אין זיין נפש הטבעית, העלפט ער דערמיט דעם יצר הרע זיינעם, וואָס רוט אין זיין „חלל השמאלי שבלב״. ווען ער גייט אָבער נאָכן טוב שבנוגה, וואָס איז דאָ אין זיין נפש הטבעית, העלפט ער דערמיט דעם יצר טוב זיינעם, וואָס איז צוגלייך אַ מלאך אָדער אַ כוח און ווערט אים געגעבן צו פירן אים אויפן רעכטן וועג, און האָט זיין רו־פּלאַץ אינעם חלל הימין שבלב, אין רעכטן חלל פון האַרץ.

דער „רע שבנוגה״ קאָן אויך נתברר ווערן, אויסגעבעסערט ווערן, אויפגעהויבן ווערן דורך תשובה ומעשים טובים. דער „טוב שבנוגה״ קאָן לייכט איבערגיין (דורך ד ע ת דקדושה) אין אַבסאָלוטן גוטס (טוב גמור ומוחלט). דאָס קומט דורך דער נפש אלקית, וואָס איר רו־פּלאַץ איז אין מוח און זי שיקט אירע הארות צום יצר־טוב, וואָס רוט, ווי שוין געזאָגט, אין „חלל הימיני שבלב״.

כל זמן דער „רע שבנוגה״ קריגט אָבער נאָך ניט קיין תיקון איז ער ווייט פון גאָט, ווי דאָס שלעכטס פון די קליפות טמאות, און כל זמן דער טוב שבנוגה ווערט נאָך ניט נתעלה דורך „דעת דקדושה״ קאָן ער ניט האָבן דעם כח פון קדושה, וואָס עס האָבן אין זיך די מחשבות, דבורים, מעשים, וואָס קומען פון דער נפש אלקית. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז די גוטע מחשבות, דבורים און מעשים, וואָס קומען דורך דער נפש הטבעית, האָבן קיין שום באַדייטונג נישט. „רחמנא ליצלן מהאי דעתא״. ס׳איז נישטאָ קיין גוטע כוונה און קיין גוטע טואונג אין דער וועלט, אַפילו

די קלענסטע שבקלענסטע, וואָס זאָל ניט באַצאָלט ווערן מיט גוטס. „אין הקב"ה מקפח שכר כל בריה, אפילו שכר שיחה נאה", ובפרט גוטע כוונות אין גוטע מעשים פון אַ יידן: „לית רעותא טבא דאתאבד". ווי אַזוי קאָנען דען מעשים טובים גיין לאבוד? מיר זאָגן נאָר, אַז אין פאַר־גלייך מיט דער באַזונדערס הויכער קדושה פון דער נפש אלקית און די מחשבות, דבורים און מעשים, וואָס קומען פון איר, שטייט דער „טוב שבנוגה", וואָס קומט פון דער נפש הטבעית (כל זמן ער איז נאָך ניט נתעלה געוואָרן דורך דעת דקדושה) — אויף אַ פיל נידעריקערער מדרגה.

צו וואָס איז עס געגליכן? עס איז געגליכן צו דעם, וואָס די גמרא זאָגט אונדז: „ושבתם וראיתם בין צדיק לרשע, בין עובד אלקים ללא עבדו — אינו דומה מי ששונה פרקו מאה פעמים למי ששונה פרקו מאה פעמים ואחת". קאָן מען דען זאָגן, אַז דער וואָס לערנט זיין פרק הונ־דערט מאָל, און ניט הונדערט און איין מאָל, דינט נישט זיין בורא, חלילה? נאָר לגבי דער העכערער מדרגה פון אַן עובד, לגבי דעם, וואָס לערנט לגמרי ניט על פי רגילות אָדער ווייל ער איז אַ מתמיד בטבע, נאָר ווייל עס פלאַקערט אין אים צו יעדער צייט די אמתע יראה, הייסט אַ סתם מתמיד און רגילות־לערנער גלייך ווי „לא עבדו", ווייל עס קאָן הייסן, אַז ער האָט ניט דעם אויבערשטן געדינט מיט זיין לערנען, נאָר דער רגילות זיינער און זיין התמדה (זיי גוט מעיין אין „תניא" פרק ט"ו).

דו האָסט גוט געטראָפן, מיין זון, — האָט ר' אברהם גערעדט וויי־טער — מיט דיין השערה, אַז חסידות הויבט זיך אָן דאָרט, וואו מוסר ענדיקט זיך. עס איז טאַקע אַזוי! דאָס העכסטע, צו וואָס מוסר וויל דערגרייכן, איז — תיקון פון די מידות, וואָס צעברעכן די מידות רעות, חרטה אויף דאָס געוועזענע און אַ נעמען אויף זיך צו זיין גוט להבא. ווען שוין גאָר — „עקירת המדות הרעות בשרשן" (אויסרייסן אַלע מדות רעות מיטן וואָרצל). מיט דעם אַלעמען קאָן מען אָבער בלייבן ביי דער טבע, אין וועלכער מען איז געבוירן, אָדער ביי דער נפש הטבעית. מען קאָן זיין זייער אַן ערלעכער, גוטער און פרומער ייד, און דאָך בלייבן אינע־ווייניק ניט געריררט, אַ גאַנצער יש ביי זיך, נאָענט צום „טבע החומרי". מען טוט, חס ושלום, ניט קיין עבירות און מען רייסט אויס פון זיך אַלע מדות רעות. די טבע בלייבט אָבער דאָך די זעלבע, וואָס זי איז געווען. פאַר וואָס? ווייל מען האָט ווייניק געאַרבעט אויף „ביטול העצמיות", אויף איבעראַנדערשן די גאַנצע טבע דורך אַריינברענגען אין מחשבה, דבור און מעשה די ספּעציעלע הארות פון דער נפש האלקית דווקא.

ס׳ווערט געבראַכט, אַז דער „צמח צדיק״ האָט אַמאָל צוגעשיקט אַ קוויטל צום אַלטן רבין: מה היא החסידות? (וואָס איז חסידות?). דו פאַרשטייסט, מיין קינד? ער, דער „צמח צדק״, אַ גאון עולם, דער גרעסטער צדיק פון זיין דור, וואָס האָט שוין צו יענער צייט אַליין געווען אָנגעשריבן אַרום הונדערט בויגן מיט דברי אלקים חיים פון חסידות, שטעלט מיט אַמאָל אַן אלף־בית־פראַגע: וואָס איז חסידות? ער האָט אָבער דערמיט ניט גע־מיינט חסידות ווי אַ לימוד, ווי אַ ביאור אויף קבלה, ווי אַן אור־תורה און ווי סתרי־תורה וכו׳, נאָר ער האָט געוואָלט וויסן, אין אייניקע קורצע ווערטער, וואָס טוט אויף חסידות אינעם מענטשן. דערויף האָט אים דער אַלטער רבי זצ״ל געענטפערט קורץ: „עיקר החסידות — לשנות טבעיות מדותיו״. עס שטייט ניט „לשנות מדותיו הטבעיות״, ווייל דאָס קאָן דערגרייכט ווערן אויך דורך געוויינלעכן למוד און דורך מוסר. חסידות פאַרלאַנגט עפּעס אַנדערש: „לשנות טבעיות מדותיו״ — דאָס הייסט, אַז די גאַנצע טבע פונעם מענטשן זאָל פון גרונט איבערגעאַנדערשט ווערן. דער גאַנצער מענטש זאָל ווערן גאָר אַן אַנדער בריה. עס זאָל אויפהערן צו ווירקן די נפש הטבעית, נאָר אין אַלע מחשבות, דבורים און מעשים זאָל דורכאויס לייכטן די נפש האלקית.

חב״דער חסידות וויל, הייסט עס, איבערשאַפן דעם מענטש דורך ענדערן זיין נאַטור, דורך איבערשטעלן אים אויף אַנדערע רעלסן, דורך אויפהויבן אים אַפילו איבער דעם גוטן עלעמענט אין „נוגה״, דורך אָפּשאַפן טבע.

דאָס איז חסידות לויטן בעל „התניא״, און דאָס, מיין זון, איז דער דרך, דער גאָר באַזונדערער דרך, פון חב״ד בכלל.

# פינפטער שמועס — וואָס איז די נפש אלקית ?

וואָס איז דער תוך פון דער נפש אלקית ? — זאָל מען זאָגן, אַז דער תוך אירער איז דער שכל ? — דער אונטערשייד צווישן מענטשלעכן שכל און געטלעכן. — די פונקציעס פון מענטשלעכן שכל און זיינע גרענעצן. — וואָס איז דער טייטש : „חלק אלוק ממעל ממש" ? — מ'דאַרף באַנעמען דעם „ממש". — וואָס דער רב זאָגט וועגן דעם ענין רוחניות אין „ליקוטי תורה". — דער ענין ווערט ברייט אַרומגערעדט פון דעם „צמח צדק". — דער רבי ר' שלום־בער פון ליו־באַוויטש. — גאָטס זאַך אויף דער ערד. — חב"ד און דער „כוזרי". — וואָס דער רב האָט געזאָגט דעם חסיד זיינעם ר' משה ווילענקער. — „גאָט איז קלאָר פאַראַנען און חוץ אים איז קיין זאַך קלאָר נישט פאַראַנען". — וואָס איז נשמה און פון וואַנען נעמט זיך איר „צוקאָך" אין דעם געטלעכן ענין ?

ווען וועלוועלע איז געבליבן אַליין מיט זיך נאָך אַט דעם שמועס מיטן פאָטער, האָט ער זיך פאַרטראַכט איבער דעם מהות פון דער „נפש האלקית". ווי ער האָט זיך איבערצייגט פונעם פאָטערס רייד, איז די „נפש האלקית" — אַלץ. אַפילו די בעסטע כוונות און די בעסטע מעשים ווערן נאָר דאַן אויף אַן אמת נתעלה, ווען זיי ווערן דורכגעלויכטן דורך דער השגה פון דער „נפש אלקית", — צי פריער און בשעת אַט די גוטע כוונות ווערן געטראַכט און די גוטע מעשים ווערן געטאָן, צי לכל הפחות, שפּעטער, אויפן וועג פון תשובה און תיקון.

וואָס איז אָבער דער עיקר מהות פון דער „נפש אלקית" ?

ווי ער האָט זיך איבערצייגט פונעם פאָטערס רייד, איז נפש אלקית און יצר טוב ניט איין און דאָס זעלבע, אַזוי ווי נפש הטבעית און יצר הרע איז ניט איין און דאָס זעלבע. די נפש הטבעית איז דער גאַנצער מענטש אין זיין וואָכעדיקן, ניט־געטלעכן, דורכשניטלעכן לעבן, בעת דער יצר הרע איז דער ספּעציעלער רע, וואָס רעדט אָן דעם מענטשן צום בייזן צוליב נסיון (זע „תניא", סוף פרק ט'). דאָס זעלבע איז וועגן „יצר טוב" און „נפש אלקית". יצר טוב איז אַ ספּעציעלער גוטער כח אינעם „חלל הימיני שבלב", אין דער צייט, וואָס די „נפש אלקית" רוט אין מוח און שיקט אירע הארות צום יצר טוב.

אויב אָבער דעם דורכשניט־מענטשן אין אונדז פילן מיר אין אַלע אונדזע־

רע חושים און אַלע אונדזערע מחשבות — טאָ ווי אַזוי און מיט וואָס קאָן נתפס ווערן די „נפש אלקית״?

זאָגן מיר, — האָט וועלוועלע געטראַכט, — אַז דער עיקר מהות פון דער נפש אלקית איז שכל, שטימט עס ניט מיט דעם, וואָס דער טאַטע האָט גערעדט וועגן דער גרויסער ממשלה, וואָס די נפש אלקית האָט איבערן גוף, וויל „מוח שליט על הלב בתולדה״ און וויל „מעט מן האור דוחה הרבה מן החושך״. אויב עס האַנדלט זיך אין בלויזן שכל, זעען מיר אויף שריט און טריט ווי שוואַך עס איז די ממשלה פון שכל דאָרט, וואו עס צעקאָכן זיך די תאוות פון גוף. מענטשן טוען כסדר שטותים, כאָטש זיי ווייסן אויסגעצייכנט, אַז דאָס וואָס זיי טוען איז נאַריש און זינלאָז. ניט נאָר אין הימל־זאַכן פאָלגן זיי זייער זעלטן די עצה פונעם שכל, נאָר אויך אין מילי דעלמא, אין וועלט־זאַכן. זיי זיינען שטענדיק צעקאָכט און צעהיצט, אויפגערעגט און אויפגעברויזט, לויפן העגדום־פּעגדום און יאָגן איבער איינע די צווייטע ווי פערד אויף וועט־געיעגן; זיי האָבן קיינמאָל קיין מנוחה ניט; זיי ווייסן אַליין אַז זייערע אויפרעגונגען און בייזקייטן זיינען זיי מקצר־ימים, און דאָך פאָלגן זיי ניט דעם שכל, נאָר די ליידנשאַפטן זייערע.

וואָס דאַרף מען מער? די חז״ל האָבן בפירוש גערעדט וועגן דער גרויסער מאַכט פונעם יצר־הרע איבערן מענטשן בכלל: עיר קטנה זה הגוף, ואנשים בה מעט — אלה האברים, ובא עליה מלך גדול — זה יצר הרע, ומצא בה איש מסכן חכם — זה יצר טוב — ומלט את העיר בחכמתו. ואיש לא זכר את האיש המסכן ההוא — דבשעת יצר הרע לית מאן דמדכיר ליצר טוב („אַ קליינע שטאָט״ — דער קערפּער פונעם מענטשן; מענטשן זיינען אין איר ווייניק״ — די אברים פונעם קערפּער; „און עס באַלאַגערט זי אַ גרויסער קעניג״ — דער יצר הרע; אַ קלוגער אָרעמאַן ראַטעוועט די שטאָט מיט זיין קלוגשאַפט — דער יצר טוב; און קיינער דערמאָנט ניט יענעם אָרעמען מאַן״ — בשעת עס קומט אָן דער יצר הרע דערמאָנט קיינער ניט דעם יצר טוב).

איבער די לעצטע ווערטער פונעם מאמר: „בשעת יצר הרע לית מאן דמדכיר ליצר טוב״ האָט זיך וועלוועלע באַזונדערס פאַרטראַכט. מען דערמאָנט זיך אָן דעם יצר־טוב, ווען אָבער? לאחר המעשה. ווען עס שפּאַרט אָן די תאוה וויל מען אים ניט קענען און מען וויל אים ניט ווייסן.

די חז״ל זאָגן אויך: „יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום, ואלמלא הקב״ה עוזר לו איננו יכול לו״ (דער יצר הרע פונעם מענטשן שטאַרקט זיך איבער אים פון טאָג צו טאָג, און ווען גאָט וואָלט אים ניט געהאָלפן, וואָלט

ער אים ניט בייגעקומען). הייסט עס דאָך אַז דער אמתער בעל־הבית איבערן געוויינלעכן מענטשן איז דער יצר־הרע און נאָר מיט דעם אויבערשטנס הילף קאָן אים דער מענטש מנצח זיין. וואו זשע איז דער „מוח שליט על הלב בתולדה״? וואו איז דער „מעט מן האור דוחה הרבה מן החושך״?

ווען וועלוועלע האָט געלערנט אין דער ישיבה האָט ער זיך איבערן מהות פון שכל ווייניק פאַרטראַכט. איצט אָבער, ווען ער האָט גענומען גיין מיט דער שיטה, אַז דער מהות פון דער נפש אלקית איז שכל, האָט אים געאַרט(אויסער דער שוואַכער ממשלה פונעם שכל איבערן גוף) אויך דאָס, וואָס דעם מענטשנס שכל האָט דאָך גאָר קיין באַשטענדיגקייט נישט: ביי איינעם לייגט זיך אַזוי אויפן שכל, און ביים צווייטן — פונקט פאַרקערט, כאָטש ביידע האָבן זיי, דוכט זיך, גוטע קעפּ. וועט מען זאָגן: איינער האָט אַ גלייכן שכל און דער צווייטער אַ קרומען. ווי קאָן מען אָבער וויסן, וואָסער שכל איז קרום? יעדער איינער האַלט, אַז ז י י ן שכל איז גלייך, און אַז דער שכל פון דעם, וואָס זאָגט דעם היפּוך פון אים, איז קרום... מי לנו גדולים פון אונדזערע חכמים זכרונם לברכה? אויך ביי זיי האָבן די שכליות פון בית־הלל נוטה געווען, על פי רוב, לקולא, און די שכליות פון די בית־שמאי, על פּי רוב, לחומרא. עס זיינען דאָ אין ש״ס און אין אַלע פּוסקים ראשונים און אחרונים מחלוקות אָן אַ צאָל: טמא און טהור, אָסור און מותר, כשר און פּסול, חייב און זכאי. הייסט עס, אַז דער שכל קאָן נוטה זיין אי אַזוי, אי פאַרקערט.

מער פון אַלץ האָט וועלוועלען אָט וואָס געאַרט: אויב דער מהות פון דער נפש אלקית איז שכל, טאָ ווי קומט עס, וואָס מיר זעען פאַר אונדזערע אויגן ווי מענטשן מיט גאָר ג ר ו י ס ע מוחות, ג א ו נ י ש ע מוחות, גייען אַראָפּ פון דרך הישר דווקא דורך זייערע גרויסע שכליות און חקירה, — און מענטשן, וואָס גייען בדרך התמימות, אַוועקלייגנדיק אָן אַ זייט אַלע חקירות און קליגערייען, גייען אין גאָטס וועג און שטייגן אין דער קדושה פון יידישקייט?

ווייסן וויס ער, וועלוועלע, אַז אַלע ספרי יראים הייסן דערווייטערן זיך פון אַלע חקירות און פילאָזאָפיעס. די מדריכים אין די ישיבות דערלאָזן ניט קיין בחור מעיין צו זיין אין ספרי מחקר, אפילו אין די ספרי מחקר, וואָס זיינען געשריבן פון גרויסע גאונים און צדיקים. היינט ווי באַלד, אַז אויף די חקירות פונעם שכל קאָן מען זיך ניט פאַרלאָזן, הייסט עס דאָך, אַז ער, דער שכל, איז גאָר ניט קיין זיכערע זאַך. אויב ער אַליין

איז אין זיין עיקר מהות ניט קיין זיכערע זאַך, ווי אַזוי־זשע קאָן ער עס זיין די נפש אלקית, וואָס שיקט הארות צום „חלל הימיני שבלב״?

ווערלוועלע האָט אָפּגעוואָרט אַ גינציקע שעה אויף צו דורכריידן זיך מיטן פאָטער וועגן דעם אַלעמען. ווען ער האָט געפונען דעם פאָטער אין אַ צייט, ווען ער איז אויפגעלייגט געווען צו ריידן וועגן די ענינים העומדים ברומו של עולם, האָט ער אים איבערגעגעבן אַלע זיינע הרהורים און ספקות.

ר׳ אברהם האָט פריער געמיינט, אַז נאָר דער ענין פון „יצר הרע״ און „סטרא אחרא״ איז זיין זון ניט קלאָר. איצט, ווען ער האָט דערזען אַז דער ענין פון יצר טוב און סטרא דקדושה איז ביי אים אויך ניט גענוג קלאָר, האָט ער זיך באַמיט פאַרשטיין צו געבן זיין זון דעם ענין פון נפש אלקית, אויף וויפיל עס לאָזט זיך בכלל אַראָפּצולאָזן זאַכן, וואָס זיינען העכער פון אותיות, ווי אותיות זיינען העכער פון דבור.

דיין צעטומלעניש, — האָט ר׳ אברהם דערקלערט זיין זון, — נעמט זיך קודם כל דערפון, וואָס דו מישט צונויף דעם „שכל האנושי״ מיטן „שכל אלוקי״. מענטשלעכער שכל איז טאַקע עלול צו טאָן אַלערליי מעגלעכסטע פעלערן און טעותים. די טעותים קאָנען זיין זייער געפערלעכע. עס העלפט דאָ אויך ניט די שאַרפקייט און עמקות פון שכל; עס העלפט אַפילו ניט די גאונות פון שכל. עס טרעפט זייער אָפט, אַז וואָס דער שכל איז שאַרפער, טיפער, גאונישער, אַלץ מער פאַרקריכט ער אין שקרים, אין קרומקייטן, אין פאַרדרייטקייטן. איינמאָל אַ פאַלשע הנחה, אַז צוויי און צוויי איז פינף, בויסטו נאָכער אַלערליי שכלדיקע בנינים אויף דעם גרונט פון אָט דער הנחה. וואָס שאַרפער און פלינקער עס איז דיין מוח, וואָס בעסער דו ביסט בכח אַרויסצוציען נויטיקע תולדות פון געוויסע הקדמות, וואָס שטאַרקער דו ביסט אין פלפול און אין חדוד, אַלץ גרעסערע בנינים פון שקר וועסטו אויפבויען, אַלץ מער „היכלות של תהו״, איבער וועלכע עס הערשט, ווי דער זוהר הקדוש זאָגט, דער „איש תהפוכות איש שקר״, אָט דער, וועלכער כאַפּט אונטער אַלע „מלין דכדיבי״ (פאַלשע רייד) פון דעם מענטשן.

אייניקע מפרשים טייטשן דערמיט דעם פסוק: „יקר מחכמה ומכבוד סכלות מעט״. וואָס פאַר אַ טייערקייט קאָן זיין אין „סכלות מעט״? זאָגן זיי, אַז דער שכל, וואָס לויפט ניט אַזוי פלינק, דער שכל, וואָס איז איינגעהאַלטן אין זיין לויף און האָט דעריבער מער מעגלעכקייט אַ קוק צו טאָן הינטער זיך, צי גייט ער ניט אינגאַנצן אויף אַ קרומען וועג, איז טייערער פאַרן שאַרפן און פלינקן שכל, וואָס קאָן פאַרקריכן אין אַלדי הרי־חושך.

שפאַן איין אַ טראַיקע, וואָס לויפט גאַלאָפּ, און פאַרקירעווע זי אין אַ

שלעכטער ריכטונג. וואָס שנעלער די טראַיקע לויפט, אַלץ מער וועט זי דיך דערווייטערן פון ציל, אַלץ שטאַרקער איז דיין פאַרבלאָנדזשעניש און אַלץ שווערער דיין צוריקקער אויפן ריכטיקן וועג.

מען קאָן דעם שכל האנושי אויך ניט מבטל זיין אינגאַנצן. באַנוצן מיר זיך דאָך בעתן לערנען אויך מיטן שכל האנושי און פיל מאָל קומען מיר צו דורך אַט דעם שכל האנושי צום בירור פון דער הלכה. זע בבא בתרא י״ב: „תדע גברא רבה אמר מלתא ומתאמרא הלכה למשה מסיני כותיה״, און עס ווערט דאָרט בפירוש געזאָגט: „חכם עדיף מנביא״. דער שכל האנושי איז דאָך אָבער פאָרט עלול צו באַגיין פעלערן און אַמאָל טאַקע געפערלעכע טעותים, דעריבער בעטן מיר שטענדיק דעם אויבערשטן: „והאר עינינו בתורתך״ — באַלייכט אונדז דו, רבונו של עולם, אונדזערע אויגן אין דיין תורה, ווייל אָן דיין ליכט קאָנען מיר ווייט פאַרבלאָנדזשען. דעריבער בעט דער משורר ע״ה: „גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך״ (עפן אויף מיינע אויגן און לאָמיך זען וואונדער פון דיין תורה). דעריבער בעטן מיר אַ סך ענלעכע בקשות צו יעדער צייט. ווען מיר באַנוצן אָבער ביי דער „נפש אלוקית״ דאָס וואָרט שכל, ווען מיר זאָגן, אַז די נפש אלוקית איז דוחה מיט איר ליכט די חשכות פונעם גוף, אָדער די חשכות פון דער נפש הטבעית, מיינען מיר דעם שכל האלקי פון אַט דער נפש, ווייל די נפש האלקית איז „חלק אלוק ממעל ממש״.

בכדי דו זאָלסט אָבער אינגאַנצן ניט זיין געגנאַרט אין אַט דעם ענין מוז איך דיר באַמערקן, אַז מיר באַנוצן דאָ דאָס וואָרט שכל נאָר „לשבר את האוזן״ און אפילו דאָס וואָרט „רוחני״ באַנוצן מיר אויך נאָר, ווייל מיר מוזן דאָך מיט אַ וואָסער ניט איז וואָרט אויסדריקן דאָס, וואָס איז ניט קיין גשם און ניט קיין כח גשמי. באמת ווערט דאָ געמיינט אַ השגה, וואָס איז אָן אַן ערך העכער פון אַלץ, וואָס מענטשן קאָנען אָנרופן מיט אַ נאָמען. פאַרטראַכט זיך גוט איבער דעם, וואָס דער „תניא״ זאָגט אין פ״ב: „והנפש השנית בישראל היא חלק אלוק ממעל ממש״, און צום סוף פון פרק כ״ח חלק ד׳ ממש. באַמערק נאָר דאָס קליינטשיקע וואָרט „ממש״, וואָס דער אַלטער רבי זצ״ל האָט דאָ צוגעגעבן. אַז די נשמה איז אַ „חלק אלוק ממעל״ האָבן שוין געטלעכע יידן ביז אים באַמערקט. מיט דעם, וואָס ער, דער רבי זצ״ל, האָט צוגעגעבן דאָס וואָרט „ממש״, האָט ער געמיינט צו באַצייכענען, אַז וואָס מען זאָגט „הנפש היא חלק אלוק ממעל״ — מיינט מען עס ניט בדרך משל אָדער בדרך השאלה, נאָר בפועל ממש, „כמדליק נר מנר״. נמצא, אַז בעצם קאָן מען גאָר ניט אָננעמען, אַז דער

מהות פון נפש, ווי ער איז אין תוך אַריין, זאָל זיין דער מהות פון שכל. ווייל דער רבי זצ״ל זאָגט אין „לקוטי תורה״: „עצמות אלקות, כשם שהיא למעלה מגשמיות, כך היא למעלה גם מרוחניות״. פיל ברייטער ווערט דער ענין אַרומגערעדט אין אַ כתב פון די כתבי קודש, וואָס עס האָט איבער־געלאָזט דער „צמח צדק״ זצ״ל, אין וועלכן ער איז מברר די שיטה פונעם מהר״ל מפראג בנוגע אלקות און שכל, אויפווייזנדיק, אַז יענע פילאָסאָפן, וואָס האָבן געמיינט, אַז דער עצם מהות האלקות איז שכל, האָבן געהאַט אַ געפערלעכן טעות.

מיין הייליקער רבי ר׳ ש״ב מליובאַוויטש, זצ״ל, האָט ליב געהאַט צו באַנוצן זיך מיטן אויסדרוק: „הענין האלקי״. איך גלויב, אַז ער האָט דערמיט געוואָלט אויסמיידן דעם טעות, אין וועלכן עס ברענגען אונדז אַריין די אויס־דרוקן „שכל״, „שכליים״ און „שכל אלוקי״. דער „ענין אלקי״ איז געוויס כ ו ל ל אין זיך „שכל אלוקי״ און „השכלה אלקית״; ער ווערט אָבער דערמיט ניט אויסגעשעפּט.

רש״ב זצ״ל האָט ליב געהאַט אָפט צו באַנוצן דעם אויסדרוק: „הענין האלוקי״ — גאָטס זאַך אויף דער ערד, גאָטס זאַך אין בריאת העולמות, גאָטס זאַך אין דעם מענטשנס לעבן, אין קודש ומקדש, אין עבודת־הקודש. דאָס, וואָס דער אויבערשטער, דער וואָס „כל העולמות כלם לגביה כלא ממש חשיבי״ (אַלע וועלטן זיינען פאַר איר נישט מיט נישט) האָט צו טאָן, שטייגט אַריבער אַן אַ גבול דאָס אַלץ, וואָס מענטשן קאָנען זיך פאָרשטעלן ווי דעם מהות פון שכל. איך מוז דיר דערביי זאָגן, מיין קינד, אַז דער אויסדרוק „הענין האלקי״ ווערט זייער אָפט באַנוצט אינעם „כוזרי״, וואָס באַטאָנט דערביי שטענדיק, אַז דעם „ענין האלוקי״ (וואָס איז נתגלה געוואָרן אין משכן און אין בית־המקדש, אין אָרון, מזבח ומנורה, וכו׳, וכו׳, און ווערט אויך נתגלה אין תורה, וואָס אַ ייד לערנט לשמה, און אין מצוות, וואָס ער איז מקיים כדי צו זיין דבוק אין גאָט), קאָן מען בשום אופן ניט משיג זיין מיט סתם מענטשן־השגות, מעגן זיי אַפילו זיין די העכסטע. עס ווערט דורך דעם באַזונדערס באַגרייפלעך דאָס, וואָס מען דערציילט אונדז, אַז ביים אַלטן רבי זצ״ל, ביים בעל „התניא״, זיינען געווען דריי חדרים פאַר פאַר־שידענע מדרגות פון תלמידים און חסידים, דערביי זיינען אין ערשטן חדר געווען נאָר תלמידים־חסידים, וואָס זיינען בקי אין ש״ס און זיינען אויך גוט באַהאַוונט אין „כוזרי״...

איבער דעם ענין פון דער „נפש אלוקית״ זיינען דאָ אַ סך דרושים אין חב״ד. די קלערסטע, שאַרפסטע, טיפסטע הגדרה פון „נפש אלקית״

איז אָבער דאָ אין איין חב״דישן כתב־יד, וואָס איז לעצטנס געוואָרן אָפּ־געדרוקט. מחמת דעם אויסערגעווייניקלעכער וויכטיגקייט פון יענעם כתב־יד פאַר יעדן איינציקן, וואָס גייט אַריין אין די טויערן פון חב״ד און אפילו פאַר די, וואָס האָבן פיל חב״ד געלערנט, נאָר זיי קאָנען זיך נאָך אַלץ ניט קלאָר מאַכן, ווי עס געהער צו זיין, דעם ענין פון „נפש אלקית״, וועל איך אַרויס־נעמען פון ספרים־אַלמער די דברי אלקים חיים און דיר פאַרלייענען. עס גייט דאָ וועגן אַ שמועס, וואָס ר׳ משה ווילענקער, אַ גרויסער מעמיק, האָט געהאַט מיט זיין רבין, דעם בעל התניא.

ר׳ אברהם האָט געלייענט: פעם אחת נכנס אצלו לפני ולפנים ושאל אותו בזה הלשון: משה, מהו גאָט, היינו עצמותו ומהותו ית׳, ושתק. עד ששאל אותו ג׳ פעמים. וגם שאל אותו, מהו נשמה ומהו אמונה, עד שבפעם ג׳ אמר לו אדמו״ר: מה אתה שותק? והשיב לו: איני יודע. ואמר לו בזה הלשון: ואני יודע (בצחוק). אָמר לו בלשון אַשכנז: און איך ווייס וכו׳, נאָר איך מוז זאָגן, אַז ער איז קלאָר פאַראַנען און חוץ אים איז קיין זאַך קלאָר ניט פאַראַנען, און דאָס איז ער. ואח״כ אמר בזה״ל: בשערי תשובה לר״י כתוב וגם עוד א׳ מספרי מוסר אמר: מכרת את רבונה, ואחד אמר: יודעת את רבונה, און איך האָב צוגעלייגט אין „תניא״: חלק אלוק ממעל *), היינו, וואָס עס האָט אַ צוקאַך אין דעם ענין, אַז ער איז קלאָר פאַראַנען און חוץ אים איז קיין זאַך ניט קלאָר פאַראַנען. אַ נשמה, ווייל זי איז אַ חלק אלוק ממעל, האָט זי אַ צוקאַך אין דעם ענין, מאמין צו זיין דערינען, וואָרעם אמונה איז מענין אמונת הצדיקים. היינו וואָס איז אמונת הצדיקים? כי כל נשמה פרטית היא ניצוץ וחלק מהנשמה של הצדיק, ויש נשמה שהיא חלק עשירית מנשמת הצדיק — כך היא אמונתו. ויש שהיא חלק ממאה ואלף ורבבה, עד שלפי החלק, שיש לה מנשמת הצדיק, כך אמונתו בו. כי ענין אמונה לא שייך בדבר שהוא מושג בשכל ודעת. בזה לא שייך ענין אמונה, מאחר שהוא מבין בשכלו ודעתו את הדבר, ולהיפך. ענין אמונה בדבר, שהוא עצם ועצמיות מעצמותו, ובעצמותו לא שייך דעת ושכל. כמו שלא שייך לומר שמבין בשכלו שזוהי רגלו או ידו וכו׳, כי זה עצמותו ומהותו, ולא שייך בזה שכל ודעת, כן הוא בענין אמונת הצדיקים, מאחר שנשמתו חלק פרטי מעצמות נשמתו של הצדיק והוא מאמין בו באמונה

---

*) עס זעט אויס, האָט דאָ ר׳ אברהם באַמערקט, אַז דער וואָס האָט צו־ערשט איבערגעגעבן דעם שמועס האָט ניט אַלץ גוט דערהערט. וואָרעם דער אויסדרוק „הנפש היא חלק אלוק ממעל״ געפינט זיך אין פיל ספרים פאַרן „תניא״; דער חידוש איז דאָ דאָס וואָרט „ממש״.

שלמה, שלמעלה מן הדעת וההשגה, רק שנמשך אחריו כל עצמות הנשמה — מאחר שהוא חלק ממנו, כן הוא למעלה בנמשל: מהו עצמות הנשמה — ס'איז דער כח האמונה, וואָס עס שטייט אין אַ נשמה, מאמין צו זיין אין עצמותו יתברך, אַזוי ווי מיר האָבן פריער גערעדט: זי האָט אַ צוקאָך אין דעם ענין, אַז ער איז קלאָר פאַראַנען און חוץ אים איז קיין זאַך קלאָר ניט פאַראַנען. און די נשמה איז אַ חלק אלוק ממעל, כי זה הכח שיש בנשמה להבין ולהשכיל באלוקות, זה אינו עצמותו ומהותו, כי לית מחשבה תפיסא ביה כלל, רק בכח האמונה הפשוטה, שיש בה מצד שהיא חלק מעצמותו ית', יכולה היא להכיר אותו און צוגעקאָכט ווערן צו אים כפי האמת, אַז עס איז „אין עוד מלבדו וכולא קמיה כלא חשיבי", אַז ער איז קלאָר פאַראַנען און חוץ אים איז קיין זאַך ניט קלאָר פאַראַנען און אַז דאָס איז ער.

— אמונה, — האָט ר' אברהם דאָס מסביר־געווען, — איז נישט דער טייטש, אַז די נשמה פאַרשטייט געטלעכקייט, מחמת אַז מ'פאַרשטייט איז דאָך נישט שייך גלייבן. יענער כוח אין דער נשמה, וואָס דערקענט געטלעכקייט, איז נישט גאָטס מהות, וואָס לאָזט זיך נישט דערקענען. נאָר וואָס האָט יאָ צו טאָן מיט גאָטס מהות? דער כוח האמונה, וואָרום די נשמה גלויבט מיטן כוח פון דעם, וואָס זי איז ממש אַ חלק פון גאָט. עס איז אַזוי ווי מיט חסידים, וואָס גלויבן אין דעם צדיק דערפאַר, ווייל זייערע נשמות זיינען ממש אַ חלק פון דעם צדיקס נשמה.

# זעקסטער שמועס — דער סוד פון דירה בתחתונים

וואָס האָט די נשמה צו טאָן אויף דער ערד? — „תניא" פרק ל"ה און פרק ל"ו. — דער „תניא" איז מסביר דעם ענין דורך אַ משל פונעם „זוהר". — די אינער־לעכקייט פון געטלעכן רצון. — וואָס די נשמה געווינט דורך איר התחברות מיטן גוף. — ווען די שכינה רוט אין דער בחינה פון אַ מקיף. — אַ חבדישער אויסטייטש פון אַ משנה. — אין וואָס באַשטייט דער „קורת־רוח" פון עולם־הבא? — דער כוח פון תשובה און מעשים טובים אין עולם־הזה. — דערקענ־קענטעניש און גילוי. — חב"ד און דער העכסטער יחוד. — דער סוד פון „דירה בתחתונים".

ווען וועלוועלע פלעגט שמועסן מיט זיין פאָטער וועגן די הויכע ענינים פון גאָט, וועלט און מענטש, האָבן זיי ביידע, דער זון מיטן פאָטער, ניט באַמערקט ווי אין אַ צווייט צימער, וואָס איז אָפּגעטיילט סיי פון ר' אברהמס, סיי פון וועלוועלעס צימער מיט דינע ווענטלעך, הערט מען זיך צו צו יעדן וואָרט, וואָס זיי ריידן. צוגעהערט זיך צו זייער ריידן האָט ר' אברהמס טאָכטער און וועלוועלעס שוועסטער — גיטל.

אַ טייל פון דעם, וואָס זי האָט געהערט, האָט זי ניט גוט פאַרשטאַנען. איבערהויפּט האָט זי ניט גוט פאַרשטאַנען די פאַרשידענע מימרות פון דער גמרא, די פאַרשידענע אויסדרוקן פון מוסר, חקירה און קבלה. דעם ע י ק ר האָט זי אָבער תופס געווען, ווייל זי האָט געהאַט אַ ליכטיקן קאָפּ און די לעצטע פראַגן פון וועלט און לעבן האָבן זי באַאומרואיקט. דערצו האָבן ביידע, דער פאָטער מיטן זון, כאָטש זיי זיינען געווען בני תורה, באַמיט זיך מסביר צו זיין איינער דעם צווייטן וואָס פשוטער דאָס, וואָס איינער האָט געהאַט צו פרעגן און וואָס דער צווייטער האָט געהאַט צו ענטפערן.

אין דעם שמועס וועגן דעם אמתן מהות פון דער „נפש אלקית", באַזונדערס אין דעם כתב יד וועגן ר' משה ווילענקערס שמועס מיטן רב, האָט גיטל פאַרגעפילט אַן ענטפער אויף דער עיקר־פראַגע, וואָס האָט זי גע־פייניקט זינט זי האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן: צו וואָס איז בכלל וועלט און לעבן? צו וואָס באַדאַרף מען דאָס אַלץ? וואָס איז דער ז י ן פון דעם אַלעמען? פון וואַנען קומט עס און צו וואָס גייט עס? וואָס ווערט פאַרט דערגרייכט דורך די יסורים און מאַטערנישן פון דער עקזיסטענץ? זי האָט

אויף דער פראַגע איבער אַלע פראַגן געזוכט אַן ענטפער אין פילאָזאָפּישע און דיכטערישע ווערק און איז געבליבן ביים אַלף.

אויב אָבער דעם מענטשנס נשמה איז אַ „חלק אלוק ממעל ממש״, מוז דאָך אונדזער לעבן אויף דער וועלט האָבן אַ הימל־הויכע באַדייטונג — און נאָך מער ווי דאָס. הימל־הויך איז דאָך דעם מענטשנס נשמה, אויך איידער זי נידערט אַראָפּ אין גוף, און אויב זי נידערט יאָ אַראָפּ אין גוף, איז דאָך די אַראָפּנידערונג צו דערגרייכן עפּעס, וואָס איז נאָך פיל הייליקער, העכער, גרעסער, וויכטיקער ווי די הימל־הויכקייט גופא... וואָס קאָן שוין אָבער זיין העכער פון יענער הויכקייט? און ווי אַזוי דערגרייכט עס די נשמה דווקא דורך דעם, וואָס זי נידערט אַראָפּ צום גוף־לעבן, צו בלוט און פלייש?

ווען עס וועט איר — גיטלען — קלאָר ווערן, צו וואָס די נשמה נידערט אַראָפּ אין גוף, וועט איר ממילא קלאָר ווערן אויך פאַרוואָס איז בכלל פאַראַן וועלט און לעבן. וואָרעם אויב די געטלעכע נשמה האָט צו שאַפן עפּעס גוואַלדיקס אין גוף און דורכן גוף, מוזן דאָך זיין וועלט און לעבן, כדי צו דינען ווי כלים פאַר אָט דער שאַפונג.

עס בלייבט נאָך די פראַגע, צי וואָלט פאַר איר ניט בעסער געווען צו בלייבן אייביק אין איר געטלעכן מקור, אין איר העכסטער הויכקייט און ריינסטער ריינקייט. וואָס געווינט זי, די נשמה, דורך דעם נידערן אירן?

גיטל האָט מיט איר ברודער דעם מתמיד ווייניק געשמועסט: ער איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט זיינע שיעורים אין גמרא און פוסקים, און זי — מיט אירע לעקציעס. ער האָט זיין וועלט, זי — איר וועלט. ער האָט געהאַט ווייניק פאַרשטענדעניש פאַר איר וועלט, און זי — פאַר זיין וועלט. זיי פלעגן זיך נאָר איבערוואַרפן מיט קורצע פראַזן: גוט מאָרגן! — גוט יאָר! וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכט דער טאַטע, די מאַמע? ווייטער און טיפער זיינען זייערע שמועסן ניט געגאַנגען. איצט האָט גיטל ביי זיך באַשלאָסן צו פאַרפירן מיט איר ברודער אַ ברייטן שמועס וועגן תורה־זאַכן, איבער־הויפּט טאַקע וועגן דער פראַגע פון אַלע פראַגן.

איינמאָל האָט זי באַמערקט, ווי וועלוועלע זיצט ביי אַן אָפענעם „תניא״ און איז שטאַרק פאַרטיפט און פאַרטראַכט. איז זי צו אים צוגעקומען און זיך צו אים אָפּגערופן אין אַ געלעכטער:

— אפשר קאָן איך דיר צו הילף קומען?

— דו קאָנסט מיר דאָ אַזוי פיל העלפן, ווי איך קאָן דיר העלפן אין דיינע אוניווערזיטעט־זאַכן.

— ס'איז גאָרניט אַזוי ווי דו מיינסט. איך האָב געהערט אַלע דיינע שמועסן מיטן טאַטן און האָב פאַרשטאַנען.

— טאַקע ?

— אַז מען הערט ניט נאָר מיט דער אויסערלעכער הערונג, נאָר אויך מיט דער אינעווייניקסטער, ווייל די זאַך איז שטאַרק נוגע — פאַר־שטייט מען אַלץ.

— דו רעדסט שוין עפּעס גאָר ווי אַ חב״דניק, — האָט וועלוועלע געשמייכלט.

— אַז מען האָט אַ חב״דישע נשמה איז מען אַמאָל משיג מער פון דעם למדן. איך האָב אַמאָל געהערט פון טאַטן, אַז עס איז דאָ אַ גרויסער חלוק צווישן הערן און דערהערן. אין חסידות איז דער עיקר ניט הערן דאָס וואָרט, נאָר ד ע ר ה ע ר ן. איך האָב דערהערט אַלץ, וואָס איר האָט גערעדט, — האָט די סטודענטקע גיטל געטענהט. — איך האָב דערהערט אַלץ, וואָס דער טאַטע האָט דיר פאָרגעלייענט פון חסידישן כתב־יד וועגן דעם שמועס צווישן דעם אַלטן רבין און דעם חסיד. איך וועל ניט זאָגן, אַז איך פאַרשטיי דאָרט אַלץ. עפּעס זייער וויכטיקס פון יענעם כתב־יד האָב איך אָבער געכאַפּט. איך האָב מיר עס אויסגעטייטשט מיט אַ וואָרט פון אַ גרויסן דיכטער: „ווען דאָס אויג וואָלט ניט געווען זוניק, וואָלט עס די זון נישט געזען". דאָס זעלבע מוז געזאָגט ווערן וועגן דער נשמה. ווען די נשמה פון מענטשן וואָלט ניט געווען געטלעך, וואָלט זי ניט געבענקט נאָכן געט־לעכן... צו וואָס האָט מען עס אָבער באַלד פון אָנהויב באַדאַרפט האָבן? וואָלט ניט פיל בעסער געווען, ווען אַלץ וואָלט גערוט אין דער אור־אינהייט? צו וואָס האָט מען באַדאַרפט אַראָפּלאָזן די נשמה אינעם גרוב פון דער וועלט און דערנאָך לאָזן זי אויסגיין פון בענקשאַפט נאָך די הימלען? וואָלט ניט בעסער געווען, ווען דער טראָפּן וואָלט זיך געפונען אין ים, דער שטראַל — אין דער זון?

— וועגן דעם אַלעמען, — האָט געענטפערט וועלוועלע, — בין איך טאַקע איצט מעיין אין „תניא" פרק ל״ה און פרק ל״ו. ס'איז אָבער העכער פון מיין השגה. די אותיות פון אַלעם דעם, וואָס איז דאָ געזאָגט, באַנעם איך; דער א ו ר פון די אותיות איז מיר אָבער ניט אַנטפּלעקט געוואָרן; לאָמיר אָפּוואַרטן אַ גינציקע מינוט אויף צו באַקומען פון טאַטן דעם ריכטיקן אויסטייטש.

ברודער און שוועסטער האָבן זיך סוף כל סוף דערוואַרט אויף דער מינוט צו ריידן מיטן פאָטער וועגן דעם ענין פון „למה ירדה הנשמה

לגוף?״ דאָס איז ענג פאַרבונדן מיט דער פראַגע, צו וואָס זיינען בכלל באַשאַפן געוואָרן עולמות עליונים און תחתונים, באַזונדערס עולמות תחתונים, איבער וועלכע עס שוועבט תמיד די געפאַר אָפּגעריסן צו ווערן פון די עולמות העליונים, צו פאַרלירן יעדן קאָנטאַקט מיטן אויבערשטן, צו זינקען אַלץ מער אין חושך און אין טומאה. וואָלט טאַקע ניט בעסער געווען, ווען די עולמות וואָלטן געבליבן אין זייער מקור און וואָלטן גאָר ניט געקומען צו קיין גילוי?

ווען ר׳ אברהם האָט זיינע קינדער אויסגעהערט, האָט ער זיי אָנגעוויזן אויף די ווערטער אין „תניא״: „להבין מ ע ט מ ז ע י ר תכלית בריאת הבינונים וירידת נשמותיהם לעולם הזה״ (פרק ל״ה). איר זעט, האָט ער זיי געזאָגט, כאָטש דער רבי רעדט וועגן דעם ענין אין גאַנצע דריי פרקים (ל״ה, ל״ו, ל״ז), און ער רעדט וועגן דעם אויך אין אַנדערע ערטער פון „תניא״, פונדעסטוועגן הייסט עס ביי אים נאָר אַ ביסל געגעבן צו פאַרשטיין, ווייל עס איז גאָר ניט אין מענטשנס כח צו באַגרייפן די זאַך אין דער גאַנצער טיפקייט אירער.

איר זאָלט דעריבער ניט דערוואַרטן פון מיר, קינדער מיינע, אַז איך זאָל אייך די זאַך אויפקלערן אַזוי ווי מען קלערט אויף אַ געוויינלעכע שכל־זאַך. מען קאָן דעם סוד הבריאה ניט זען, און ווען מען זעט שוין אַמאָל יאָ עפּעס, איז דאָס נאָר „כמציץ מן החרכים״ (ווי מען קוקט אַריין דורך שפּאַלטן). ווען מען וויל דערציילן וועגן דעם אַ צווייטן, מוז מען ריידן מיט משלים און רמזים, ווי דאָס טוט די קבלה, און נאָך מער: מיט משלים און רמזים (און אויך הסברים) פון דעם, וואָס איז דעם מענטשן אַמנאָענטסטן, — פון זיין אייגענער נשמה, — און דאָס טוט טאַקע חב״ד.

ווען דער אַלטער רבי האָט געוואָלט כאָטש אַ האַרעלע מסביר זיין פאַר דעם בינוני דעם ענין פון „ירידת הנשמה לגוף״ און דעם ענין פון „נתאוה הקב״ה להיות לו דירה בתחתונים״, האָט ער דעריבער אָנגעהויבן פון אַ משל, וואָס ווערט געבראַכט אין זוהר פרשת בלק: „לא יהלך בר נש בגלויא דרישא ד׳ אמות, מאי טעמא, דשכינתא שריא על רישיה, וכל חכם עינוהי ומלוי ברישא אינון — בההוא דשריא וקימא על ראשיה וכד עינוי תמן לנדע, דההוא נהורא דאדליק על רישיה איצטריך למשחא, בגין דגופא דבר נש איהו פתילה ונהורא אדליק לעילא, ושלמה מלכא צוח ואמר: ושמן על ראשך אל יחסר, דהא נהורה דברישא אצטריך למשחא ואינון עובדאן טבין, ועל דא החכם עיניו בראשו״. (מען טאָר ניט גיין פיר איילן אין בלויזן קאָפּ. פאַר וואָס? ווייל די שכינה רוט אויפן מענטשנס קאָפּ, און יעדער חכם האָט זיינע אויגן אין קאָפּ, — געווענדט צו דעם, וואָס רוט און שטייט א י ב ע ר ן קאָפּ. און ווען די אויגן זעען באַדאַרף מען צו

וויסן, אַז דאָס ליכט, וואָס ברענט איבערן קאָפּ, באַדאַרף צו האָבן בוימל, ווייל דער גוף פונעם מענטשן איז דער קנויט — און דאָס ליכט ברענט אויבן. שלמה המלך שרייט דעריבער און זאָגט, עס זאָל ניט פעלן קיין בוימל איבער דיין קאָפּ, דען דאָס ליכט איז איבערן קאָפּ און באַדאַרף צו האָבן בוימל, די גוטע מעשים, — דעריבער שטייט: החכם עיניו בראשו).

דורך אָט דעם משל איז דער רבי מסביר דעם ענין פון דעם, וואָס די נשמה נידערט אַראָפּ אין גוף און עס איז נישט גענוג איר אייגן געטלעך ליכט. זי מוז האָבן בוימל און קיין אַנדער בוימל פאַר דעם נפש אלקית איז ניטאָ אויסער מעשים טובים. די נפש אלקית אָן מעשים טובים מעג אַפילו לייכטן מיטן העכסטן און ריינסטן ליכט, איז זי דאָך אָפּגעטיילט, אַ דבר נפרד, פון אין סוף ברוך הוא. כאָטש זי איז אַ „חלק אלק ממעל ממש״ איז זי אָבער דאָך נאָר אַ חלק, אַ נ ב ר א, און ממילא אויך אַ יש פאַר זיך. דורך מעשים טובים ווערט זי אָבער אינגאַנצן פאַראייניקט, אַריינגעגאָסן און אויסגעמישט אין אלקות, ווייל מצוות זיינען נישט אַנדערש ווי „פ נ י מ י ו ת ר צ ו נ ו י ת ב ר ך״. ווערט מען דאַן, בעת מען טוט די מצוות מיטן פולן ווילן, נכלל אינעם אויבערשטנס רצון און מען ווערט מיט אים „אחדים ממש״ — בפירוש איינס.

די פולע פאַראייניקונג מיט דער גאָטהייט, וואָס שוועבט איבער יעדן מענטשן, ווען ער דאַוונט בלב שלם, ווען ער לערנט תורה לשמה, גיט צדקה כפי כחו און נאָך מער און טוט אויך אַנדערע מעשים טובים, איז, בכן, די פאַראייניקונג פון ליכט מיטן בוימל, די פולע צונויפשמעלצונג פון אלקות מיט די מעשים טובים פונעם מענטשן. ליכט און בוימל נויטיקן זיך אָבער אויך אין אַ קנויט, ווען נישט — פאַרשווינדט דאָס ליכט און דער בוימל בלייבט אָן חיות. מוז דעריבער זיין דער גוף, וואָס זאָל טאָן די אַלע מעשים טובים.

די נשמה געווינט דורך איר התחברות מיטן גוף זייער פיל. זי באַקומט אַזאַ געטלעכן יחוד, וואָס זי האָט פריער אין קיין שום אופן ניט פאַרמאָגט. וואָס געווינען אָבער די נפש הטבעית און דער גוף פון דעם? ווען אַ מענטש לערנט תורה, קומט פאַר דער גרויסער יחוד פון דער נשמה און אירע צוויי לבושים — מחשבה און דבור — מיט דער שכינה, וואָס רוט איבער איר („אַפילו אחד שיושב ועוסק בתורה שכינה עמו״). ווען אַ מענטש טוט אָבער מצוות מיט די איברי הגוף, ווערט אויך דער דריטער לבוש פון דער נפש אלקית, — מעשה, האַנדלונג, — פאַראייניקט מיט דער

שכינה און די גאַנצע נפש החיונית, צי נפש הטבעית, ווערט נתעלה צו דער מדריגה פון נפש אלקית. וויבאַלד אַז אָן איר, אָן דער נפש החיונית אָדער טבעית, וואָלט די נפש אלקית ניט געקאָנט טאָן איר אַרבעט, (ווייל זי איז דאָך די פאַרמיטלערין צווישן דער נפש אלקית און דעם גוף) ווערט זי נכלל אינעם זעלבן אור, וואָס די „נפש אלקית" האָט. און כאָטש די נאַטור פון דער נפש הטבעית ווערט נאָך ניט געענדערט און זי קאָן נאָך בלייבן ביי אירע מדות רעות, איז אָבער בשעת מעשה, בשעת די „נפש הטבעית" ווערט בטל פאַר דער ליכטיקייט פון דער „נפש אלקית", רוט די שכינה אויך אויף איר. נאָך מער, אַפילו אויפן גוף רוט דאַן אויך די שכינה אין דער בחינה פון אַ מקיף. זי באַשיינט אים און באַגיסט אים מיט געטלעך ליכט פון קאָפּ ביז די פיס.

אין לקוטי תורה (פרשת בשלח אויפן פסוק „ראו כי ד' נתן לכם את השבת", און אין שיר השירים אויפן פסוק „שחורה אני ונאוה" און אויפן פסוק „לריח שמניך טובים" און אין אַנדערע ערטער), אינעם „טעמי המצות" פונעם צמח צדק זצ"ל, און אַנדערע ספרי חב"ד, ווערט דער ענין פיל ברייטער אַרומגערעדט. אין אייניקע ערטער ווערט ער באַזונדערס דערקלערט דורך דער משנה: „יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא ויפה שעה אחת של קורת רוח בעולם הבא מכל חיי העולם הזה" (אבות פרק ד', ע"ב), וואָס דאָס הייסט: בעסער איין שעה אין תשובה און מעשים טובים אויף דער־וועלט פון גאַנצן לעבן אויף יענער וועלט, און בעסער איין צופרידענע שעה אויף יענער וועלט פונעם גאַנצן לעבן אויף דער וועלט. אָט די משנה לאָזט זיך שווער תופס זיין: עולם הבא איז דאָך דער לעצטער תכלית פון אַלץ, איז דאָך טאַקע טייערער איין שעה פון יענעם עולם סיי לויטן ווערט, סיי לויטן דערגרייכטן תענוג, טאָ ווי אַזוי קאָן, ווידער, איין שעה אין תשובה און מעשים טובים אויף דער וועלט טייערער זיין פון גאַנץ עולם הבא?

נאָך מער: דער בעל המאמר פון „יפה שעה אחת וכו'", איז ר' יעקב, דער זעלבער תנא, וואָס האָט געזאָגט (אבות, דאָרט, מיט אַ משנה פריער): „העולם הזה דומה לפרוזדור בפני העולם הבא; התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין" (די וועלט איז גלייך צו אַ פאָדערהויז אַנטקעגן יענער וועלט, ברענג־זשע זיך אין אָרדנונג אין פאָדערהויז, כדי דו זאָלסט קאָנען אַריינקומען אין זאַל). ווי־זשע קאָן אַ גוטע שעה אין פאָדערהויז טייערער זיין פון גאַנצן לעבן אין די פּאַלאַצן?

דאָס וואונדער ווערט נאָך שטאַרקער, ווען מען באַטראַכט, וואָס עס

הייסט „שעה אחת של קורת רוח בעולם הבא״, ווי גוואַלדיק עס איז יענע „קורת רוח״...

לאָמיר זיך נאָר באַטראַכטן. ווען אלישע בן אבויה (אחר) איז געשטאָרבן, איז געווען אַ סברא אין בית־דין של מעלה, אַז מען זאָל אים ניט צו־משפטן קיין גיהנם און אויך ניט אַריינברענגען אין חיי עולם הבא, — גאָר נישט, ניטאָ קיין משפט און פאַרטיק! האָט זיין תלמיד רבי מאיר געבעטן: „מוטב דלידייניה וניתי לעלמא דאתי״ (זאָל מען אים משפטן, אַבי ער זאָל האָבן עולם הבא).

לאָמיר דאָ געדענקען דעם מאמר, אַז אונדזער פייער איז „אחד מששים בגיהנם״, וואָס עס הייסט, אַז דאָס פייער פון גיהנם שטייגט זעכציק מאָל אַריבער אונדזער „אש״, און לאָמיר געדענקען דאָס וואָס דער רמב״ן זאָגט, אַז ס׳איז בעסער צו ליידן זיבעציק יאָר יסורי איוב אידער צו זיין איין שעה אין גיהנם. פונדעסטוועגן האָט זיך רבי מאיר פאַר דעם ניט אָפּגע־שטעלט און האָט געזאָגט: לידייניה (זאָל מען אים משפטן). עס לוינט, הייסט עס, געפּייניקט ווערן יאָרן נאָכאַנאַנד אין אש של גיהנם, אַבי צו פאַר־זוכן דעם טעם פון עולם הבא. און דאָ קומט גאָר די משנה און זאָגט, אַז איין שעה אין תשובה ומעשים טובים איז בעסער פון כל חיי עולם הבא. ווי שיקט זיך עס? דאָס ווערט אָבער קלאָר ווען מען פאַרשטייט אין וואָס עס באַשטייט דער אמתער „קורת רוח״ פון חיי עולם הבא. עס שטייט, אַז עולם־הזה (מיר וועלן באַלד הערן וואָס דאָס איז) איז באַשאַפן מיט אַ ה״א און די קומענדיקע וועלט — מיט אַ יוד. וואָס איז יו״ד? יוד איז אַ נקודה סתומה, אַ פאַרבאָרגענער הייליקער פונקט, אַ נקודה אידער זי קומט לידי גילוי (אַנטפּלעקונג), התפשטות (פונאַנדערשפּרייטונג) און התחלקות (פונאַנדערטיילונג) פון אותיות. יוד איז די חכמה עילאה, דער מקור פון אַלע השגות, די השגה איבער אַלע השגות — און ממילא אויך דער גרעסטער תענוג פון השגה, וואָס אונדזער באַוואוסטזיין קאָן זיך עס גאָר ניט פאָרשטעלן. „עולם הזה״, עלמא דאתגליא לויטן חב״ד, איז ניט דווקא אונדזער עולם, נאָר אויך אַלע העכערע עולמות אויף וויפיל זיי זיינען באַגרענעצט און ממילא דערוייטערט מער אָדער ווייניקער פונעם „מקור חיים״. היינט ווי קומט עס, טאַקע ווידעראַמאָל, אַז אַ שעה אין מעשים טובים און אין תשובה אין עולם הזה זאָל ווערט זיין די גאַנצע עולם־הבא־עקזיסטענץ?

קומען מיר שוין אָבער צום אמתן זין פון „קורת רוח בעולם הבא״, פאַרשטייען מיר שוין אויך, פאַר וואָס איין שעה „בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה״ איז פאַרט טייערער פון „חיי העולם הבא״. ביו״ד נברא העולם

הבא״. געדענקט־זשע: „נברא״ (באַשאַפן געוואָרן). אַפילו די נקודה הסתומה איז פאַרט לגבי עצמות אלקות א נברא, און ממילא אויך — אַ יש פאַר זיך. איין שעה אין תשובה און מעשים טובים בעולם הזה (פאַרשטייט זיך אַז מען מיינט דאָ אַן אמתע, ניט געגנאַרטע תשובה, און מעשים טובים — אויך טאַקע די אמתע און ריינסטע) איז אָבער דאָך טייערער פון דעם, ווייל בעת אַ מענטש טוט מצוות קומט אויף אים און אין אים אַראָפּ אַן אור, וואָס איז פיל העכער פון חכמה עילאה: די מצוות זיינען די פ נ י מ י ו ת פון אויבערשטן רצון, און ווען דער מענטש טוט זיי, ווערט זיין נפש אלקית פאַראייניקט מיט אָט דעם אור און זיין נפש הטבעית מיט זיין גוף ווערן כלים צו אָט דער השראה און עס גייען אויף ליכט, בוימל און קנויט אין איין קרבן צו גאָט...

בנוגע דעם תענוג פון דערקענטעניש, תענוג ההשגה (אין תענוג כתענוג ההשגה) איז געוויס „יפה שעה אחת של קורת רוח בעולם הבא מכל חיי העולם הזה״, בנוגע אָבער דעם ג י ל ו י פון געטלעכן ליכט איז פאַרקערט: „יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעוה״ז מכל חיי העולם הבא״.

ווי איר זעט, מיינע קינדער, איז די טועכץ פון מענטשן אויף דער וועלט אַזאַ גוואַלדיקע, אַז מען האָט פון איר גאָר קיין אַנונג ניט, ווען מען לערנט נישט קיין תורה און מען איז ניט מקיים קיין מצוות. מען האָט אויך פון איר קיין ריכטיקע פאַרשטעלונג נישט, כל זמן מען פאַרטיפט זיך ניט אין חב״ד.

ערשט ווען מען פאַרטיפט זיך, ווי עס געהער צו זיין, אין חב״ד, באַנעמט מען, ווי טייער מען דאַרף האַלטן יעדע איינציקע סעקונדע, ווי מען דאַרף מקדיש זיין יעדע איינציקע מינוט צו תורה און מצוות. בעתן למוד התורה לשמה און קיום המצות בפועל ממש איז מען זיך מיחד מיט קודשא ברוך הוא ממש, און ווען מען גייט אַוועק פון דער תורה — גייט מען ממילא אַוועק פון דעם העכסטן און הייליקסטן יחוד, וואָס איז דאָ אין אַלע עולמות.

און לסוף: באַנעמט מען דאָס אַלץ, פאַרשטייט מען שוין פאַר וואָס די נשמה אלקית קומט אַראָפּ אין גוף; זי דערגרייכט דורך דעם אַזאַ הויכן יחוד, וואָס זי האָט פריער ניט געקאָנט דערגרייכן.

גייט, מיינע קינדער, און קאָכט עס גוט איבער אין אייער פנימיות, וועט איר אָנהויבן תופס צו זיין, וואָס דער „תניא״ איז און וואָס חב״ד איז. דעם שליסל האָב איך אייך שוין געגעבן!

— ואידך פירושא הוא — זיל גמור, — האָט אַ זאָג געטאָן וועל־וועלע.

גיטל, ווידער, האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז פון איצט אָן וועט זי שוין ויסן וואָס צו ענטפערן דעם פריינד אירן, דעם יונגן סטודענט, וואָס טענהט מיט איר איין, אַז די העכסטע דערגרייכונג פון דעם מענטשנס דערקענטניש איז — דער בודיזם... יאָ, איצט וועט זי וויסן וואָס אים צו ענטפערן. דאָ, אויף דער וועלט, דווקא דאָ אונטן, האָט דער מענטש וואָס אויפצוטאָן. דאָ אונטן איז זיין עיקר שליחות. זי וועט אויך וויסן, וואָס צו ענטפערן אַ צווייטן פריינט, וואָס קריסטלט אונטער... וואָרעם איצט ווייס זי, גיטל, וואָס איז גוף און וואָס נפש טבעית און ווי אַזוי מען נוצט אויס דעם גוף דווקא, כדי זיך צו באַהעפטן מיט גאָט דורך דער נפש אלקית.

***

גיטל האָט אַזוי לאַנג געשמועסט וועגן חב״ד מיט איר פאָטער און איר עלטערן ברודער, ביז זי האָט אַליין אָנגעהויבן נוצן זייערע ווערטער און אויס־דרוקן. די מאַמע, שרה־אסתר, האָט געקוואָלן. גיטל איז אַ למדנטע! און אַז פנחסל, דער יינגערער ברודער, דער חלוץ, האָט זיך מיט איר געזעגנט פאַר זיין עליה קיין ארץ ישראל, האָט גיטל אים געזאָגט:

— זאָלסט קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז דער סוד פון ארץ־ישראל איז פאַר־בונדן מיט דעם סוד פון „נתאווה הקדוש ברוך הוא להיות לו דירה בתחתונים״.

פנחסל, וואָס מיר האָבן אים געהערט מאַכן אַ צופעליקע באַמערקונג בעת דעם ערשטן שמועס, האָט אין די חב״ד־שמועסן צווישן זיין פאָטער, ברודער און שוועסטער, נישט געהאַט קיין צייט זיך צו באַטייליקן, מחמת ער איז טאָג און נאַכט געווען פאַרנומען מיט הכשרה און מיט הכנות צו זיין עליה קיין ארץ ישראל, און אַחוץ דעם זיינען טאַקע די אַלע ענינים נישט געווען פאַר זיין השגה. איצט האָט ער געבעטן זיין שוועסטער, זי זאָל אים אויסטייטשן וואָס זי מיינט. גיטל האָט דאָס אים געפּרוּווט מסביר־זיין מיט איינפאַכע ווערטער. פנחסלס שטילע, ערנסטע אויגן האָבן אויפגעלויכטן.

— נישט אַלץ האָב איך פאַרשטאַנען, — האָט ער גערעדט ווי צו זיך אַליין, — נאָר איין זאַך איז מיר קלאָר געוואָרן: ארץ ישראל איז נאָך מער, נאָך אַ סך, אַ סך מער, ווי דאָס, וואָס איך האָב געמיינט און וואָס מען האָט מיך געלערנט.

# אין שאָטן פון גרויסע ביימער

## די הייליקע ברידער

(ערשטע קאַפּיטלען פון אַן אַרבעט)

# די הייליקע ברידער
## (ערשטע קאַפּיטלען פון אַן אַרבעט)

### קאַפּיטל א.

### אַמאָליקע ישובניקעס

פאָלקס־וויצן וועגן אַמאָליקע ישובניקעס. — ישובניקעס למדנים, ישובניקעס האַלבע למד־וואָווניקעס. — הכנסת אורחים ביי אַמאָליקע ישובניקעס. — פאָלקס־מעשהלע וועגן דער געבורט פון בעש״ט. — אַמאָליקע רייכע פּריצים און זייער באַציאונג צו יידישע אַרענדאַרן. — פּדיון־שבויים. — דער פאָטער פון די צוויי וואַנדער־ברידער.

אין אַ דאָרף נישט ווייט פון טאַרנאָוו און ריישע, אין גאַליציע, האָט גע־וואוינט אַן אַרענדאַר מיטן נאָמען ר׳ אליעזר ליפּא. ר׳ אליעזר ליפּא האָט ניט געהערט צו יענעם מין ישובניקעס, וועגן וועלכע עס זיינען דאָ אַזוי פיל פאָלקס־וויצן; ישובניקעס, וואָס ווייסן קיינמאָל נישט, ווען עס איז ראש־חודש און ווען עס איז יום־טוב; ישובניקעס, וואָס זאָגן: „אַדאַנק דעם פעט־טער משהן וואָס ער האָט געגעבן די לוחות, — ווייסט מען טאַקע, ווען עס איז טראַאיצע און ווען עס איז פּאָקראָווע״ (ביי זיי איז משה רבינו אַ גוטער פעטער, וואָס האָט געגעבן די „לוחות״, ד״ה געמאַכט די קאַלענדאַרן, וואָס אַ דאַנק זיי דערוויסט מען זיך, ווען עס פאַלן אויס די גויאישע חגאות...); ישובניקעס, וואָס קומען אַריין אין שטאָט און מאַכן ביים אויפגערופן ווערן צום ספר תורה אַ ברכה „בורא מיני מזונות״, ווייל, ווי אַנדערע ישובניקעס פאַרענטפערן זיי, זיי עסן אַ גאַנץ יאָר קאַרטאָפל...; ישובניקעס, וואָס האָבן מורא פאַרן אָנקומען פון משיחן, ווייל זיי וועלן דאַן מוזן פאַרלאָזן די פערד מיט די קי, מיט די בוראַקעס, וואָס זיינען אָנגעגרייט געוואָרן אויף ווינטער און זייערע ווייבער טרייסטן זיי: „עס זיינען שוין גענוג צרות און גזירות געווען אויף יידן און דער אייבערשטער האָט מציל געווען, וועט ער אויך פון דער צרה ראַטעווען״...; ישובניקעס, וואָס זייער פּראָסטקייט גייט אַרי־בער פונעם פאָלקס־וויץ אין דער פאָלקס־מעשה אַריין און ווערט אין איין מעשה דערהויבן און פאַרהייליקט, נעמלעך אין דער מעשה וועגן דאָרפס־

יונג, דעם טיף־פילנדיקן פּראָסטאַק, וואָס האָט נישט געקאָנט דאַוונען און האָט אויס גרויס ליבשאַפט צום אייבערשטן אויסגעשריען בעתן ראש־השנהדיקן מוסף: „ביע ווידערזשו, סוויסטנו״ (איך וועל עס נישט אויסהאַלטן, איך מוז אַ פּייף טאָן)...

ר׳ אליעזר ליפּא, אַ גרויסער יחסן און אַ זעלטענער למדן, האָט גע־הערט צו אַ גאַנץ אַנדערן מין ישובניקעס, וועגן וועלכע עס דערציילט דער יידישער פילאָזאָף שלמה מיימון אין זיין אויטאָביאָגראַפיע: ישובניקעס, וואָס זיינען געזעסן אין זייערע שענקען ביים פעסל בראַנפן מיט דער גמרא אין האַנט און האָבן אויך בעתן אָנגיסן דאָס גלעזל בראַנפן פאַרן פּויער אַ סך מער געטראַכט וועגן אַ הארבן מהרש״א, איידער וועגן דעם, וואָס זיי טוען; ישובניקעס, וואָס זיינען פרעמד געווען דער סביבה און געהאַלטן אין איין קלאָגן און וויינען אויף דעם, וואָס דורך זייער זיצן אין די דערפער קאָנען זיי נישט אָפּהיטן תפילה בציבור, ווי עס געהער צו זיין, און זיי קאָנען אויך נישט הערן אַ שיעור גמרא אָדער אַליין זאָגן דעם שיעור גמרא, ווי אַנדערע בני תורה, וואָס האָבן דאָס גליק צו וואוינען אין שטאָט.

ר׳ אליעזר ליפּא האָט אין דער זעלבער צייט אויך געהערט צו אַ דריטער קאַטעגאָריע פון יידישע ישובניקעס, וואָס זיינען געווען האַלב־ישובניקעס און האַלב למד־וואָווניקעס. זיי האָבן באַטראַכט זייער זיצן אין די דערפער ווי אַ באַזונדערע שליחות פונעם רבונו של עולם, דהיינו, מקיים זיין די גרויסע מצוה פון הכנסת אורחים, כדי אַ ייד אַ הויזירער, צי אַזוי אַן אָרע־מאַן, אַ פאַרהאָרעוועטער און פאַרמאַטערטער, אַ געפרוירענער און פאַרהונ־גערטער זאָל האָבן וואו אָפּצועסן, אָנצואוואַרעמען זיך, די מידעביינער אויס־צורוען און שעפּן כוחות אויף צו גיין ווייטער זיין שווערן, ביטערן וועג. זיי, אָט די ישובניקעס, פלעגן באַטראַכטן יעדן אָרעמאַן, וואָס פאַלט אַריין צו זיי אין שטוב, ווי אַ מתנה, וואָס איז זיי געשיקט געוואָרן פון גאָט, ווי אַ שטיק ליכטיקע מצוה, וואָס באַשיינט און באַקרוינט אַלע וועלטן.

דער טאָג, ווען מען האָט ניט מקיים געווען די מצוה פון הכנסת אורחים, האָט מען באַטראַכט פאַר אַ פאַרלוירענעם. מען פלעגט דעריבער ניט באַנוגענען זיך מיט די אורחים, וואָס קומען אַליין אין דער קרעטשמע, נאָר מען פלעגט אַרומגיין איבער וועגן און שטעגן צו געפינען ערגעץ־וואו אַן אורח.

אין די בעסערע פאָלקס־מעשיות האָט איר פאַרשידענע אַזעלכע דער־ציילונגען, וועגן ישובניקעס, וואָס פלעגן אַרומזוכן אורחים אויף די שליאַכן און אין די זייטיקע וועגן, ביז זיי פלעגן נאָך פיל אַרומזוכן און נישט געפינען

אָנטרעפן ענדלעך אַ ייד, וואָס גייט אַרום קרוע־בלוע, מיט אַ שווער פּעקל אויף די פּלייצעס, אַ קאַליקע, אַ שלים־מזל, אַ הויקער, אַ שטומער, צי אַ טויבער, און אָט דאָס יידל איז גאָר געווען נישט קיין אַנדערער ווי אברהם אבינו, צי אליהו הנביא.

איינע פון אָט די פאָלקס־מעשהלעך וועל איך דאָ ברענגען, ווייל זי האָט זייער אַ שטאַרקן אָנקער מיטן גייסט פון דעם ריינעם חסידות, וואָס די צוויי ברידער, די צדיקים רבי אלימלך און רבי זושא, זיינען געווען זיינע קעמפער, באַגרינדער און פאַרשפּרייטער, און ווייל זי ווערט אונדז קלאָרער מאַכן דעם טיפן האַלב־ישובניקעס און האַלב־למד־וואָווניקעס, צו וועלכן עס האָט געהערט דער פאָטער פון די צוויי ברידער — ר׳ אליעזר ליפּא.

דאָס פאָלקס־מעשהלע, וואָס איך וועל דאָ ברענגען, באַציט זיך אויף דער געבורט פון דעם גרינדער פונעם חסידות — רבי ישראל בעש״ט.

די פאָלקס־מעשה וועגן דעם בעש״טס פאָטער אַלס געפאַנגענער פון טאָ־טאַרן, אַלס שני למלך און מאַן פון דער בת־מלכה, וועלכע ער האָט נישט אָנגערירט אַאז״וו איז פיל יידישע לעזערס באַקאַנט. ווייניקע זיינען אָבער די, וואָס ווייסן, אַז אויסער אָט דער פאָלקס־מעשה איז דאָ אויך אַ צווייטע פאָלקס־מעשה וועגן דעם בעש״טס געבורט, וואָס איז אין פּאָעטישן זין נישט אַזוי שיין ווי די ערשטע, דערפאַר איז זי אָבער מער כאַראַקטעריסטיש ווי די ערשטע.

עס ווערט אַזוי דערציילט:

רבי אליעזר, דער פאָטער פון רבי ישראל בעש״ט, האָט געוואוינט אויפן ישוב. ער האָט טעג און נעכט געדאַוונט און געלערנט און דערביי ממש מיט מסירות־נפש עוסק געווען אין דער מצוה פון הכנסת־אורחים. ווען ער פלעגט נישט האָבן קיין אורחים ביי זיך אין שטוב, פלעגט ער אַרומגיין זיי זוכן איבער אַלע שליאַכן. באַזונדערס פלעגט זיך אָנהייבן דאָס זוכעניש ערב־שבת. ווען עס פלעגט אָנקומען דער פרייטיק און קיין אורח אויף שבת איז נאָך אַלץ נישט געווען, פלעגט זיך רבי אליעזר לאָזן אין איין וועג, זיין פרוי אין אַ צווייטן וועג, זיינע בני־בית — אויף אַנדערע וועגן, ביז מען פלעגט אויפזוכן אַן אורח.

איינמאָל אַ פרייטיק האָט זיך רבי אליעזר מיט זיין הויזגעזינד געלאָזט איבער אַלע וועגן זוכן אַן אורח. מען האָט געזוכט און זיך אויסגעקוקט די אויגן אַ גאַנצן טאָג, די זון איז שוין געווען איבער די שפּיצן בוימער, עס האָבן זיך שוין געוויזן פון די שכנישע דערפער ליכט אין די יידישע קרעטש־מעס און קיין אורח איז נאָך אַלץ נישט געווען. קערן זיי זיך אַלע אום אַהיים

בפחי נפש, און רבי אליעזר זיצט שטאַרק פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט: אַזעל־בעס איז אים שוין לאַנג־לאַנג נישט געשען. וועט מען דען גיין שבת צום טיש אָן אַן אורח? דערווייל ווערט אַ גרויסער רעש אין דער פמליא של מעלה: וואו איז דאָ נאָך אַזאַ ערלעכער ייד ווי רבי אליעזר? און, ווי דער שטייגער איז, וואו עס זיינען דאָ „בני אלקים״, איז אויך „ויבא השטן בתוכם״. האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן אַלערליי קטרוגים אויף ר׳ אליעזרס קאָפּ. האָט זיך אָנגערופן אליהו הנביא: שיקט מיך אויסצופּרואוון אים.

וואָס האָט אליהו הנביא געטאָן? ער האָט זיך אָנגעטאָן ווי אַ שלעפּער, האָט גענומען אַ פּעקל אויף די פּלייצעס און אַ שטעקן אין האַנט און איז אַריינגעפאַלן צו רבי אליעזרן אין שטוב, שבת בייטאָג נאָכן דאַווענען, ווען רבי אליעזר מיט זיין הויזגעזינד זיינען שוין געזעסן ביי דער שבת־סעודה.

ווען אַן אָרעמאַן קומט אַזוי אַריין אום שבת צו אַן אַנדער ייד, מעג ער אַפילו זיין אַ מכניס־אורח, וואָלט ער אים דאָך געזאָגט:

— האַ? וואָס איז דאָס? אום שבת גאָר? אום שבת מיטן זעקל און מיטן פּעקל? גיי, גיי ווייטער, אַזעלכע אורחים דאַרף מען נישט...

רבי אליעזר האָט אָבער פון גאָרנישט געוואָלט וויסן: ער האָט אויפ־גענומען דעם אָרעמאַן מיט גרויס שמחה און האָט אים גלייך פאַרבעטן צום טיש. דער אָרעמאַן האָט זיך נישט געוואַשן, קיין „על נטילת ידים״ נישט געזאָגט, קיין „המוציא״ נישט געמאַכט, און האָט זיך גענומען גלייך צום פרעס.

ביים עסן האָט ער זיך אויפגעפירט זייער גראָביונגעריש, האָט געכאַפּט און געלאַפּט, נישט געלאָזט קיינעם אַ וואָרט אויסריידן, געלאַכט רבי אליעזרן אין פּנים אַריין, גערעדט געמיינע רייד, געקריגט זיך און געזידלט זיך, הלמאי מען גיט אים קאַרג צו עסן. געקומען צום בענטשן — וואָס בענטשן? ווער בענטשן? דער שיינער אורח כראַפּעט שוין. נעמט רבי אליעזר און לייגט אים אַוועק אין זיין בעט און פאַרזאָגט די שטוב־לייט, אַז קיינער פון זיי זאָל נישט שטערן דעם אורח אין שלאָף. אויסגעשלאָפן זיך, האָט דער ייד ווייטער אָנגעהויבן צו פּייניקן רבי אליעזרן און זיין הויזגעזינד: עס פעלט אים דאָס און עס פעלט אים יענס. צו שלש־סעודות — ווידער דאָס זעלבע, אַזוי אויך צו מלוה־מלכה. זונטיק אינדערפרי נעמט דער אורח זיין פּעקל און וויל אַוועקגיין. גייט רבי אליעזר צו אים צו און גיט אים די פיינסטע נדבה.

— ווער, מיינסטו, בין איך? — רופט זיך אָפּ דער אורח. — איך בין אליהו הנביא. איך האָב דיך געפּרואווט און דו ביסט דעם נסיון בייגעשטאַנען

על צד היותר טוב. בענטש איך דיך, אַז דו זאָלסט האָבן אַ זון, וואָס זאָל באַלייכטן די אויגן פון אַלע יידן.

און כך הוה. איבעראַיאָר האָט אים זיין פרוי געבוירן אַ זון, וואָס מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן ישראל, און ווען ער איז גרויס געוואָרן אין תורה און אין חסידות, האָבן יידן אים אָנגערופן: רבי ישראל בעל שם טוב.

צו די מעשים טובים פון די האַלב־ישובניקעס, און האַלב־למד־וואָוו־ניקעס האָט אויך געהערט דער ענין פון פדיון שבויים. דער ענין איז אין די צייטן, ווען עס האָט אָנגעהויבן אַנטשטיין דאָס חסידות אין פּאָדאָליע און אין וואָלין, באַשטאַנען אָט אין וואָס:

די יידישע אַרענדאַרן האָבן דאָרט געלעבט נאָר מיטן „חסד" פון די רייכע פּוילישע פּריצים, ביי וועלכע זיי האָבן געהאַלטן אין אַרענדע די קרעטשמעס און אַנדערע געשעפטן. יעדער פּריץ איז געווען אַן אומבאַגרע־נעצטער הערשער סיי איבער די פּויערים, וועלכע זיינען פאַררעכנט געווען ווי אַן אייגנטום, סיי איבער די יידן, וואָס זיינען געזעסן אין זיינע שטעט־לעך, און אויך אין זיינע גיטער, קרעטשמעס, מילן, וויינהייזער וכדומה. איז דער פּריץ געווען פון נאַטור אַן איידעלער און דער ייד האָט געצאָלט די ראַ־טעס פון דער אַרענדע רעגולער, איז זיך דער ייד געזעסן בהרחבה, האָט געפירט אַ שיין הויז, האָט געשיקט די זין אין ישיבות, האָט אויסגעגעבן טעכטער פאַר למדנים, וועלכע ער האָט געהאַלטן פיל יאָרן אויף קעסט, האָט מכניס אורחים געווען, האָט געצאָלט רבנים, שוחטים, חזנים און אַנדערע כלי־קודש אין די שטעט און האָט געהאַט אַ ברייטע האַנט ביים אַריינפאָרן אין שטאָט אויף ימים נוראים. ווען דאָס רעדל האָט זיך אָבער נישט געדרייט און דער ייד האָט נישט געקאָנט צאָלן רעגולער פאַר דער אַרענדע, און דערצו איז נאָך דער פּריץ אויך געווען פונעם ראַדזיוויל־טיפּ (ווי עס האָט אים געשילדערט שלמה מיימון אין זיין אויטאָביאָגראַפיע און שפּעטער לעוואַנדאַ אין זיינע דערציילונגען), דאַן איז אָך און ווי געווען צום ייד און צו זיין הויז־געזינד. עס האָט זיך געעפנט פאַר זיי אַן אמתער גיהנום... מען פלעגט זיי שמייסן און פייניקן און נאָכער אַריינוואַרפן אין פינצטערע קעלערס אָדער אין פינצ־טערע גרובן, ביז די נאָענטסטע יידישע קהילה אָדער די נאָענטסטע ישוב־ניקעס פלעגן פאַר זיי ברענגען אויסקויף־געלט.

רבי אליעזר ליפּא, דער פאָטער פון די צדיקים רבי אלימלך און רבי ר' זישא, האָט זיך אויסגעצייכנט, אויסער מיט זיין גרויסן יחוס (ער האָט געשטאַמט פון באַרימטע רבנים אין פּוילן), זיין גרויס לומדות, גרויס יראת־שמים און מיט דעם, וואָס ביי אים איז געווען, ווי עס ווערט

דערציילט אויף אברהם אבינו, „ביתו פתוח לכל עובר ושב״ (זיין הויז איז אָפן פאַר יעדן פאַרבייגייער), אויך מיט דעם, וואָס ער האָט זיך אָפּגעגעבן דער דערמאָנטער מצוה פון אויסלייזן די געפאַנגענע אַרענדאַרן פון זייערע געפּענקענישן. ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פון צו ראַטעווען די אומ־גליקלעכע אויך דאַן, ווען ער האָט צוליב דעם באַדאַרפט זיין גאַנץ פאַרמעגן אַוועקגעבן. ער איז געווען אַן אַרענדאַר אַ צדיק, אַן אַרענדאַר אַ נסתר.

## קאַפּיטל ב

## ר׳ אליעזר ליפּא און מירעלע די צדיקת

דער שמועס מיטן פּאַן כראַביע. — די געפאַנגענע אַרענדאַרן. — טויזנט רענדלעך פאַר אויסלייזן אַ געפאַנגענעם. — „מיט אַ מענטש, וואָס פייניקט אַנדערע, וויל איך קיין געשעפטן נישט מאַכן״. — „וואו זי זאָגט ברכה רוט די שכינה״.

ר׳ אליעזר ליפּא האָט אַמאָל געהערט, אַז אַ פּריץ האָט געפאַנגען אַ ייִדישן אַרענדאַר מיט זיין הויזגעזינד דערפאַר, וואָס ער, דער אַרענדאַר, האָט אים נישט געצאָלט רעגלמעסיק דאָס אַרענדע־געלט. פּיל פון בייגן איז ר׳ אליעזר ליפּא אַוועקגעלאָפן צו יענעם פּריץ:

— פּאַניע כראַביע, פאַר וואָס האַלטסטו ביי זיך יענעם ייד מיט זיין הויזגעזינד?

— זיי זיינען מיר שולדיק געבליבן אַרענדע־געלט טויזנט רענדלעך.

— און אַז איך וועל דיר אָפּצאָלן פאַר זיי די טויזנט רענדלעך?

— וועל איך זיי אַרויסלאָזן.

פאָרט ר׳ אליעזר ליפּא אַהיים, פאַרקויפט הכל אשר לכל, זאַמלט צונויף וואו ער האָט ערגעץ אַ גראָשן, לויפט, יאָגט, לייט גמילות־חסדים און ברענגט דעם פּריץ די גאַנצע געפאָדערטע טויזנט רענדלעך.

ווערט דער פּריץ שטאַרק נתפעל דערפון: ער זעט פאַר זיך אַ מענטש, וואָס גיט אַוועק זיין גאַנץ פאַרמעגן, כדי צו ראַטעווען אַ צווייטן מענטש. רופט זיך דער פּריץ אָן צום ייד:

— דיין ייד מיט זיין הויזגעזינד לאָז איך אַרויס פריי. דו געפעלסט מיר, זשידזשע. עס איז גוט מיט דיר געשעפטן צו מאַכן. פאַר צו מיין שוואָגער כראַביאַ יענער און יענער, ער האָט פיל פלאַקס צו פאַרקויפן און זוכט אַן אָרענטלעכן סוחר.

— פאַניע כראַביע, — רופט זיך אָן ר׳ אליעזר ליפּא — די טויזנט רענדלעך, וואָס איך האָב דיר געבראַכט, זיינען דאָך, ווי דער פּאַן כראַביע פאַרשטייט אַליין מיט זיין חכמה, מיין גאַנץ פאַרמעגן. איך בין איצט הוּ׳ל אוּן נאַקעט ווי די מוטער האָט מיך געהאַט און בין נאָך לייטן אַ סך געלט שולדיק.

— ס׳שאַדט נישט — ענטפערט דער פּריץ — די טויזנט רענדלעך, וואָס דו האָסט מיר געבראַכט, קער איך דיר אום און איצט פאַר מיטן געלט צו מיין שוואָגער און קויף ביי אים אָפּ זיין פלאַקס. איך וועל אים צושיקן אַ בריוול מיט אַ פּאָר גוטע ווערטער וועגן דיר.

נעמט דער פּריץ און שרייבט אָן אַזוי וועגן דעם ייד:

„איך שיק דיר אַ זשידעק, וואָס צו זיין ערלעכקייט איז קיין גלייכן נישטאָ אין דער וועלט. מען מעג אים געטרויען די גרעסטע מאַיאָנטקעס. האַנדל מיט אים, וועסטו מיר אייביק דאַנקבאַר זיין״.

ווען ר׳ אליעזר ליפּאָ איז געקומען צום כראַביע, וואָס האָט דעם פלאַקס צו פאַרקויפן, מיט אַ בריוול פון זיין שוואָגער, וואָס אַנטהאַלט גרויסע שבחים וועגן אים, ר׳ אליעזר ליפּאַן, האָט אים יענער כראַביע באַוויזן גאַנצע שפייכלערס איבערפולט מיט פלאַקס. ער האָט שוין לאַנג־לאַנג קיין סחורה נישט פאַרקויפט, ווייל עס האָט זיך אים נישט געמאַכט קיין אָרנטלעכער סוחר, מיט וועלכן מען קאָן פירן אַ משא־ומתן. איצט, ווען עס האָט זיך אים געמאַכט צו האָבן ביי זיך אַזאַ פיינעם אָרענטלעכן מענטש, איז ער אים גרייט אַלץ, אַלץ צו פאַרקויפן...

— גוט, איך בין גרייט אָפּצוקויפן די סחורה ביי דיר. איך האָב אָבער ביי מיר נישט מער ווי טויזנט רענדלעך.

— ס׳שאַדט ניט. מיר וועלן דורכקומען...

גייען זיי אַזוי ביידע, דער פּריץ מיטן ייד, איבער אַלע שייערס און איבער אַלע שפייכלערס, וואו עס ליגט די סחורה. מיטאַמאָל דערהערט ר׳ אליעזר ליפּא אַ ביטערן קרעכץ פון עפּעס אַ גרוב אונטער אַ שפייכלער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קרעכץ? פון וואַנען? פון וועמען?

ווען דער פּריץ האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעקערט, האָט ר׳ אליעזר ליפּא אַ פרעג געטאָן ביי די פּאַראָבקעס:

— ווער קרעכצט עס דאָרט?

— אַ ייד.

— פאַרוואָס?

— ער האָט נישט געצאָלט קיין אַרענדע־געלט. האָט דער פּריץ אַריינ־

געזעצט אים מיט זײַן הױזגעזינד אין אַ גרוב און האָט אונדז אַלעמען פאַרזאָגט נישט צו געבן זײ קײן שטיקל ברױט, ביז זײ װעלן פון הונגער אױסגײן.

ר׳ אליעזר ליפא האָט זיך דאַן צוגעקערט צום פּריץ און האָט אים געזאָגט:

— איך האָב געװאָלט מיט דיר האַנדלען. מיט אײנעם אָבער, װאָס פּײַניקט בײַ זיך מענטשן אין אַ קעלער און לאָזט זײ פון הונגער אױסגײן, װיל איך קײן מגע־ומשא נישט האָבן. נעם די טױזנט רענדלעך, װאָס איך האָב בײַ מיר, אױסלײז־געלט פאַרן ייד און דײַן פלאַקס דאַרף איך נישט.

דער פּריץ איז שטאַרק פאַרשעמט געװאָרן און האָט אָנגעהױבן צו שטאַמלען.

— איך... איך װײס גאָרנישט... די פאַראָבקעס דאָרט... איך װעל דעם ייד אַרױסלאָזן אָן געלט... די טױזנט רענדלעך דײַנע זאָלן זײַן אַן אױפגאָב אױפן פלאַקס...

דער ייד מיט זײַן הױזגעזינד זײַנען באַפרײַט געװאָרן. רבי אליעזר ליפא האָט אָפּגעקױפט בײַם פּריץ זײַן גאַנצן פלאַקס און האָט עס פאַרקױפט מיט גרױס ריװוח. דער שם װעגן רבי אליעזר ליפּאס גרױסער ערלעכקײט איז איבערגעגאַנגען פון פּריץ צו פּריץ, אַזױ, אַז בײַ די פּריצים איז געװען אַ גרױסער יחוס צו האַנדלען מיט אים. יעדער פּריץ, װאָס האָט מיט אים געהאַנדלט, האָט אים געגעבן גוט צו פאַרדינען און רבי אליעזרס עשירות איז געװאַקסן פון טאָג צו טאָג. װען רבי אליעזר ליפא איז שטאַרק רײַך געװאָרן, האָט ער זיך אױפגעפירט װי פריער: מיט דער זעלבער ענױות, מיט דער זעלבער פּראַסטקײט, מיטן זעלבן זוכן אורחים און באַדינען זײ.

אײנמאָל — װערט דערצײלט — איז רבי אליעזר ליפא אַרױסגעפאָרן אין זײַן קאַרעטע, געשפּאַנט צו אַ טראָיקע פערד.

געפירט האָט זיך ר׳ אליעזר ליפא, אַז װען ער פלעגט טרעפן עמעצן גײן צו־פוס, פלעגט ער אים גלײַך אַרײַננעמען צו זיך אין קאַרעטע און פלעגט אים צופירן ביז צום אָרט, װאוהין דער פוסגײער האָט באַדאַרפט. דאָס מאָל האָט אָבער רבי אליעזר ליפא אָנגעטראָפן אױף אַ האַרטן בעל־דבר. עס גײט זיך אַן אָרעמאַן, טראָגט אױף זיך אַ שװער פעקל, און ר׳ אליעזר ליפא זאָגט צו אים:

— ר׳ ייד, קומט אַרײַן אין װאָגן. זעצט זיך צו, איך װעל אײַך אָפּפירן װאוהין איר דאַרפט.

— איך דאַרף — האָט אים דער ייד געענטפערט — אין דער נאָענטער שטאָט אַריין.

— גוט, איך וועל אייך אַהין אָפּפירן.

— איך קאָן מיט אייך נישט פאָרן, ווייל איך מוז דערווייל, אײַפן וועג קלייבן נדבות אין שטעטלעך און דערפלעך.

— איך וועל אייך אָפּפירן אין שטאָט און וועל אייך אויסצאָלן וויפיל איר וואָלט געזאַמלט אין די שטעטלעך און אין די דערפלעך.

— ניין, איך קאָן מיט אייך נישט פאָרן. גיין פון שטעטל צו שטעטל, פון דערפל צו דערפל בעטן נדבות — דאָס איז מיין לעבן...

ווען אליעזר ליפּא האָט דערזען, אַז ער קאָן דאָך נישט פּועל זיין ביים אָרעמאַן, אַז ער זאָל מיט אים פאָרן, האָט ער צו אים געזאָגט:

— צו וואָס זאָלט איר מיט זיך נאָך שלעפּן אייער שווערן קלומעק? גיט מיר אים און איך וועל אים אָפּפירן אין שטאָט און וועל אים אָפּגעבן דאָרט, וואו איר וועט מיך הייסן...

— ניין, איך קאָן עס אויך נישט. אויב איר ווילט פאַרדינען אַ מצוה, מוזט איר באַצאָלן.

דער סוף איז געווען, אַז ר׳ אליעזר ליפּא האָט געמוזט דעם אָרעמאַן זייער פיין באַצאָלן דערפאַר, וואָס ער האָט אים דערלויבט צו פירן זיין פעקל אין שטאָט...

די פרוי פון רבי אליעזר ליפּא, די מוטער פון די צוויי הייליקע ברידער, האָט געהייסן מירל די צדיקת. איר זון, דער רבי ר׳ זושא, האָט וועגן איר אַזוי געזאָגט: „מיין מאַמע האָט נישט געקאָנט דאַוונען אין סידור. זי האָט נאָר געקאָנט ברכה זאָגן און וואו זי איז געשטאַנען און האָט ברכה געזאָגט, האָט די שכינה גערוט"...

אַלע דאָנערשטיק פלעגט זי פאָרן אין שטאָט אַריין צו צעטיילן דאָרט צדקה פאַר אָרעמעלייט. זיצנדיק אין דאָרף האָט זי געוואוסט פון יעדן איינציקן אָרעמען און ליידנדיקן אין שטאָט און פלעגט וואָך איין וואָך צופאָרן צו באַזאָרגן יעדן איינציקן מיט אַלעם נויטיקן.

פון איר צניעות ווערן וואונדער דערציילט. עס ווערט אָנגעגעבן, אַז דער קוטשער, וואָס פלעגט זי פירן וואָך איין וואָך אויס אין שטאָט אין אַ משך פון יאָרן, האָט ניט געוואוסט אַפילו ווי זי זעט אויס.

## קאַפּיטל ג

# די ערשטע טריט

די פינף זין פונעם פרומען אַרענדאַר. — די חלוקה פון דער איבערגעבליבענער ירושה. — רבי זושאס „מסחרים״. — ר׳ זוושא צעטיילט און מאַכט צוניסט זיין ירושה. — ער לאָזט זיך קיין מעזריטש. — ר׳ פּיילעט. — דער מעזריטשער מגיד.

ר׳ אליעזר ליפּא האָט מיט זיין פרוי מירל דער צדיקת געהאַט פינף זין. צוויי זיינען געווען רבנים־גאונים. איינער פון זיי איז געווען אַ פּאַטער — לויט אַנדערע מקורות אַ זיידע — פונעם „כנפי נשרים״. דער דריטער, ר׳ אברהם, איז געווען אַן אַרצט אין דער פּרייסישער אַרמיי און צוויי זיינען געוואָרן די זיילן פון חסידות אין גאַליציע און אין אוקראַינע. נישט אַזוי לייכט האָבן זיי אָבער אויסגעטראָטן דעם חסידישן וועג פאַר צען־טויזנטער יידן: זיי האָבן פריער יאָרנלאַנג אַליין געזוכט דעם וועג, דעם דרך השם, דערנאָך האָבן זיי אין אַ משך פון פיל יאָרן געפּראַוועט גלות, וואו געטאָגט נישט געגעסן, אַרומגעוואַנדערט איבער די הייזער, אַנגעטאָן זיך עינויים און סיגופים, געשטראָפט זיך אַליין און גערופן אַנדערע צו תשובה, אַמאָל מיט קורצע ווערטלעך, וואָס שניידן זיך איין אין האַרצן, ווי דאָס אַקער־אייזן אין דער ערד, אַמאָל מיט בכיות און יללות, אַמאָל מיט האַרבע שטראָף־דרשות און אַמאָל אויך — מיט אַנוויזן פיל מענטשן אויף די חטאים, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן בסתר. ערשט נאָכן לאַנגן גלות האָבן זיי זיך דערלויבט „נתגלה״ צו ווערן פאַר דער וועלט.

בעת די צוויי ברידער האָבן נאָך געהאַלטן אין זוכן, זיינען זייערע וועגן געווען פאַרשידענע. דער עלטערער, רבי אלימלך, איז געווען מתחלה אַ גרויסער למדן און אַ ירא־שמים פון דורכשניטלעכן טיפּ. אַז ער איז געווען אין דער יוגנט אַ למדן זעט מען פון דעם, וואָס ער האָט געלערנט ביים גרויסן גאון רבי שמעלקי ניקאָלשבורגער. רבי שמעלקי איז געווען, אַ חוץ אַ באַרימטער צדיק און חסיד, אויך איינער פון די גרעסטע גאונים פון זיין דור און אין זיין ישיבה האָבן געלערנט נאָר די גרעסטע חריפים און בקיאים, וואָס מען קאָן זיך פאָרשטעלן. רבי זושא איז אָבער פון קינדווייז אָן געווען — אַ נסתר. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ פּראָסטן מענטש, כמעט פאַר אַן עם־הארץ.

ווען ר׳ אליעזר ליפּא איז נפטר געוואָרן, האָט ער איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גרויס פאַרמעגן. נאָך שבעה און שלשים איז זיך צונויפגעקומען די גאַנצע

משפחה צו באַראַטן זיך, וואָס מען האָט ווייטער צו טאָן. און מען האָט באַ־שטימט: מזומן געלט — ר׳ אברהמען, די פעלדער — די רבנים, צירונג — ר׳ אלימלכן און י חובות, וואָס מען וועט אויפמאָנען — ר׳ זושא. דער חשבון איז אַזוי געמאַכט געוואָרן: עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיך אָפּגעבן מיט חובות איינמאָנען; די ברידער־רבנים זיינען פאַרנומען מיט זייער רבנות, אברהם מיט זיין דאָקטאָריע, ר׳ אלימלך איז מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין לערנען ביי ר׳ שמעלקע ניקאָלשבורגער, זאָל זיך דעריבער ר׳ זושא דערמיט פאַרנעמען. ער איז אַ פּראָסטער מענטש. צו לערנען טויג ער נישט. זאָל ער זיך אָפּגעבן מיט איינמאָנען חובות און פירן ווייטער דעם פאָטערס געשעפטן.

רבי זושא האָט אָבער געהאַט גאָר אַנדערע געשעפטן: ער האָט באַדאַרפט צו וויינען גאַנצע נעכט ביי חצות־אָפּריכטן, לויפן כעלות אין מקוה אַריין, לויפן דערנאָך אין וואַלד אַריין שרייען, וויינען און איינטענהן מיטן רבונו של עולם, אָנטאָן דעם טלית, לייגן תפילין, דאַוונען און זאָגן תהלים אַזוי, אַז די פמליא של מעלה זאָל ווערן אויפגעציטערט. בייטאָג האָט ער אויך געהאַט אַזעלכע געשעפטן. אין עק גאַס, ערגעץ־וואו אין אַ קעלער וואוינט אַן אָרעמע אלמנה מיט פאַרוואָרלאָזטע יתומימלעך, דאַרף מען די מוטער באַזאָרגן אויף שבת, מען דאַרף די קינדערלעך אָפּוואַשן, אויסקעמען, אָפּצוואָגן; ערגעץ־וואו אין צווייטן עק שטאָט, וואוינט אַן אָרעמער מלמד, וואָס הוסט אָפּ גאַנצע נעכט און האָט קיין כוח ניט צו לערנען מיט די קינדער, באַדאַרף מען אים צו באַזאָרגן מיט אַ ביסל וואַרעם מילך. אין יענער און יענער גאַס וואוינט סתם אַ ייד אַן אָרעמאַן, וואָס האָט ניט מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבן, און מען מוז אים אַרויסהעלפן. וויפיל זיינען דאָ אַזעלכע? און וואו זיינען די טאָג־טעגלעכע שעורים? — פּרקים משניות מוז מען דאָך אַלע טאָג לערנען און גמרא דאַרף מען אויך אַלע טאָג לערנען. און וואו זיינען עפּעס ספרי־מוסר? און וואו איז דער זוהר הקדוש? און וואו זיינען אַנדערע קבלה־ספרים, אין וועלכע מען דאַרף יעדן טאָג אַריינקוקן?

אמת, מען האַלט אים, זושאַן, פאַר אַן עם־הארץ, ער וויס דאָך אָבער אַז ער קען יאָ לערנען, נישט מער ער לערנט אַביסל אַנדערש ווי אַנדערע לערנען... לערנען מוז מען דאָך, וואָס שייך? און דאָ גיי האָב גאָר צו טאָן מיט געלט־מאָנען, צו דין־תורות שלעפּן, מיט קויפן, פאַרקויפן, טראַכטן וועגן רווחים, קליגלען זיך, כיטרעווען און איבערשפּיצן אַנדערע — ניין, עס איז ניט פאַר זושאַן קיין עסק...

ווען די בעלי־חובות האָבן דערזען, מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן, האָבן זיי אינגאַנצן אויפגעהערט צו צאָלן. אין אַ קורצער צייט אַרום איז פון

ר׳ אליעזר ליפּאס איבערגעלאָזטן עשירות גאָר נישט געבליבן. רבי זושא האָט גענומען אַ שטעקן אין האַנט און אַ טאָרבע אויף דער פּלייצע — און האָט זיך געלאָזט איבער דער וועלט.

דער ערשטער מאַרשרוט זיינער איז געווען — מעזעריטש. געהערט האָט ער אַ סך וועגן דעם לעבנס־וועג און דער לערע פון בעש״ט און גע־הערט האָט ער אויך דערציילן וועגן דער גרויסער גאונות און דער גרוי־סער צדקות פונעם מעזעריטשער מגיד — רבי בער, און וועגן דעם אַז דער מגיד באַלייכט אויף אַ גאַנץ באַזונדערן שטייגער די תורות פון זיין רבין — רב ישראל בעש״ט, אַז גרויסע גאונים און צדיקים קומען צו אים און זיצן פאַר אים, ווי תלמידים פאַר אַ רבין; אַז עס שטראַלט אַרויס אַ באַזונדערס גרויסע ליכטיגקייט פון יעדן וואָרט זיינעם און אַז „רוח הקודש שעפּט מען ביי אים עמערווייז און מופתים וואַלגערן זיך ביי אים אונטער די בענקלעך און קיינער וויל זיי נישט אויפהויבן״.

אַ צוגאַנג האָט ר׳ זושא געהאַט צום מעזעריטשער מגיד דורך דעם, וואָס זיינס אַ פעטער, אַ ברודער פון זיין פאָטער ר׳ אליעזר ליפּא, מיטן נאָמען ר׳ פּלט (לייען: פּיילעט) — איז געווען אַ משמשביים מגיד. רבי זושא אַליין האָט זיך זייער נידעריק געהאַלטן און האָט דעריבער געטראַכט: ווי קום איך צו זיין אַ תלמיד און אַפילו אַן אַריינגייער צום גרויסן מגיד? אָבער דורך דעם, וואָס איך וועל זיין ביים פעטער, וועל איך שוין ממילא זיין נאָענט צום מגיד.

אַ נייע, גאָר אַ נייע, געהויבענע, שטראַלנדיקע וועלט איז פאַר רבי זושאן אַנטפּלעקט געוואָרן אין מעזעריטש. טאַקע די זעלבע תורה, מיט די זעלבע מצוות, מיט די זעלבע דינים און מיט די זעלבע דקדוקי דינים, אָבער אַן אַנדער לעבעדיגקייט איז אין זיי אַריינגעגעבן געוואָרן, אַ נייע פרישקייט, אַ נייע פריילעכקייט, אַ נייער אַרט זען און הערן, פילן און באַגרייפן. דאָס, וואָס איז פריער געווען ווייט, ווייט, איבערן רקיע השביעי, ווערט איצט אַזוי נאָענט, אַז נענטער קאָן שוין גאָר נישט זיין. „בקרבך קדוש״, טאַקע אין דיר אַליין, אין דיר און אַרום דיר, וואו דו קערסט זיך, וואו דו ווענדסט זיך, אין דיינע אייגענע אברים, אין דיינע אייגענע חושים, ווען דו ביסט זיי מקדש ומטהר, ווען דיין האַרץ איז נאָר אָפן פאַר אלקות, דערזעסטו עס באַלד, דערשפּירסט עס באַלד. עס דאַרפן נאָר אַראָפּ־פאַלן די שערבלעך פון די אויגן, ווּעסטו גלייך דערזען די גרויסע ליכטיקע זון פון געטלעכקייט.

ווען רבי זושא האָט דערזען דאָס נייע ליכט אינעם מגידס הויז, האָט

זיך אים שטאַרק פאַרגלוסט אַריינצופירן זיין ברודער רבי אלימלך אינעם זעלבן ליכט. צוליב דעם האָט ער זיך געלאָזט קיין שינאַווי, וואו ר׳ אלימלך האָט געלערנט און געפּראַוועט רבנות. געקומען איז ער צום ברודער ווי אַן אָפּגעריסענער בעטלער, און רבי אלימלך האָט זיך געשעמט פאַר זיין ווייב, וואָס ער האָט אַזאַ נישט־געראָטענעם און שלים־מזלדיקן ברודער. כדי ניט אויסצוהערן קיין טענות־ומענות פון דער פרוי, האָט ער אים אָנגע־דונגען קעסט ביי אַ בעקער. דער בעקער איז אָבער אין עטלעכע טעג אַרום געקומען צו לויפן צו רבי אלימלכן מיט אַ טענה: אייער ברודער איז אַ קדוש, אַ מלאך אלקים. איך קאָן אים אָבער ביי מיר אין שטוב ניט האַלטן, ווייל ווען עס קומט האַלבע נאַכט, מאַכט ער אַזעלכע בכיות און יללות, אַז שטיינער קאָנען פון די טרערן צעגיין. דערנאָך נעמט ער זיך פאַרן לערנען און תהילים־זאָגן — עס גייט אויס די נשמה, ווען מען הערט עס. מיינע בני־בית קאָנען נישט שלאָפן און איך אַליין גיי אויך אַרום צעטומלט און קאָן נישט אַרבעטן, ווען מען לאָזט מיך גאַנצע נעכט נישט צומאַכן אַן אויג.

ווען רבי אלימלך האָ טעם דערהערט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז הינטערן לבוש פון אַ בעטלער אַ גראָבן יונג, וואָס זיין ברודער האָט אויף זיך אָנגעטאָן, איז באַהאַלטן אַ גרויסער צדיק. האָט ער גלייך געשיקט נאָכן ברודער און האָט מיט אים פאַרפירט אַ שמועס. רב זושא האָט זיך אים געלאָזט דערקענען ווער און וואָס ער איז און האָט אים, רבי אלימלכן, געראַטן דורכאויס צו פאָרן צום מעזריטשער מגיד און אָנהויבן גיין אינעם ליכט, וואָס איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון די הויכע וועלטן דורך דעם בעש״ט און ווערט פאַרשפּרייט דורכן מעזריטשער.

ווען רבי אלימלך האָט אַלץ געצווייפלט, צי לוינט עס פאַר אים אַוועק־צוגיין פונעם ביז איצט אויסגעטראָטענעם וועג און גיין זוכן נייע וועגן אין עבודת השם, האָט אים רבי זושא דערציילט אַ משל, וואָס וועט אין קומענדיקן קאַפּיטל נאָכדערציילט ווערן.

## קאַפּיטל ד

# אַ מעשה מיט אַ מלך, אַן אויוון־הייצער און אַ בן־מלך

דער מלך, וואָס איז קליגער פון שלמהן, שטאַרקער פון שמשונען, מער משורר פון דודן. — די ליבשאַפט פון אַ קליינשטעטלדיקן בעל־מלאכה צום מלך. — די שטעל פון אַן אויוון־הייצער אינעם קעניגס פּאַלאַצן. — די מלוכה־הערלעכקייט דורך אַ שפּאַלט געזען. — דער פאַרזינדיקטער בן־מלך. — מוסר פונעם בעל־מלאכה פאַרן קעניגס זון.

איבער פעלדער, איבער וועלדער, איבער פעלקער, איבער לענדער, איז געווען אַ מדינה, וואָס האָט געהאַט אַ מלך איינעם אין דער וועלט, מער חכם ווי שלמה, מער גבור ווי שמשון, מער משורר ווי דוד, בעסער צו יעדן איינציקן איינוואוינער פון דער מדינה ווי אַ פאָטער צו זיינע קינדער. אַלע בני־המדינה האָבן זייער מלך אויסטערליש ליב געהאַט. געווען איז אָבער אין יענער מדינה איינער אַ בעל־מלאכה, וואָס האָט זיך ניט באַנוגנט מיט סתם ליב האָבן דעם מלך, נייערט ער האָט זיך אַריינגענומען אין זינען: ער מוז דווקא זען אָפּטער דעם מלך, ווייל אָן אָנצוקוקן דעם ליכטיקן פּרצוף פונעם מלך איז זיין לעבן קיין לעבן נישט.

געווען איז דער בעל־מלאכה אַ רייכער מאַן און געזאַמלט האָט ער אַ גראָשן צו אַ גראָשן. ער האָט שטאַרק געקאַרגט: זייער ווייניק געגעסן, זייער ווייניק געטרונקען, זייער אָרעם געקליידט זיך, נישט פאַרשאַפט זיך דעם מינדסטן תענוג און נאָר מאסף ממון געווען. צום סוף האָט ער פאַרקויפט אויך אַלע זיינע כלי־בית, פון אַלץ געלט געמאַכט און איז מיטן גאַנצן אָנגעזאַמלטן געלט אַריבערגעפאָרן אין דער הויפּט־שטאָט פון דער מדינה, טאָמער וועט אים געלינגען צו זען תמיד דעם מלך.

ווען ער איז אָנגעקומען אין דער הויפּט־שטאָט, האָט ער זיך געלאָזט קאָסטן זיין גאַנץ פאַרמעגן, כדי צו באַקומען אַ וואָסער עס איז התמנות אינעם קעניגס פּאַלאַצן. ער האָט אָבער דאָרט קיין שטעל ניט געקאָנט קריגן, ווייל, ראשית, איז ער נישט געווען קיין געלערנטער מענטש און אום צו דינען אין קעניגלעכע פּאַלאַצן, באַדאַרף מען צו קענען אַלע זיבעציק לשונות און אַלע שבע חכמות און, צווייטנס, זיינען שוין דאָרט אַלע אַמטן געווען פאַרנומען.

אַזוי ווי ער האָט זיך אָבער געלאָזט קאָסטן פיל געלט, האָבן צו אים די העכערע שרים אַזוי געזאָגט:

קיין לייטישע שטעל איז פאַר דיר נישטאָ. עס איז פריי נאָר אַ שטעל פון אַן אויוון־הייצער. אויב דו ווילסט, קאָנסטו אָט די אַרבעט אָננעמען.

דערויף האָט דער בעל־מלאכה געענטפערט:

— וואָס איז מיר די נפקא־מינא וואָס פאַר אַ שטעל איר גיט מיר? אַן אויוון־הייצער, זאָל זיין אַן אויוון־הייצער. איך זוך דען כבוד, צי געלט אינעם קעניגס פּאַלאַצן? איך באַגער דאָך מער גאָר נישט, ווי נאָר צו האָבן די מעגלעכקייט צו זען כאָטש פונדערווייטנס דעם קעניגס אָנבליק...

ווערט דער בעל־מלאכה אַן אויוון־הייצער אין היכל המלך און טוט זיך אין אָט דעם עסק אַזוי שטאַרק אַריין, אַז ער ווערט גאָר אַ באַזונדערער קענער אין דעם ענין פון אויוונס־הייצן. ער ווייסט גאָר פּלאַ׳דיק, ווען מען דאַרף דעם אָדער יענעם חדר הייצן און ווי מען באַדאַרף צופּאַסן דאָס הייצן צום וועטער אין דרויסן. ווען מען באַדאַרף מער היץ און ווען ווייניקער. אַלץ אין דער ריכטיקער צייט און אין דער ריכטיקער מאָס. ווען מען הייצט שוין גאָר גוט אויס, באַדאַרף מען אויך צו זען, אַז די חדרים זאָלן פריער זיין גוט אויסגעלופטערט — און די היץ זאָל זיין אַ לייכטע, אַן אָנגענעמע, כדי דער מלך זאָל זיך דאָרט פילן פריש און מונטער.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ היפּשע צייט, ביז דער מלך האָט אָנגעהויבן צו דערשפּירן, אַז די לעצטע צייטן זיינען די צימערן אין זיינע פּאַלאַצן זייער וואויל און מוסטערדיק באַהייצט. פריער פלעגט דער מלך נישט אַלע מאָל האָבן נחת פונעם מזג־האויר אין זיינע היכלות. אַמאָל פלעגט זיין צו הייס, אַמאָל — צו קאַלט... אַמאָל פלעגט מען אַזוי שטאַרק אָנהייצן, אַז עס פלעגט זיך שפּירן אַ טשאַד. היינט איז עפּעס גאָר גוט און וואויל. ווער איז עס, וואָס ווייסט אַזוי גוט, ווען און ווי אַזוי אָנצואוואַרעמען אין דער ריכטיקער מאָס?

האָט דער מלך צונויפגערופן זיינע שרים און האָט צו זיי געזאָגט:

— צי קאָנט איר מיר נישט דערקלערן וואָס אין דער לעצטער צייט ווערן מיינע צימערן מיט אַזאַ פאַרשטענדיקייט און מיט אַזאַ קענטשאַפט באַהייצט?

— אדונינו המלך — האָבן אים די שרים געענטפערט — עס איז דאָ ביי דיר איינער אַ פּראָסטער בעל־מלאכה פון דער און יענער שטאָט, וואָס פון גרויס ליבשאַפט צו דיר האָט ער פאַרלאָזן זיין היים און האָט זיין גאַנץ פאַרמעגן אויסגעגעבן צו באַקומען די שטעל פון אַן אויוון־הייצער, כדי ער זאָל ווען עס איז קאָנען זיין דורכלויכט אָנקוקן.

— האָט איר נישט געקאָנט געבן אים עפּעס בעסערס ווי די אַרבעט פון אַן אויוון־הייצער?

— מיר האָבן אים קיין אַנדער אַרבעט נישט געקאָנט געבן, ווייל ער איז זייער אַ פּראָסטער מענטש. ער קען נישט קיין חכמות און קיין לשונות. אַזוי ווי מיר האָבן דערזען, אַז זיין חשק צו זען דיך איז זייער גרויס, האָבן מיר אים געמאַכט פאַר אַן אויוון־הייצער. אויס גרויס ליבשאַפט צו דיר, באַווייזט ער דאָ וואונדער. ער טוט זיין אַרבעט מיט אַזאַ גרויסער שלימות, ווייל אויס גרויס ליבשאַפט צו דיר זיינען אַלע זיינע געדאַנקען און אַלע זיינע חושים און אַלע זיינע כוחות אַריינגעגעבן געוואָרן אין דער אַרבעט.

ווען דער מלך האָט עס דערהערט, האָט זיין פּנים אויפגעשטראַלט ווי די ליכטיקע זון און זיין האַרץ איז איבערגעפילט געוואָרן מיט פריוד, און ער האָט צו זיינע שרים אַזוי געזאָגט:

— ברענגט מיר וואָס גיכער אָט דעם אויוון־הייצער. אָט דאָס איז טאַקע אַן אוהב נאמן! קיין בעסערער אוהב פון אים קאָן שוין נישט זיין.

ווען מען האָט דעם אויוון־הייצער געבראַכט צום מלך, האָט ער זיך געבוקט ביז צו דער ערד און האָט געזאָגט:

— אַדוני מלך, וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר?

— איך פאַרלאַנג פון דיר גאָרנישט. איך וויל דיר נאָר אומקערן ליבשאַפט פאַר ליבשאַפט. איך האָב געהערט, ווי דו האָסט דיין גאַנץ פאַרמעגן אַוועקגעגעבן כדי מיר אָנצוטאָן אַ נחת־רוח, ווייל איך דיר פאַר גוטס מיט גוטס באַצאָלן. זאָג מיר, וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר.

— אַדוני מלך, איך פאַרלאַנג גאָרנישט און דאַרף גאָרנישט. איך דאַרף נאָר, אַז איך זאָל דיך אָפטער קאָנען אָנקוקן. דער מלך איז פאַרשלאָסן אין זיינע אינעווייניקסטע באַהאַלטענע חדרים און זעלטן־זעלטן ווען איך קאָן זיין געזיכט אָנקוקן פונדערווייטנס. וואָלט איך געוואָלט האָבן די מעגלעכקייט אָפטער דיין ליכטיקייט אָנצוקוקן.

— גוט. איך וועל דיך באַשטימען פאַר מיינס אַ שר. דו וועסט זיין איינער פון שרים הרואים פּני המלך. דו וועסט זיצן צווישן מיינע גרעסטע יועצים, וועסטו ממילא מיך קאָנען אָפטער זען.

— איך דאַנק דעם מלך, — האָט דער אויוון־הייצער געענטפערט — איך דאַנק דעם מלך פאַר זיין גרויסן חסד. איך קאָן אָבער זיין גרויסן חסד נישט אָננעמען, ווייל איך בין נישט קיין געלערנטער מענטש און קאָן צווישן די הויכגעשטעלטע לייט קיין שום אָרט נישט פאַרנעמען. איך וועל אָבער פון דיין קעניגלעכער דורכלויכט אָט וואָס בעטן: אויבן איבערן זאַל, וואו

דער מלך זיצט מיט זיינע שרים, איז דאָ אַ שפּאַלט, דורך וואַנען מען קאָן אַריינקוקן אין זאַל. זאָל מיר דערלויבט זיין אַריינצוקוקן דאָרט יעדעס מאָל, ווען דער מלך זיצט געקרוינט מיט זיין מלוכה־קרוין און אַלע זיינע גרויסע שרים לעבן אים.

— גוט. דיין ווילן וועט געטאָן ווערן.

ויהי היום און איינער פֿון די בני־מלך האָט זיך שטאַרק פאַרזינדיקט פאַרן מלך. מען האָט אים מוחל געווען און ער איז נישט בעסער געוואָרן. איין מאָל און צווײ מאָל און דריי מאָל, ביז דער מלך האָט אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט זיינע יועצים און עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויף דער באַראַטונג צו דערווייטערן דעם בן־מלך אויף אַ שטיקל צייט פון די היכלי־המלך. מען וועט אים געבן עסן און טרינקען און מלבושים און דירה — כיד המלך, מען וועט אים אָבער נישט לאָזן אָנקוקן זיין פאָטער.

דער בן־מלך האָט אַזוי אַרומגעוואַנדערט אַ היפּשע צייט ווייט פון די היכלי־המלך, ביז עס האָט אים אָנגענומען אַ געוואַלדיקע בענקשאַפט צו זען זיין פאָטערס פּנים. ער וואָלט שוין אַלץ מוחל געווען, זאָל מען ביי אים זיין ברויט און ווין אָפּנעמען, זאָל מען אים פון זיין דירה אַרויסטרייבן, זאָל מען אים לאָזן נאַקעט — אַבי דעם פאָטערס פּנים אָנקוקן.

אַ גזירה איז אָבער — אַ גזירה. מען לאָזט דעם בן־מלך נישט אַריין אין די קעניגלעכע צימערן. עס העלפן נישט קיינע בקשות ותחנונים.

בעת דער בן־מלך האָט געזוכט אַלערליי עצות ותחבולות, ווי אַזוי אָנצוקוקן זיין פאָטער, האָט ער געהערט דערציילן וועגן דעם אויוון־הייצער און וועגן דעם, אַז עס איז אים, אָט דעם נידעריקן באַדינער, געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט אַריינצוקוקן דורך אַ שפּאַלט און זען, ווי דער מלך זיצט אָנגעטאָן אין זיין בגדי־מלכות, באַקרוינט מיט אַ כתר מלכות און אַלע זיינע שרים לעבן אים. איז דער בן־מלך אַוועק צום אויוון־הייצער און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים, דעם בן־מלך, דערלויבן אַרויפצוגיין אויפן בוידעם און אָנצוקוקן דעם מלך דורכן שפּאַלט, אַזוי ווי ער, דער אויוון־הייצער, טוט עס.

דער אויוון־הייצער האָט עס אים דערלויבט ווען דער בן־מלך האָט זיך אָבער געפרייט מיטן בלויזן זען דורכן שפּאַלט דעם מלך, האָט דער אויוון־הייצער צו דעם בן־מלך אַזוי געזאָגט:

— מילא, איך בין נישט קיין געלערנטער מענטש. שמועסן מיטן מלך וועגן עניני מדינה קאָן איך נישט. וועגן וואָס מען שמועסט דאָרט בסוד מלך ושרים, ווייס איך נישט. פאַר מיר איז גוט, ווען איך קוק אָן דעם מלך דורכן שפּאַלט.

דו ביסט דאָך אָבער אַ בן־מלך, דו ביסט דאָך יאָ געלערנט, און דו האָסט דאָך לייכט געקאָנט זיצן דאָרט צווישן די גרויסע שרים־ויועצים, נישט מער דו ביסט דורך דיינע זינד דערווייטערט געוואָרן פונעם מלך — ווער זשע בעסער אויף אַן אמת, וועט זיך דיין פאָטער אויף דיר דערבאַרעמען און דו וועסט פאַרנעמען דעם אָרט, וואָס עס פאַסט פאַר אַזאַ בן־מלך, ווי דו.

איך, האָט רבי זושא צוגעגעבן נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיקט דעם משל, איך בין נישט מער ווי אַן אויוון־הייצער ביים מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא. איך בין אַ פּראָסטער ייד, נישט קיין למדן. ווייל איך האָב זייער שטאַרק חשק צו זען פני־המלך, האָט מען מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט צו זיין אַ צופה במרכבה דורך אַ שפּאַלט.

דו, ברודער מיינער, ביסט אָבער אַ למדן, ביסטו דאָך אַ בן־מלך. פאַר דיר קאָנען אַלע עולמות העליונים אָפן זיין. טאָ וואָס זיצסטו דאָ? פאָר מיט מיר צום מעזריטשער מגיד, וועט ער דיך אין יענע אַלע עולמות אַריינפירן...

## קאַפּיטל ה.

## די ערשטע גלות־יאָרן

פאַרוואָס פלעגן אַמאָליקע צדיקים גיין גלות־אָפּריכטן? — שלמה מיימון וועגן די גלות־אָפּריכטער. — די חסידישע פייער־טרעגער. — רבי זושא מיט זיין תהילמל. — „זושא, זושא, וואָס וועט זיין פון דיר, זושא?״ — די וואוילע יונגעץ אין באַר. — „עס איז שוין גאָר נישט צום לאַכן״.

וויפיל צייט די צוויי ברידער זיינען אָפּגעזעסן ביים מעזריטשער מגיד איז נישט באַוואוסט. וויסן ווייס מען נאָר, אַז זיי זיינען דאָרט, ביים מגיד, שטאַרק נתעלה געוואָרן און זיי האָבן זיך ביידע אַוועקגעלאָזט איבער דער וועלט צו וועקן און רופן יידן צו תשובה און צו דערנעענטערן דורך דעם דאָס אָנקומען פונעם מלך המשיח.

דאָס גלות־אָפּריכטן פון די צוויי ברידער האָט דעריבער געהאַט אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער, ווי דאָס אַלטע, אַסקעטישע גלות־אָפּריכטן, וואָס האָט געזוכט נאָר דעם אייגענעם תיקון: וויפיל מען האָט געפאַסט, וויפיל מען האָט געפייניקט זיך, וויפיל מען האָט זיך טובל געווען אין מקוואות און וויפיל מען האָט זיך אָנגעטאָן ספּעציעלע סיגופים — איז נאָך אַלץ ווייניק געווען. מען האָט נאָך באַדאַרפט אָפּקומען פאַר זינד דורך אָפּריכטן גלות,

ווייל „גלות מכפרת עון". עס איז געווען גענוג צו דערמאָנען, אַז אַפילו אַזאַ גרויסער צדיק, ווי עס איז געווען דער ווילנער גאון, האָט זיך דאָך געהאַלטן פאַר שטאַרק זינדיק און האָט אַנדערש נישט געקאָנט צוקומען צו זיין גייסטיקער עליה, ווי נאָר דורך אַ לאַנג־יאָריקן גלות־אָפּריכטן.

וועגן אַזאַ גלות־אָפּריכטער דערציילט שלמה מיימון אין זיין אויטאָביאָ־גראַפיע, אַז ער האָט אַזוי לאַנג געפאַסט און געפייניקט זיך ביז זיין, מיימונס, פאָטער האָט אים געפונען אַן אָפּגעשטאָרבענעם פון הונגער און פון קעלט. אין דער צייט, וואָס ער, אָט דער פאַסטער, האָט געהאַט די מעגלעכקייט אַריינ־צוקומען צו זיין גוטן באַקאַנטן — שלמה מיימונס פאָטער — אונטערלענען זיך דאָס האַרץ און אָנצוואַרעמען זיך.

דאָס גלות־פּראָווען פון די צוויי ברידער — רבי אלימלך און רבי זושא — איז געווען אויסן בעיקר צו פאַרשפּרייטן די אידייען פון חסידות, צוגעוואוינען יידן, אַז זיי זאָלן גיין אין אָט דעם אַלט־נייעם וועג, וועקן יידישע הערצער צו ריינער תשובה, כדי צו פאַרשנעלערן דעם פּראָ־צעס פון בירור און גיכער צו ברענגען די וועלט צו איר לעצטן תיקון.

דער מעזריטשער מגיד האָט אַרויסגעשיקט אייניקע אַזעלכע יונגעלייט מיט אַ שטרענג־הייליקן אַרט לעבן און פלאַם־פייערדיקע נשמות, אויפצוזוכן אין אַלע שטעט און שטעטלעך יידן, וואָס זאָלן וועלן אָנוועקגעבן זיך מיט לייב און לעבן דעם דרך־העבודה פון חסידות. אונטער דער השפּעה פון אַזעלכע „אַגיטאַטאָרן", ווי מען וואָלט זיי היינט גערופן, איז שלמה מיימון אַליין דער־וועקט געוואָרן צו פאָרן צום מגיד קיין מעזריטש. שלמה מיימון דערציילט אויך וועגן דער גרויסער גייסטיקער קראַפט, וואָס אָט די וואַנדערער האָבן פאַרמאָגט. דורכן לאַנגן פאַסטן, דורך לאַנג־יאָריקער פּרישות און לאַנג־יאָריקער קאָנצענטרירטקייט פון ווילן האָט זיך אין זיי — לויט מיימון — אויסגעאַרבעט אַזאַ קראַפט, אַז קיינער האָט זייער שאַרפן בליק נישט געקאָנט אַריבערטראָגן.

דער פריידענקער שלמה מיימון איז דערביי געצוואונגען געווען צו דער־ציילן וועגן דעם אופן זען און מעניש זיין פון אָט די מענטשן, פאַקטן וואָס קלינגען אין אונדזערע אויערן כמעט ווי מופתים.

ביים דערפילן אָט די הויכע שליחות האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט רבי עזריאל און רבי ישראל פאָלאָצקער — אין ליטא און אין ווייס־רוסלאַנד, און די צוויי ברידער, רבי אלימלך און רבי זושא — אין אוקראַאינע און גאַליציע.

דער וועג פון די צוויי ברידער איז געווען אין די ערשטע יאָרן פון

זייער גלות־וואַנדערן — בסופה ובסערה. מען האָט געוואָלט אויפס כח אויסבעסערן און אויספיינערן מענטשן.

חסידישע מעשיות שילדערן אָט די שטורעם־צייט פון די וואַנדער־ברידער.

איינמאָל — ווערט דערציילט — איז רבי זושא בעת זיין גלות אָפּריכטן געקומען אין אַ קרעטשמע און האָט, אַנקוקנדיק דעם אַרענדאַר פון דער קרעטשמע, דערקענט אַז ער איז פול מיט חטאים. ביינאַכט, ווען אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן, איז רב זושא צוגעגאַנגען צו זיין קלומעקל, אַרויסגע־נומען אַ תהלימל און האָט אָנגעהויבן צו זאָגן תהלים מט גרויסע בכיות ויללות, דערביי האָט ער פון צייט צו צייט אָנגעהויבן ריידן ווי איינער רעדט צו זיך: זושא, זושא, זיי זיך מודה, דו האָסט דאָך אין יענעם אָרט געטאָן די און די עבירה. אָפּגעזאָגט נאָך אייניקע פסוקים, ווידער דאָס זעלבע: זושא, זושא, דו האָסט דאָך אין אַ צווייטן אָרט אָפּגעטאָן יענע און יענע עבירה. די בכיות און די יללות פון רבי זושאן האָבן דעם אַרענדאַר אויפגעוועקט און ער האָט אויסגעהערט, ווי רבי זושא רעכנט אויס איינס ביי איינס אַלע עבירות, וואָס ער, דער אַרענדאַר, האָט באַהאַלטענערהייט פון מענטשן אָפּגעטאָן...

דער אַרענדאַר האָט זיך לאַנג נישט געקענט איינהאַלטן. ווי רבי זושא האָט אַזוי אויסגערעכנט אויף זיך די אַלע עבירות, איז דער אַרענדאַר אויפגעשפּרונגען פון אָרט:

— ניין, רבי, נישט איר האָט די עבירות געטאָן, נאָר איך האָב אָט די אַלע געמיינע מעשים אָפּגעטאָן. גיט מיר אַ תשובה...

רבי זושא איז געבליבן אַ לענגערע צייט אין דער קרעטשמע, האָט אינעם אַרענדאַר לאַנג, לאַנג אַריינגערעדט, האָט אים אָנגעוויזן, וואָס ער האָט צו טאָן, כדי צו מתקן זיין זיינע חטאים, און איז אַוועק ערשט דאַן, ווען ער האָט געזען, אַז דער אַרענדאַר איז געוואָרן אַ בעל־תשובה אויף אַן אמת.

איינמאָל — ווערט דערציילט — איז רבי זושא געקומען אין אַ קרעטשמע און האָט דערקענט, אַז דער אַרענדאַר האָט אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט אָפּגעטאָן זייער אַ מיאוסע עבירה.. אין מיטן דער נאַכט האָט ער אַרויס־גענומען זיין תהילימל און האָט אָנגעהויבן צו זאָגן... אויף זיין שטייגער... ווען עס איז געקומען צום פּסוק: „כי הלל רשע על תאות נפשו״, האָט ער זיך צעוויינט: זושא, וואָס ווערט זיין פון דיר, זושא? עס איז דאָך גאָר נישט אויס־צוהאַלטן פון דיר, זושא... פע, חלשות, זושא... „כי הלל רשע״ ביסט דאָך גאָר געוואָרן אַן עניו ווי הלל „על תאות נפשו״, ווען דו דאַרפסט ממלא זיין

דיין שפּלדיקע תאוה... פּע, חלשות... וואָס פאַר אַן עניו דו ווערסט דאַמאָלסט, ווען עס שפּאַרט דיר אָן די געמיינהייט... ס'איז ביי דיר רעכט אין אַ שטאָל, אויף דעם מיסט, צווישן די בהמות, און עפּעס מיט אַן אַלטער ערלית...

דער זינדיקער אַרענדאַר איז גלייך אויפגעשפּרונגען פון אָרט:

— רבי, טייערער רבי, גיט מיר אַ תשובה. איך בין עס דער מנוול, וואָס האָט דאָס געטאָן.

איינמאָל, אַרומפאָרנדיק איבער פּאָדאָליע, האָט ער זיין בעל־עגלה שטרענג פאַרזאָגט, ער זאָל אויסמיידן די שטאָט, בעוויל מיט די דאָרטיקע יידן לאָזט זיך גאָרנישט מאַכן: מען קען זיי נישט מחזיר למוטב זיין.

— ווען דו וועסט זיין נאָענט צו באַר — האָט ער פאַרזאָגט דעם בעל־עגלה — זאָלסטו פאַרקירעווען דאָס פערד אַנדערש וואו. איך וויל נישט, אַז מיין פוס זאָל דאָרטן זיין. דו הערסט וואָס איך זאָג דיר? הויב זיך מיט מיר נישט אָן. ווען דו וועסט מיך נישט פאָלגן, וועל איך דיך פאַרשעלטן.

— דער רבי קאָן רואיק זיין.. איך וועל געוויס אויף דעם רבינס רצון נישט עובר זיין....

איינמאָל אין אַ געדיכט־פינצטערער נאַכט איז רבי זושע איינגעשלאָפן. דאָס פערדל גייט זיך זיין וועג און דער בעל־עגלה האָט געכאַפּט אַ דרימל. מיטאַמאָל: סטאָפּ! די רעדער האָבן זיך אַריינגעדרייט אין די רעדער פון אַ צווייטן וואָגן, וואָס איז זיי אַנטקעגן־געפאָרן. דער בעל־עגלה האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, די בעלי־עגלות פוןביידע פורן האָבן זיך איבערגעוואָרפן מט קללות און זידלערייען. פון דער אַנטקעגן־פאָרנדיקער פור איז אַראָפּ דער רבי ר' משה פשעוואָרסקער, וועלכער איז אין גאַנץ גאַליציע און אין פּאָדאָליע און אוקראַאינע געווען באַרימט ווי אַ בעל־מופת.

— וועמען פירסטו דאָ? — פרעגט רבי משה דעם בעל־עגלה.

— דעם רבי ר' זושא.

— וואוהין פאָרט איר?

— איך ווייס אַליין נישט וואוהין...

— דער וועג פירט דאָך קיין באַר...

— אויב אַזוי מוז איך טאַקע שוין פאַרקירעווען, ווייל דער רבי האָט מיר געזאָגט, אַז אויב איך וועל אַריינפאָרן מיט אים קיין באַר, וועט ער מיך פאַר־שעלטן...

— און איך וועל דיך פאַרשעלטן, ווען דו וועסט נישט פאָרן קיין באַר.

אַ שטיקל צייט האָט זיך דער בעל־עגלה געוואַקלט: וועמען זאָל ער דאָ

פאָלגן? — וועט ער פאָרן קיין באַר, וועט אים רבי זושא פאַרשעלטן, וועט ער נישט פאָרן קיין באַר, וועט אים רבי משה פאַרשעלטן.

האָט זיך דער בעל־עגלה מישב געווען און געלאָזט ס׳פערדל גיין, ווי עס גייט...

ס׳פערדל איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג — און איז מיטן טאָג אָנגעקומען קיין באַר.

באַלד ווי עס האָט זיך באַוויזן דער מאָרגנשטערן, האָט זיך רבי זושא אַ כאַפּ געטאָן פון שלאָף:

— אָווא, אָווא! פאַרשלאָפן... האַ? וואו בין איך עס? — אין באַר...

רבי זושא האָט אָנגעהויבן צו ריידן אויף זיין שטייגער:

— רשע, רשע, זושא רשע... וואָס האָסטו געטאָן? מען האָט דאָך דיך געהייסן, אַז דו זאָלסט קיין באַר נישט פאָרן, ווי קומסטו עס צו טאָן אַזאַ מעשה רע?

דער בעל־עגלה האָט פאַרשטאַנען, אַז מען מיינט עס אים, און ער האָט זיך פאַרענטפערט:

— איך בין ניט שולדיק. די פערדלעך האָבן פאַרבלאָנדזשעט.

— פאַרפאַלן. מסתמא איז אַזוי באַשערט מן השמים. טו־זשע אָבער מיר די טובה און פאַרפיר מיך ערגעץ וואו אין אַ זייטיקער אכסניה, אַז קיינער זאָל מיך נישט דערזען און קיינער פון די שטאָט־לייט זאָל מיך נישט דער־קענען. איך קאָן זייערע פּנימער נישט אָנקוקן...

דער בעל־עגלה האָט אויפגעזוכט אַן אכסניא ערגעץ־וואו אין עק שטאָט. קיין באַזונדער צימער פאַר רבי זושאן איז ניט געווען, איז רבי זושא אַרויף אויפן אויוון באַהאַלטן זיך. די וואוילע יונגען פון באַר האָבן אים אָבער יאָ דערקענט און פיר פון זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים אויף דער אכסניה אָפּצושפּאָטן פון אים און אָנטאָן אים נגישות.

חברה האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום רבי זושאן, פאַרבעטן צו זיך אַ גאַסן־פרוי, און זיך געלאָזט וואוילגיין.

— העי, זושא, אפשר ווילסטו כאַפּן אַ קערטל, זעץ זיך צום טיש.

רבי זושא האָט אָבער געענטפערט:

— זושא, זושא, וואָס וועט זיין דער תכלית פון דיר, זושא! דו האָסט דאָך אין יענעם אָרט געטאָן די און די עבירה און אין יענעם אָרט אַ צווייטע עבירה.

אַזוי האָט ער אויסגערעכנט יעדן איינציקן פון די פיר וואוילע יונגען — אַלע עבירות, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן פון קינדוויז אויף ביז איצט, צווישן

זיי אַזעלכע עבירות וואָס קיין מענטש אין דער וועלט האָט פון זיי נישט געוואוסט. די וואוילע יונגעז זיינען נבהל ונשתומם געוואָרן. רעדט און רעדט כלומרשט אַלץ אויף זיך און וואָס מער ער רעדט צו זיי — אַלץ מער וואַרפט זיי אין היץ און אין קעלט.

— זושא, זושא! — טענהט ער ווייטער. — וואָס וועסטו טאָן, ווען מען וועט דיך רופן צום משפט? וואָס וועסטו טאָן, ווען מען וועט דיך משפטן פאַר אַלע געמיינע מעשים, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן? ווייסטו דען נישט, אַז אַפילו די מינדסטע טואונג איז מיט פייער פאַרשריבן? דען אויב אַ מענטש, אַ בשר־ודם, וויס אַלע דיינע פאַרבאָרגענע מעשים, אַ פשיטא שוין דער מלך מלכי המלכים, וואָס זעט אַלץ, וואָס איז פאַרבאָרגן אין די טיפסטע טיפע־נישן. וואָס וועסטו טאָן, ווען מען וועט דיך אין כף־הקלע שליידערן און דו וועסט אין ערגעץ קיין רו נישט געפינען?

די וואוילע יונגען האָבן אָט די ווערטער ניט געקאָנט אַריבערטראָגן און זיי האָבן אויסגעשריען:

— ניין, רבי! מיר ווייסן גוט, ווער דער רבי מיינט.. מיר ווייסן, אַז דער רבי האָט אַזעלכעס נישט געטאָן. די עבירה־טוער זיינען מיר. וואָס וועלן מיר טאָקע טאָן, ווען מען וועט אונדז רופן צום משפט? מיר האָבן חרטה, רבי. מיר ווילן תשובה טאָן.

רבי זושא האָט ווייטער געצויגן זיין שמועס מיט זיך:

— זושא! זושא! איצט האָסטו טאָקע חרטה, — וואָס וועט אָבער ווייטער זיין? וואָס מיינסטו זיך, זושא? וואָס טראַכסטו זיך, זושא? מיינסטו, אַז מיט בלויזע ווערטער וועסטו אָפּקומען? איצט שרייסטו און גוואַלדעוועסט און שלאָגסט זיך „על חטא״ — דערנאָך וועסטו ווייטער זינדיקן... שיקט זיך אָבער אַזוי? מיינסטו, אַז מען קאָן דעם בורא אָפּנאַרן? ניין, זושא! אויב תשובה טאָן איז טאָקע מיטן גאַנצן האַרצן, אויף אַ רעכטן אמת, קיינמאָל מער נישט גיין אינעם שלעכטן וועג.

די פיר יונגען האָבן זיך שטאַרק צעוויינט:

— ניין, רבי, מיר ווילן טאָקע אויף אַן אמת, מיטן גאַנצן האַרצן תשובה טאָן.

רבי זושא האָט זיי אַרויסגעגעבן אַ סדר התשובה און די יונגען האָבן ביי זיך פעסט באַשלאָסן אָוועקצואוואַרפן אַלע פריערדיקע מיאוסע געננג.

ווען די וואוילע יונגען האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייערע חברים, האָבן זיך די חברה־לייט צעלאַכט מיט אַ פאַרשייט געלעכטערל:

— נו, איר האָט עפּעס דעם יאָלד גוט אָפּגעפּרייערט?...

— ניין, חברים, עס איז גאָרנישט צום לאַכן — האָבן די יונגען גע־ענטפערט — מען מוז תשובה טאָן!

דער סוף?

זיי האָבן טאַקע אַלע תשובה געטאָן...

# חסידישע ווערטער און געדאַנקען־בילדער

אַז מען קומט אויף יענער וועלט, איז פאַראַן אַזוי אַ מענטש, וואָס איז מקיים כל התורה והמצוות, נאָר ער האָט ניט געהאַט דעם תענוג און דעם ברען. קומט ער אַהין, הייסט מען אים אַריינגיין אין גן־עדן. נאָר אַזוי ווי ער האָט נישט געפילט דעם תענוג אויף ד ע ר וועלט, פילט ער דאָרט אויך נישט דעם תענוג פון גן־עדן. איז ער זיך מתרעם:

— וואָס איז דער ליאַרעם מיטן גן־עדן?

גיט מען אים אַ שליידער אַזש זיינע ביינער ווערן צעשאָטן...

(ר׳ שלמה קאַרלינער)

* * *

אַלץ קאָנען זיי ביי מיר צונעמען, נאָר גאָט פון האַרצן — נישט!

(ר׳ אהרן קאַרלינער)

* * *

ס׳איז אַ מצווה דן צו זיין לכף זכות אַ בשר־ודם, אַ פשיטא שוין — גאָט...

(הנ״ל)

יראה אָן אהבה איז נישט קיין שלמות; אהבה אָן יראה איז גאָרנישט. פרום איז פאַלש.

כל־זמן מען מאַכט זיך נישט חשוב, קאָן מען אַ רגילות נישט אַוועק־וואַרפן. מיט איין שטיקעלע פרישקייט קאָן מען אַלץ אַריבער.

(הנ״ל)

* * *

גאָט איז באַהאַלטן אין איטלעכן יידן. אַז עס טוט דיר אַ שיין אַמאָל — זאָלסטו דאָס פאַרשליסן אין זיך!

(הנ״ל)

## עצבות און שמחה

עצבות איז דאָך ניט קיין עבירה, אָבער דעם טמטום הלב וואָס עצבות פאַרשטעלט, קען ניט פאַרשטעלן די גראָבסטע עבירה.

שמחה. וואָס מיר שמועסן, אַז מען ברויכט שמחה, מיינען מיר ניט שמחה של מצוה. וואָרום שמחה של מצוה איז דאָך אַ מדרגה, קען מען ניט פאַרלאַנגען, אַז יעדער ייד זאָל זיין אַ בעל מדרגה, נאָר מיר מיינען — ניט קיין עצבות! — פשוט, אַ ייד וואָס גייט ניט אַרום מיט שמחה, מיט דעם וואָס ער איז אַ ייד, איז ער אַ כפוי־טובה דעם הימל. און וואָס ער כאַפּט זיך: צי בין איך אַ חסיד, צי ניט, — איז דאָס גאוה. וואָס עפּעס אַ חסיד? — אַ ייד! (הנ״ל)

---

## עצבות און מרירות

עצבות איז שאול־תחתיה. וואָס איז דער עצם ענין פון עצבות? — עצבות איז טייטש: עס קומט מיר, עס פעלט מיר, הן בגשמיות, הן ברוחניות. איז דאָך אַלץ — זיך! וואָס עפּעס — מיר פעלט? אַבי אין הימל זאָל גאָרנישט פעלן.

מרירות איז טייטש — שבירת הלב, אַז איך האָב גאָרנישט אָנגעהויבן. וואָרום אַפילו אַן ערלעכע האָר קען מען ניט האָבן אָן מסירת נפש. האָב איך דען געהאַט מסירת־נפש? איז דאָך דער טייטש, אַז איך האָב גאָרניט אָנגעהויבן צו טאָן, איז דאָך ניט שייך, אַז עס זאָל מיר קומען אָדער פעלן, פונדעסטוועגן שעפּ איך דאָך דעם אויר און האָב מיין הצטרכות — איז דאָך אַ שמחה. על כן איז מרירות טאַקע גוט. נאָר ניט מער: פון עצבות ביז מרירות איז כחוט־השערה, און די גאַנצע תורה איז כחוט־השערה.

---

## יעלו שמים — ירדו תהומות

יונגע לייט מיינען, זיי האָבן צעבראָכנקייט. עס קאָן גאָר זיין — „ירדו תהומות״: עס איז גאָר עצבות, עס איז געווען אַ חשבון פון עצבות. און דער סימן: אַז נאָכדעם לייגט מען זיך שלאָפן, מען קען זיך ניט ליידן, מען איז ביית, מען איז ביי זיך שאַרף. דאָס איז אַ סימן, אַז עס איז געווען אַ חשבון של עצבות. אָבער נאָך מרירות — לאָזט זיך נישט שלאָפן, וואָרום וואָס איז מרירות? — אַז איך האָב גאָר ניט אָנגעהויבן צו טאָן! כאַפּט מען לערנען, דאַוונען, מען שפּירט אַ ייד, מען איז זיך נהנה אַז מען זעט אַ יידן, און מען איז ניט שאַרף, מען איז ביי זיך אַ נישט. נאָר פּינ־

דעסטוועגן: די איידלסטע מרירות האָט פאָרט אַ נגיעה מיט עצבות, און די געמיינסטע שמחה וואַקסט פון קדושה. (הנ"ל)

---

ווען רבי נחום טשערנאָבילער פלעגט קומען אין אַ שטאָט, פלעגט ער אַזוי זאָגן:

„איך בין אַ סוחר און האָב אַלץ אין דער וועלט. איר קריגט ביי מיר וואָס אייער האַרץ גלוסט. ווילט איר שפּיזלען — קריגט איר, ווילט איר נאָדלען — קריגט איר. ווילט איר רפואות — האָט איר זיי. ווער עס דאַרף שפּילקעס — באַקומט זיי. איך ברענג אייך גוטס און פריידן און לעבן. עס שפּראָצן די גראָזן, עס קומען אַראָפּ אויף דער וועלט אַלערליי ברכות, עס צעגיסט זיך מיין וואָרט ווי אַ מעין המתגבר, — קומט צו מיר יעדער וואָס פילט זיך קראַנק פון עבירות.

(„ארבעה מטיבי לכת")

---

דער חדושי הרי"מ פלעגט ערב יום כפור זאָגן צו זיינע חסידים:

„אם אין אני לי — מי לי?" אַז איך וועל ניט טאָן מיינע עבודות — ווער וועט פאַר מיר טאָן? „ואם לא עכשיו — אימתי?" ווען וועט זיין דער „עכשיו"? דער איצטיקער „עכשיו", אין דער מינוט וואָס מיר ריידן, איז דאָך פון בריאת עולם אָן ניט געווען און ער וועט ניט זיין, פריער איז געווען אַן אַנדער „עכשיו", שפּעטער וועט זיין אַן אַנדער „עכשיו", און יעדער „עכשיו" האָט אַן אַנדער עובדה צו טאָן. ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש: לבושין דלביש בצפרא לא לביש ברמשא. און אַזוי זאָגט דוד המלך ע"ה: חשבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך, — דער עיקר, מען זאָל זיך מיגע זיין אין דער תורה מיט אַלע כוחות, ווערט מען צו דער תורה מקושר; ששים רבוא אותיות לתורה און ששים רבוא נשמות פון ישראל געפינען זיך אין דער תורה, — ווערט מען אַ מחותן מיטן כלל, און אַז מען טוט אין כלל — האָט מען פון כלל. מען האָט פון כלל נאָך מער, וויפיל מען טוט אין כלל: מען קען האָבן עפּעס פון יעדן יידן, פון זיין „עכשיו", וואָס ער האָט אין אים געטאָן עפּעס גוטס. וואָרום כשאני לעצמי מה אני? איך זאָל זיין אָפּגעטיילט פון כלל טאָ ווען וועל איך קאָנען פאַרריכטן מיין עכשיו? איין עכשיו פאַר דעם צווייטן עכשיו קען ניט פאַרריכטן, וואָרום יעדע רגע איז מצומצם אין אַן אַנדער אור. היינט ווער שמועסט, אַז ער האָט קאַליע־געמאַכט ח"ו? אַז ער האָט געטאָן אַ גראָבע זאַך און ער טראַכט אין „סור מרע?" טראַכט ער דאָך אין דער געמיינקייט, וואָס ער האָט געטאָן, און וואו מען

טראַכט — דאָרטן ליגט מען דאָך. מיטן נפש ליגט מען אינגאַנצן וואו מען טראַכט. היינט אַז ער ליגט אין געמיינקייט, וועט ער געוויס קיין תשובה ניט טאָן: עס וועט נתגשם ווערן ביי אים דער מוח, וועט ווערן אַ טמטום־הלב דערפון. ער וועט נאָך אַראָפּציען אין עצבות חלילה. און אַפילו ווען ער האָט שוין ניט געטאָן גראָב, עס וועט שוין נישט נתגשם־ווערן דער מוח און ס׳וועט שוין ניט זיין קיין טמטום־הלב — אַז ער וועט טראַכטן אין דעם „סור מרע״, לוינט אַלץ ניט צו טאָן דעריין. ממה־נפשך: מוטשע אַהין די בלאָטע, מוטשע אַהער די בלאָטע — איז דאָך אַלץ בלאָטע... יאָ געזינדיקט, ניט געזינדיקט — וואָס האָט מען אין הימל דערפון? אין דעם זמן, וואָס איך טראַכט וועגן דעם, קען איך זיין אַ נוקב־מרגליות, אַז אין הימל זאָל מען אויך עפּעס האָבן. על־כן: „סור־מרע״ — קער אָוועק פון דעם רע, לאָז אים אָפּ, דעם רע, קלער אין אים נישט! „ועשה טוב״ — עשית חבילות עבירות, עשה מצוות כנגדן. דעריבער ברויכט מען היינט פאַר יום הכפורים פילן עזיבת החטא, און טאַקע מיט ישוב־הדעת, און טאַקע מעומקא דלבא, ניט דורך התפעלות, און נעמען אַ קבלה בלב אויף להבא, און זיין פריילעך, און די על־חטאס דורכזאָגן וואָס צום גיכסטן: ניט ליגן אין זיי, נאָר באַלד צום „ותמלוך אתה ד׳ לבדך״. (פון אַ כתב־יד)

---

נישט מיט קיין גאָלד און זילבער,
ניט מיט קיין שאָף און רינדער,
ניט מיט קיין ווייב און קינדער —
רק במלכותך בלבד!

(פון אַ גרויסן רבין, געבראַכט אין „זכרון ראשונים״)

---

יעדע מחשבה איז אַ קומה שלמה; הרגעט מען די מחשבה — הרגעט מען אַ לעבעדיקן גוף. וואָס זשע דאַרף מען טאָן? — מען דאַרף יעדע מחשבה מעלה־זיין... (דער בע״שט)

די מחשבה איז ווי דער אומרו פון אַ זייגער: זי באַוועגט זיך אָן אַן אָפּשטעל. (רבי נחמן)

אַמאָל פליט עפּעס דורך אין דער מחשבה, אַזוי ווי אַ פויגל. מען דאַרף האָבן כח און שכל דעם פויגל צו כאַפּן...

(הנ״ל)

דער בעש״ט פלעגט הערן ד ב ו ר י ם פון אַ פידל...

(הנ״ל)

דער בעש״ט פלעגט דערקענען אין דעם ניגון פון אַ כלי־זמר אַלץ, וואָס דער כלי־זמר האָט געטאָן פון געבוירן אָן.

(דער נעסכיזער מגיד)

אַז דער בעש״ט פלעגט זאָגן אַ ווערטל — פלעגט מען דערפון אָנקוועלן אין עולם האצילות.

(רבי נחמן)

יעדער תענוג איז פון גן־עדן, אַפילו אַ גלייך־ווערטל.

(ר׳ פנחס קאָריצער)

אַלע עולמות און אַלע נשמות העלפן אַ מענטשן גיסן טרערן פון די אויגן.

(הנ״ל)

איך האָב ליב צו דאַוונען גאָר אין דער פרי, איידער די וועלט ווערט אָנגעפילט מיט שטות און שקר.

(הנ״ל)

בפני נכתב ובפני נחתם. — אויף דעם פנים פונעם מענטשן איז פאַר־שריבן, אויף דעם פנים פון אַ מענטשן איז פאַרחתמעט אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן זיין לעבן לאַנג.

(רבי ברוך מעזשיבוזער)

זאת התורה לעולה ולמנחה ולחטאת ולאשם. — די תורה איז אַמאָל פאַרן מענטשן אַן „עולה" און אַ „מנחה"; אַמאָל אָבער — אַ „חטאת" און אַן „אשם".

(הנ״ל)

שקר איז האַרב ווי עריות.

(ר׳ פנחס קאָריצער)

מדבר שקר תרחק — מיט יעדן פאַלשן דבור, אַפילו מיט אַ פאַלשער תנועה, תרחק — ווערסטו דערווייטערט פונעם אויבערשטן.

(ר׳ זושא אַניפּאָלער)

דער פסוק זאָגט: „אמת מארץ תצמח". איז דאָך די קשיא: פאַרוואָס הויבט מען אים ניט אויף? פאַרוואָס לאָזט מען אַזאַ טייערע זאַך, ווי דער אמת איז, אַרומוואַלגערן זיך אויף דער ערד? דער תירוץ איז: קיינער וויל זיך נישט איינבויגן...

(בעש״ט)

ווען עס איז תופס עפּעס פון דער אחדות איז תופס די גאַנצע אחדות.

(הנ״ל)

יעדער מענטש דאַרף זיך האַלטן ביי זיין מדרגה. קיינער טאָר ניט תּופס זיין די מדרגה פונעם צווייטן. דעריבער איז — „הרבה עשו כר׳ שמעון בן יוחאי ולא עלתה בידם״... (הנ״ל)

בוא אתה וכל ביתך אל התבה —

צוהר תעשה לתבה —

אַז דו זאָגסט אַ וואָרט פאַר השם יתברך, זאָלסטו אַריינבערענגען זיך מיט אַלע דיינע רמ״ח אברים אינעם וואָרט.

און —

אַ ליכטיקייט זאָלסטו מאַכן צום וואָרט.

(ר׳ משהלע קאָברינער א. אנד.)

„עוד היום גדול לא עת האסף המקנה״. שוין גיך און באַלד וועט קומען דער יום הגדול. עס איז שוין ניטאָ קיין צייט איינצוזאַמלען קניני עולם הזה...

(הנ״ל)

של נעליך מעל רגליך, כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא — טו אָפּ די שלעסער פון דיינע רגילותן — וועסטו דערזען, אַז אויף יעדן אָרט, וואָס דו שטייסט, אין יעדער מדרגה, וואָס דו געפינסט זיך, איז דאָ די קדושה פון השם יתברך.

(הנ״ל)

קיין יאוש איז גאָרניט פאַראַן. און אַז מען ליגט גאָר אין בלאָטע, שרייט מען און מען שרייט. שרעק דיך ניט, ליב קינד, גאָט איז מיט דיר, אין דיר, איבער דיר, אַרום דיר. אַפילו אין שאול תחתית קען מען זיך מתקרב זיין צו השם יתברך.

(ר׳ נחמן)

אַלט טאָר מען ניט זיין!

(ר׳ נחמן)

אין ניקאָליי דעם ערשטנס חיל האָט געדינט אַ גענעראַל אַן אַלטער — כאַווין האָט ער געהייסן. איז אַמאָל ניקאָליי געווען אויף די מאַנעוורעס ניט ווייט פון קאָברין. האָט ער געפרעגט דעם גענעראַל: „אַ שטאָ, כאַווין, קראַוו גרעיעט?״ (נו וואָס, כאַווין, דאָס בלוט וואַרעמט נאָך?) האָט דער גענעראַל געענטפערט: „ניעט, טאָלקאָ סלוזשבאַ גרעיעט״ (ניין, די סלוזשבע אַליין וואַרעמט).

אַזוי דאַרף מען גאָט דינען... (ר׳ משהלע קאָברינער)

מען האָט אַמאָל געפרעגט רבי יחזקאל מקוזמיר: וויאַזוי דאַרף מען גאָט דינען?

איך וועל אייך דערציילן — האָט ער געענטפערט — אַ מעשה:

איך האָב אַמאָל זיך צעשמועסט מיט אַ זעלנער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך. זאָג איך צו אים:

— שטייסטו שטענדיק אויף דער וואַך?

— ניין, נאָר אַ צייט.

— און דערנאָך?

— דערנאָך קומט אַן אַנדערער...

— און ווען איינער וויל צוקומען צום אוצר, וואָס דו היטסט?...

— טויט איך אים...

— און ווען יענער טויט דיך?

— ניטשעוואָ, דרוגאָי בודעט... (מאַכט נישט אויס, אַ צווייטער וועט זיין...)

אָט אַזוי דאַרף מען גאָט דינען...

* * *

ווען דו גייסט צווישן די ביימער אין גאָרטן — גייסטו אַרויף און אַראָפּ; ווען דו דינסט דעם אויבערשטן — גייסטו אַרויף און אַראָפּ. אַמאָל איז דער יצר־הרע דיך מנצח און אַמאָל ביסטו אים מנצח. זע נאָר, אַז דער לעצטער קלאַפּ זאָל זיין דיינער — אים...

(ר׳ משהלע קאָברינער)

גאָט קען מען נישט נאַרן און לייטן טאָר מען נישט נאַרן.

(הנ״ל)

ווען איינער לויפט אַוועק אין טיפן וואַלד אַריין דינען דעם אויבערשטן, און בשעת מעשה טראַכט ער, אַז עמעצער וועט דאָך זען זיין התבודדות, — יענער איז אין מיינע אויגן דער ערגסטער.

(דער רבי ר׳ בונם)

איך וואָלט זיך מיט קיינעם ניט געוואָלט בייטן, אַפילו ניט מיט אברהם אבינו. וואָרום וואָס וועט דעם אויבערשטן אַרויסקומען פון דעם, וואָס אברהם אָבינו וועט זיין ווי דער בלינדער בונם און דער בלינדער בונם וועט זיין ווי אברהם אָבינו?...

(הנ״ל)

איך האָב זייער ליב דעם מענטשן, וואָס קען אַלץ מפקיר זיין, אָבער נאָר דעם, וואָס איז זיך אַליין מפקיר, ניט דעם, וואָס איז אַנדערע מפקיר...

(ר׳ מענדל קאָצקער)

די וועלט איז אין מיינע אויגן ניט מער, ווי איין גרויסער וואַלד. די מענטשן זיינען ביימער און גאָט האָט אויף דער וועלט מער קיינעם ניט, ווי מיך, און איך האָב אויך קיין אַנדערן נישט, ווי גאָט.

(ר׳ בונם)

מלאכל, מלאכל!
אַ קונץ, ביסט אַ מלאכל?
זיצסט זיך אין די הימלען,
עסן דאַרפסטו נישט,
טרינקען דאַרפסטו נישט,
קינדער האָסטו נישט,
אויף פרנסה זאָרגסטו נישט...
קום נאָר אויף דער ערד אַראָפּ,
פרואוו נאָר עסן דאַרפן,
פרואוו נאָר טרינקען דאַרפן,
פרואוו נאָר קינדער האָבן, —
און דענסטמאָל פרואוו אַ מלאך זיין!...

(ר׳ משהלע קאָברינער)

והשיאנו ד׳ אלקינו —
זאָלסט אין אונדז אַריינפלאַקערן און אַריינשיינען קדושת יום טוב.
לשמחה —
מען זאָל זיך קענען נעמען אַ שטיקל שמחה —
קדשנו במצוותיך —
מען זאָל וויסן ביי יעדער מצוה, אַז דאָס איז דיין מצוה —
ותן חלקנו בתורתך —
גיב יעדן ייד בני, חיי ומזוני, אָבער דער עיקרשט —
אַ חלק אין דער תורה.

# די גאָלדענע זאַנג *)

„אין אַ שאַצקאַמער — זאָגט דער רבי ר׳ בונם — האָב איך געזען אַ זאַנג, וואָס יעדעס קערנדל אירס איז געווען לויטער גאָלד. מיין רבי, דער ייד פון פשיסכע, איז אַזאַ גאָלדענע זאַנג״.

די ערד פון פוילן האָט די גאָלדענע זאַנג געבוירן. די זון פון לובלין האָט זי געקושט, געלאָזט וואַקסן גרויס, דערנאָך האָט זי אירע שטראַלן פון דער זאַנג אָפּגעטאָן, אויף דער ערד איז פאַר איר מער קיין אָרט נישט געבליבן, און מען האָט זי געמוזט אין אוצר המלך אָפּגעבן.

העל האָט געלויכטן די זון פון דעם לובלינער חוזה, ווען דער ייד פון פשיסכע איז צו איר צוגעקומען. לאַנג האָבן זיי, אָבער, ביידע נישט געקענט שיינען — צוויי זונען אין הימל זיינען נישט שייך.

די פלאַנעטן, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום דער זון פון לובלין, האָבן נישט געקענט צוזען, ווי עס גייט אויף אַ צווייטע זון. די צווייטע זון האָט, אָבער, ממילא געשיינט. די „גאָלדענע זאַנג״ איז אַזוי ברייט געוואַקסן, ביז זי איז געוואָרן זונאַרטיק...

נאָך אַלס יונגערמאַן איז דער ייד פון פשיסכע געוואָרן אַ תלמיד פון רבי יעקב-יצחק פון לובלין. צווישן רבין און תלמיד האָט, אָבער, געהערשט — באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן פון זייערביידנס לעבן אויף דער ערד — אַ טרויעריקע אומפאַרשטייאונג. דער לובלינער האָט ליב געהאָט זיין תלמיד, ווי אַן אייגן קינד אין אים געהיט, ווי אַן אויג פון קאָפּ, דאָך האָט ער זיך געלאָזט אַנריידן פון חסידים, וואָס האָבן ניט געקענט צוזען, ווי צען־טויזנטער יידן פאַרהייליקן דעם „ייד פון פשיסכע״. די חסידים האָבן קיין שלעכטס נישט געמיינט. זיי האָבן געפילט דאָס, וואָס משהס תלמיד האָט דערפילט, זעענדיק אַז אלדד ומידד זאָגן נביאות אין מחנה...

משה האָט אויף דעם געענטפערט: „מי יתן והיה כל עם ד׳ נביאים״. דער לובלינער האָט, אָבער, צייטנווייז אַזוי געטייטשט דעם פסוק: „מי יתן״, וואָס פאַר אַ גוטס קען עס שוין זיין, „והיה כל עם ד׳ נביאים״, אַז יעדער איינציקער וועט זיך האַלטן פאַר אַ נביא...

דער חוזה האָט אין זיך פאַראייניקט די גרעסטע גוטסקייט מיט

*) געשריבן אין יאָר תרע״ד צום הונדערטסטן יאָרצייט פונעם „ייד הקדוש״.

דער שטאַרקסטער שטרענגקייט, רחמנות מיט קפדנות, טיפסטע עניוות מיט אינערלעכן שטאָלץ צוזאַמען.

האָט זיך געדאַכט דעם גרויסן רבין פון לובלין, אַז דער ייד פון פשיסכע וויל זיין שטול ירשנען נאָך בחייו. געזען האָט ער, אַז אַ גרויסער עולם פאַרט צו זיין תלמיד, — און כאָטש דער אמת איז געווען, אַז דער „ייד" האָט דאָס אַלץ נישט געקענט אַריבערטראָגן, אַז ער האָט אַלעמען געטריבן פון זיך, אַז עס איז אים קיינמאָל אויפן רעיון ניט געקומען צו ווערן רבי, האָט זיך אים דאָך געדאַכט, אַז דער ייד גראָבט אונטער בסתר זיין אויטאָריטעט...

דער ענין האָט געקאָסט דעם ייד דאָס לעבן. אַ מענטש מיט אַן אַטלעטישן קערפּער־בוי, וואָס וואָינענדיק אין דאָרף ביי זיין שווער, פלעגט ער ביישטיין קעגן צען פויערים, וואָס פלעגן זיך מיט אים ראַנגלען; אַ מענטש וואָס האָט באַוויזן גבורות, וויאַזוי צו איבערוועגן מיט איין האַנט צען מענטשן, וואָס האָט — ווי עס גיבן איבער מקורבים — אַ קורצע צייט פאַרן טויט באַוויזן צו צעקנאַקן צען האַרטע ניס, אַריינלייגנדיק זיי צווישן די פינגער; וואָס זיין ניט הויכער, אָבער אייזן־פעסטער גוף האָט מבטיח געווען לאַנגע יאָרן, — אָט דער מענטש האָט דערלעבט קוים צו פינף און פערציק יאָר...

און עס איז געווען באמת אַ האַרץ־ווייטיק. וואָלט כאָטש דער „ייד" געווען אַ מענטש, וואָס מאַכט פון זיך אַ וועזן; וואָלט ער כאָטש געוואָלט, אַז חסידים זאָלן צו אים פאָרן און ער, נאָר ער, זאָל זיי מדריך־זיין; וואָלט אין אים געווען כאָטש אַ טויזנט־חלק פון דער „גאוה", וואָס זיינע קעגנער האָבן אים צוגעשריבן! באמת האָט מען, אָבער, געקאָנט זאָגן צו אַלע די, וואָס האָבן מלשין געווען אויף אים פאַרן לובלינער חוזה און האָבן גורם געווען דורך דעם, אַז דער „חוזה" זאָל אויף אים וואַרפן אַן אומחן: „איך לא יראתם לדבר בעבדי במשה?"...

„והאיש משה ענו מאד מכל האנשים אשר על פני האדמה"...

פאַרשטייט זיך, אַז איך מיין דאָ נישט צוגלייכן אַ רבין, אַפילו דעם גרעסטן, צו משהן. משה איז, אָבער, דער העכסטער „דעת" פון כל־ישראל אין דער אָדער אין יענער צייט. אין יעדן דור איז, דעריבער, דאָ אַ גרעסערע אָדער אַ קלענערע דערשיינונג פון בחינת משה — דער ערשטער גואל, און פון בחינת משה — דער לעצטער גואל. און אַזוי ווי די זון שפּיגלט זיך אָפּ אין יעדן טראָפּן וואַסער, אַזוי שפּיגלט זיך אָפּ די גרויסע נשמה פון משהן אין יעדן ליכטיקן יידישן גייסט באַזונדער. און אין אַזעלכע גרויסע

הייליקע גייסטער, ווי דער ייד פון פשיסכע, שפיגלט זיך אָפּ די נשמה פון משה באַזונדערס שיין, און וואָס מער אַזאַ גייסט פאַרמאָגט אין זיך „משה״, אַלץ מער פאַרמאָגט ער אין זיך אמתע עניוות....

שוין דער נאָמען „דער ייד״ זאָגט אַ סך, גאָר אַ סך. ער האָט געהייסן אַזוי ווי דער רבי פון לובלין. האָט ער, אָבער, נישט געוואָלט, אַז מען זאָל אים רופן בשם רבו, האָט ער אַלעמען געבעטן מען זאָל אים רופן סתם — „ייד״. באַרימט איז ער געוואָרן אין פוילן און בכל תפוצות ישראל מיט זיינע גאונישע חדושים. ער פלעגט, אָבער, נישט וועלן, אַז מען זאָל אים רימען, פלעגט ער רק איינשמועסן דעם עולם, אַז די חדושים זיינען נישט זיינע. פלעגט מען זיך אַמאָל צו אים צוזעצן: ווייז אונדז די ספרים פון וואַנען דו נעמסט, ווי באַלד די חדושים זיינען נישט דיינע? פלעגט ער ענטפער: איך האָב זיי געהערט פון אַ יידן...

דער נאָמען „ייד״ האָט באַזונדערס געפּאַסט צו זיין פשטות און תמימות. כאָטש ער האָט געפירט דאָס שווערסטע, שטרענגסטע לעבן פון אַן אַסקעט, אַזוי אַז טובל-זיין זיך אין אַ טייך אין די גרעסטע פרעסט איז ביי אים געווען אַ קינדערשפיל, דאָך האָט ער זיך קיינמאָל אין לעבן נישט געהאַלטן פאַר אַ צדיק. זיך באַטראַכט פאַר סתם אַ ייד. נאָך מער: ער האָט געהאַלטן, אַז ער דאַרף ערשט ווערן אַ ייד. דער „שפת אמת״ זאָגט וועגן אים, אַז ער איז אַלע טאָג געוואָרן פון „נישט-ייד״ — „ייד״. דאָס הייסט: אַלע טאָג האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער איז דאָך אייגנטלעך נאָך גאָר קיין ייד נישט און ער דאַרף ערשט דורך מעשים טובים ווערן אַ ייד...

די זעלבע גרויסע פשטות און תמימות, וואָס ער האָט אַריינגעטראָגן אין זיין לערנען, אין זיין דאַווענען און אין זיין באַגיין זיך מיט מענטשן, האָט ער אַריינגעטראָגן אויך אין דעם, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר דאָס וויכ־טיקסטע אין זיין לעבן: אין דעם ענין פון אָפּגעבן דאָס לעצטע פאַר אָרעמע־לייט — און אָן קיין שום פשרות.

ער האָט אין דעם פּרט נישט געוואָלט וויסן פון קיין שום חכמות. ער פלעגט פשוט אָפּגעבן אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, דעם ערשטן בעסטן אָרעמאַן, וואָס ער פלעגט אָנטרעפן — און פּטור. ער פלעגט לחלוטין ניט וועלן האַלטן קיין געלט ביי זיך. איינמאָל — דערציילן חסידים — האָט ער באַקומען עפּעס געלט שפּעט אין אָוונט, בעת זיין הויזגעזינט איז שוין געשלאָפן. האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן און האָט אויפגעוועקט עמעצן פון זיין הויזגעזינט, אַז יענער זאָל לויפן אינמיטן נאַכט און צעטיילן פאַר אָרעמעלייט דאָס געלט, וואָס ער האָט באַקומען. מחמת אַט דער נדיבות

זיינער האָט ער זיך היפּש אָנגעליטן פון זיין צווייטער פרוי, וואָס האָט כלל וכלל ניט געהאַלטן זיך ביי דער סברא, אַז געלט איז נאָר דערויף פאַראַן, מען זאָל עס וואָס גיכער צעטיילן...

אַמאָל איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת צווישן אים און זיין רבין, דעם חוזה פון לובלין, ווידער אָן דער מינדסטער שולד פון זיין זייט. די טויזנטער חסידים, וואָס האָבן פאַרהייליקט דעם לובלינער, זיינען אַלעמאָל געווען גרייט אָפּצוגעבן גאַנצע פאַרמעגנס, כדי צו קריגן עפּעס, וואָס האָט אַ וואַסער ניט איז שייכות צו זייער רבין. איינמאָל, בשעת דער „ייד" איז געווען אין לובלין און האָט געלעבט אין שרעקלעכער אָרעמקייט, אַזוי אַז ער האָט קיין העמד נישט געהאַט אויפן לייב, האָט אים זיין רבי, דער חוזה, געגעבן זיינס אַ העמד. דער „ייד" האָט גענומען דאָס העמד און האָט עס אָפּגעגעבן, ווי זיין שטייגער איז געווען, דעם ערשטן בעסטן אָרעמאַן, וואָס ער האָט באַגעגנט. דער אָרעמאַן האָט גענומען דאָס העמד און האָט עס פאַרשכורט אין אַ ידישער שענק. דער שענקער, צי אַנדערע, וואָס זיינען דערביי געווען, האָבן דערקענט, אַז דאָס העמד געהערט צום רבין. האָט מען איבערגעגעבן דעם לובלינער, אַז דער „ייד" איז אַזוי ווייט מזלזל אין דעם רבינס מתנה, אַז ער לאָזט זי וואַלגערן זיך אין שענק. דער „ייד" האָט אים דערציילט ווי די זאַך איז געווען און האָט דערמאָנט דערביי דעם פסוק: עור בעד עור וכל אשר לאיש יתן בעד נפשו. פאַר דער נשמה דאַרף מען אַלץ אָפּגעבן. דער לובלינער האָט זיך אָבער פון דעם נישט באַרויקט.

בנוגע צדקה איז פאַראַן אַ זייער פיינער זאָג פון דעם „ייד":

אַלץ, וואָס גאָט האָט באַשאַפן, מוז אין זיך האָבן אַ גוטע זאַך אויך. וואָס פאַר אַ גוטס איז, אָבער, דאָ אין אפיקורסות?

אַמאָל איז גוט אויך אָן אפיקורס צו זיין. דאָס איז דאַן, ווען דער אָרעמאַן שטייט פאַר דיר און דו דאַרפסט אים העלפן. גראָד דאַן ווערסטו מיטאַמאָל אַ גרויסער „חסיד" און אַ גרויסער „מאמין" און דו זאָגסט: זאָל אים גאָט העלפן...

איז אָבער גלייכער, אַז דו זאָלסט דאַן אָן „אפיקורס" זיין אַ ווילע און זאָלסט ביי זיך טראַכטן: ווען איך וועל דעם אָרעמאַן נישט העלפן וועט אים ק י נ ע ר נישט העלפן...

קיינער פון די ערשטע רביים אין פוילן האָט ניט געהאַט אַזאַ פרסום, ווי דער ייד פון פשיסכע. אָט דער פרסום האָט פאַרשאַפט עגמת־נפש דעם חוזה פון לובלין, זיינע תלמידים, דעם רבי ר' מענדל רימאַנאָווער, אַנדערע

גרויסע צדיקים פון יענעם דור, מער פון אַלעמען אָבער — אים, דעם „ייד" אַליין.

אַמאָל איז דער רבי ר' בונם אַריינגעקומען צום „ייד" אין חדר־מיוחד און האָט געזען, אַז ער איז פאַרטיפט אין רעיונות. מיטאַמאָל לאָזט ער אַרויס אַ קרעכץ, וואָס צעברעכט דאָס האַרץ.

— אפשר קען מיר דער רבי זאָגן, אויף וואָס ער זאָרגט זיך אַזוי שטאַרק?

— איך האָב געטראַכט, — האָט דער „ייד" געענטפערט, — וועגן דעם, אַז אין די גאָר אַלטע צייטן האָבן די נביאים מדריך געווען די וועלט בדרך הישר. נאָך זיי זיינען געקומען תנאים. נאָך זיי אמוראים, גאונים, רבנים... אין שפּעטערדיקע דורות — מוכיחים. אַז די מוכיחים זיינען קאַליע געוואָרן — זיינען געקומען די רביים מתקן צו זיין. ווען דאָס וועט אויך קאַליע ווערן — וואָס וועט דאַמאָלט זיין?...

פון אַלטע באַגלויבטע חסידים אין פּוילן האָב איך געהערט אַז דער חוזה פלעגט זיך אָפּרופן וועגן „ייד":

— אונדז ווייסן מיר, אַז דער „ייד" גייט העכער פון אונדז, וואָס קענען מיר, אָבער, העלפן, אַז דער רבי ר' אלימלך האָט אונדז געהייסן דאָ אָפּשטעלן זיך?

דער ייד, ווידער, פון זיין צד פלעגט זאָגן:

— אונדז גייען מיר העכער פון דעם רבין... דער רבי פון דער וועלט איז ע ר! דער רבי בלייבט רבי, ווייל ער איז דער ק ו ו א ל פון חסידות; דעם תלמידס אויג זעט, אָבער, ווייטער...

# יחיד און רבים

## (עפּעס וועגן קאָצק)

ווער איז געווען יענער איינזאַמער צדיק, וואָס איז געווען פאַרשלאָסן אין זיין חדר מיוחד זיבעצן (לויט אַן אַנדער נוסח — צוואַנציק) יאָר? ווער איז געווען יענער, וואָס זיין נאָמען איז אַזוי פאַרהייליקט ביי ידן און וואָס זיין אינערלעך לעבן איז געבליבן אַזוי פאַרהוילן? וואָס האָט ער געוואָלט? וואָס האָט ער אַזוי שטאַרק געזוכט און נישט געקאָנט געפינען? פאַרוואָס האָט ער אַזוי געטריבן און געיאָגט פון זיך יעדן איינציקן, וואָס האָט געוואָלט אין אים טיפער אַריינקוקן?

וואָס איז געשען צווישן אים — רב מענדל קאָצקער — און איינעם פון זיינע בעסטע, געטרייסטע תלמידים, ר' מרדכי יוסף פון איזביצע, וועלכער איז אָפן אַרויסגעטראָטן קעגן אים און איז געוואָרן רבי פאַר זיך? און פאַרוואָס איז אַ גרויסער טייל קאָצקער חסידים, צווישן זיי טיפע, באַגאַבטע, ריינע און ערלעכע, אַוועק נאָך מרדכי יוספן, נישט מורא האָבנדיק פאַר דעם רוגז פון זייער רבין, רבי מענדלען, אין וועלכן זיי האָבן פריער אַזוי שטאַרק געגלויבט און פון וועלכן זיי האָבן דערוואַרט גרויסע גייסטיקע ישועות?

און פאַרוואָס זיינען ביי אים, ר' מענדעלען, פונדעסטוועגן נאָך אַלץ געבליבן אַזויפיל חסידים? וואָסער כח האָט זיי אויפגעהאַלטן און צוגעצויגן צום רבין, וועלכן זיי האָבן יאָרן־לאַנג פאַר די אויגן נישט אָנגעזען? פאַרוואָס זיינען זיי אַלע נישט אַוועק צו ר' מרדכי יוספן, אָדער צו אַנדערע רבים?

און וואָס איז געווען דער אמתער מהות פון די ערשטע קאָצקער חסידים? קלאָר ווי דער טאָג, אַז זיי זיינען לגמרי ניט ענלעך געווען אויף היינטיקע חסידים, אַפילו אויף די פייערדיקסטע צווישן זיי.

זיינען זיי געווען נאָר מענטשן פון לערנען און פון פלפול? — געוויס נישט. זיי האָבן טאַקע פיל געלערנט; אַ סך פון זיי זיינען אויך געווען גרויסע בעלי־פלפול. דאָס איז, אָבער, ניט געווען זייער ע י ק ר מהות.

זיינען זיי געווען מענטשן פון חקירה? אַ טייל פון זיי האָט געלערנט דעם „מורה נבוכים" און אַנדערע חקירה־ספרים. זיי האָבן בכלל שטאַרק אַרייַנגעטראַכט אין די העכערע פראַגן. אויך נישט דאָס איז, אָבער, געווען זייער אמתער מהות. זייער חקירה האָט ניט געטראָגן קיין באַשטענדיקן כאַראַקטער. דאָס איז געווען נאָר אַ דראַנג, אַ שטאַרקע בענקשאַפט, אַן אומבאַשטימט זוכן.

זיינען זיי געווען מענטשן פון חומרות און דקדוקי מצוות? נעמען מיר אַפילו אָן — און מען מוז אַזוי אָננעמען — אַז די פאַרשידענע דערציילונגען וועגן דער התנהגות פון די ערשטע קאָצקער זיינען שטאַרק איבערגעטריבן, מוז מען בכל אופן אָנערקענען, אַז אין חומרות און דיקדוקי־מצוות איז זיכער נישט געלעגן זייער עיקר מהות.

זיינען זיי געווען מענטשן פון פאַנטאַזיע און אוממיטלבאַרן געפיל? — אַזעלכע זיינען געווען פיל פון די וואָלינער און פּאָדאָליער חסידים. דער מהות פון די קאָצקער ווערט דערמיט ניט אויסגעשעפּט. איז וואָס־זשע איז באַ־שטאַנען זייער אייגנאַרט, זייער באַזונדערער גייסטיקער פּרצוף?

און וואָס זיינען געווען די געהיימע פּעדים, וואָס האָבן פאַרבונדן יענע איבערגעבליבענע קאָצקער חסידים מיט דעם באַהאַלטענעם און פאַרשלאָ־סענעם רבין, וועלכער האָט, אויסער יחידי סגולה, קיינעם אויפן שוועל ניט אַרויפגעלאָזט און אַפילו די יחידי סגולה — אויך זייער זעלטן?

פון אַלע פאַרשידענע מעשיות וועגן דעם אַלטן קאָצקער רבין נעם איך אַרויס איין קלאָרע זאַך: אַז ער, רבי מענדל קאָצקער, האָט ניט געקענט אַריבערגעטראָגן דעם המון מיט זיינע השגות, אין דער בחינה פון „וסביביו נשערה מאד". אין זיין באַציאונג צו אַנדערע איז ער געווען מער „פּחד יצחק" איידער „חסד לאברהם". אין לעצטן תוך איז ער געוויס געווען, ווי יעדער גרויסער צדיק, — הייליקער חסד; די אויסערלעכע באַציאונגען זיינע זיינען, אָבער, געווען דאָס, וואָס מען רופט אויף דעם לשון פון חסידות „גבורות קדושות".

דערמיט דערקלערט זיך, לויט מיין מיינונג, אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אים, ר' מענדלען, און זיין איבערגעגעבענעם תלמיד ר' מרדכי יוסף פון איזביצע; וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין איינעם אַ שבת, נאָך וועלכן, אָדער בעת וועלכן, ר' מרדכי יוסף האָט פון זיין רבין פורש געווען און אַ גרעסערער טייל געוועזענע קאָצקער חסידים איז אַוועק נאָך אים; וואָס רבי מענדל איז געווען אַזויפיל יאָרן פאַרשלאָסן און אָפּגעזונדערט; וואָס ער האָט אַזוי ווייניק תורה געזאָגט און האָט נאָך זיך קיין כתבים ניט איבערגעלאָזט; וואָס

ניט נאָר סתם חסידים, נאָר אויך צדיקים מפורסמים האָבן אַזוי געציטערט און געפלאַטערט פאַר ר׳ מענדלס „קפּידה"...

פון געוויינלעכע יידן, פון די, וואָס אַרבעטן און האָרעווען אויף צו פאַרדינען פאַר זיך און די בני־בית דאָס שטיקל ברויט, האָט ער ניט איבעריק פיל געפאָדערט. פון די, וואָס האַלטן זיך, אָבער, פאַר למדנים און חסידים האָט ער געפאָדערט אָן אַ שיעור. ווען שוין לערנען — דאַרף זיין געלערנט, אַ שטייגער, ווי עס האָט געלערנט אַ רמב״ם וכדומה; ווען שוין חסידות און קדושה, דאַרפן זיי זיין די חסידות און קדושה פון אַן אַר״י הקדוש; ווען שוין עבודה — דאַרף זי זיין די עבודה פון שרפים...

ר׳ מענדל האָט ניט געקענט זיין קיין אָנפירער פון מאַסן חסידים, ווייל ער איז געווען צו הויך, צו ווייט, צו פרעמד, צו הייליק. ער איז געווען פון די, וואָס קענען אָטעמען נאָר אויף די הויכע בערג און קענען נישט איבער־טראָגן די לופט פון טאָל.

פון ר׳ מענדלען איז דאָ אַזאַ ווערטל: „ויקחו לי תרומה — עץ זאָלט מיך נעמען נבדלדיק". ער האָט ניט געקאָנט איבערטראָגן די מינדסטע הגשמה, קיין געוויינלעכע מענטשלעכע פאָרשטעלונג אין ענינים פון אלקות און קדושה. ער האָט געוואָלט, אַז אַלע זיינע תלמידים און חסידים זאָלן שטיין אויף דעמזעלבן הויכן אָרט, וואו ער איז אַליין געשטאַנען. אַ פאָדע־רונג, וואָס אַפילו יחידי סגולה האָבן זי ניט געקענט דערפילן.

וואָס איז געוואָרן דערפון?

אַ היפּשער טייל פון די קאָצקער חסידים האָט אָנגעהויבן בענקען נאָך אַ רבין, וואָס זאָל שטיין נאָענט צו זיי; וואָס זאָל מער וויסן און נענטער נעמען צום האַרצן זייערע וויעען און חסרונות; וואָס זאָל אַראָפּגיין צו זיי, צו זייער מדרגה, און אויפהויבן זיי; וואָס זאָל זיין אַ פאָטער, אַ ברודער, אַ זאָרגער, אַ טרייסטער, אַ שטראָפער און אַ היילער; וואָס זאָל לעבן מיט זיי און צווישן זיי און זאָל יעדן איינציקן אָנווייזן, וואָס ער האָט צו טאָן, סיי אין רוחניות, סיי אין גשמיות.

זיי האָבן גוט געוואוסט אַז אין דעם צדיקס התרחקות איז דאָ אַ דבר גדול, וואָס גייט ווייט, ווייט איבער זייערע מוחות און השגות; זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז ר׳ מענדל ווייסט וואָס ער טוט, און אַז דער וועג, וואָס ער גייט אויף אים, איז פאַר אים דער ריכטיקסטער. זיי האָבן, אָבער, זייער אייגענעם תיקון געזוכט און זיי האָבן געהאַלטן, אַז זיי קענען אים ניט געפינען ביי דעם, וואָס איז אַזוי „מופלא ונסתר".

דער „תולדות יעקב יוסף" פלעגט ליב האָבן צו טייטשן דעם מאמר: „כל שאינו מחויב בדבר אינו יכול להוציא את הרבים ידי חובתן" — אויף דעם צדיק, וואָס איז צו הייליק, צו ריין, צו הויך און צו ווייט פון די „רבים". דער צדיק, פלעגט ער זאָגן, מוז האָבן אין זיך עפּעס, וואָס פאַר־אייניקט אים מיטן רבים, עפּעס, אין וואָס ער איז אַ „מחויב בדבר"; ווען דער צדיק איז, אָבער, ניט קיין „מחויב בדבר", ווען ער שטייט אַזוי הויך איבערן עולם, אַז עס פאַראייניקט אים שוין גאָרניט מיט דער ערד און מיט די באַדערפענישן פון דער ערד און ער האָט שוין, דעריבער, מיט די נשמות פונעם עולם קיין שום התקשרות ניט, קען ער זיי ניט מעלה זיין און קען זיי ניט מתקן זיין...

אַזוי פאַרשטיי איך די אינערלעכע אומצופרידנקייט, וואָס האָט געהערשט אין דער סביבה פון אַ היפשן טייל אַלטע קאָצקער חסידים; די אומצופרידנקייט, וואָס האָט דערנאָך געבראַכט צו אַ שפּאַלטונג. עס האָט זיך גראָד געפונען אַ רבי, ווי ר' מרדכי יוסף פון איזביצע,*) וואָס איז געשטאַנען פיל נענטער צום רבים, האָט מער פאַרנומען זייער פּיין, האָט מער געוואוסט זייער עלנט; האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיט דעם תיקון פון נשמות, איז געווען אַ פּייערדיקער „עובד" און אין דערזעלבער צייט — אַ מענטש מיט גאָר גרויסע ,הויכע השגות.

דערביי איז געווען נאָך אַ טייל קאָצקער חסידים, אמת זייער און זייער אַ קליינער, וואָס ר' מענדלס התרחקות האָט אים, אָט דעם טייל חסידים, אויך געבראַכט צו התרחקות. אויף וויפיל ר' מענדל האָט זיך מתרחק געווען אין קדושה, אויף אַזוי פיל האָט זיך יעדער איינציקער פון זיי מתרחק געווען אין זיינע אייגענע חקירות און זוכענישן.

דערמיט דערקלערט זיך די דרייסטקייט, מיט וועלכער ר' מרדכי יוסף האָט זיך גענומען „פירן טיש" אין דער צייט, וואָס ער האָט אַזוי פאַרהייליקט זיין רבין. ער האָט דערזען, אַז ר' מענדלס צו גרויסע התרחקות ברענגט דעם עולם חסידים צו פאַרצווייפלונג און אַ מיעוט פון זיי — צו דער סכנה פון הריסה...

*) זיינע תורות זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן פון זיין אייניקל אונטערן נאָמען „מי השלח" — אַן אויסערגעוויינלעך־טיפער און גייסטרייכער ספר; זיין זון, אויך אַ גרויסער צדיק און קדוש, האָט פאַרפאַסט אַ ספר, וואָס איז זייער גרויס אין כמות און אין איכות, און וואָס דערקלערט טיף און ברייט די שיטה פון זיין פאָטער — „בית יעקב" אויף תורה. זיין אייניקל, דער פאָטער פונעם היינטיקן ראַדזינער, איז געווען דער באַוואוסטער גאון און צדיק ר' גרשון הענעך, דער מחבר פון „סדר טהרות" וכו'.

איז געקומען די שעה פון בירור. אַ גרויסער טייל איז אַוועק נאָך ר׳ מרדכי יוספן; אייניקע חסידים זיינען בכלל ווייט אַוועק. אַן אַנדער טייל איז, אָבער, געבליבן פעסט זיצן אין קאָצק. יענע האָבן זיך פון קיין זאַך אין דער וועלט ניט געלאָזט אָפּשטויסן.

יענער טייל האָט אַזוי געטראַכט: ווייל ר׳ מענדל איז אַזוי מרחיק — מוז מען זיך צו אים ערשט רעכט מקרב זיין. ווייל ער שטייט אַזוי ווייט און ה׳יך, איז ער, און נאָר ער, דער צדיק האמת. עס איז בעסער זיין התרחקות פון אַן אַנדערנס התקרבות. עס איז בעסער זיין שרייען און בייזערן זיך, אײדער אַן אַנדערנס מילדקייט. ס׳איז אַפילו בעסער זיין קללה פון אַן אַנדערנס ברכה. זיי האָבן אויסגעצייכנט געוואוסט, אַז דער רבי וועט זיי קיין מאָל צו זיך ניט צולאָזן. עס איז זיי, אָבער, געפעלן געווען צו זיין אין דעם שאָטן פונעם גרויסן מענטש. עס איז זיי געפעלן געווען צו זיצן אין זיין בית־מדרש, זיין נאָענט צום צדיק. רעדט ער מיט זיי ניט — דערזעען זיי דאָך אַמאָל זיין געזיכט. גייט ער דאָך אַמאָל דורך, לויפט אַמאָל דורך. זאָגט ער זיי ניט קיין תורה — רוט אויף זיי פון ווייטן זיין שכינה. זיי קומען מיט אים ניט אין נאָענטער גייסטיקער באַרירונג — רוט, אָבער, פון ווייטנס זיין בחינת מלכות איבער זיי...

טאַקע אין דעם ליגט דער סוד פון יענער באַזונדערער אָריגינעלקייט און גייסטיקער הויכקייט פון די אַלטע קאָצקער חסידים. ניט זייער תורה און זייער עבודה האָט זיי אַזוי שטאַרק אָפּגעטיילט פון אַלע איבעריקע חסידים, נאָר ר׳ מענדלס חותם, וואָס איז געלעגן אויף זיי, דאָס עכאָ פון ר׳ מענדלס שטים. ר׳ מענדלס השפעה איז געווען פון ווייטן און דערפאַר — אויף אַ טייל — דווקא אַזוי גרויס. ער האָט געווירקט דווקא מיט זיין אָפּגעזונ־דערטקייט, מיט זיין הויכער קדושה, מיט זיין אצילות. ער האָט פאַר פיל חסידים געדינט ווי אַ לעבעדיקערביישפּיל פון פרישות און התרחקות פון דער וועלט און דאָס האָט אויך זיי שיין און גרויס געמאַכט. פון דאַנען שטאַמט אויך די ברייטקייט און די גייסטיקע פרייהייט פון די ערשטע קאָצ־קער (ניט צונויפמישן עס, בשום־אופן, מיט דעם, וואָס מ׳רופט אַן: פריי־הייט אין רעליגיעזע ענינים, ניין, ס׳איז געווען אַן אינערלעכע הויכקייט אין עבודה, וואָס קען זיך מיט קליינקייטן ניט אָפּגעבן און וואָס איז בבחינת „ויגבה לבו בדרכי ד׳״). די ערשטע קאָצקער האָבן עס באַקומען ווי אַ השפּעה מרחוק פון זייער הויכן, הייליקן, אייביק אָפּגעזונדערטן רבין...

# פערל פון חסידישן אוצר

## די צוויי אויגן

פאַרוואָס הויבט זיך אָן די תורה מיט אַ בית (בראשית)? עס ווערט דער־מיט געוויזן דעם מענטש: דו דאַרפסט האָבן בית (צוויי) אויגן — איינס אויף אַריינצוקוקן און איינס אויף אַרויסצוקוקן. מיט איין אויג דאַרפסטו אַריינ־קוקן אין זיך אַריין און זען דיין נישטיקייט, מיטן צווייטן אויג דאַרפסטו אַרויסקוקן פון זיך אַרויס און זען ווי גרויס השם יתברך איז.

„סומא באחת מעיניו פטור מן הראיה". אַ בלינדער אויף איין אויג איז פטור פון „ראיה" — פון עולה לרגל זיין, כדי צו זען און געזען ווערן אין בית־המקדש (חגיגה ב׳). דער אַלטער נעסכיזשער מגיד האָט דעם מאמר געטייטשט אויף אייגעם, וואָס האָט אָן אויג צו זען דאָס גדלות פון אַ שם־יתברך, אָבער ער האָט נישט קיין צווייט אויג צו זען דערמיט די אייגענע נישטיקייט. אַזאַ איינער איז אַ „סומא באחת מעיניו". האָט אָנגעקניפּט אָן דעם דער אָסטראָווצער רבי זצ"ל און האָט געזאָגט, אַז אַזאַ מין בלינדער איז געווען בלעם, וואָס ווערט באַצייכנט ווי אַ „שתום העין". פאַרוואָס האָט ער געהייסן שתום־העין? ווייל דעם אויבערשטנס גדלות האָט ער געזען — ער האָט אָבער נישט געזען די אייגענע מענטשלעכע נישטיקייט. דאָס אויג, וואָס זעט די נישטיקייט, איז ביי אים פאַרמאַכט געווען...

## דער מענטש און די עולמות

עס שטייט: נעשה אדם בצלמנו (עשיה); דערנאָך שטייט: ויברא אלקים את האדם בצלמו (בריאה)); ווייטער שטייט: וייצר ד׳ אלקים את האדם וגו׳ (יצירה). אצילות ווערט אויך דערמאָנט ביים מענטשן: ויאצל מן הרוח. האָבן מיר דאָ, ביים מענטשן, אַלע פיר עולמות: אצילות, בריאה, יצירה, עשיה. פאַרוואָס? ווייל אויב אַ מענטש איז זוכה — קאָן ער אין זיך אַליין דער־שפירן אַלע עולמות.

(דער רבי ר׳ בונם)

## די נקודה אינעם בית

ר׳ ישראל ריזשינער האָט געזאָגט:

די גאַנצע תורה איז נכלל אין חומש בראשית. דער גאַנצער חומש

בראשית איז נכלל אין סדרה בראשית. די גאַנצע סדרה בראשית איז נכלל אין ערשטן פסוק. דער גאַנצער ערשטער פסוק איז נכלל אין דעם איינעם וואָרט בראשית. אַלע זעקס אותיות פונעם וואָרט בראשית זיינען נכלל אין דעם בית פון בראשית, און דער צדיק איז דער דגש, דאָס פּינטעלע אין דעם דאָזיקן בית. דער צדיק איז די נקודה פון דער תורה...

ווי דאַרף מען פאַרשטיין דעם דאָזיקן זאָג פון דעם ריזשינער?

דער עצם געדאַנק שטאַמט, אייגנטלעך, פון דעם ווילנער גאון, וואָס האָט געזען דעם גאַנצן באַשאַף קאָנצענטרירט אין דער תורה בכלל, נאָך מער קאָנצענטרירט — אין בראשית, נאָך מער קאָנצענטרירט — אין ערשטן פסוק פון בראשית, און אין די זעקס אותיות בראשית מיטן דגש אין דעם בית האָט ער געזען די העכסטע קאָנצענטראַציע, די פולסטע...

דער ריזשינער, ווידער, האָט די קאָסמישע קאָנצענטראַציע געזען אינעם מענטשן — און איבערהויפּט אינעם העכסטן מענטשן. דערפון — דער נייער ניואַנס, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין דעם.

אין לעצטן חשבון קומען זיך ביידע השקפות צונויף: די אַלט־קבלהדיקע פון דעם ווילנער גאון, און די ניי־קבלהדיקע — אָדער חסידישע — פון דעם ריזשינער. דער אַפּאָטעאָז פון דער תורה ביים ווילנער גאון פאַלט זיך צו־נויף מיטן אַפּאָטעאָז פון דעם צדיק, ווי באַלד דער צדיק איז — ווי עס זאָגט דער ריזשינער — די נקודה פון דער תורה.

## ווען גאָט זעט...

„וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד".

ווי אַזוי איז עס „טוב מאד"? ווייניק אומגליק און בייז זיינען דאָ אויף דער וועלט? נאָר דער ענטפער איז: וירא אלקים... דער טראָפּ איז אויף אלקים. דורך דער ראיה, וואָס דער אויבערשטער אַליין קוקט־אָן זאַכן, ווערן זיי שוין ממילא גוט.

(ר' יחזקאלע קוזמירער)

## דער נחש

והנחש היה ערום. אונקלוס איז דאָ מתרגם: חכים. דער נחש איז געווען קלוגער. וואו זעט מען דאָס? מ'זעט דאָס אין די ווערטער פון דעם נחש; אף כי אמר אלקים, וגו'. דאָס איז געווען זייער אַ טיף און אַ שאַרף פּשטל — טיף און שאַרף, אָבער נחשדיק־אַפּיקורסיש.

(„דברי ישראל" פונעם מאָדזשיצער)

## דער חטא פון עץ־הדעת

ר' זושא האָט אַמאָל געזאָגט צו זיין ברודער ר' אלימלך:

זאָג מיר, ברודער־לעב. עס שטייט דאָך אין די ספרים הקדושים, אַז אַלע נשמות זיינען געווען נבלל אין אדם הראשון. זיינען דאָך ממילא אויך אונדזערע נשמות געווען אין אים. היינט ווי אַזוי האָבן מיר עס געקאָנט דערלאָזן, ער זאָל עסן פון דעם עץ־הדעת?

מיר האָבן דאָס געטאָן מיט אַ כיוון, — האָט ר' אלימלך געענטפערט. — ווען מיר לאָזן אים נישט עסן פונעם עץ־הדעת, וואָלט ער געטראַכט: אפשר איז דער נחש גערעכט געווען, ווען ער האָט געזאָגט, אַז ווען מען עסט פונעם עץ־הדעת — קאָן מען, ווי גאָט, וועלטן באַשאַפן... האָבן מיר אים געלאָזט: נאָ, עס פון דעם עץ־הדעת — און זע, אַז דו ביסט נישט מער ווי אַ בשר־ודם.

## שבת

ויברך אלקים את יום השביעי ויקדש אותו, כי בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלקים לעשות (און אלקים האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און האָט אים געהייליקט, דען אין אים האָט ער גערוט פון גאָר זיין אַרבעט, וואָס אלקים האָט באַשאַפן צו טאָן).

דער שבת־ייד ווערט אַזוי געהויבן און געהייליקט, אַז נישט נאָר ער אַליין גייט־אויף אין העכערע וועלטן, נאָר ער דערהויבט מיט זיך אויך די נידעריקע וועלט, וואו ער האָט אַ גאַנצע וואָך געטאָן זיין מלאכה. אום שבת קערט־אום דער מענטש צום שורש־השרשים אַפילו דעם „לעשות" — אַפילו דאָס, וואָס געהערט בלויז צום נידעריקן עולם, צום עולם־העשיה.

(לויט „קדושת לוי")

## קין און הבל

ויהי מקץ ימים ויבא קין מפרי האדמה, וכו'. און ס'איז געווען צום סוף פון איין יאָר האָט קין געבראַכט פון דער ערד־פרוכט אַ קרבן פאַר השם און אויך הבל האָט געבראַכט פון די ערשט־געבוירענע שאָף זיינע און פון זייער פעטס, און השם האָט זיך געקערט צו הבלען און צו זיין קרבן און צו קינען מיט זיין קרבן האָט ער זיך נישט צוגעקערט, און עס האָט קינען שטאַרק געקרענקט און זיין פנים איז איינגעפאַלן.

וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? קין איז דערוועקט געוואָרן צום קרבן דורך דעם, וואָס ער האָט דערזען פאַר זיך דעם „קץ ימים"; ער האָט דערזען, אַז עס קומען די עלטערע יאָרן און עס רוקט זיך אָן דער טויט. דאַריבער שטייט ביי אים „ויהי" (ויהי מקץ ימים — אומעטום, וואו עס שטייט „ויהי", איז אַ

צרה). האָט קין געבראַכט זיין קרבן מרה־שחורהדיק, קלאָגעדיק און וויינענדיק. הבל, ווידער, האָט זיין קרבן געבראַכט מיט פרייד און מיט בטחון. און דער־פאַר — „וישע ד׳ אל הבל ואל מנחתו, ואל קין ומנחתו לא שעה...

(דער רבי ר׳ בונם)

„והבל הביא גם הוא״. קין האָט נאָר געבראַכט זיין קרבן, אָבער הבל האָט אויך געבראַכט זיין „הוא״ — זיך אַליין אויך, דעם גאַנצן יש זיינעם...

(דער קאָצקער)

## הקדמה און ספר

וישכן ד׳ מקדם, וגו׳ — דרך ארץ קדמה לתורה (תנא דבי אליהו).

דרך ארץ איז אַ הקדמה צום ספר־התורה. פון דער הקדמה דערקענט מען דעם ספר. ווילסט וויסן, ווי שטאַרק אַ מענטש מיינט מיט זיין פרומקייט, זאָלסטו נאָכקוקן דעם דרך־ארץ זיינעם — זיינע דרכים אַ גאַנץ יאָר.

(דער קאָצקער)

## בשבילי נברא העולם

דער מענטש, — זאָגט דער רבי ר׳ בונם, — דאַרף אין איין קעשענע האַלטן דעם „אנכי עפר ואפר״, און אין דער צווייטער קעשענע — דעם „בשבילי נברא העולם״.

וויבאַלד בשבילי נברא העולם, וויבאַלד צוליב מיר איז באַשאַפן גע־וואָרן די וועלט, — זאָגט ר׳ נחמן בראַסלעווער, — בין איך מחויב די וועלט אויפצוהייבן און מתקן צו זיין. ווי אַזוי? דורך תפילה.

## דאָס גרעסטע וואונדער

„מה גדלו מעשיך ד׳, מאד עמקו מחשבותיך; איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת״.

דאָס, וואָס גאָט האָט באַשאַפן די וועלטן, איז נישט אַזאַ וואונדער ווי דאָס, וואָס ער, דער מקור פון ליכטיקייט, האָט באַשאַפן דעם פינצטערן בן־אדם, וועלכער פאַרשטייט נישט זיין גרויסקייט.

## די שונאים

„כי הנה אויביך השם, כי הנה אויביך יאבדו״. ווען דער מענטש הויבט אָן צו פאַרשטיין, אַז זיינע שונאים — דאָס הייסט זיין יצר הרע און די ענלעכע כוחות — זיינען נישט מער ווי דער רבונו של עולם אין אַ התלבשות, פאַרשטעלט כדי אים אויסצופרואוון, דענסטמאָל — „יאבדו״, פאַרשווינדן זיי תיכף פון זיך אַליין, אָט די שונאים, און ער זעט נאָר ליכ־טיקייט.

(דער בעל־שם־טוב)

# דעם אָרעמאַנס געבעט

„תפילה לעני כי יעטוף ולפני ד׳ ישפך שיחו״. אַ מלך האָט אין טאָג פון זיין שמחה געלאָזט וויסן, אַז יעדער איינער, וואָס וועט ביי אים בעטן עפּעס, וועט ער, דער מלך, ממלא־זיין די בקשה. האָט איינער געבעטן מאַכט און כבוד — האָט ער אים געגעבן מאַכט און כבוד. האָט איינער געבעטן גיטער — האָט ער אים געגעבן גיטער. איז געקומען אַן אָרעמאַן און האָט געזאָגט: איך וויל נאָר, אַז איך זאָל קאָנען ריידן מיטן מלך יעדן טאָג. איז דאָס דעם מלך זייער געפעלן געוואָרן, מחמת ער האָט געזען, אַז ביי יענעם איז דער עיקר נישט עושר און כבוד וכדומה, נאָר ער האָט ליב אים, דעם מלך אַליין. האָט דער אָרעמאַן געקראָגן רשות צו קומען יעדן טאָג אין מלכס פּאַלאַץ און ריידן צו אים, און דאָרט, אין פּאַלאַץ, האָט מען שוין ממילא געעפנט פאַר אים דעם מלכס אוצרות און ער האָט געקאָנט נעמען וויפיל ער וויל. אָט דאָס איז דער טייטש: תפילה לעני. דער אָרעמאַן בעט נאָר איינס, אַז „לפני ד׳ ישפך שיחו״ — מ׳זאָל אים לאָזן אויסגיסן זיין האַרץ פאַרן מלך.

(דער „תולדות״ אין נאָמען פון דעם בעש״ט)

## פון „תניא" (שער היחוד והקדושה)

אַלץ, וואָס איז געשאַפן און נפעל געוואָרן, קומט אונדז פאַר ווי אַ יש און ווי אַ ממשות בלויז דערפאַר, ווייל מיר באַגרייפן נישט און זעען נישט מיט אונדזערע קערפּערדיקע אויגן דעם כוח פון אויבערשטן און דעם אָטעם זיינעם אין אַלדאָס באַשאַפענע; ווען דאָס אויג וואָלט אָבער געקראָגן רשות צו זען און צו באַנעמען דאָס חיותדיקייט און רוחניותדיקייט, וואָס שטראָמט אַריין אין דעם באַשאַף פון גאָטס וואָרט און אָטעם, וואָלטן דאָס גשמיות און דער חומר און דער (כלומרשטער) ממש פון דעם באַשאַף זיך גאָר לכתחילה נישט אָנגעזען פאַר אונדזערע אויגן. דאָס אַלץ וואָלט בטל געוואָרן — — — אַחוץ דעם רוחניות וואָלט דאָן אַלץ געווען גאָרנישט־מיט־נישט אַזוי ווי פאַר ששת ימי בראשית. דאָס רוחניות, וואָס קומט פון דעם אויבערשטנס וואָרט און אָטעם, בלויז דאָס נעמט־אַרויס דעם באַשאַף כסדר פון גאָרנישט צום יש.

* * *

דאָס חיות פון אָרט און דאָס חיות פון צייט און זייער ווערן פון גאָרנישט צו אַ יש נערט זיך פון דער מידה פון מלכות. — — — און כאָטש ער, יתברך, איז איבער אָרט און צייט — פונדעסטוועגן געפינט ער זיך אויך אונטן אין אָרט און צייט, דהיינו, ער איז זיך מצמצם דורך זיין מידת מלכות, וואָס פון איר ווערן צייט און אָרט נמשך — און דאָס איז דער אונטערשטער יחוד (די פאַרבינדונג פון הויה מיט אדנות, ב"ה)... דער אור־אין־סוף ווערט פאַרבאָרגן אַזוי, אַז צייט און אָרט זאָלן נישט בטל־ווערן אינגאַנצן.

# פון דעם רבס „תורה אור״

(חבדישע תורה וועגן דירעקטן צונויפבונד מיט געטלעכקייט)

עס שטייט געשריבן: השמים כסאי והארץ הדום רגלי — דער הימל איז מיין שטול און די ערד מיין פוסבענקל. דער הימל, דאָס הייסט די תורה, איז בבחינת שטול. וואָרום זיצן איז דאָך אַ השפלה, אַן אַרונטערני־דערונג, אין פאַרגלייך מיט שטיין; ווען מען שטייט, איז מען אַ בעל־קומה, און דורך זיצן ווערט די קומה נידעריקער. אַזוי איז אויך די תורה געוואָרן דער כיסא פאַרן אור־אין־סוף, ברוך הוא... דורך דער תורה (ווען זי ווערט תורה שבעל פה) ווערן זיין חכמה און זיין בינה אַרונטערגעקייטלט אין געשטאַלט פון תפלין, ציצית, צדקה, תרומות, מעשרות, קרבנות וכו׳. טאַקע דאָס איז: והארץ הדום רגלי. שמים איז — תורה מן השמים, און מיט ארץ, ערד, איז געמיינט די אַנקליידונג, די התלבשות: כנסת ישראל, תורה שבעל־פה, מצוות מעשיות.

אין „הארץ הדום רגלי״ דאַרף מען זיך צוקוקן צום לשון „רגל״. וואָס איז די בחינה פון רגל? עס שטייט: בנים אתם לשם אלקיכם, און דער זון איז דאָך „ברעא דאבוה״, דער פוס פון זיין פאָטער. כנסת ישראל איז אין אָט דער בחינה. וואָס איז די באַזונדערע עובדא פון דעם פוס? ער גייט, טראָגט דעם קאָפּ און ברענגט אים אַהין וואו מע דאַרף. הייסט עס דאָך, אַז דער קאָפּ נוייטיקט זיך אין דעם פוס — דעם רגל.

דורך דעם, וואָס די מדרגות ווערן נמשך פון אויבן ביז אַרונטער, איז זייער אָנהויב געקניפּט מיט זייער סוף, און זייער סוף — מיט זייער אָנהויב. דער אור ישר, דאָס גלייכע ליכט, גייט פון אויבן אַראָפּצו, און דער אור חוזר, דאָס ליכט, וואָס שלאָגט זיך אָפּ און קערט זיך אום צוריק, גייט פון אונטן אַרויפצו. אַזוי אַרום ווערט דאָס אונטערשטע — דאָס אויבערשטע (אויב מען גייט פון אונטן), און דאָס איז בחינת רגל, פוס, וואָס ווערט ראש — קאָפּ, און דערפאַר ווערט ישראל אויך אָנגערופן — ראשית (און עס שטייט: וירא ראשית לו). דורך דער אונטערשטער התעוררות (אתערותא דלתתא) ווערט אַ תיקון פון די אויבערשטע ליכטיקייטן (תיקון אורות עליונים), און דאָס איז, וואָס מיר געפינען ביי משה רבנון. אין דער צייט פון דעם

חטא מיטן עגל האָט מען פון אים צוגענומען טויזנט ליכטיקייטן (אורות) וואָס שבת קריגט ער זיי צוריק במתנה (און דאָס איז דער טייטש: ישמח משה במתנת חלקו) אויף דעם האָבן אָנגעוואונקען די חז"ל: כלום נתתי לך גדולה אלא בשביל ישראל — כ'האָב דיר (משה רבנון) געגעבן גדולה נאָר פון ישראל וועגן. דאָס הייסט: כנסת ישראל איז געווען אין דער בחינה פון משה רבנוס פוס, זיין רגל, — און איז געווען פאַר אים, אין דער זעלבער צייט, אויך אין דער בחינה פון קאָפּ, פון ראש, פון אור מקיף (דאָס ליכט, וואָס רינגלט אַרום). וואָרום דאָס, וואָס איז אין דער בחינה פון פוס, אַז מען באַנעמט עס אויפן שטייגער פון אור־חוזר און מען גייט פון אונטן אַרויף, איז עס דאָך דער ראש, דער קאָפּ, דער אָנהויב... און אַזוי איז עס מיט יעדן ייד: דורך דעם, וואָס ער איז מתקן זיינע מעשים דורך אונטערשטעטער טואונג, וואָס דאָס איז אין דער בחינה פון רגלים, ווערן אויך דער קאָפּ זיינער און דאָס האַרץ טויזנטפאַך געלייטערט.

ווי אַזוי ווערט די בחינת רגל אויפגעהויבן און אַרויפגעלייגט אויפן „הדום", אויפן פוס־בענקל? דורך דער בחינה פון „ארץ", פון מצוות מעשיות. און וואָס איז די גאַנצקייט און די צוזאַמענדיקייט פון אַלע מצוות מעשיות? די צדקה. און דערפאַר שטייט: צדקה תרומם גוי — צדקה גייט פון אונטן אַרויפצו.

ארץ, די פאַרקערפּערונג און די פּרטיותדיקייט, איז תורה שבעל־פּה, וואָס דורך איר ווערט דורכגעפירט דער אויבערשטער ווילן און מען ווייס אַלע פּרטים, וואָס און ווי אַזוי, בעת תורה שבכתב איז אין דער בחינה פון אותיות און באַשטייט פון „שמותיו של הקב"ה", גאָטס פאַרבאָרגענע נעמען. תורה שבכתב (תורה מן השמים) קומט פון אויבן אַראָפּצו און תורה שבעל־פּה גייט, — פאַרקערט, — פון אונטן אַרויפצו. דורך דעם, וואָס דאָס נפש איז משיג (דורך מקיים זיין אַלע פּרטים פון די מצוות) דעם אויבערשטן ווילן, ווערט עס נכלל אין אויבערשטן מקור.

אָבער אַ שטול און אַ פוסבענקל שטייען נישט דרויסן, נאָר אינעווייניק, אין הויז, און דאָס איז די כוונה פון: בכל מאודך. עס דאַרף זיין אין דער בחינה פון בית, פון הויז, און פונקט ווי דאָס הויז איז מקיף (נעמט אַרום און שליסט איין אין זיך) דער מענטש, אַזוי דאַרף זיין דעם מענטשנס „מקיף" — די תפילה (דערפאַר ווערט געזאָגט: כי ביתי בית תפילה — תפילה איז אין דער בחינה פון בית). דורך תפילה איז דער מענטש ממשיך (ציט־אַרונטער) כלערליי ליכטיקייטן פון בחינת סובב כל עלמין.

(באַמערקונג: סובב כל עלמין איז אין דער בחינה פון איבער און אויסער, מחמת דערמיט ווערט געמיינט די טראַנסצעדענץ, גאָטס געפינען זיך אויסער דעם באַשאַף און איבער אים; ממלא כל עלמין איז די בחינה פון אימאַנענץ).

* * *

כנסת ישראל הייסט: אחת, — איינע, איינציקע. ווי עס שטייט: אחת היא יונתי (איינציק איז די טויב מיינע; שיר־השירים). פאַרוואָס? ווייל זי איז מקבל די השפעה פון דער בחינה פון „השם אחד״, פון דעם אויבערשטנס איינציקייט... דורך התבוננות (אַריינבליק אין אלקות) ווערט זי „אחת״, אַן איינציקע און אַן אייניקע. זי קריגט דעם איינעם שטאַרקן ווילן, זיך צו באַהעפטן מיט עצמות אלקות.

עס זיינען דאָ אַן אַ שיעור הימלישע כוחות. עס שטייט: אלף אלפין ישמשונהו — טויזנט־טויזנטער באַדינען אים, ורבו רבבן קדמוהי יקומון — און צענער־צענערטויזנטער שטייען פאַר אים. אָבער כנסת ישראל גייט גלייך צו אים — ווי עס שטייט: בך ארוץ גדוד, מיטן טראָפּ אויף „בך״, וואָס דאָס מיינט עצמות אלקות; און דאָס איז אויך דער טייטש פון דעם, וואָס עס שטייט ווייטער: אדלג שור, איך שפּרינג אַריבערן טויער, דהיינו — איך שפּרינג־אַריבער אויך איבער אַלע אויבערשטע מקיפים, וואָס רינגלען־אַרום אויף דעם זעלבן שטייגער, ווי אַ „שור״, אַ פעסטונג,רינגלט־אַרום אַ שטאָט. אויך איבער זיי שפּרינג איך אַריבער, היפּ־אַריבער (אדלג), וואָרום די תשוקה איז נאָר — צום אויבערשטן ממש.

## אַ תורה פון „תורת־חיים״

(אויסטייטש פון דעם באַגריף אתהפכא)

פאַרוואָס ווערט געזאָגט אויפן טויט — „טוב מאד״? דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס דאָס הייסט „יתרון לאור מן החושך״. עס הייסט, אַז דאָס ליכט, דער עיקר אין תשובה איז טאַקע דאָס פאַרוואַנדלען חשוכא לנהורא, פינצ־יתרון, וואָרום דאָ ווערט דער חושך אַליין פאַרוואַנדלט אין ליכטיקייט. און דער עיקר אין תשובה און טאַקע דאָס פאַרוואַנדלען חשוכא לנהורא, פינצטערניש אין העלקייט, און מרירו למיתקא, ביטערניש אין זיסקייט. דער ענין דערפון איז, אַז ווען דאָס דורכאויסיק־שלעכטע, דער רע גמור, ווערט אומגעוואַנדלט אין גוטס, גייט עס אַרויף אויך אויבן און ווערט (נישט נאָר ליכט, נייערט) דער היפּוך פון פינצטערקייט... עס ווערט אַזוי־אַרום אַנט־

פלעקט אַזאַ מין אור (ליכט), וואָס איז העכער פון דעם אור אַליין. און אָט דאָס איז דער טייטש פון טוב מאוד, דהיינו: ווען דער טויט אַליין, דאָס שלעכטס גופא, ווערט פאַרוואַנדלט אין טוב, איז עס שוין נישט בלויז טוב, נאָר טאַקע טוב מאד. עס איז נאָך בעסער ווי דאָס גוטע, אָט פונקט ווי יענע ליכטיקייט, וואָס פינצטערניש ווערט פאַרוואַנדלט אין איר, אין אַ סך העלער ווי ליכט אַליין.

# דער דרך פון חב״ד לויט ר׳ הלל פּאַריטשער

דער גרויסער חבדניק און טיפער דענקער, ר׳ הלל פּאַריטשער, האָט מסביר געווען דעם דרך־העבודה פון חב״ד אויף אַזאַ מין אופן:

ס׳איז דאָ אַ וועג, ווי אַזוי מנצח צו זיין דעם שונא נישט דורך אַ מלחמה פנים־אל־פנים, נאָר אַדרבה, דורך צוריקציען זיך. דער שונא זעט, אַז מ׳איז פאַר אים אַנטלאָפן, אָבער אויף אַזאַ אופן ווערט ער גראָד אַרומ־גערינגלט און ער מוז זיך אונטערגעבן. אַזוי איז אויך דער דרך־העבודה, וואָס חב״ד האָט איינגעפירט אין חסידות. דער אַלטער דרך איז, אַז מ׳שלאָגט זיך מיטן שלעכטס דורך אַזאַ סאָרט התבוננות (קאָנטעמפּלאַציע פון דער געטלעכקייט), וואָס איז פאַרבונדן מיט התפעלות. אין חב״ד האָט מען אויפ־געטאָן, אַז מ׳איז זיך מתקשר (מ׳פאַרבינדט זיך) מיט דער בחינה פון עצמות־אלקות, מ׳איז זיך מתבונן אין יענע טיפע סודות פון אויבערשטע פרצופים וכו׳, וואָס האָבן נישט צו טאָן מיט אהבהדיקע התפעלות, און פונדעסטוועגן ווערט בזה האופן דאָס געטלעכע ליכט אַרונטערגעצויגן, אין דער בחינה פון מקיף, גלייך אויף דעם שלעכטס, אַזוי, אַז דאָס שלעכטס גיט זיך אונ־טער ממילא. אויף דעם שטייגער ווערט דאָס שלעכטע בטל אינגאַנצן מיט זיין גאַנצן שיעור־קומה. דאָס ליכט, וואָס מ׳איז אויף אים ממשיך, רינגלט אים אַרום, באַלאַגערט אים, און ער ווערט פון זיך אַליין צו־נישט, אָן אַ מלחמה פּנים־אל־פּנים. דאָ איז נישטאָ די התפעלות, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַזאַ מלחמה. דער אתהפכא קומט פאַר דורך אַרומרינגלונג...